STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00346

KAPITLEN FUN MAYN LEBN

S. D. Levine

Permanent preservation of this book was made possible by
Harold Stainer
in memory of
Abraham & Rebecca Stainer

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ס. ד. לעווין

קאַפּיטלען פון מײַן לעבן

זכרונות

אַרויסגעגעבן פון ס. ד. לעווין בוך־קאָמיטעט

ניו־יאָרק 1971

S. D. LEVINE

KAPITLEN FUN MEIN LEBN

ZICHROINES

(Memoirs)

•

Copyright 1971
By
S. D. LEVINE

•

הילע געצייכנט פון משה קיש

נאָך ביכער פון דעם זעלבן מחבר:

„50 יאָר פאָרווערטס" — 1948

„העלדן פון פאָלק" — 1956

PRINTED IN U. S. A.
by:
KNIGHT PRINTING CORPORATION
382 Lafayette Street, New York, N. Y. 10003
96

ס. ד. (שמואל דוד) לעווין

אַ וואָרט פון די אַרויסגעבערס

דער ס. ד. לעווין בוך-קאָמיטעט, וועלכער איז צוזאַמענגעשטעלט פון אַ גרופּע אַקטיווע קולטור-טוערס פון דער יידישער פּראָגרעסי־ווער באַוועגונג, טראָגט צו דעם לייענער דעם נייעם בוך „קאַפּיטלען פון מיין לעבן", פון ס.ד.לעווין.

מיר זיינען גוט באַקאַנט מיט דער זשורנאַליסטישער אַרבעט פון ס. ד. לעווין דורך זיינע צאָלרייכע אַרטיקלען אין דער „מאָרגן פרייהייט" במשך פון צענדליקער יאָרן. די אַלע יאָרן האָבן מיר נאָכגעפאָלגט זיינע אַרבעטן אין דער „מאָרגן פרייהייט", וואָס זיינען באַשטאַנען פון באַריכטן, אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען. אין די לעצטע פּאָר יאָר האָט ער זיך אויך פאַרנומען מיט שרייבן זיין אויטאָביאָגראַפיע, וואָס אַ גרויסער טייל פון איר איז געווען אָפּגע־דרוקט אין דער „מאָרגן פרייהייט".

דער ס. ד. לעווין בוך-קאָמיטעט האָט דעריבער באַשלאָסן צונויפצוזאַמלען אַלע זיינע אויטאָביאָגראַפישע אַרטיקלען און זיי אַרויסגעבן אין אַ בוך-פאָרם.

דער מאַטעריאַל פון בוך איז אינטערעסאַנט און באַלערנדיק.

אַלס קאָרעספּאָנדענט פון דער פּרעסע און וועטעראַן-פּראָגרע־סיווער טוער האָט לעווין בייגעוואוינט וויכטיקע היסטאָרישע געשעענישן, קאַמפן פון דער אַרבעטער באַוועגונג, ווי סטרייקס, פּאָליטישע פּראָצעסן און דעמאָנסטראַציעס, אַליין זיך באַטייליקט אין אַ צאָל פון זיי און אַפילו איינינקע מאָל אַרעסטירט און צעשלאָגן געוואָרן פאַר זיין פּאָליטישער טעטיקייט.

זיינע דערפאַרונגען און איבערלעבונגען ווערן איבערגעגעבן אין דעם בוך אין זיין געוויינלעכער קלאָרער שפּראַך.

דער ס. ד. לעווין בוך-קאָמיטעט האָט זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט. עס האָט זיך די מיטגלידער פון קאָמיטעט געוואָלט וואָס גיכער האָבן דאָס בוך פאַרטיק, כדי קאָנען צוטראָגן עס ווי אַ מתנה דעם מחבר צו זיין 85סטן געבורטסטאָג.

מיר האָבן תיכּף אַרויסגעלאָזט אַ ווענדונג אין דער „מאָרגן פרייהייט" און פּאַנאַנדערגעשיקט אַ צאָל בריוו צו יחידים און אָרגאַניזאַציעס איבערן לאַנד מיט דער בקשה, אַז זיי זאָלן ווערן אַבאָנענטן אָדער ספּאָנסאָרס פאַרן בוך, און מיט פרייד קאָנען מיר מעלדן, אַז דער אָפּרוף איז געווען אַ צופרידנשטעלנדיקער. מיר האָפן, אַז די לייענערס פון לעווינס נייעם בוך וועלן אים אויפנעמען אין דעם זעלבן גייסט ווי זיי האָבן אויפגענומען זיין ערשטן בוך „העלדן פון פאָלק", און פאַרשפּרייטן אים צווישן די ברייטע יידישע מאַסן.

דער קאָמיטעט באַדאַנקט האַרציק די אַלע חברים און פריינט, וועלכע האָבן געגעבן ביישטייערונגען און געשאַפן אַבאָנענטן און ספּאָנסאָרס און דערמיט דערמעגלעכט דאָס אַרויסגעבן פון דעם בוך. די נעמען פון די ביישטייערערס זיינען געדרוקט אין אַ רשימה ביים סוף פון בוך.

און איצט, ווען חבר לעווין האָט שוין דערגרייכט זיין 86סטן געבוירנטאָג, דערלאַנגען מיר אים אַ מתנה — זיין נײַ בוך און באַגריסן האַרציק אים מיט זיין ליבער לעבנס־באַגלייטערין מאַלי. מיר ווינטשן אייך ביידן נאָך אַ סך געזונטע, גליקלעכע און שעפע־רישע יאָרן. זעצט פאָר, חבר לעווין, אייער גוטע אַרבעט.

— פאַר דעם ס. ד. לעווין בוך־קאָמיטעט

הענעך דעניעלס, פּאָרזיצער

מאָריס לעף, סעקרעטאַר

מיין דאַנק

איך וויל אויסדריקן מיין האַרציקן דאַנק צו אַלע חברים און פריינט, וועלכע האָבן אויף איין אופן אָדער אַן אַנדערן געהאָלפן אַרויסגעבן מיין איצטיקן זכרונות־בוך „קאַפּיטלען פון מיין לעבן". זייערע נעמען, סיי פון יחידים סיי פון אָרגאַניזאַציעס, ווערן אָנגעגעבן אין גרויסע רשימות, וואָס געפינען זיך ביים סוף פון איצטיקן בוך. דאָ קאָנען מיר האָבן פּלאַץ פאַר בלויז עטלעכע נעמען.

מיין ערשטער דאַנק געהערט אונדזער טייערער „מאָרגן פרייהייט", וועלכע האָט מיר געגעבן אַ פּלאַטפאָרמע פון וועלכער איך האָב געקאָנט ריידן צו די טויזנטער לייענער פון אונדזער צייטונג. ספּעציעל וויל איך דאַנקען דעם שעף־רעדאַקטאָר פּסח נאָוויק, דעם מיט־רעדאַקטאָר חיים סולער, דעם פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר ישראל פריד, ווי אויך די אַנדערע מיטגלידער פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע, וועלכע האָבן מיך אַלע מאָל דערמוטיקט און אָפט געהאָלפן מיט עצות און מיט זייער אייגענער דערפאַרונג.

איך וויל איצט באַדאַנקען דעם „איקוף"־וועטעראַן נ. הייקין, פאַר צוגרייטן דאָס בוך צום דרוק, פאַר רעדאַגירן די מאַנוסקריפּטן, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן במשך צענדליקער יאָרן, און דער עיקר פאַר מאַכן די גאַנצע קאָרעקטור.

אַ האַרציקן דאַנק צו מיין לעבנס־באַגלייטערין מאַלי. זי האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַר דעם בוך. זי איז געווען די ערשטע, וואָס איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז די זכרונות זיינען זייער וויכטיק און זיי מוזן דעריבער צונויפגעזאַמלט און אַרויסגעגעבן ווערן אין אַ בוך־פאָרם. אויסער אינספּירירן מיך, האָט זי געטאָן אַ סך טעכנישע אַרבעט, ווי אויסשניידן מיינע אַרטיקלען פון דער „מאָרגן פרייהייט" אאַז"וו.

אַ ספּעציעלן דאַנק קומט דעם ס. ד. לעווין בוך־קאָמיטעט, אויף וועמענס איניציאַטיוו עס איז געשאַפן געוואָרן אַ באַוועגונג אַרויסצוגעבן מיין בוך זכרונות. אָן זייער סיסטעמאַטישער אַרבעט, וואָלט דאָס בוך קיין מאָל ניט געקאָנט אַרויסגיין.

טייערע חברים און פריינט, נעמט אָן מיינע האַרציקע דאַנקען, און זייט געבענטשט פאַר דער גוטער אַרבעט, וואָס איר האָט געטאָן!

מיט כבוד —

ס. ד. (שמואל דוד) לעווין

ס. ד. לעווין בוך־קאָמיטעט

העניך דעניעלס, פאַרזיצער
מאָריס לעף, סעקרעטאַר
מאַלי לעווין, קאַסירער
באָרים איזהאַעליט
בען איצקאָוויטש
אָשר
חיים געלער
מאַקס דזשענקינס
דאַרע דוכין
לייבל האָפמאַן

אָסקאַר מאַנטעל
גרשון מענדלאָוויטש
יוסף נודעלמאַן
לאה נעלסאָן
מאַקס פאַרנעס
סעם פלאַטאָק
סיליע קאָהען
אַברהם קאָלב
בען ראָלער
דזשאָזעף ריטש

מיין געבורט־שטאָט מיכאַילישאָק

געבאָרן געוואָרן בין איך אין דעם שטעטל מיכאַילישאָק, ווילנער גובערניע. מיין פאָטער איז געווען משה דער שוחט און מיין מוטער האָט געהייסן דאָבע מייטע. לויט זייער חשבון בין איך געבאָרן געוואָרן דעם 10טן יאַנואַר, 1885. אַ נאָמען האָט מען מיר געגעבן שמואל דוד. ווען איך בין אָנגעקומען אויף דער וועלט, האָב איך ביי אונדז אין דער היים שוין געטראָפן מיינע צוויי עלטערע ברידערלעך און מיין שוועסטערל (שפּעטער זיינען צוגעקומען נאָך דריי שוועסטער).

ווי מיין מאַמע האָט מיר שפּעטער דערציילט, האָט זי, כדי צו העלפן דערנערן די פאַמיליע, אַריינגענומען פרעמדע קינדער צו זויגן. אַזוי האָט זי געטיילט די מילך, וואָס זי האָט מיר געדאַרפט געבן, מיט אַ פרעמד קינד. ס׳איז אויך געווען ביי אונדז אַ שכנטע דינה, זייער אַן אָרעמע, וואָס האָט ניט געהאַט גענוג מילך פאַר איר מאַירקען, האָט מיין מאַמע פריי־וויליק אויך אים דערנערט מיט איר ברוסט. דער מאַירקע איז אויסגע־וואַקסן און איז גרויסערהייט געקומען קיין אַמעריקע און איז דאָ ביז־לעצווייז רייך געוואָרן. ווען ער פלעגט מיך אָנטרעפן, פלעגט ער מיך רופן „ברודער״ — צוליב דעם וואָס מיין מוטער האָט אים געזויגן.

דאָס יאָר ווען איך בין געבאָרן געוואָרן איז געווען אַ יאָר פון שריפות אין מיכאַילישאָק. די שריפות זיינען געווען איינע נאָך די אַנדערע און יעדעס מאָל איז כמעט דאָס גאַנצע שטעטל אָפּגעברענט געוואָרן. מען האָט קוים באַוויזן צוריק אויפבויען די הייזער, ווי אַ נייע שריפה האָט אויס־געבראָכן. עס האָט זיך נאָכדעם אַרויסגעוויזן, אַז די אַפטע שריפות זיינען געווען די אַרבעט פון אַ יינגל, וועלכער האָט, ווייזט אויס, שטאַרק הנאה געהאַט פון די פלאַקערדיקע הייזער. דער דאָזיקער יינגל, וועלכער האָט געוואוינט מיט זיינע עלטערן, איז אַלעמאָל געווען דער ערשטער אַרויס־צולויפן אין גאַס און נעמען שרייען בקולי־קולות: „אַ טריפה! אַ טריפה!״ (ער האָט ניט געקענט אויסריידן דעם „שין״, האָט ער גענוצט דעם „טית״).

די איינוואוינער פון שטעטל האָבן מורא געהאַט שלאָפן אין זייערע דירות, האָבן אַ סך געוואוינט אין אויפגעשטעלטע ביידלעך אין פעלד אַרום שטעטל. יענע שריפות זיינען אַריין אין דער געשיכטע פון מיכאַי־לישאָק.

די ערשטע וואוינונג אונדזערע וואָס איך געדענק איז געווען אַ הינטער־שטוב ביי איטשע מיכל דעם שוסטער. אונדז, קינדער, האָט ער ליב געהאַט און ער פלעגט אונדז דערציילן מעשיות פון זיין אַרומפאָרן איבער פאַר־שיידענע שטעט אין דער וועלט.

אין שטעטל זיינען געווען הייזער מיט שטרויענע דעכער, אָן אַ דיל. עס זיינען געווען הייזער, וואו עס זיינען ניט געווען קיין קוימענס, נאָר אַ לאָך אין דער הויך אין וואַנט פאַרשטאָפּט מיט אַ טוך, וואָס מען פלעגט אַרויסנעמען ווען מען פלעגט הייצן דעם אויוון. דער רויך פלעגט גיין איבערן הויז צו דער עפענונג אין וואַנט.

מיר האָבן געוואוינט אין אַ הויז מיט אַ שטרויענעם דאַך, אָבער מיר האָבן געהאַט אַ קוימען. דאָס איז געווען אַן אַלטע הויז, קיין דיל איז ניט געווען. ערב שבת פלעגט מיין מוטער מיך שיקן אויפגראָבן געלע זאַמד פון דעם באַרג ביים שטעטל און פלעגט עס אויסשיטן אויף דער ערד לכבוד שבת. אין אַ וואַנט פון הויז איז געווען אַזאַ אייזערנע כלי מיט שפּאַלטן וואָס מען פלעגט מיט יאָרן פריער באַנוצן אויף אַריינ־שטעקן קינעלעך, דינע העלצלעך, צו באַלייכטן די הויז. אין מיינע צייטן האָט מען עס שוין ניט גענוצט. מיר האָבן זיך שוין באַנוצט מיט קעראָסין־לעמפּלעך, אָבער דאָס איז פאַרבליבן אַן אָנדענק פון פריערדיקע יאָרן.

אין הויז האָבן מיר פאַרמאָגט הינער פאַר אונדזער אייגענעם געברויך, צו נוצן די אייער און אַמאָל אויך די פליש — ווען איינער פון דער פאַמיליע פלעגט קראַנק ווערן און מען האָט אים געדאַרפט געבן עוף און יויך פאַר אַ רפואה.

די הינער האָבן געהאַט זייער וואוינונג אין „קאָטוך" — אַזאַ הייל אונטערן אויוון. אָבער זיי פלעגן אַרויסקריכן פון דאָרטן און אַרומשפּאַצירן איבערן הויז און אָפט אָנטאָן שאָדן, אַרויפשפּרינגען אויף אַן אויסגע־וועלגערטן שטיק טייג, וואָס מיין מוטער פלעגט אויסוועלגערן און דאָס אויסשפּרייטן אויפן טיש כדי צו מאַכן דערפון לאָקשן. זיי פלעגן אויך מאַכן גריבער אין דעם דיל, גראָבנדיק זיך מיט זייערע פיסלעך.

מיר האָבן אויך פאַרמאָגט אַ ציג, וועלכע האָט געהאַט איר וואוינונג אין אַ פיר־הויז פון שטוב. די ציג פלעגט אָפט וועלן אַריינגיין אין הויז, ספּעציעל אין די ווינטער־חדשים. זי פלעגט זיך דורכרייסן צווישן די פיס פון מענטשן וואָס פלעגן עפענען די טיר אויף אַריינצוגיין און מען פלעגט זען דעם ספּעקטאַקל ווי אַ מענטש רייט אויף אונדזער ציג אין שטוב אַריין...

דערפאַר איז אָבער די ציגענע מילך געווען זייער געשמאַק. מיר פלעגן זיך מחיה זיין דערמיט.

מיינע עלטערן זיינען געווען זייער אָרעם און קיין קאָפּיקעס צו געבן

מיר אויף צוקערקעס אדער אנדערע זאכן זיינען ניט געווען. געדענקט זיך אזא פאל — עס איז געקומען אין שטעטל א חברה מיט א פארשטעלונג פון מאריאנעטן. זיי האבן אויפגעשטעלט אביידל אין מיטן מארק און געוויזן קונצן, וואס מיר האבן קיינמאל ניט געזען. דאס ביידל איז געווען ארומגעצאמט. זיי האבן גערעכנט א קאפיקע פאר אריינגיין. האב איך זייער געוואלט זען די קונצן מיט די מענטשעלעך, בין איך צוגעשטאנען צו מיין מוטער זי זאל מיר געבן א קאפיקע. אבער מיין מוטער האט יענעם טאג ניט געהאט קיין קאפיקע געלט, האט זי זיך דערמאנט, אז דער שפייז־קרעמער קומט איר א קאפיקע אויסגאב־געלט פאר זאכן, וואס זי האט געקויפט. האט זי מיך געשיקט אויפמאנען די קאפיקע. איך בין פריילעך געלאפן, אבער די קרעמערין האט אנשטאט געבן מיר די קאפיקע, גוט אויסגעזידלט מיין מאמען. „וואס? דיין מאמע געטרויט מיר ניט קיין קאפיקע? איך וועל ניט אנטלויפן”. איך האב שוין די מאריאנעטן ניט געזען.

א טראגישע זאך וואס איך געדענק, ווען איך בין געווען א קליין יינגל, איז געווען א מארד־געשיכטע. א לערער, שמואל, רפאל דעם מלמדס א זון, א געבילדעטער מענטש, איז דערמארדעט געווארן דורך דעם שטעטלשן דאקטארס א זינדל צוליב א קריג פון די עלטערן אין שול. דער בחור האט דערלאנגט דעם לערער מיט א פלעשל איבערן קאפ, ווען מיר זיינען אלע געגאנגען אהיים פון שול אין אן אוונט נאכן דאווענען. דאס האט אויפגערודערט דאס גאנצע שטעטל און יארן לאנג האט מען וועגן דעם גערעדט.

א צווייטע טראגישע פאסירונג איז געווען, וואס א יונגע מיידל, די טאכטער פון שמואל קיווע דאנס, א שענקער, איז פארברענט געווארן אין שענק, ווען א קעראסין־לאמפ האט זיך איבערגעקערט און אנגעצונדן אירע קליידער. מען האט דערציילט אז מען וואלט זי פיליכט געקאנט ראטעווען, נאר, ווי א פרומע טאכטער, האט זי זיך ניט געלאזן אראפ־רייסן די ברענענדיקע קליידער, זי זאל ניט בלייבן נאקעט.

מען האט נאכדעם פארפאסט און געזונגען לידער וועגן דער פרומער מיידל, וועלכע האט אויף אזא טראגישן אופן פארלארן איר לעבן.

נאך א געשיכטע פון מיכאלישאק איז געווען א מעשה מיט צוויי חברטעס.

די צוויי חברטעס זיינען פארלארן געגאנגען. דאס שטעטל האט זיך געקאכט. אייניקע האבן געזאגט אז זיי זיינען אנטלאפן זיך שמדן. אנדערע האבן געזאגט, אז מען האט זיי ערגעץ פארפירט. דער סוף איז געווען אז מען האט זיי געפונען אין א ברונעם, וואס איז געווען פארשאטן מיט שניי.

איינע אַ דערטרונקענע, די אַנדערע — האַלב־טויט, הענגענדיק אויף אירע קליידער, פאַרטשעפּעט אין אַ טשוואַק.

זי איז געווען געשוואָלן און עס האָט געדויערט אַ לענגערע צייט ביז זי איז געזונט געוואָרן. זי האָט דערציילט אַז זיי ביידע זיינען געגאַנגען איבערן פעלד און ניט געוואוסט פון דעם ברונעם וואָס מען האָט שוין לאַנג ניט גענוצט און דער אויבערפלאַך איז געווען פאַרשאָטן מיט שניי. זיי זיינען אַריינגעפאַלן און איינערס קליידער האָבן זיך פאַרטשעפּעט. זי האָט געהאַלטן איר חברטע אין די הענט אַ פּאָר טעג ביז זי האָט מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן און איר אָראָפּגעלאָזט דערטרונקען צו ווערן. די לעבנגעבליבענע איז נאָכדעם געקומען קיין אַמעריקע.

וועגן דער פרומקייט פון פאַרשיידענע יידן אין אונדזער שטעטל געדענקען זיך פאַרשיידענע זאַכן. עס איז געווען אַ ייד אַבאַ קיווע, איז זיינער אַ זון אַוועקגעפאָרן שטודירן קיין פּעטערבורג און געקומען צו גאַסט אין אַ סטודענטישער אוניפאָרם. האָט אַבאַ קיווע אים אַרויסגעטריבן פון הויז און זיך געזעצט שבעה נאָך אים, ווי נאָך אַ טויטן.

אַ פרוי, אסתר איטע, איז געפאָרן קיין אַמעריקע, האָט זי מיטגע־נומען אַ מתנה פאַר איר מאַן אַ פּאָר תכריכים, ווייל אין אַמעריקע, האָט זי געזאָגט, באַגראָבט מען טויטע אָן תכריכים אָדער אין אַזעלכע וואָס זיינען ניט אויפגעבייט לויטן דין.

ביי אונדז אין שטעטל האָט מען אַמאָל דורכגעפירט אַ חרם אויף אַ יידן, וואָס האָט פּוגע בכבוד געווען דעם רב פון שטעטל. דער ייד האָט זיך גענומען צום האַרצן און איז אין דריי טעג אַרום געשטאָרבן. די פרומע יידן האָבן געזאָגט, אַז גאָט האָט אים געשטראָפט.

קראַנקהייטן פלעגט מען זוכן צו היילן דורך אָפּשפּרעכן אַן עין הרע. מען האָט געגלויבט, אַז מען קאָן ווערן קראַנק פון „אַ שלעכטע אויג", פון אַ קוק. די רפואה איז געווען אָפּשפּרעכן אַן עין הרע ביי פּראָפעסיאָנעלע עין הרע אָפּשפּרעכער, וועלכע פלעגן מורמלען אַ געוויסן שפּרוך איבער אַ פאַטשיילע און עס אַנטאָן דעם קראַנקן, אָדער מורמלען איבער געטראַנק. פאַר ערנסטע קראַנקהייטן איז געווען אַ סגולה צו „מעסטן קברים", גיין אויפן בית עולם און מיט באַוועל אויסמעסטן קברים און די באַוועל איינ־טונקען אין חלב (בעילעוו) און מאַכן פון דעם אַ קנויל (אַ „סטאַצקע" האָט מען עס גערופן) וואָס האָט געדינט אַלס ליכט פאַרן בית המדרש, אַז מען זאָל פאַר דעם לערנען תורה. דאָס ליכט איז געווען זייער טונקל. מיין פאָטער האָט זיך באַנוצט מיט די דאָזיקע „סטאַצקעס" און מעגלעך אַז ער איז טאַקע צוליב דעם בלינד געוואָרן.

מיין פאָטער פלעגט מיט מיר אַ סך רעדן וועגן יידישער געשיכטע.

נאָך אַלס קליין ייִנגל האָט ער מיר איבערגעגעבן ווי מען האָט געמאַטערט ייִדן אין דער שפּאַנישער אינקוויזיציע. יעדן שבת פֿלעגט ער מיך פֿאַר־הערן, וואָס איך האָב געלערנט פֿאַר דער וואָך. ער פֿלעגט האָבן נחת און איז געווען זיכער אַז איך וועל אויסוואַקסן אַ רב.

מיין מוטער האָט מיר דערציילט וועגן די צייטן פֿון צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטן, ווען מען פֿלעגט כאַפּן קליינע ייִדישע קינדער און זיי אָפּגעבן אויף 25 יאָר אין דער צאַרישער אַרמיי; אַז פֿון איר משפּחה האָט מען אַוועקגענומען אַ קינד; ווי די פֿרויען האָבן געוואָרפֿן שטיינער מיט שיטלעך האָלץ אויף די „כאַפּערס"; אַז עס זיינען געווען ייִדישע „כאַ־פּערס", וואָס ביי זיי איז עס געווען אַ פּרנסה: כאַפּן קליינע קינדער און זיי אַריינוואַרפֿן אין די וועגענער אַוועקצונעמען זיי פֿאַר סאָלדאַטן אויף 25 יאָר.

אין מיין צייט, ווען איך בין געווען אַ יונגער ייִנגל, איז נאָך געווען ביי אונדז אין שטעטל אַ ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט, איינער פֿון אַ צאָל, וועלכע האָבן אויסגעהאַלטן זייערע 25 יאָר אין דינסט, ניט פֿאַרגעסן אַז זיי זיינען ייִדן און צוריקגעקומען אַלס ייִדן אין זייערע היים־שטעטלעך. דער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט האָט געהייסן יאָסל דוד דער קוימען־קערער. ער פֿלעגט רעדן מיט אַ רוסישן אַקצענט, מיט אַ סך רוסישע ווערטער אַריינגעמישט, און פֿלעגט אונדז, קינדער, דערציילן פֿון זיינע איבערלעבונגען. עס איז אויך געווען אין שטעטל אַ ייִד, וואָס איז אין זיינע יונגע יאָרן געווען אַ „כאַפּער". מען פֿלעגט אויף אים אָנווייזן מיט שאַנד.

צאַר ניקאָלאַי אויפֿן טראָן

איך געדענק ווען דער צאַר אַלעקסאַנדער דער 3טער איז געשטאָרבן. איך בין מיט אַנדערע תּלמידים פֿון מיין חדר געגאַנגען אין בית המדרש זאָגן תּהילים, ווען ער איז קראַנק געוואָרן, אַז ער זאָל געזונט ווערן. נאָכ־דעם, ווען מען האָט געקרוינט דעם נייעם צאַר, ניקאָלאַי דעם 2טן, האָט מען באַפֿוילן אָנצינדן ליכטלעך אין אַלע פֿענצטער. אַ פּריץ, וועלכער האָט געוואוינט צום סוף פֿון אונדזער גאַס, האָט איינגעאָרדנט אין זיין הויף אַ פֿייערונג לכּבוד דער קרוינונג פֿונעם נייעם צאַר, געשטעלט לעקאַך און בראַנפֿן, איינגעלאַדן אונדז, קינדער, צו פֿרייען זיך מיט אים. איך האָב נישט געוואוסט צי איך דאַרף זיך פֿרייען, אָדער ניט, אָבער מיין פֿאָטער האָט מיר דערציילט, אַז עס איז געווען אַ גוטער קיסר, אַלעקסאַנדער דער 2טער, געווען גוט צו ייִדן. האָבן ייִדן פֿאַרגעסן אין גאָט און געזוכט זיך אויסגלייכן מיט די „גויאים". האָט גאָט אַריינגעשיקט נאָך דעם די שלעכטע קיסרים, און מיר טאָרן ניט אָפּפֿרעגן גאָטס מעשׂים.

קיין גרויסע אינדוסטריעס האָט דאָס שטעטל ניט פֿאַרמאָגט. עס

זיינען געווען וואַלד־סוחרים, וועלכע פלעגן דינגען מענטשן אויסצוהאַקן בוימער פון די אַרומיקע וועלדער, זיי ברענגען צום טייך „ווילִיע", וועלכער איז געפלאָסן ביי דער גרענעץ פון שטעטל. מען פלעגט פון די קלעצער מאַכן פליטן, און זיי אַוועקשיקן מיט דער ווילִיע קיין קאָוונע און אין אַנדערע שטעט צו פאַרקויפן. אויף די פליטן פלעגן די אַרבעטער אויפבויען ביידלעך. זיי פלעגן וואוינען אויפן וואַסער, בשעת זיי האָבן דאָרט געפירט די טראַנספּאָרטן האָלץ צו פאַרשיידענע שטעט. עס איז געווען זייער אַ שווערע אַרבעט. די אַרבעטער פלעגן דאַרפן שטיין אין וואַסער צו האַקן די קלעצער, זיי צוזאַמענבינדן און מאַכן פליטן.

דאָס איז געווען סעזאָן־אַרבעט. ווינטער פלעגט די „ווילִיע" זיין פאַרפרוירן, און די אַרבעטער פלעגן זיין אַרבעטלאָז. אַ טייל פון זיי זיינען געווען געצוואונגען אַנצוטאָן טאָרבעס און זיך אַוועקלאָזן אין אַנדערע שטעט בעטלען נדבות כדי צו קאָנען דורכלעבן דעם ווינטער.

אָט אין יענער צייט האָב איך שוין אָנגעהויבן באַמערקן דעם אונטערשייד פון אָרעם און רייך, און ניט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס עס דאַרף אַזוי זיין.

איך האָב אַלס ייִנגל ליב געהאַט צו גליטשן זיך אויף דעם אייז פון דער ווילִיע ווינטער, באָדן זיך זומער, און צוזען ווי מען בויט די פליטן.

אינטערעסאַנט איז אויך געווען צו זען ווי אַזוי מען פלעגט אַריבערפאָרן דעם טייך פון איין זייט צו דער צווייטער. קיין בריק אויף דער ווילִיע איז אין מיין צייט נאָך ניט געווען. ס'איז געווען אַ „פּאַראָם", אַזאַ הילצערנע ברייטע פּלאַטפאָרמע וואָס איז געשטאַנען אויפן וואַסער, און איז געשלעפּט געוואָרן פון די, וועלכע האָבן עס געדאַרפט באַנוצן. אַ גרויסער גראָבער שטריק איז געווען צוגעבונדן צו אַ סלופּ אויף דער יבשה. אַ טייל איז געווען אַרומגעדרייט אַרום אַ שטאַבע פון דעם פּאַראָם. די פאָרער פלעגן שלעפּן און דרייען די שטריק אַרום דער שטאַבע און דאָס האָט באַוועגט דעם פּאַראָם צו שווימען אויפן וואַסער צו דעם צווייטן ברעג, און איבערפירן די פּאַסאַזשירן, צוזאַמען מיט די פערד־און־וועגענער.

עס פלעגן טרעפן אומגליקס־פאַלן, ווען די שטריק פלעגן זיך צערייסן.

מיכאַלישקער באַרימטע זין

מיר האָבן געוואוינט אין שכינות ביי אַן אַלטן ייִדן, רפאל דער מלמד. ער פלעגט מיר דערציילן וועגן גרויסע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן

אַמאָל געוואוינט אין מיכאַילישאָק. ער האָט נאָך געדענקט דעם באַרימטן העברעאישן דיכטער אברהם דוב לעבענזאָן, וועלכער פלעגט זיך אונ־טערשרייבן „אדם הכהן" און איז געווען באַקאַנט אַלס „בערקע מיכאַי־לישקער". מען פלעגט זיך אַנדערציילן וויצן וועגן אים און זיין אַפּיקורסות.

דניאל כוואָלסאָן, וועלכער איז געווען פּראָפעסאָר אין פּעטערבורג, איז פריער געווען אַ מלמד אין מיכאַילישאָק, דערנאָך זיך געשמדט און געוואָרן פּראָפעסאָר. ווי דער ר' רפאל האָט מיר איבערגעגעבן און ווי דאָס איז שוין באַקאַנט אין דער וועלט, האָט כוואָלסאָן געזאָגט, אַז ער האָט זיך געשמדט אויס איבערצייגונג: ער האָט זיך איבערצייגט, אַז עס איז בעסער צו זיין אַ פּראָפעסאָר אין פּעטערבורג איידער אַ מלמד אין מיכאַילישאָק. זייענדיק פּראָפעסאָר, האָט ער געשריבן ביכער צו פאַר־טיידיקן יידן.

עס איז אויך געווען אין מיכאַילישאָק אַ רב וואָס איז געווען אַ מחבר פון אַ פּירוש אויפן מחזור. אויף די מחזורים איז געווען אָנגעשריבן אַז דאָס איז „נהורא השלום", אַ רב אין דעם שטעטל מיכאַילישאָק.

ד"ר. יאָכעלמאַן, אַ באַרימטער יידישער כלל־טוער אין רוסלאַנד, איז געווען אַ מיכאַילישקער איידעם. ער פלעגט קומען צו אונדז אין הויז, זיך געלערנט ביי מיין פאָטער צו זיין אַ שוחט, אָבער ער האָט ניט פּראַק־טיצירט. יאָכעלמאַן האָט אַרויסגעגעבן אַ פּעריאָדישן זשורנאַל מיטן נאָמען „וואוהין ?".

מיין פאָטער האָט מיר אויך דערציילט מעשיות וועגן באַרימטן דיכ־טער אליקום צונזער, וועלכער האָט געוואוינט אַ קורצע צייט אין מיכאַי־לישאָק. „אליקום בדחן" האָט אים מיין פאָטער גערופן.

איך האָב דערציילט אין אָנהויב פון מיינע זכרונות וועגן אָרעמע הייזער אין מיכאַילישאָק, וועגן שטיבלעך מיט און אָן קוימענס. דאָס איז אָבער ניט גאַנץ מיכאַילישאָק.

עס זיינען ביי אונדז געווען אויך שיינע הייזער, וויל אין מיכאַילישאָק, ווי אין אַנדערע שטעט זיינען אויך געווען צוויי קלאַסן — רייכע און אָרעמע. און די רייכע האָבן געוואוינט אין די שיינע הייזער. עס איז געווען אין שטעטל אַ גביר, אַ וואַלד־סוחר, „דאַדושע" האָט ער געהייסן. האָט ער געוואוינט אין אַ געמויערטן צוויי־שטאָקיקן הויז. עס איז אויך געווען אַ קרעטשמע אין אַ געמויערטער געביידע. עס זיינען געווען שיינע הילי־צערנע הייזער, וואו עס האָבן געוואוינט די באַלעבאַטים פון שטעטל.

איז איינמאָל געשען עפּעס אַזוינס וואָס איז געווען דייער ניט אָנגענעם פאַר מיר, און איך האָב נאָך געקאָנט פאַרדינען שמיץ פון מיין פאָטער, וועלכער פלעגט מיך זעלטן שמייסן.

פאַסירט האָט עס ווען מיינע חברים, יינגלעך מיט וועלכע איך האָב זיך געשפּילט, האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין די גערטנער און גענומען רייסן אַרבעס וואָס איז דאָרט געוואַקסן. איך האָב זיי געוואָרנט, אַז דאָס איז אַן עבירה קעגן גאָט און דאָס שמעקט מיט פּשוטער גניבה, האָבן זיי זיך אויסגעלאַכט, געריסן די אַרבעס פון די געוויקסן און זיי געשטופּט אין די קעשענעס.

מיטאַמאָל איז אָנגעקומען דער באַלעבאָס פון דעם גאָרטן, אַראָפּגע־כאַפּט די היטלען פון אַלע יינגלעך, אויך מיין היטל. ער איז געגאַנגען מיט די היטלען צו די עלטערן פון די קינדער און געקראָגן אויסליי־געלט פאַר די אָפּגעריסענע אַרבעס. ער איז געקומען צו מיין פאָטער מיט מיין היטל אַלס „באַוויז”. איך בין אָבער באַשטאַנען אַז איך האָב ניט געריסן קיין אַרבעס און אַז איך האָב נאָך געבעטן מיינע חברים, אַז זיי זאָלן דאָס אויך ניט טאָן. מיין פאָטער האָט מיר געגלויבט.

דער פאַרמער האָט ניט געקאָנט זאָגן, אַז ער האָט מיך געזען רייסן אַרבעס. אַזוי האָב איך זיך אויסגעדרייט פון קריגן שמיץ, אָבער מיין פאָטער האָט מיר אָנגעזאָגט אַז איך זאָל מער זיך ניט חברן מיט אַזעלכע קינדער, וועלכע קאָנען באַגיין אַזעלכע פאַרברעכנס.

עס איז געווען פאַר אונדז קינדער אויך אינטערעסאַנט צוצוקוקן, ווי מען אַרבעט אין דער ציגעלניע. קיין סך אַנדערע אינטערעסאַנטע זאַכן זיינען ניט געווען צו זען אין שטעטל. אין דער ציגעלניע איז געווען אַן אַרבעטער, אַ יידישער מאַן, און אַ פרוי, אַ פויערטע, האַלב נאַקעט און מיט זייערע באַרוועסע פיס האָבן זיי מיט אַלע כוחות זיך געטאָפּטשעט אין דעם ליים, וואָס זיי האָבן געקנאָטן כדי צו מאַכן עס פּאַסיק אויסצו־פורעמען ציגל. פאַר דער ציגעלניע האָט מען באַנוצט אַ סך האָלץ צו באַהייצן די אויוונס, וואָס האָבן געבאַקט די ציגל.

די ציגעלניע האָט באַלאַנגט צו אַ יידן, פייוועל דער מולער, אַ מיטל־יאָריקער ייד מיט אַ בלאָנדער באָרד. ער האָט געהאַט אַ זון, אויך מיט אַ בלאָנדער באָרד. די צוויי האָבן אויסגעקוקט ווי ברידער. זיי האָבן געוואוינט אין שטעטל.

אַ גערודער מיט „אַלטערקע גנב”

אַן אינטערעסאַנטע זאַך האָט פּאַסירט מיט אַ געוויסן טיפּ יונגערמאַן פון אונדזער שטעטל, וועלכער איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „אַל־טערקע גנב”. ער האָט געהאַט פאַרשיידענע איינפאַלן ווי צו באַגיין זיינע גנבות. ער האָט פאַרמאָגט אַ פערד און וואָגן, און פלעגט אַלס אַ דייטיקע פּרנסה פאָרן אין וואַלד האַקן האָלץ און עס פאַרקויפן. האָט ער גענומען האָלץ פון סקלאַד וואָס איז געווען אָנגעלייגט ביי דער ציגעלניע, אַרויפ־

געלייגט אויף זיין וואגן, צוגעפירט עס צום באלעבאס פון דער ציגעלניע און אים עס פארקויפט אלס נייע האלץ וואס ער האט אנגעהאקט אין וואלד. פיוועס דער מולער האט אים באצאלט און אלטערקע האט אים געבראכט נאך וועגענער מיט האלץ און געקראגן באצאלט פאר דעם... און האט עס געדארפט ברענגען צו דער ציגעלניע. ביז וואנען פיוועס איז געגאנגען באקוקן זיין נייע סחורה און געזען אז עס איז אים גארנישט צוגעקומען. אזוי האט ער אויסגעפונען אז אלטערקע האט אים פארקויפט ניט קיין האלץ וואס ער האט אנגעהאקט פון וואלד, נאר דעם ציגעלניקס אייגענע האלץ וואס איז געלעגן ביי דער ציגעלניע...

אזעלכע שטיקלעך פלעגט אלטערקע אפטאן. מען האט שוין געוואוסט אז ווען עס פלעגט ביי עמיצן פעלן עפעס אין הויז, דארף מען גיין זוכן ביי אלטערקען, און אויסלייזן פאר א פרייז וואס מען פלעגט זיך מיט אים אויסדינגען.

אזוי איז עס אנגעגאנגען ביז וואנען דאס שטעטל האט שוין ניט געקאנט אויסהאלטן פון אים, און מען האט זיך צוזאמענגעלייגט, געקויפט אים א שיפסקארטע און אים אוועקגעשיקט קיין אמעריקע.

דא האט ער זיך אפגעגעבן מיט האנדל. ווי אזוי ער האט זיך דא אויפגעפירט ווייס איך ניט. איך האב אים געטראפן אין א שטעטל אין מאסאטשוסעטס וואו ער איז געווען א פרעזידענט פון א סינאגאגע, און זיך געהאלטן פאר א בכבודיקן יידן.

נאך אן אינטערעסאנטער טיפ אין מיכאילישאק, אבער גאר פון אן אנדער סארט, איז געווען יעשיע דער פינטלער. מען האט אים גערופן „דער פינטלער" דערפאר וואס ער פלעגט שטענדיק ביים ריידן מיט עמיצן צופינטלען מיט אן אויג. זיין באשעפטיקונג איז געווען פאנאנדער־צוטראגן די בריוו וואס פלעגן אנקומען מיט דער פאסט. ער האט אויך צוגעקנעלט מיט קינדער. ער פלעגט אנזאגן, איידער ער איז אריינגע־גאנגען אין א הויז, אז עס איז דא א בריוו, און פון וועמען דער בריוו איז אנגעקומען. פאר די וועלכע האבן ניט געקאנט לייענען, פלעגט ער זיך אפשטעלן לייענען די בריוו. פון אלץ צוזאמען האט יעשיע ניט געהאט אויף פרנסה און זיין פרוי שרה, פלעגט ארומגיין מיט א קאשיק עפל צו פארקויפן, ארויסצוהעלפן דערנערן די פאמיליע.

דער „פאטשטאליאן", ווי אנדערע האבן אים גערופן, פלעגט אפט קומען צו אונדז אין הויז און זיך חברן מיט מיין פאטער. יעשיע פלעגט זיך איבערנעמען, וואס ער האט צו טאן מיט די פאסט־באאמטע אין שטעטל וואס זיינען אריינגעשיקט געווארן פון דער רעגירונג. אין יידישע יום־טובים, פלעגט יעשיע ברענגען די פאסט־באאמטע אנגעטאן אין זייערע אוניפארמען אין שול אריין, זיי אוועקזעצן אויבן־אן צו הערן דעם חזן

מיטן כאַר זינגען און זען ווי די יידן בעטן גאָט פאַרן צאַר, — ווי אַזוי מען זאָגט די תפילה פון „הנותן תשועה למלכים". יעשיע איז געווען אַן אַפּטער באַזונדער אין אונדזער הויז. ער איז געווען פריינטלעך מיט מיין פאָטער.

עס זיינען אויך געווען אַפּטע באַזונדער אין אונדזער הויז די מלמדים שלמה בערל און אברהם לייב. מיינע עלטערן פלעגן זיי אויפנעמען, און מ'פלעגט ריידן, און דערציילן זיך מעשהלעך פון גמרא און אַנדערע ספרים. איך, אַלס ייִנגל, האָב ליב געהאַט צוצוהערן זיך צו די מעשיות. מיין פאָטער פלעגט שטאָלצירן מיט מיר און געפאָדערט פון מיר איך זאָל אויך צוגעבן עפּעס וואָס איך האָב געלערנט אין דער גמרא, צו ווייזן זיינע פריינט וויפיל איך וויס וועגן די לומדישע ספרים.

חסידים און מתנגדים

מיין פאָטער איז געווען דער איינציקער חסיד אין שטעטל, אַ ליובאַ־וויטשער חסיד. ער פלעגט דאַוונען אין צוויי פּאָר תפילין. אַלע אַנדערע יידן זיינען געווען מתנגדים. מיין פאָטער האָט מיר דערציילט, אַז אַמאָל זיינען געווען מער חסידים אין שטעטל און זיי האָבן אפילו אָנגעהויבן בויען אַ „שטיבל", אַ חסידיש שולכל, נאָר די מתנגדים האָבן עס ניט דערלאָזן פאַרענדיקן.

די חסידים האָבן זיך געוואָלט באַנוצן מיט דער מתנגדישער שול, צו דאַוונען באַזונדער מיט זייער נוסח, נאָכדעם ווי די מתנגדים פלעגן ענדיקן. האָבן די באַלעבאַטים פאַרשלאָסן דעם ארון קודש מיט די ספרי תורה, אָדער זיך אַרומגעשטעלט אַרום די חסידישע דאַוונער און אָפּגעי־לאָכט און געטומלט און ניט געלאָזט זיי דאַוונען לויט זייער נוסח. האָבן די חסידים פאַרלאָזט דאָס שטעטל.

מיין פאָטער איז געווען אַ גוטער, שטילער מענטש, מיט קיינעם ניט געקריגט זיך, האָבן זיי אים אויך געלאָזט צורו.

ביי אונדז אין הויז אויפן וואַנט זיינען געהאָנגען בילדער פון חסידישע רביים. מיך האָט מען אַ נאָמען געגעבן נאָך רבי שמואל, אַ ליובאַוויטשער רבי. מיין פאָטער פלעגט מיט מיר לערנען דעם „תניא", אַ חסידישן ספר, איך פלעג אויך איבערשרייבן דרשות פונעם חסידישן רבין. דער רבי האָט ניט געהאַלטן פון דרוקן זיינע דרשות, פלעגן חסידים זיי איבערשרייבן און די דרשות פלעגן גיין פון האַנט צו האַנט, אויך צו חסידים אין אַנדערע שטעט.

אין חדר האָב איך זיך געלערנט זייער גוט, געהאַט אַ זעלטענעם זכרון. דאָס וואָס איך האָב געלערנט איז פאַרבליבן אין מיין קאָפּ און געשטאַנען

פאר מיינע אויגן. קלויזניקעס פלעגן מיך אפשטעלן אין גאס און מיך פרעגן וועגן א פסוק אין תנ"ך, אדער גמרא. די בלאס פלעגט שטיין פאר מיינע אויגן און איך פלעג זי פארלייענען פונקט ווי איך וואלט זי געהאט פאר מיינע אויגן.

מיין גמרא־רבי, כתריאל, אן אלטער ייד מיט א גרויער באָרד, איז געווען זייער א פרומער. איך געדענק אזא פאסירונג. עס איז אים אנגע־קומען א פאטאגראפיש בילד פון זיינער א טאכטער מיט אן איידעם אין אמעריקע. דער איידעם איז געווען פאטאגראפירט אן א היטל. האט מיין רבי צוגעמאלן אויפן בילד א קאפעלוש אויף דעם איידעמס קאפ. מיין עלטערער ברודער, גרשון, האט "א קיבעץ" געגעבן רב כתריאלן און אים געזאגט: ווי עס ווייזט אויס, האבן די אין אמעריקע נים קיין גוטע קירזש־נער, ווייל דער קאפעלוש איז נים גוט אנגעמאסטן.

צוויי אינטערעסאנטע טיפן אין מיכאלישאָק

דאס זיינען געווען די צוויי ברידער שמעון און לייזער פראדעס.ביידע זיינען זיי געווען הויך־געוואקסן: שמעון, איז געווען א פעטערער, מיט א ברייטער בלאנדער באָרד, און לייזער, א מאגערער מיט א שמאלע־רער באָרד. ביידע ברידער האבן זיך געמישט אין קהלשע ענינים און אלעמאל ארויסגעזאגט זייערע מיינונגען.

לייזער פראדעס, איז געווען באקאנט אלס דער פילאזאף פון שטעטל. ער איז געווען א לייענער פון צייטונגען וואס אזעלכע זיינען ביי אונדז געווען געציילטע. איך אליין האב פון קיין אנדערע נים געוואוסט. ער איז געווען אן אבאנענט אויף די העברעאישע צייטונגען "המליץ" און "הצפירה" און יעדן פרימארגן נאכן דאווענען אין בית־מדרש פלעגן די יידן ארומ־קלייבן זיך ארום לייזערס שטענדער און אויסהערן די לעצטע נייעס פון די צייטונגען, ווי אויך די אויסטייטשונג, מיט וועלכער די צוויי ברידער פלעגן באגלייטן יעדן שטיקל נייעס. לייזער איז געווען דער וואס האט ארויסגעבראכט דעם געדאנק, אז די פארלארענע צוויי מיידלעך וועגן וועלכע איך האב פריער דערציילט, זיינען מעגלעך אריינגעפאלן אין דעם פארלאזענעם ברונעם. מען האט געפאלגט זיין עצה און מען האט זיי דארט געפונען.

קעמפער קעגן צאַריזם

פון קיין רעוואלוציאנערער באוועגונג אין אונדזער שטעטל האב איך נים געוואוסט, כאטש שפעטער, אין יאר 1900 און ווייטער זיינען שוין געווען יונגע מענער און פרויען וועלכע האבן זיך פארנומען מיט פאר־שפרייטן רעוואלוציאנערע ליטעראטור. זיי האבן געהערט צום "בונד"

און צו אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, אָבער אין מיין צייט איז נאָך אַזוינס ניט געווען.

עס האָט פּאַסירט, אַז דעם שטעטלשן איינבינדערס טאָכטער, איז אין אַ מיטן שבת געקומען צו פאָרן פון ווילנע, וואו זי איז אַנטלאָפן פון אַ פאַרזאַמלונג אין וועלכער זי האָט זיך באַטייליקט, און וואָס איז איבערגע־פאַלן געוואָרן פון דער פּאָליציי. דאָס גאַנצע שטעטל האָט גערעדט אַז דעם איינבינדערס טאָכטער איז אַ „סאָציאַליסטקע". עס איז אויך געווען אַ פּאָליציי איבערפאַל אויף אַ הויז אין אונדזער שטעטל וואו עס האָט גע־וואוינט אַ קורצע צייט אַ קרוב, וואָס איז געקומען פון אַן אַנדער שטאָט. די פּאָליציי האָט געזוכט „טריפה" ליטעראַטור ביי דעם „פרעמדן גאַסט", אָבער זי האָט גאָרניט געפונען.

מיינע ישיבות

ווען איך בין אַלט געוואָרן 12 יאָר, האָבן מיך מיינע עלטערן אַוועק־געשיקט לערנען אין אַ ישיבה אין סמאָרגאָן, ווילנער גובערניע. דער ראש הישיבה ר' זלמן יאָסע איז געווען זייער אַ פרומער און אַ פאַנאַטיקער.

געשלאָפן האָב איך אין בית מדרש אויף אַ באַנק און געגעסן האָב איך „טעג" ביי פאַרשיידענע באַלעבאַטים.

אין סמאָרגאָן איז שוין געווען אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, הויפּט־זעכלעך ביי די „זאַגאָטאָוושטשיקעס", קאָמאַשן־שטעפּער. מ'האָט גערעדט וועגן דעם ווי די יידישע יוגנט גייט ביינאַכט אויף געהיימע רעוואָלוציאָ־נערע „סכאָדקעס" (פאַרזאַמלונגען) ביי איינעם סאָניצקי, וועלכער האָט געוואוינט הינטער דער שטאָט.

מען האָט דערציילט אַ טשיקאַווע געשיכטע: עלטערן וועלכע האָבן ניט געוואָלט אַז זייערע טעכטער זאָלן גיין צו די „סכאָדקעס", האָבן ביי־נאַכט, ווען די טעכטער זיינען געשלאָפן, באַהאַלטן זייערע שיך. די טעכ־טער זיינען אויפגעשטאַנען אין מיטן נאַכט, זיך אָנגעטאָן אין די שטיוול פון פאָטער און די שיך פון דער מוטער און אַוועק צו דער פאַרזאַמלונג. די שטאָט האָט גערעדט וועגן דער פּאַסירונג.

איך האָב זיך אָבער ניט אינטערעסירט מיט דעם. כ'האָב פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג אין בית מדרש, און בין דאָרט אויך געשלאָפן, איז מיין פאַרוויילונג אין די שבתים געווען צו גיין באַזוכן די חסידישע „שטיבלעך", דאָס הייסט די שולעכלעך וואָס זיינען אָנגעהאַלטן געוואָרן פון די חסידים.

אין סמאָרגאָן זיינען די מערסטע יידן געווען מתנגדים (מיסנאַגדים), ניט געגלויבט אין רביים, און חסידישע רביים פלעגן קומען פון אַנדערע

שטעט צו די סמאָרגאָנער חסידים. פלעג איך גיין זען ווי אַזוי דער חסי־דישער רבי אין דער לאַנגער זשופּיצע מיטן גרויסן שטריימל אויפן קאָפּ פלעגט זיצן ביי אַ טיש מיט חסידים, זאָגן תורה, ברענגען זיי די גייסטע חסידישע ניגונים, וועלכע זיי פלעגן זינגען און נאָכדעם זיך אָנהעקלאָזן מיט אַ טאַנץ איבערן זאַל.

איבערהויפּט איז געווען אינטערעסאַנט צו זען ווי אַזוי די חסידים פלעגן כאַפּן „שיריים" (איבערבלייבעכצן פון רבינס עסן). דאָס איז אַ מנהג ביי חסידים, ביים עסן מיטן רבין: עס איז אַ מצווה צו עסן וואָס עס בלייבט איבער פון זיין טעלער. פלעגט דער רבי פאַרזוכן דער ערשטער פון דער געקעכץ און די חסידים פלעגן מיט די הענט זיך רייסן צו כאַפּן די שיריים. דאָס פלעגט זיין אַזוי אויך מיט לאָקשן־זופּ. די חסידים פלעגן מיט די הענט אַריינקריכן אין דער שיסל, אַנשעפּן די זופּ מיט די לאָקשן און זיך פאַסמאַקעווען מיט דעם.

קיין אַנדערע פאַרוויילונג האָב איך אין סמאָרגאָן ניט געהאַט.

אין דעם שטעטל איליע, ווילנער גובערניע, וואו איך האָב געלערנט אין דער ישיבה אין יאָר 1898, בין איך געווען באַזונדער פאַראינטערעסירט אין די מעשיות וואָס מען האָט דאָרט דערציילט, און מיט וועלכע די איינוואוינער האָבן זיך געגרויסט. מער פון אַלץ האָט מיך פאַרכאַפּט די ווייטערדיקע מעשה:

די מעשה מיט גראַף פּאָטאָצקי

אַזאַ איז געווען די געשיכטע מיטן פּוילישן גראַף פּאָטאָצקי וועלכער האָט, שטודירנדיק אין פּאַריז, זיך באַפריינדעט מיט אַ יידן, שטודירט די ביבל און דעם תלמוד און זיך מגייר (מעגאַיער) געווען, — געוואָרן אַ ייד.

ער האָט אַרומגערייזט פון איין שטאָט צו דער אַנדערער, ביז ער האָט זיך באַזעצט אין איליע, וואו ער האָט געלערנט און אָפּגעהיט יידישקייט. זיין נאָמען איז באַקאַנט אַלס דער גר צדק (געיר צעדעק) פון איליע.

אין איליע איז פאַר מיין צייט געווען זייער אַן אַלטע געביידע, אַ שול, און דאָרט, האָבן די איליער געזאָגט, האָט דער גר צדק געלערנט, — ביז איינער האָט אים דערקענט, און געמסרט צו דער פּאָליציי. מען האָט דעם גר צדק אָוועקגעפירט קיין ווילנע וואו ער איז געמשפּט געוואָרן. מ'האָט אים געמאַטערט מיט אַלע פּייניקונגען, אָבער ער האָט זיך גע־האַלטן ביי דעם יידישן גלויבן. די פּאָליציי האָט אים פאַרברענט.

די יידן פון ווילנע — ווערט דערציילט — האָבן אויפגעקליבן די פאַרבליבענע אַש און די ביינער פון דעם גר צדק און באַערדיקט אויף דעם ווילנער בית עולם, אַרום דעם יאָר 1746.

עס זיינען דאָ ביכער און אַ דראַמע וועגן דעם גראַף פּאָטאָצקי, — דעם

גר צדק, — כאָטש אין די אַרכיוון פון דער צייט וואָס ער האָט געלעבט האָבן היסטאָריקער ניט געפונען די געשיכטע פון זיך לעבן, דאָס איז געשריבן געוואָרן אַ צייט שפּעטער.

אין איליע האָבן די רייכע באַלעבאַטים, וועלכע האָבן זיך גערופן די „הוטנערס״, ווייל זיי זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער הוטע, אַ פאַבריק וואו מען פאַבריצירט גלעזערנע כלים — זיך געהאַלטן פאַר יחסנים. זיי האָבן געזאָגט אַז אַנדערע אין דער אָרעמער באַפעלקערונג, וועמען מען רופט די יאַשקעס, שטאַמען פון דעם שניידער־יונג יאַשקע וואָס האָט געמסרט דעם גר צדק און אַז די דאָזיקע יורשים זיינען פאַרשאָלטן געוואָרן, — כאָטש עס זיינען ניט געווען קיין דירעקטע באַווייזן ווער די יורשים פון יענעם מסור זיינען געווען.

מיר איז אויסגעקומען צו „עסן אַ טאָג״ ביי איינעם פון די דאָזיקע אָרעמע יידן, אַ פיינער מענטש. און עס האָט אים זייער געקרענקט וואָס די רייכע באַלעבאַטים האַלטן אַן אַזעלכע געשיכטעס.

איליע איז אויך באַקאַנט דערמיט וואָס דאָרט איז געווען אַ גרויסער רב און אַ הומאַניטאַרישער קעמפער, מנשה (1767—1831). ער איז געווען באַקאַנט אַלס „מנשה איליער״, דער סמאַרגאָנער עילוי.

אין מיין צייט איז אין איליע געווען אַ חשובער רב וועלכער האָט געשריבן אַ ספר. ער האָט באַשעפטיקט אַ ישיבה־בחור אַלס זיין סעקרעטאַר צו שרייבן פאַר אים, ווייל ער איז שוין געווען זייער אַלט. איך האָב אויך עטלעכע מאָל געאַרבעט פאַר אים, געשריבן פאַר זיין ספר פון וואָס ער האָט דיקטירט. איך האָב געקראָגן דערפאַר יעדן מאָל 20 קאָפּי־קעס. וואָס עס איז געוואָרן פון ספר, צי ער איז ווען ניט איז אָפּגעדרוקט געוואָרן, ווייס איך ניט.

איך ווער אַ יתום

פאַרנדיק פון איליע אַהיים אויף פּסח, פול מיט פרייד צו באַגעגענען מיינע עלטערן און די משפחה, האָב איך געטראָפן אַ פול הויז מיט טרויע־ריקע מענטשן. נאָך איידער איך האָב פאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך, איז די מאַמע אַרויסגעפאַלן מיר אויפן האַלדז מיט אַ יאָמער־געשריי, אָנזאָגנדיק מיר, אַז איך בין געוואָרן אַ יתום; אַז מיין ליבער פאָטער איז מיט אַ פאָר טעג צוריק געשטאָרבן. זי האָט מיר צוגעטראָגן אַ קעסטעלע, זיך צו זעצן שבעה צוזאַמען מיט די אַנדערע מיטגלידער פון אונדזער הויזגעזינד, וועלכע זיינען געזעסן אויף קעסטעלעך אויף דער ערד.

נאָך עטלעכע וואָכן האָט מיין מוטער גענומען טראַכטן וועגן אַ תכלית פאַר מיר און מיך אַוועקגעשיקט קיין אָרשע, מאָהילעווער גובערניע, וואו זי האָט געהאַט קרובים. איך האָב דאָרט געלערנט אין דעם מיליאָנער

פּאָליאַקאָווס ישיבה איין זמן און פון דאָרט אַרויס לערנען פאַר־זיך, אָן דער הילף פון אַ ישיבה רבין.

נאָך אַ יאָר זיין אין אָרשע בין איך געקומען צוריק אַהיים. דאָרט האָב איך שוין געפונען פּלענער און שיפסקאַרטן צו פאָרן קיין אַמעריקע. מיינע צוויי עלטערע ברידער גרשון און חיים לייב און אַ שוועסטער נחמה האָבן שוין דאָרט געוואוינט עטלעכע יאָר.

איך בין אַרויסגעפאָרן קיין אַמעריקע, אָנגעקומען אַהער אין לאַנד, מיט מיינער אַ יינגערער שוועסטער שרה רבקה, דעם 14טן יוני 1900. מיין מוטער און צוויי יינגערע שוועסטער יענטע און לאה האָט מען פאַרהאַלטן צוליב מיין מוטערס קראַנקע אויגן און זיי מיט מיין מוטער זיינען געקו־מען מיט אַ יאָר שפּעטער.

מיט דעם פאַרענדיק איך די געשיכטע פון די ערשטע 15 יאָר פון מיין לעבן אין דעם לאַנד פון מיין געבורט.

ערשט אין אַמעריקע הויבט זיך אָן די אמתע געשיכטע פון מיין לעבן.

איך קום קיין אַמעריקע

איך בין געקומען קיין אַמעריקע דעם 14טן יוני 1900, צו צווי ברי־דער און אַ שוועסטער, וועלכע האָבן געוואוינט אין טשעלסי, מאַסאַטשוסעטס, און וועלכע זיינען שוין געווען תושבים אין אַמעריקע אייניקע יאָר.

מיין עלטערער ברודער, גרשון, און זיין פרוי, רחל, האָבן מיר באַלד גענומען דערציילן וועגן דער פרייהייט און גלייכהייט אין אַמעריקע. „מיין גרשונען", זאָגט מיר מיין שוועגערין, רופט מען „מיסטער". דאָס הייסט — הער. און דעם פּרעזידענט מעקינלי — דעמאָלטיקן פּרעזידענט — רופט מען אויך „מיסטער". אַלע זיינען דאָ גלייך, האָט מיר מיין שוועגערין דער־קלערט.

מיט דריי טאָג שפּעטער, דעם 17טן יוני, האָט מיך מיין ברודער גענומען צו זען אַ פּאַראַד. דער טאָג, דער 17טער יוני, איז אַ יום טוב אין באָסטאָן. מען פייערט דעם אָנדענק פון דער שלאַכט אויף אַ בערגל לעבן שטאָט, „באַנקער היל", אין אָנהויב פון דער אַמעריקאַנער רעוואָ־לוציע, אין יאָר 1775. יעדן יאָר קומט פאָר אין דעם טאָג אַ גרויסער פּאַראַד אין די גאַסן אַרום באַנקער היל וואו עס שטייט זייער אַ הויכער דענקמאָל.

דער פּאַראַד איז געווען אַ גרויסער. איך האָב נאָך אַזוי פיל מענטשן אין איין אָרט ניט געזען אין מיין לעבן. שיסערייען פון פייערווערק האָבן פאַרהילכט די לופט.

מיין ברודער האָט מיר אָנגעוויזן מיט שטאָלץ אויף אַ רעגימענט פון יידישע געוועזענע סאָלדאַטן, אין זייערע אוניפאָרמען. „די מאַקאַבייער", האָבן זיי זיך גערופן. זיי האָבן מאַרשירט מיט אַ בלוי־ווייסער יידישער פאָן און אַמעריקאַנער פאָן. דאָס זיינען געווען יידישע געוועזענע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער שפּאַניש־אַמעריקאַנישער מלחמה, אין יאָר 1898. דער אָנפירער פון יידישן רעגימענט איז געווען אַ קאַפּיטאַן (אָדער גענעראַל) אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, „אַ ייד", האָט מיר מיין ברודער געזאָגט, „דאָ זיינען אַלע גלייך".

אויף דעם דענקמאָל אויף באָנקער היל, איז דאָ אַ טאָוול און מיין ברודער האָט מיר דערציילט אַז דאָס איז אַן אָנדענק פון אַ גרויסן יידישן פּאַטריאָט יהודה טורא, וועלכער האָט זיך אַליין באַטייליקט אין שלאַכטן פאַר אַמעריקע, געווען פאַרוואונדעט און האָט בייגעשטייערט צען טויזנט דאָלאַר צו העלפן בויען דעם דענקמאָל.

איך האָב זיך געפילט שטאָלץ מיט די יידן פון אַמעריקע און געווען גליקלעך וואָס איך בין אין אַמעריקע.

די ערשטע זאַך וואָס איך האָב גענומען טאָן באַלד נאָך מיין אָנקומען קיין אַמעריקע, איז לערנען די שפּראַך פון לאַנד — ענגליש. איך בין געוואָרן אַ שילער אין אַ שטאַטישער אָוונט־שול אין טשעלסי, מאַסאַטשו־סעטס, וואו איך האָב געוואוינט מיט מיין מוטער און די אַנדערע מיט־גלידער פון מיין פאַמיליע. איך האָב זיך געלערנט זייער גוט, איבערהויפּט האָב איך זיך פאַראינטערעסירט אין אַמעריקאַנער געשיכטע, געאָגראַפיע און ליטעראַטור. מיינע לערער האָבן מיר געשאָנקען ספּעציעלע אויפמערק־זאַמקייט צוליב דעם וואָס איך האָב געמאַכט שנעלן פאָרשריט; זיי פלעגן מיך אַרויסשטעלן אַלס אַ מוסטער פאַר די איבעריקע שילער. איך פלעג געווינען די מערסטע געוועט־פאַרמעסטן, וועלכע די לערער פלעגן דורכ־פירן וועגן „ספּעלינג" (וועגן אויסלייגן ענגלישע ווערטער ריכטיק), אָדער געדענקען פאַקטן פון געשיכטע און אַנדערע זאַכן וואָס מיר האָבן געלערנט אין שול. מיינע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע איך פלעג אַריינגעבן: באַשרייבונ־גען פון סצענעס וואָס איך האָב געזען אין גאַס, אָדער בילדער פון מיין היימישן שטעטל האָבן זייער גוט אויסגענומען ביי מיינע לערער. זיי פלעגן אָפט פאַרבלייבן מיט מיר אין שול נאָך די קלאַסן צו קאָרעגירן מיינע קאָמפּאָזיציעס און אַרויסהעלפן מיר אין דער אַרבעט. און אַזוי האָט פּאַסירט, אַז אין משך פון איין יאָר צייט האָב איך גראַדואירט פון דער עלעמענ־טאַרער שול און אויף דעם צווייטן יאָר בין איך אַריין אין אַ שול פאַר העכערע לימודים. איך האָב אָבער ניט פאַרגעזעצט מיין לערנען אין שול, נאָר אָנשטאָט דעם זיך אַליין גענומען פלייסיק לערנען דורך לייענען ביכער

וועגן אמעריקאנער געשיכטע און ליטעראטור, געגאנגען צו לעקציעס, פא־רומס, וואס זיינען אנגעפירט געווארן אויף דער ענגלישער שפראך.

באסטאן

באסטאן איז געווען מיין ערשטע גרויסע שטאט אין אמעריקע, מיט וועלכער איך האב זיך באקענט. באסטאן איז בארימט אלס „היסטארישע שטאט": מען טרעפט דארט א סך דענקמעלער, היסטארישע געביידעס מיט מעטאלענע טאוולען אויף זיי, מיט אויפשריפטן וואס דערציילן וועגן דער גרויסער ראל וואס באסטאן האט געשפילט אין דער אמעריקאנער רעוואלוציע פאר אומאפהענגיקייט און שפעטער — אין קאמף קעגן נעגער־שקלאפעריי.

וועגן באנקער־היל דענקמאל האב איך שוין געשריבן פריער. איצט וועגן נאך א היסטארישער וויכטיקער געשעעניש וואס איז פארבונדן מיט באסטאן, וואו — עס שטייט נאך די קירכע, די „אלד סאוט טשוירטש", וואו א גרופע קאלאניסטן האט זיך פארזאמלט און באשלאסן דורכצופירן די בארימטע „טי פארטי" (טיי־צוזאמענקונפט) — אריינווארפן אין ים די קאסטנס מיט טיי, וואס זיינען אנגעקומען פון ענגלאנד, אלס פראטעסט קעגן די אומגערעכטע שטייערן, וואס די ענגלישע רעגירונג האט ארויפ־געלייגט אויף די אמעריקאנער קאלאניעס, וועלכע זי האט באהערשט.

עס שטייט נאך די קירכע אויף סעילעם גאס, וואו עס זיינען אנגעצ־האנגען געווארן לעמפלעך אויפן שפיץ פון דער קירכע, צו געבן דעם סימן פאול רעווירן, די רעוואלוציאנערן, זיי זאלן וויסן פון וואנען דער שונא קומט אן, כדי אים צו באגעגענען. עס איז נאך דא דער היסטארי־שער „פעניועל האל", א געביידע נאך פון פאר דער רעוואלוציע, וואו דזשארדזש וואשינגטאן האט געהאלטן זיינע פארזאמלונגען. שפעטער, אין צייט פון בירגער־קריג, האבן ווענדעל פיליפס, דעניעל וועבסטער און אנדערע דארט געהאלטן רעדעס קעגן נעגער־שקלאפעריי.

איך בין געגאנגען איבער די גאסן פון באסטאן, געזען א זאל געוויד־מעט דעם אנדענק פון טאמאס פעין, איינער פון די פאטערס פון דער אמע־ריקאנער רעוואלוציע. „פעין מעמאריאל האל", האט ער געהייסן. איבער דעם אריינגאנג איז געווען אויסגעקריצט פעינס א בארימטער לאזונג: „מיין לאנד איז די וועלט, צו טאן גוטס איז מיין רעליגיע".

דער זאל איז טאקע א לאנגע צייט געניצט געווארן אלס א פארזאמ־לונגס־פלאץ, וואו לעקציעס פון פריידענקער און פון ליבעראלן פלעגן געגעבן ווערן.

איך האב געזען די דענקמעלער פאר די פרייהייטס־קעמפער קעגן שקלאפעריי, — די דענקמעלער פון וויליאם לאיד גאריסאן, אויף דער

שיינער קאַמאַנוועלט עווענו, מיט דער איינגעקריצטער אויפשריפט, זיין מאָטאָ: „מיין לאַנד איז די וועלט, מיינע לאַנדסלייט — די גאַנצע מענטשהייט".

איך האָב געזען דעם דענקמאָל פון װענדעל פיליפס, דעם קעמפער קעגן שקלאַפעריי. איך האָב געלייענט די ביאָגראַפיעס פון די דאָזיקע פרייהייט־קעמפער און עס האָבן זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון די ווערטער פון וויליאַם לאָיד גערריסאָן וועגן דעם וואָס אַמעריקע דאַרף זיין.

גערריסאָן האָט געשריבן: „די ליכטיקסטע שטריכן אין דעם אַמעריקאַנער כאַראַקטער וועלן קריגן זייער גלאַנץ ניט פון די לאָרבער־קראַנצן וואָס מען וועט אויפקלייבן אויף די פעלדער פון בלוט, און ניט פון דער גרויסקייט פון אונדזער ים־פלאָט און דעם דערפאָלג פון אונדזער אַרמיי, נאָר פון אונדזער אָנשטרענגונג אָפּצושאַפן מלחמה אויף דער וועלט... פון פאַרשפרייטן די ליכט פון וויסנשאַפט און רעליגיעזער פרייהייט דאָרט וואו פינצטערניש און אַבערגלויבן הערשט."

איך האָב געלייענט אין דער ביאָגראַפיע פון װענדעל פיליפס, אַז ער האָט זיך ניט באַנוגנט מיט זיין קאַמף קעגן שקלאַפעריי, נאָר אַז נאָך דעם בירגער־קריג איז ער געווען אַן אָנפירער פון אַן אַרבעטער־פּאַרטיי אין מאַסאַטשוסעטס אין יאָר 1878: ער איז געווען אַ קאַנדידאַט פאַר גאָווערנאָר אויף אַ פּלאַטפאָרמע וואָס האָט געפאָדערט די אָפּשאַפונג פון לוין־סיסטעם און געבן די אַרבעטער די פּראָדוקטן פון זייער אַרבעט.

און אַזוי האָב איך געקראָגן אַ באַגריף, אַז אַמעריקע איז אַ לאַנד מיט הערלעכע טראַדיציעס פאַר פרייהייט און דעם וואוילזיין פון מענטשן: איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין אַן אָרגאַניזאַציע פון יונגעלייט וואָס האָט זיך דאַן געגרינדעט אין טשעלסי: „די יאַנג מענס היברו אַסאָסיאיישאָן", וועמעס צוועק איז געווען צו אַמעריקאַניזירן די יידישע אימיגראַנטן וועלכע פלעגן דאַן אָנקומען אין מאַסן אין אַמעריקע.

איך בין אַריין אין דעם אויספיר־קאָמיטעט פון דער אָרגאַניזאַציע און זיך שטאַרק באַטייליקט אין די טעטיקייטן, אויך אין די דעבאַטעס וואָס פלעגן דאָרט אָנגעפירט ווערן וועגן פאַרשיידענע פּאָליטישע פראַגן. איך בין אויך געווען געשטימט ציוניסטיש, כאָטש קיין מיטגליד פון אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע בין איך נישט געווען. איך פלעג אָבער באַזוכן פאַרזאַמלונגען און אונטערנעמונגען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

אַן אַנדער אַמעריקע

איך האָב אָבער גענומען זיך מער צוקוקן צום לעבן אין אַמעריקע, זען די ווירקלעכקייט, די אָרעמקייט וואָס הערשט ביי דעם גרעסטן טייל פון דער באַפעלקערונג; געזען ווי די אַרבעטער אין די פאַבריקן ווערן

עקספלואַטירט; דערוואוסט זיך אַז אַפילו קינדער שקלאַפן אין די פאַבריקן און די רעגירונג טוט גאָר ניט צו העלפן די נויטבאַדערפטיקע, נאָר שטערט די אָרעמע, ווען זיי פּרואוון דורך סטרייקס צו פאַרבעסערן זייער לאַגע. איך האָב געהאַט די דערפאַרונג צו ליידן צוזאַמען מיט די גרויסע מאַסן אין אַ צייט פון אַ סטרייק.

דאָס איז געווען אין יאָר 1902, עס איז געווען אַ ביטערער סטרייק פון די קוילן־גרעבער. קוילן זיינען אין יענע יאָרן געווען אַ לעבנסנויטיקייט אין יעדן הויז; דער איינציקער מיטל צו אָנוואַרעמען דאָס הויז און אָפּקאָכן אַ געקעכץ.

עס איז געווען אַ קאַלטער ווינטער, די קוילן־מאַגנאַטן האָבן ניט דערלאָזן די אַרבעטער צו אָרגאַניזירן זיך און אויך ניט געוואָלט נאָכגעבן זייערע פאָדערונגען. זיי האָבן געזאָגט אַז סטרייקס ווערן נאָר אַרויסגערופן דורך אויסלענדישע אַגיטאַטאָרס... ס'איז געוואָרן אַ מאַנגל אין קוילן, אָרעמע מענטשן פלעגן אָפּשטיין גאַנצע טעג אַרום די סקלאַדן צו קאָנען קויפן אַ זעקל קוילן און עס אַוועקנעמען אַהיים.

מיר איז אויסגעקומען צו שטיין אַזוי אין קאַלטע טעג, וואַרטנדיק אויף דער געלעגנהייט צו קריגן אַביסל קוילן. איך האָב איינגעזען די אומגערעכטיקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. איך האָב געזען אַז יידישע אַרבעטגעבער זיינען נישט אַנדערש ווי ניט יידישע.

איך האָב אויך געהאַט די געלעגנהייט צוצוזען און נאָכדעם זיך באַטייליקן אין הילף פון אַ סטרייק פון שמאַטע־רייסער. טשעלסי האָט געהאַט אַ סך אַזעלכע פאַבריקן, וואו אויפגעקליבענע אַלטע קליידער פלעגט מען צערייסן אויף שטיקלעך און נאָכדעם אַוועקשיקן פאַר אַנדערע געברויכן. דאָס איז געווען אַ שמוציקע אַרבעט. די אייגנטימער פון די פאַבריקן זיינען געווען יידן און די אַרבעטער — אָרעמע יידישע מענטשן, וועלכע זיינען שטאַרק עקספּלואַטירט געוואָרן.

די אַרבעטער זיינען אַרויס אין סטרייק. איך האָב צוגעזען ווי די באַלעבאַטים, וועלכע האָבן פּרעטענדירט צו זיין פרומע יידן, האָבן אַראָפּגעבראַכט איטאַליענישע סטרייק־ברעכער און געגנסטער צו ברעכן דעם סטרייק.

איטאַליענישע סאָציאַליסטן זיינען געקומען ריידן צו די איטאַליענער, זיי זאָלן ניט זיין קיין סטרייק־ברעכער. דאָס האָט מיר געגעבן אַ לעקציע אין קלאַסן־קאַמף. איך האָב איינגעזען אַז די ווירקלעכע אַמעריקע איז ניט די אַמעריקע, פון וועלכער איך האָב געלייענט אין די געשיכטע־ביכער און געזען אין די לאָזונגען אויף די דענקמעלער אויף די באָסטאָנער גאַסן און פּאַרקן. איך האָב זיך גענומען אינטערעסירן מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

בעלאַמיס בוך

איך האָב געלייענט אַ סך אַמעריקאַנער ליטעראַטור. אַ גרויסע ווירקונג האָט אויף מיר געהאַט עדוואַרד בעלאַמיס באַרימטער בוך „לוקינג בעקוואַרד" (אין יידיש האָט עס געהייסן „אין הונדערט יאָר אַרום"). דאָס איז געווען אַ פאַנטאַזיע פון דעם שרייבער וועגן אַ באָסטאָנער איינוואוינער, מר. וועסט, וואָס איז געגאַנגען שלאָפן אין יאָר 1887 און איז אָפּגעשלאָפן ביז דעם יאָר 2000, ווען ער האָט געפונען אַן אַנדער סאָציאַלן סיסטעם, וואו מענטשן לעבן גליקלעך. ער האָט עס צוגעגליכן צו דער פריערדיקער סיסטעם, וואו עס האָט עקזיסטירט עקספּלואַטאַציע, מלחמה און אָרעמקייט. עס ווערט פאַרגעשטעלט אַז דער מר. וועסט גייט שלאָפן און כאַפּט זיך ווידער אויף און געפינט אויס אַז דאָס איז געווען בלויז אַ חלום. אין דער ווירקלעכקייט איז ער גאָר צוריק אין יאָר 1887 און ער זעט ווידער די אַלע צרות, וואָס ער האָט געזען אידער ער איז געגאַנגען שלאָפן. גייט ער אַרום איבער די גאַסן און פרעגט, פאַרוואָס קאָן איצט ניט זיין אַזאַ שיינע באָסטאָן, ווי ער האָט געזען אין חלום.

דער בוך האָט דאַן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף גרויסע שיכטן פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג. קלובן און סאָסאייעטיס זיינען געגרינדעט געוואָרן צו פּרעדיקן און פּראַקטיצירן בעלאַמיס אידייען.

איך בין געווען באַגייסטערט פאַר בעלאַמיס בוך „לוקינג בעקוואַרד", און, ווי דער העלד פון זיין בוך, זיך געפרעגט: וואָרום קענען מיר טאַקע ניט האָבן אַ גליקלעכן סאָציאַלן סיסטעם ווי בעלאַמי האָט עס פאַרגעשטעלט אין זיין פאַנטאַזיע? איך האָב גענומען באַזוכן סאָציאַליסטישע לעקציעס, געלייענט סאָציאַליסטישע ליטעראַטור און אין 1903 זיך אָנגעשלאָסן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין טשעלסי.

ווען פּרעזידענט מעקינלי איז דערמאָרדעט געוואָרן

דאָס איז געווען אין יאָר 1901. איך האָב דאַן געוואוינט אין טשעלסי, אַ פאָרשטעטל פון באָסטאָן.

איך בין געזעסן ביי אַ לעקציע אין אַן אָווענט־שול, ווען אַ מאַן איז אַריינגעקומען און אָנגעזאָגט די נייעס אַז פּרעזידענט מעקינלי איז דעם נאָכמיטאָג געשאָסן געוואָרן אין באָפאַלאָ, ניו יאָרק.

קיין ראַדיאָ און טעלעוויזיע זיינען נאָך דעמאָלט ניט געווען, האָט

זיך דער עולם אַרויסגעלאָזט אין די גאַסן צו הערן איינער פון אַנדערן די נייעס וועגן דער שרעקלעכער פּאַסירונג.

אַ גרויסער עולם האָט זיך פאַרזאַמלט אַרום די ציַיטונגס־געביידעס אין באָסטאָן, וואו מען האָט געוואַרט אויף בולעטינס, וואָס די ציַיטונגען האָבן אַרויסגעשטעלט אין די פענצטער און אויסגעהאַנגען אויף די דרויסנ־דיקע ווענט פון זייערע געביידעס איידער די ציַיטונג איז אַרויס אין גאַס.

די ערשטע נייעס איז געווען, אַז עס זיינען דאָ האָפענונגען אַז דער פּרעזידענט וועט בלייבן לעבן; מען האָט אויף אים געמאַכט אַן אָפּעראַציע, אַרויסגענומען איין קויל פון קערפּער און ער פילט זיך בעסער. אָבער עס זיינען אַוועק אַכט טעג און מעקינלי איז געשטאָרבן.

וויליאַם מעקינלי איז געווען דער 25טער פּרעזידענט פון די פאַר־איייניקטע שטאַטן. ער איז געווען אַ רעפּובליקאַנער און אַ רעאַקציאָנער. ער איז דערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט אין 1896 און ווידערדערוויילט געוואָרן אין 1900 אַלס דער קאַנדידאַט פון די מאָנאָפּאָליסטן און שונאים פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער. זיין קעגן־קאַנדידאַט איז געווען וויליאַם בראַיען, וועלכער איז געווען געשטיצט פון ליבעראַלן און פון דער אַרבע־טער־באַוועגונג.

מעקינלי האָט אויך אין זיין טערמין דורכגעפירט אַן אימפּעריאַליס־טישע מלחמה קעגן שפּאַניע. דאָס איז, נאָך דער מיינונג פון די פּראָגרע־סיווע עלעמענטן אין יענער צייט, געווען אַן אומנויטיקע מלחמה, ווייל שפּאַניע איז געווען צופרידן אַ סך נאָכצוגעבן כדי אויסצומיידן אַ מלחמה. מעקינלי איז ניט געווען פּאָפּולער צווישן די מאַסן. דאָך האָט זיין טויט דורך דער האַנט פון אַ מערדער, אַרויסגערופן טרויער איבערן לאַנד און פאַרדאַמונג קעגן דעם מערדער.

מעקינליס בילד, איינגערעמט אין שוואַרצן, איז געווען אַרויסגעשטעלט אין די פענצטער פון די קראָמען און אויסגעהאַנגען אויף געביידעס. גרויסע טרויער־מיטינגען זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן. צו דער לוויה אין וואַשינגטאָן איז געקומען אַזאַ גרויסער עולם אַז די פּאָליציי האָט ניט געקאָנט קאָנ־טראָלירן די מאַסן און די גלעזערנע טירן פון קעפּיטאָל זיינען איינגע־בראָכן געוואָרן; אַרום פערציק מענטשן זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן, אייניקע צעטראָטן אויף טויט.

מעקינלי איז דערשאָסן געוואָרן דעם 6טן סעפּטעמבער, 1901, ווען ער איז געווען אויף אַ באַזוך אין באָפאַלאָ, ניו יאָרק, צו אַן אויסשטעלונג. ער האָט געדריקט די הענט פון מאַסן מענטשן, וועלכע זיינען געקומען אים באַגריסן.

לעאָן טשאָלגאָש, 28 יאָר אַלט, אַ זון פון אַ פּוילישן אימיגראַנט, איז געקומען ספּעציעל פון קליוולאַנד, איז אַריין אין דעם זאַל וואו דער פּרע־

זידענט האָט זיך געפונען און איז צוגעקומען צום פּרעזידענט, מיט איין האַנט געדריקט דעם פּרעזידענטס האַנט און מיט דער צווייטער האַנט וואו ער האָט געהאַלטן אַ רעוואָלווער און די האַנט פאַרוויקלט מיט אַ פּאַטשיילע, אַריינגעשאָסן צוויי קוילן אין דעם קערפּער פונם פּרעזידענט.

די וועכטער האָבן באַלד געכאַפּט טשאָלגאָשן און אים גענומען שלאָגן. דער פּרעזידענט, אַ פאַרוואונדעטער, האָט גערופן מען זאָל זיין פאָרזיכטיק מיט דעם אָנגרייפער. טשאָלגאָש האָט זיך פאַרטיידיקט. ער האָט דערקלערט פאַר דער פּרעסע, אַז ער האָט געהרגעט דעם פּרעזידענט, ווייל דער פּרעזידענט איז אַ שונא פון פאָלק; אַז ער, טשאָלגאָש, איז אַן אַנאַרכיסט און ער האָט געטאָן זיין פליכט. ער האָט אויך געלויבט די אַנאַרכיסטישע פירערין פון יענער צייט, עמאַ גאָלדמאַן, וועמעס לעקציעס ער האָט באַזוכט.

ביי זיין פּראָצעס האָט טשאָלגאָש ניט געבראַכט קיין עדות זיך צו פאַרטיידיקן און איז אַליין אויך ניט אויפגעטראָטן פאַר זיך אַלס עדות. אויף אַלע פראַגן, וואָס מען האָט אים געשטעלט, האָט ער ניט געענטפערט. ער האָט געשוויגן.

אין קעימברידזש, מאַסאַטשוסעטס, איז אַ המון באַפאַלן אַ קראָם פון אַ יידישן שוסטער, צעבראָכן די שויבן, אים געשלאָגן. ער האָט זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן. זיין חטא איז געווען: ער האָט זיך אויסגעדריקט פאַר אַ קונה, אַז מעקינלי איז ניט בעסער ווי יעדער פּשוטער מענטש, וואָס ווערט געהרגעט און אַז מען דאַרף ניט מאַכן אַזאַ רעש. דער קונה איז באַלד אַרויס אין גאַס, האָט צוזאַמענגעשלעפּט מענטשן און געמאַכט דעם אָנפאַל. דער שוסטער איז פאַרשוואונדן פון דער געגנט.

די פּאָליציי איז באַפאַלן אַנאַרכיסטן און סאָציאַליסטן און זיי אַרעסטירט, און האָט פאַרווערט מיטינגען. אין פילאַדעלפיע איז אפילו אַ מיטינג פון אַ קאָאָפּעראַטיווער געזעלשאַפט פאַרבאָטן געוואָרן. מען האָט אויך אַרעסטירט דעם אַנאַרכיסטישן פירער פון יענער צייט, יאָהאַן מאָסט, אַ רעדאַקטאָר פון אַן אַנאַרכיסטישער צייטונג.

מאָסט האָט צופעליק, דעם 5טן סעפּטעמבער, אַ טאָג פאַרן אָנפאַל אויף פּרעזידענט מעקינלי, אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל מיטן נאָמען: „מאָרד קעגן מאָרד". דאָס איז געווען אַן אַרטיקל, געשריבן פון איינעם קאַרל היינצען, מיט יאָרן צוריק, וואו דער שרייבער האָט אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק אַז יעדע מאַכט שטיצט זיך אויף גוואַלט-מעשים און מאָרד, און ער האָט באַרעכטיקט דאָס באַנוצן זיך מיט מאָרד און גוואַלט-מעשים צו באַפרייען דאָס פאָלק פון דעספּאָטישע הערשאַפטן.

יאָהאַן מאָסט האָט געהאַט דעם אַרטיקל ווי אַ שטענדיקע „פּיטשור" און האָט אים פריער עטלעכע מאָל אָפּגעדרוקט אין זיין צייטונג. איצט איז עס אָבער אַרויסגעקומען, צופעליק, פּונקט ערב דעם אָנפאַל אויף

מעקינלין. די פּאָליציי האָט געוואָלט פאַרבינדן טשאָלגאָשעס טאָט מיט דער פּראָפּאַגאַנדע פון יאָהאַן מאָסט.

מאָריס הילקווית, אַליין אַ קעגנער פון אַנאַרכיזם, האָט זיך אונטער־גענומען צו פאַרטיידיקן מאָסטן. ער האָט אין געריכט געטענהט, אַז דער אַרטיקל, וואָס איז געשריבן געוואָרן מיט אַרום 50 יאָר פריער, איז געווען געצילט קעגן די אייראָפּעישע דעספּאָטישע זעלבסטהערשער פון יענער צייט און האָט ניט קיין שייכות מיט אַמעריקע, און אַז מאָסט ווערט פאַרפאָלגט פאַר זיינע פּאָליטישע מיינונגען.

די דזשורי האָט זיך באַראָטן 29 מינוט און געפונען טשאָלגאָשן שולדיק אין מאָרד. ער איז פאַרמשפּט געוואָרן געטויט צו ווערן דורך דעם עלעק־טרישן שטול. די הינריכטונג איז דורכגעפירט געוואָרן דעם 29טן אָקטאָ־בער 1901. צווישן די אַנאַרכיסטן פון יענער צייט האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבן געגלויבט אין „פּראָפּאַגאַנדע דער טאָט". דאָס הייסט, אַז עס איז גוט פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע פון אַנאַרכיזם ווען מען דערמאָרדעט אַ הערשער, אָדער אַזוי אַ פּראָמינענטע פּערזאָן פון דער קאַפּיטאַליסטי־שער געזעלשאַפט, ווייל דאָס מאַכט די וועלט צו ריידן וועגן אַנאַרכיזם מער ווי פיל פלוג־בלעטלעך אָדער צייטונגען קענען אויפטאָן. אַזעלכע האָבן וואַרשיינלעך באַרעכטיקט טשאָלגאָשעס אַקט. עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבן געהאַלטן טשאָלגאָשעס בילד אין זייערע הייזער און אים באַטראַכט אַלס אַ פרייהייטס־קעמפער און אַ העלד.

עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן אין ניו יאָרק צוויי אַנאַרכיסטן — דזשאָ־זעף מאַנאַט און פרענק קאַריזאַ פאַר אויסשרייען אין גאַס: „לאַנג לעבן זאָל טשאָלגאָש". אָבער די מערסטע אַנאַרכיסטן האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון טשאָלגאָשן און פאַרדאַמט זיין האַנדלונג. אַן אַנאַרכיסטישער זשורנאַל האָט מיט פינף טעג פאַר דער דערמאָרדונג פון מעקינלין באַצייכנט טשאָל־גאָשן אַלס אַ פאַרדעכטיקע פּערזאָן און געוואָרנט, אַז מען זאָל זיך היטן פאַר אים, ווייל ער איז מעגלעך אַ שפּיאָן.

די אַנאַרכיסטישע פירערין עמאַ גאָלדמאַן, וועמען מען האָט אַרעס־טירט נאָך דעם מאָרד פון מעקינלין און מען האָט געוואָלט פאַרבינדן זי מיט דעם מערדערישן אַקט, האָט דערקלערט, אַז ווען טשאָלגאָש וואָלט געווען אַן אמתער אַנאַרכיסט און וואָלט זיך צוגעהערט צו אירע רעדעס, וואָלט ער דעם אַקט ניט באַגאַנגען, ווייל די אַנאַרכיסטן פּריידיקן ניט טעראָר קעגן דעם איינצעלנעם, נאָר קעגן דער סיסטעם. די פּרעסע און די רעגירונג האָבן אָבער אָנגעהויבן אַ טעראָר־קאַמפּאַניע קעגן אַנאַר־כיסטן, סאָציאַליסטן און קעגן פרעמד־געבוירענע. אַ געשלעג איז פאָרגע־קומען לעבן דעם אָפיס פון דער יידישער „פרייע אַרבעטער שטימע" אין

ניו יאָרק, דעם 14טן סעפּטעמבער, 1901. די פּענצטער און די טירן פון אַפּיס זיינען צעבראָכן געוואָרן פון אַן אויפגעהעצטער מאַסע.

דער אַרבעטער רינג האָט געשטיצט מיט געלט מאָסטס פּאַרטיידיקונג. אויף זיין 2טער קאָנווענשאָן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַנהויב מאַי 1902, איז אָנגענומען געוואָרן אַ שאַרפע רעזאָלוציע צו פּראָטעסטירן קעגן די פאַרפאָלגונגען אויף יאָהאַן מאָסטן. די רעזאָלוציע דערקלערט אַז מיט פאַרפאָלגן מאָסטן זוכט מען ניט צו טרעפן דעם אַנאַרכיזם, נאָר „צו אונטערדריקן דעם וואַקסנדיקן ווידערשטאַנד־געפיל פון דעם אַרבעטער־קלאַס קעגן די סקאַנדאַליעזע רויבעריען פון קאָנצענטרירטן קאַפּיטאַל".

די רעזאָלוציע זאָגט ווייטער, אַז דער אַרבעטער רינג באַדויערט וואָס פיל אַרבעטער באַגרייפן ניט, אַז מיט זייער אונטערשטיצן די געשרייען כלומרשט קעגן „אַנאַרכיזם", העלפן זיי זייערע בלוטזויגער צו מאַכן עס פאַר אַ פאַרברעכן צו זיין אומצופרידן מיט די אומגערעכטיקייטן וואָס זיי ליידן פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. די רעזאָלוציע פאָדערט אויף די אַרבעטער „זיך ניט לאָזן אָפּשרעקן פון די ווילדע אונטערדריקער, נאָר פאַרקערט, זיך דערפון מער איבערצייגן אין דער נויטווענדיקייט פאַר די אַרבעטער איבערצונעמען די הערשאַפט פון לאַנד אין זייערע אייגענע הענט און מאַכן אַ סוף צו דער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט".

יאָהאַן מאָסט איז פאַרמשפּעט געוואָרן צו אַ יאָר טורמע. אַ פעדעראַלער געזעץ איז דורכגעפירט געוואָרן, וואָס פאַרבאָט אַנאַרכיסטן אריינצוקומען אין לאַנד, אָדער ווערן בירגער פון לאַנד. שטרענגע געזעצן קעגן אַנאַרכיסטן זיינען אָנגענומען געוואָרן אין פאַרשידענע שטאַטן פון לאַנד.

מיין טעטיקייט אין טשעלסי

באַלד ווי איך בין געוואָרן אַ מיטגליד אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, בין איך געוואָרן זייער טעטיק אין דער אָרגאַניזאַציע. צווישן די וויכטיקע אַרבעטן מיינע, זיינען געווען דאָס אַרויסטרעטן ווי אַ רעדנער אויף פאַרזאַמלונגען און גאַסן־מיטינגען וואָס די פּאַרטיי האָט אָרגאַניזירט. איך בין אויך אַרויסגעשטעלט געוואָרן ווי אַ קאַנדידאַט פאַר אַ שטאַט־ראַטמאַן (אָלדערמאַן) אין 1906. אין דעם יאָר וואָס איך בין געוואָרן אַ בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן. שפּעטער בין איך געוואָרן קאַנדידאַט פאַר אַנדערע פּאָליטישע אַמטן. איך האָב אָפּגעגעבן מיין מערסטע פרייע צייט פאַר דער פּאַרטיי און בין געווען זייער פּאָפּולער.

טשעלסי איז דעמאָלט געווען אַ שטעטל מיט אַ גרויסער יידישער באַפעלקערונג וואו עס האָט געקאָכט מיט לעבן, מיט געזעלשאַפטלעכע

טעטיקייטן אויף פארשידענע געביטן, כאטש עס איז געווען אזוי נאענט צו באסטאן, וואו עס האט עקזיסטירט א יידישער טעאטער, האט טשעלסי אויך פארמאגט אן אייגענעם יידישן טעאטער, וואו בערל און העלען בער־נאדי, די עלטערן פון דעם איצטיקן ענגלישן פאפולערן בינע, ראדיא און פילם שפילער הערשל בערנאדי זיינען געווען צווישן די הויפט שפילער.

די גאסן פון טשעלסי, איבערהויפט אין די אוונטן, זיינען דעמאלט געווען פול מיט לעבן. סאציאליסטן, אנארכיסטן, סאציאליסטן רעוואלוציאנערן, פועלי־ציוניסטן און טעריטאריאליסטן. די טעריטאריאליסטן האבן גע־גלויבט און געפריידיקט אז מען זאל קריגן אירגענד וואו א טעריטאריע פאר א יידישער מלוכה, נים דווקא ארץ־ישראל. זיי האבן אנגעפירט א שארפן קאמף קעגן די פועלי־ציוניסטן, וועלכע האבן געגלויבט נאר אין ארץ־ישראל אלס א יידישע מלוכה.

עס זיינען אויך געווען היציקע דעבאטן צווישן די אנהענגער פון דער „סאשעליסט לעיבאר פארטי״, די עלטערע פארטיי געגרינדעט אין 1877, און סאשעליסט פארטיי״, געגרינדעט אין 1901 דורך א שפאלטונג אין דער ס.ל.פ. די ס.ל.פ. האט נים געגלויבט אין פאדערן רעפארמען (באלדיקע פארבעסערונגען) וואס זי האט באטראכט אלס א מיטל צו פארלאטעווען דעם קאפיטאליסטישן סיסטעם. זי האט אויך נים געגלויבט אין טרייד יוניאנס, סיידן אזעלכע וועלכע פאדערן די אפשאפונג פון דעם קאפיטאליסטישן סיסטעם, און צוליב דעם, הויפטזעכלעך, איז פארגע־קומען די שפאלטונג. איך בין געווען פאר א פאראייניקונג פון די צוויי סאציאליסטישע פארטייען און געווען טעטיק אין א קאמיטעט וועלכער האט זיך געשאפן עס דורכצופירן. עס האט זיך אבער אויסגעלאזט מיט גארנישט. די דעבאטן ארום די דאזיקע פראגן, אין וועלכע איך האב זיך באטייליקט, זיינען געווען זייער לעבעדיקע און היציקע. דאס איז געווען די קאכעדיקע צייט אין יידישן לעבן אין טשעלסי.

די גרינדונג פון יידישע ברענטשעס אין דער סאציאליסטישער פארטיי

ווען איך האב זיך אנגעשלאסן אין דער סאציאליסטישער פארטיי זיינען נאך קיין יידישע ברענטשעס (אפטיילונגען) פון דער פארטיי אין מאסאטשוסעטס נים געווען און זייער וויניק אויך איבערן לאנד. צוליב דער גרויסער יידישער באפעלקערונג אין טשעלסי האט דער ארטיקער פארטיי קלוב באשלאסן צו גרינדן א „יידיש־שפרעכענדן״ ברענטש, כדי

בעסער צו דערגרייכן די יידישע מאסן מיט דער סאציאליסטישער פראפא־גאנדע. איך בין באשטימט געווארן צוזאמען מיט נאך א מיטגליד, אן אמעריקאנער מיטן נאמען אוטראם צו גרינדן אזא ברענטש. איך בין גע־ווארן דער סעקרעטאר פון ברענטש. מיר האבן אבער באגעגנט שטארונגען מצד דעם ראיאן־קאמיטעט פון דער פארטיי, וועלכער האט זיך אנטזאגט צו געבן אונדז א טשארטער, באשולדיקנדיק אונדז אין „נאציאנאליזם" און אין שאפן א באוועגונג קעגן סאציאליזם. מיר האבן געדארפט אנפירן א שווערן קאמף ביז מיר האבן אויסגעווירקט צו קריגן א טשארטער.

מיר האבן נאכדעם ארגאניזירט נאך ברענטשעס אין די ארומיקע שטעט און צוזאמענגעשטעלט א סטייט־קאמיטעט פאר מאסאטשוסעטס מיט ש. יגדל, דער שפעטערדיקער סעקרעטאר פון „אינדעפענדענט ארבעטער רינג", אלס דער ערשטער סעקרעטאר פון דעם סטייט־קאמיטעט פון יידיש־שפרעכנדע ברענטשעס פון דער סאציאליסטישער פארטיי פון מאסא־טשוסעטס.

מיט א יאר שפעטער איז אפגעהאלטן געווארן אן אלגעמיינע פאר־זאמלונג פון די ארגאניזירטע יידישע ברענטשעס, אויף וועלכער איך בין דערוויילט געווארן אלס דער סטייט־סעקרעטאר. דעם אמט האב איך אנגע־האלטן איינעקע יאר.

דער סטייט־קאמיטעט האט אויף זיך גענומען די אויפגאבע ארויס־צוהעלפן די עקזיסטירנדע יידישע ברענטשעס אין זייער טעטיקייט און ארגאניזירן נייע יידישע ברענטשעס אין אלע שטעט פון מאסאטשוסעטס וואו עס איז דא א גענוגנדע יידישע באפעלקערונג.

עס איז ניט געווען קיין גרינגע ארבעט. מיר האבן געדארפט קלאפן אין טירן, באזוכן סימפאטיקער אין זייערע היימען, אפטמאל אין ווייטע שטרעקעס איינער פון דעם אנדערן, און ניט זעלטן אין שלעכטע וועטערן. דער עיקר אבער איז געווען די אגיטאציע, ריידן צו זיי וועגן דער וויכטי־קייט פון א יידישן ברענטש פון דער ס.פ. אין זייער שטעטל. אזוי ארום האבן מיר ארגאניזירט ברענטשעס אין כמעט אלע שטעטלעך פון מאסא־טשוסעטס. שפעטער זיינען אויך ארגאניזירט געווארן ברענטשעס אין די ארומיקע שטאטן און פון דעם איז ארויסגעקומען א ניו־ענגלאנד־ארגאני־זאציע פון יידישע ברענשעס פון דער סאציאליסטישער פארטיי.

די דאזיקע ארגאניזאציעס האבן צוזאמען מיט אנדערע יידישע ברענ־טשעס, וועלכע האבן זיך געגרינדעט אין ראטשעסטער, ניו יארק און אין אנדערע שטעט זיך פאראייניקט און געגרינדעט אין 1909 אין ראַ־טשעסטער א נאציאנאלע ארגאניזאציע: די „יידישע אגיטאציאנס־ביורא", וואס איז געווען פארגייערן פון דער „יידישער סאציאליסטישער פעדע־ראציע".

אַלס דער סטייט־סעקרעטאַר פון מאַסאַטשוסעטס, האָב איך געהאַט די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן לעקציעס און אונטערנעמונגען אין די פאַר־שידענע שטעטלעך פון אונדזער שטאַט.

די יידישע אַגיטאַציאָנס ביוראָ האָט אַרויסגעשיקט לעקטאָרס איבערן לאַנד און איך האָב אַ צאָל פון זיי אַראַנזשירט פאַר מאַסאַטשוסעטס און אויך פאַר דער דערבייאיקער ראָוד איילאַנד. איך בין מיטגעפאָרן מיט זיי אין אַלע שטעטלעך, אַראַנזשירט די מיטינגען אין מערסטע פּלעצער און אָפּט אויך געווען דער פאָרזיצער אויף די דאָזיקע מיטינגען.

איינער פון די לעקטאָרס, וועמען איך האָב אַנגאַזשירט פאַר מאַסאַ־טשוסעטס, איז געווען ב. וולאַדעק, דער שפּעטערדיקער נאַציאָנאַלער פאַר־וואַלטער פון „פאָרווערטס".

וולאַדעק איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1908. ער איז געווען אַ גלענצענדער רעדנער וועלכער פלעגט באַצויבערן זיינע צוהערער. מען האָט אים גערופן אין רוסלאַנד „דער יונגער לאַסאַל", נאָך דעם נאָמען פון באַרימטן סאָציאַליסטישן פירער אין דייטשלאַנד, פערדינאַנד לאַסאַל, וועלכער איז געווען אַ גרויסער אָראַטאָר. איך האָב אַראַנזשירט די מיטינ־גען פאַר וולאַדעקן, אַרומגעפאָרן מיט אים און שפּעטער פאַרבראַכט מיט אים ביי אינטימע צונויפקומען אין היימען פון די חברים אין די שטעט.

וולאַדעקס לעקציעס זיינען אומעטום געווען אַ גרויסער דערפאָלג און געבראַכט גוטע רעזולטאַטן. וולאַדעק, ווי פיל אַנדערע אַריבערגעקומענע סאָציאַליסטן פון אייראָפּע, איז געווען זייער ניט צופרידן מיט דעם סאָציאַ־ליזם פון „פאָרווערטס", ווי דער „פאָרווערטס" ברענגט אים אַרויס. וולאַדעק פלעגט זיין מיינונג אויסדריקן ביי די אינטימע מיטינגען. דער „פאָר־ווערטס" האָט אים אָבער שפּעטער אַריינגענומען פריער אַלס לאָקאַלן פאַרוואַלטער פון „פאָרווערטס" אין פילאַדעלפיע און נאָכדעם אַריבערגע־נומען אים קיין ניו יאָרק, וואו ער איז געוואָרן דער נאַציאָנאַלער פאַר־וואַלטער פון „פאָרווערטס".

צום שבח פון ב. וולאַדעקן מוז מען זאָגן, אַז כאָטש ער איז געווען איינער פון די פירער פון די יידישע סאָציאַליסטן אין אַמעריקע צוזאַמען מיט די „פאָרווערטס" גענאָסען, איז ער אָבער ניט אַלעמאָל געווען איינ־שטימיק מיט דער ליניע פון אייב קאַהאַנען, דעם רעדאַקטאָר פון „פאָר־ווערטס", און נאָך דער שפּאַלטונג אין ס.פּ. ווען דער „פאָרווערטס" האָט געמאַכט „רויט־יעגעריי" פאַר זיין הויפּט אויפגאַבע, איז וולאַדעק, כאָטש אַ קעגנער פון קאָמוניזם, ניט געווען אַזאַ רויט־יעגער און אין די לעצטע טעג פאַר זיין טויט אין 1938 האָט ער געהאַט אַן ערנסטן קריג מיט אייב קאַהאַנען דערפאַר וואָס קאַהאַן האָט פאַר די פּאָליטישע וואַלן אין 1938 גע־וואָרנט מען זאָל ניט שטימען פאַר געוויסע קאַנדידאַטן אויפן צעטל פון דער

„אמעריקאַן לעיבאָר פּאַרטיי", ווייל ער האָט זיי חושד געווען אין זיין פריינטלעך צו די קאָמוניסטן. ווּלאַדעק האָט עס ניט געקענט פאַרליידן און געהאַט פון דעם אַ סך עגמת נפש.

איך האָב אויך דורכגעפירט לעקציע־טורס מיט א. ש. זאַקס, י. ב. סאַלוצקי און אַנדערע.

ביי די אַלע לעקציעס פלעגן מיר פאַרקויפן סאָציאַליסטישע ליטעראַטור. די פּאָפּולערע בראָשורן יענע צייטן זיינען געווען: איבּ קאַהאַנס „רפאל נעריצך", ב. פייגענבוימס „יעמוד אַרבעטער", ל. ראָזענצווייגס „סאָציאַליזמוס אין בית המדרש" און נאָך אַנדערע פּראָפּאַגאַנדע־ביכלעך פון יענער צייט.

אָפּטאָן סינקלעיר און „דהי דזשאָנגל"

אין 1906, איז אין אַמעריקע דערשינען אַ בוך מיטן נאָמען „דהי דזשאָנגל", געשריבן פון אַ ווייניק באַקאַנטן שרייבער מיטן נאָמען אַפּטאָן סינקלעיר. דאָס בוך האָט אים אָבער געמאַכט באַרימט אויף דער גאַנצער וועלט. „דהי דזשאָנגל" איז געווען אַ ראָמאַן וועגן אַ ליטווישן אימיגראַנט אין אַמעריקע וואו ער און זיין פאַמיליע האָבן געאַרבעט אין שיקאַגער שלאַכט־הייזער. סינקלעיר האָט דורך די כאַראַקטערן אין ראָמאַן דערציילט פאַר דער וועלט וועגן די שרעקלעכע אומסאַניטאַרע באַדינגונגען אונטער וועלכע די פלייש־פּראָדוקטן ווערן געמאַכט. ער דערציילט ווי אַזוי אין קאָך־קעסלען אין וועלכע עס קאָכן זיך די פליישן פון וועלכע מען מאַכט וואורשטלעך און אַנדערע פּראָדוקטן שפּרינגען אַריין ראַצן. עס האָט שוין פּאַסירט, ווערט דערציילט אין בוך, אַז אַן אַרבעטער איז אַריינגעפאַלן אין קאָך־קעסל און אויך זיין פלייש, ווי די פלייש פון די ראַצן, איז אַריין אין די וואורשטלעך און אין די אַנדערע פּראָדוקטן, וואָס די פלייש־מאַגנאַטן שטעלן צו פאַר די מיליאָנען אַמעריקאַנער געברויכער.

דער בוך דעקט אויף ניט נאָר די אומסאַניטאַרע באַדינגונגען אין וועלכע די פלייש־פּראָדוקטן ווערן געמאַכט, נאָר אויך די שרעקלעכע אַרבעטס־באַדינגונגען, אונטער וועלכע די אַרבעטער אין דער פלייש־אינדוסטריע אַרבעטן, די שרעקלעכע עקספּלואַטאַציע, די קלעגלעכע שכירות און די אומטענטשלעכע באַהאַנדלונג.

דער בוך פאַרענדיקט זיך מיט דעם ווי אַזוי דער העלד פון ראָמאַן, יורגיס, קומט אין אַ קאַלטער ווינטער־נאַכט אַריין זיך אָנוואַרעמען אין אַ סאָציאַליסטישן קלוב־צימער, וואו עס קומט פאָר אַ פאַרזאַמלונג און יורגיס הערט אַ סאָציאַליסטישן רעדנער וואָס גיט איבער וועגן דער לאַגע פון

די אַרבעטער, וועגן די איבלען פון מלחמה. (עס איז דאַן אָנגעגאַנגען די רוסיש־יאַפּאַנעזישע מלחמה) און ווי אַזוי סאָציאַליזם וועט אָפּשאַפן מלחמות און עקספּלואַטאַציע. און יורגיס, דער אַרבעטער אין שיקאַגער שלאַכט־הייזער, ווערט באַאיינפלוסט פון דער דאָזיקער רעדע. ער ווערט אַן אָפּטער באַזוכער פון דעם סאָציאַליסטישן קלוב, ווערט אַ סאָציאַליסט און קריגט אַריין אַ היבש ביסל סאָציאַליסטישע אויפקלערונג.

דער ראָמאַן איז לכתחילה געדרוקט געוואָרן אין פאָרזעצונגען אין דער דעמאָלטיקער גרויסער פּאָפּולערער סאָציאַליסטישער צייטונג „אַפּיל טו ריזאָן".

ווען סינקלעיר האָט געוואָלט אַרויסגעבן די נאָוועלע אין אַ בוך־פאָרם, האָבן די פאַרשיידענע בוך־פאַרלעגער זיך אָנטזאָגט עס אָנצונעמען. איין פאַרלאַג האָט עס געוואָלט אָננעמען, נאָר מיט דעם תנאי, דער מחבר זאָל אויסשניידן דעם טייל פון בוך, וואו עס ווערט געשילדערט די אומסאַני־טאַרישע באַדינגונגען אין די שיקאַגער שלאַכט־הייזער. האָט סינקלעיר באַשלאָסן אַז ער וועט עס בעסער אַליין אַרויסגעבן. דזשעק לאָנדאָן, וועל־כער איז שוין דאַן געווען באַרימט אַלס שרייבער, האָט זיך געווענדעט מיט אַ רוף צו סאָציאַליסטן און זייערע סימפּאַטיקער, זיי זאָלן זיך אַבאָ־נירן אין פאָראויס אויף דעם בוך, כדי צו מאַכן עס מעגלעך אַרויסצוגעבן.

דער קלוב פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין טשעלסי, פון וועלכן איך בין געווען דער סעקרעטאַר, האָט באַשלאָסן אָנפירן אַ קאַמפּאַניע פאַר אַבאָנענטן „פאַרן „דזשאַנגל־בוך". נאָך איצט, פיל איך זיך שטאָלץ וואָס איך בין געווען איינער פון די ערשטע וואָס האָבן זיך אַבאָנירט אויף אַ בוך וואָס האָט גלייך ביים דערשיינען געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף דער וועלט און איז איבערגעזעצט געוואָרן אין אַ סך שפּראַכן אין פאַרשידענע לענדער.

איך האָב זיך אָפּגעגעבן מיט פאַרשפּרייטן דעם בוך ווי אויך אַנדערע סאָציאַליסטישע ביכער. „די דזשאַנגל" איז געווען דער ערשטער אויף מיין צעטל.

מיט יאָרן שפּעטער האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו טרעפן פּערזענלעך מיט דעם באַרימטן מחבר פון „דזשאַנגל", אָפּטאָן סינקלעיר. דאָס איז געווען אין יאָר 1927. סינקלעיר איז געקומען דעמאָלט קיין באָסטאָן צו באַקעמפן דעם פאַרבאָט פון דער באָסטאָנער שטאָט־רעגירונג אויף צו פאַרקויפן זיינעם אַ נייעם בוך מיטן נאָמען „אויל".

אין דעם בוך האָט סינקלעיר אויפגעדעקט די מאָראַלישע פאַרפוילט־קייט פון די קאַפּיטאַליסטישע אויל־מאַגנאַטן און אויך די עקספּלואַטאַציע פון זייערע אַרבעטער ביים פּראָדוצירן די אויל.

דער בוך איז פאַרבאָטן געוואָרן אונטער דעם כלומרשטן אויסרייד אַז דאָרטן זיינען פאַראַן אוממאָראַלישע אויסדרוקן.

געטראָפן האָב איך סינקלעירן אין דעם באָסטאָנער שטאַטישן פּאַרק „דהי באָסטאָן קאָמאָן". איך האָב פאַרפירט מיט אים אַ שמועס וועגן זיינעם אַ בוך „סעמיועל דהי סיקער" (שמואל דער זוכער). דאָס איז אַ געשיכטע פון אַ יונגן מאַן, וועלכער האָט געזוכט גערעכטיקייט און אויסגעפונען, אַז אין דער קירכע וואו מען פּריידיקט מאָראַל, באַגייען די אָנפירער אַליין גרויסע פאַרברעכנס קעגן דער אָרעמער באַפעלקערונג. ער דעקט אויף זייער היפּאָקריטסטוואַ און ווערט אַ פּריידיקער פון סאָציאַליזם. דער בוך איז פאַרשפּרייט געוואָרן דורך אונדזערע אָרגאַניזאַציעס אַלס פּראָפּאַגאַנדע פאַר סאָציאַליזם. איך האָב אַרויסגעגעבן מיין מיינונג אַז מען וואָלט געדאַרפט דעם בוך אַרויסגעבן אין אַ ביליגערע אויסגאַבע מיט ווייכע טאָוולען, כדי צו דערגרייכן אַ גרעסערן עולם. איך האָב דערנאָך מיט סינקלעירן גערעדט וועגן דעם סאַקאָ און וואַנזעטי פּראָצעס. דאָס איז געווען עטלעכע חדשים פאַר דער היגריכטונג פון די צוויי אַרבעטער־מאַרטירער, אַקטיווע ראַדיקאַלן וועלכע זיינען געווען קרבנות פון דער היסטעריע קעגן ראַדיקאַלן און די טרויעריק־באַרימטע איבערפאַלן, באַוואוסטע אַלס די „פּאַלמער רעידס" איבערפאַלן אויף טויזנטער ראַדיקאַלן דורכגעפירט פון דעם אַטאָרני דזשענעראַל פון וואַשינגטאָנער רעגירונג מיטשעל פּאַלמער.

איך האָב סינקלעירן דערציילט ווי אַזוי איך האָב נאָכגעפאָלגט די געשיכטע פון סאַקאָ און וואַנזעטי זינט זיי זיינען אַרעסטירט געוואָרן אויף אַ מאָרד־בילבול. געווען ביי אַלע פאַרהערן און ביים פּראָצעס, געהערט זייערע רעדעס און נאָך איינצלהייטן. סינקלעיר איז געווען זייער פאַראינטערעסירט און מיר אָפּגעדאַנקט פאַר דעם.

איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, אַז סינקלעיר, באַזוכנדיק באָסטאָן, האָט אַליין און דורך אַרויסהעלפער געזאַמלט מאַטעריאַל פאַר אַ בוך וועגן סאַקאָ און וואַנזעטי. ער האָט שפּעטער צוגעשיקט אַ שרייבער וועלכער האָט זיך געווענדעט צו מיר אין זיין נאָמען און געבעטן ווייטערדיקע איינצלהייטן וועגן דער געשיכטע וואָס האָט אַריינגענומען די היגריכטונג פון די צוויי מאַרטירער.

סינקלעיר האָט עס אויסגענוצט אין זיין גרויסן ראָמאַן „באָסטאָן" וואָס האָט צו טאָן מיט דער סאַקאָ און וואַנזעטי טראַגעדיע, וועלכער איז געווען איינער פון זיינע פּאָפּולערסטע ביכער.

איך בין צופרידן, וואָס איך האָב בייגעשטייערט מיין קליינעם חלק אין העלפן סינקלעירן שאַפן אַ וויכטיקן בוך און האָב געהאַט די געלעגנהייט צו טרעפן זיך פּערזענלעך מיט דעם באַרימטן שרייבער.

מיין באַגעגעניש מיט דזשעק לאָנדאָן

אין מיין טעטיקייט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז מיר אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייטן. איינע אַזאַ פּערזענלעכקייט שטייט אַלעמאָל פאַר מיינע אויגן און איך באַטראַכט עס ווי אַ גרויסע פּריווילעגיע וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן צו באַגעגענען זיך, אין יאָר 1906, מיט דעם וועלט־באַרימטן אַמעריקאַנער שרייבער דזשעק לאָנדאָן.

דזשעק לאָנדאָן איז געווען באַרימט מיט זיין גרויסן טאַלאַנט אַלס שרייבער. זיינע ראָמאַנען זיינען איבערזעצט געוואָרן אין די מערסטע שפּראַכן פון דער וועלט; ער איז געווען איינער פון די באַרימטסטע שרייבערס, וועלכע ווערן נאָך איצט געלייענט איבער דער גאַנצער וועלט. פאַר מיר, איז דזשעק לאָנדאָן געווען וויכטיק און ספּעציעל אינטערעסאַנט דערפאַר וואָס ער איז געווען אַ סאָציאַליסטישער שרייבער, געהאַלטן רעדעס און געשריבן עסייען פאַר סאָציאַליזם.

דזשעק לאָנדאָן האָט באַזוכט באָסטאָן אין 1906, און געהאַלטן לעקציעס אין האַרוואַרד קאָלעדזש, פעניועל האָל און אין אַנדערע פּלעצער. איך האָב געהאַט דאָס גליק צו הערן איםריידן אין פעניועל האָל אויף אַ מיטינג, אַראַנזשירט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון באָסטאָן און נאָכדעם זיך טרעפן מיט אים אויף אַ ספּעציעלן מיטינג פון סאָציאַליסטישע טוער אין די קלוב־צימערן פון דעם באָסטאָנער סאָציאַליסטישן פּאַרטיי־קלוב. איך בין געווען איינער פון די געלאַדענע געסט און מיר איז אויסגעקומען זיצן ביים טיש פּונקט קעגן אים און זיך באַטייליקן אין די שמועסן מיט דעם באַרימטן רעוואָלוציאָנערן שרייבער. איך האָב זיך נים געקענט אָפּוואונדערן פון זיין פּערזענלעכן מאַגנעטיזם. זיינע טיף־אַריינדרינגענדע אויגן און זיינע פייערדיקע ווערטער וועלכע האָבן באַגייסטערט זיינע צוהערער, פּונקט ווי אין זיינע לעקציעס פון גרויסע פּלאַטפאָרמעס.

דזשעק לאָנדאָנס אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין יעיל קאָלעדזש, ניו־העיווען, האָט אַרויסגערופן אַ סענסאַציע. ער האָט גערעדט וועגן דער דאַמאָלסדיקער וואַקסענדער אַרמיי פון סאָציאַליזם איבער דער וועלט — זיבן מיליאָן שטאַרק — און צווישן אַנדערס האָט ער געזאָגט: „אַזאַ רעוואָלוציאָנערע אַרמיי פון זיבן מיליאָן, איז אַ זאַך וואָס די הערשנדע קלאַסן דאַרפן זיך גוט פאַרטראַכטן וועגן איר. דער קאַמפּס־געשריי פון דער דאָזיקער אַרמיי איז: „מיר וועלן נים האָבן קיין איינזעעניש מיט אייך — מיר ווילן אַלץ וואָס איר באַזיצט. מיר וועלן נים זיין צופרידן מיט עפּעס ווייניקער ווי אַלץ וואָס איר האָט... מיר ווילן אין אונדזערע

הענט דעם רודער פון דער וועלט און דעם שיקזאַל פון דער מענטשהייט. מיר וועלן צונעמען אייער רעגירונג, אייערע פּאַלאַצן און אייער באַקוועם גרינג לעבן. אין יענעם טאָג וועט איר דאַרפן אַרבעטן פאַר אייער שטיקל ברויט, פּונקט אַזוי ווי עס אַרבעט דער פויער אין פעלד, אָדער דער הונ־געריקער קלוירק אין אייערע גרויסע שטעט... זיי (די סאָציאַליסטישע אַרמיי) זיינען אַנטשלאָסן ניט ווייניקער ווי צו פאַרניכטן די קאַפּיטאַליס־טישע סיסטעם און איבערנעמען די גאַנצע וועלט. אויב דאָס געזעץ פון לאַנד וועט דערלויבן, וועט דער קאַמף פאַר דעם אָנגיין דורך דעם שטים־קאַסטן אויף אַ פרידלעכן וועג; אויב די געזעצן פון לאַנד וועלן ניט דער־לויבן און זיי וועלן נוצן גוואַלדטאַטן, וועלן זיי קריגן אַן ענטפער פון גוואַלדטאַט. זייערע הענט זיינען שטאַרק און שרעקן זיך ניט אָפּ! די רעוואָ־לוציע איז שוין דאָ! שטעלט זי אָפּ אויב איר קענט!" — האָט לאָנדאָן אויסגערופן.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט פאַרשפּרייט דזשעק לאָנדאָנס אַ בוך, „די מלחמה פון די קלאַסן", וואָס איז אַ זאַמלונג פון דזשעק לאָנדאָנס רעוואָלוציאָנערע רעדעס און עסייען און איך האָב זיך באַטייליקט אין פאַרשפּרייטן דעם דאָזיקן בוך.

דזשעק לאָנדאָן, וועלכער איז געווען אַן איבערגעגעבענער סאָציאַליסט, איז אויך געווען קאַנדידאַט פאַר פּאָליטישע אַמטן אויף דעם סאָציאַליס־טישן צעטל. ער האָט איבערגעריסן מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון אַמעריקע אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט אין 1916. ער האָט אַרויס־געגעבן אַ דערקלערונג, אַז די פּאַרטיי האָט פאַרלאָזט די אידייען פון קלאַסן־קאַמף און זיך אַוועקגעלאָזן אויף די וועגן פון אָפּאָרטוניזם.

דאָס איז געווען נאָך לאַנג פאַר דער שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי, ווען דער גרעסטער טייל מיטגלידער האָט פאַרלאָזט, אָדער איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי, טאַקע צוליב די זעלבע טענות וואָס דזשעק לאָנדאָן האָט געהאַט צו דער פירערשאַפט.

דזשעק לאָנדאָן האָט אין זיין קורצן לעבן פון 40 יאָר באַוויזן איבער־צולאָזן אַ ירושה פון 50 בענד — דערציילונגען, ראָמאַנען און עסייען, פון וועלכע די מערסטע ווערן באַטראַכט צווישן די בעסטע אין דער וועלט־ליטעראַטור, אָבער דעם בוך, מיט וועלכן איך האָב זיך אַרומגעטראָגן און פאַרשפּרייט איז געווען „דער אייזערנער קנאַפל" (דהי אייראַן היל). דאָס איז געווען אַ וואונדערלעכע פאַנטאַזיע וועגן אַ מאַנוסקריפּט, וואָס איז געפונען געוואָרן מיט 700 יאָר שפּעטער נאָך דעם אָנהויב פון 20סטן יאָרהונדערט. דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ באַריכט פון דער פרוי פון דעם העלד פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין אַמעריקע. עס ווערט דערציילט ווי אַזוי אַ גרופּע ביוראָקראַטן האָט פאַרכאַפּט די רעגירונג פון אַמעריקע

און איינגעפירט אַן „אייזערנע קנאַפּל"־אָרדענונג, וואָס האָט אונטערדריקט די מאַסן, און ווי אַזוי די מאַסן האָבן רעוואָלטירט, געמאַכט אַן אויפשטאַנד און עטאַבלירט די „שיקאַגער קאָמונע". דער בוך איז אַטאַקירט געוואָרן פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע, און אַ טייל האָבן דעם בוך אין גאַנצן איגנאָרירט. אָבער סאָציאַליסטישע פירער ווי דעבס, העיוואוד און אַנדערע האָבן דעם בוך שטאַרק געלויבט און געזען אין אים אַ ווערטפולע פּראָפּאַגאַנדע פאַר סאָציאַליזם.

אַ לענגערע ביאָגראַפיע פון דזשעק לאָנדאָן האָב איך אָפּגעדרוקט אין מיין בוך „העלדן פון פאָלק", וואָס איז דערשינען אין 1956.

שטורמישע געשיכטע פון איי־דאַבליו־דאַבליו

די „אינדאַסטריעל וואָרקערס אָוו דהי וואָרלד", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1905

אין יאָר 1905, האָט זיך געגרינדעט אין אַמעריקע די מיליטאַנטע טרעיד יוניאָן אָרגאַניזאַציע: „דהי אינדאַסטריעל וואָרקערס אָוו דהי וואָרלד" (אינדוסטריעלע אַרבעטער פון דער וועלט), אָדער ווי זי איז באַקאַנט פאַרקירצט: די „א. וו. וו.".

די „א. וו. וו." האָט אַרום צוויי צענדליק יאָר געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. די מיליטאַנטע סטרייקס פון דער יוניאָן האָבן אויפגעשטורעמט דאָס לאַנד און אַרויפגעוואָרפן אַ שרעק אויף פיל קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען, ווי אויך אויף די רעאַקציאָנערע יוניאָן־ביוראָקראַטן פון דער אַמעריקאַן פעדערעישאַן אָוו לעיבאָר.

אין די רייען פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער איז שוין יאָרן לאַנג געוועזן אַן אומצופרידנקייט מיט דער „אַמעריקאַן פעדעריישאַן אָוו לעיבאָר". די אָרגאַניזאַציע איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון פאַך־יוניאָנס. יעדער פאַך האָט געהאַט אַ באַזונדערן קאָנטראַקט מיט די אַרבעט־געבער און ווען איין פאַך אַרבעטער פלעגט זיין אין סטרייק, פלעגן אַרבעטער אין דער זעלבער פאַבריק אַרבעטן, ווייל דער טערמין פונעם קאָנטראַקט איז נאָך ניט געווען געענדיקט. די א. פ. אָוו. ל. איז ניט געווען פאַראינטערעסירט אין אָרגאַניזירן די ניט־געשולטע אַרבעטער. עס זיינען געווען „יוניאָן שעפּער", וואו די יוניאָן־מיטגלידער זיינען געווען אַ קליינער טייל פון די אַרבעטער אין דער פאַבריק. די געשולטע אַרבעטער פלעגן קריגן בעסערע באַדינגונגען, אָבער — אויפן חשבון פון די אַנדערע אַרבעטער. דערצו

האָבן די פירער פון דער א. פ. אָוו ל. שטאַרק געגלויבט אין שלום צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט. עס האָט עקזיסטירט אַ „נעשיאָנאַל סיוויק פעדערעי־שאָן״, צונויפגעשטעלט פון מיליאָנערן, גלחים און אַרבעטער־פירער, וועמענס אויפגאַבע ס׳איז געווען צו אָנהאַלטן דעם שלום צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט. דער מיליאָנער אויגוסט בעלמאָנט איז געווען דער פּרעזידענט און סעמיועל גאָמפּערס, פּרעזידענט פון דער א. פ. אָוו ל., איז געווען וויצע־פּרעזידענט.

דער געדאַנק פון אינדוסטריעלן יוניאָניזם — אַרבעטער פון אַלע פאַכן אין איין אינדוסטריע זאָלן זיין אָרגאַניזירט אין איין יוניאָן — איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן נאָך מיט יאָרן צוריק דורך דעניעל דע־ליאָן, פירער פון דער „סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי״, וועלכער האָט אָרגאַניזירט די „טרעיד לעיבאָר אַלאַיענס״, וואו יוניאָנס זיינען געווען אָרגאַניזירט אויף דעם אינדוסטריעלן פּלאַן. יודזשין וו. דעבס, דער שפּעטערדיקער פירער און קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט אין 1895 געפירט אַ סטרייק פון באַן־אַרבעטער, וועלכע ער האָט אָרגאַניזירט אויף דעם אינדוסטריעלן פּלאַן. און יודזשין וו. דעבס, דע־ליאָן, צוזאַמען מיט וויליאַם ד. העיוואוד, „מוטער״ דזשאָנס און אַנדערע אַרבעטער־פירער זיינען טאַקע געווען די איניציאַטאָרן און גרינדער פון די „א. וו. וו.״ אין יוני 1905.

אין פאָרוואָרט צו דער קאָנסטיטוציע פון דער נייער יוניאָן האָט זיך געזאָגט:

„דער אַרבעטער־קלאַס און דער קלאַס פון די באַלעבאַטים האָבן גאָרניט אין געמיינשאַפט צווישן זיך. עס קאָן ניט זיין קיין שלום צווישן זיי אַזוי לאַנג ווי הונגער און נויט הערשן צווישן מיליאָנען אַרבעטער און דער אַרבעטסגעבער־קלאַס האָט אַלע גוטע זאַכן פון לעבן.

„צווישן די צוויי קלאַסן מוז אָנגיין אַ קאַמף ביז די אַרבעטער וועלן זיך אָרגאַניזירן אויפן פּאָליטישן פעלד און אויף דעם אינדוסטריעלן פעלד, וועלן צונעמען און האַלטן וואָס זיי פּראָדוצירן דורך אַן עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע פון דעם אַרבעטער־קלאַס אָן פאַרבינדונגען מיט וועלכער עס איז פּאָליטישער פּאַרטיי״. נאָכדעם ווי עס ווערט אָנגעוויזן אויף די איבלען פון די אַלטע טרעיד יוניאָנס, וואו איין טייל אַרבעטער ווערט אָנגעשטעלט קעגן אַ צווייטן טייל אין דער זעלבער אינדוסטריע, ווערט געזאָגט:

„אָט די טרויעריקע באַדינגונגען קאָנען געענדערט ווערן און די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער קלאַס, קאָנען פאַרטיידיקט ווערן נאָר דורך אַן אָרגאַניזאַציע, וועמענס מיטגלידער אין איין אינדוסטריע, קאָנען, אויב

נויטיק, אָפּשטעלן די אַרבעט אין אַ גאַנצער אינדוסטריע, ווען אַ סטרייק אָדער לאָקאַוט ברעכט אויס אין איין טייל".

דאָס איז געווען דער ערשטער נוסח פון דער פּרינציפּן־דערקלערונג פון דער „א. וו. וו." ווי זי איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער גרינדונגס־קאָנווענשאָן אין 1905. עס האָט זיך אָבער באַלד אָנגעהויבן אַ היציקע דעבאַטע אַרום דעם אויסדרוק „פּאָליטישער קאַמף". די אַנאַרכיסטישע עלע־מענטן האָבן געקעמפט אַז די „א. וו. וו." זאָל גאַרניט האָבן צו טאָן מיט פּאָליטישע אַקציעס. די פראַגע: פּאָליטיקל עקשאָן" אָדער „דירעקט עק־שאָן" איז געווען אַ פּראַגע, וועלכע האָט פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין סאָ־ציאַליסטישע דיסקוסיעס. „דירעקט עקשאָן" האָט געמיינט אָנפירן קאַמפן דורך גענעראַל־סטרייקס, פּיקעט־דעמאָנסטראַציעס און אַזוי ווייטער.

די אַנאַרכיסטישע עלעמענטן האָבן געקראָגן די אויבערהאַנט אין דער א. וו. וו. און אין 1908 איז דער אויסדרוק וועגן פּאָליטישער טעטיקייט אַרויסגענומען געוואָרן און עס זיינען אַריינגעשטעלט געוואָרן די ווערטער:

„די היסטאָרישע אויפגאַבע פון דעם אַרבעטער־קלאַס איז אָפּצושאַפן קאַפּיטאַליזם. די אַרמיי פון פּראָדוקציע דאַרף אָרגאַניזירט ווערן ניט בלויז פאַרן טאָג־טעגלעכן קאַמף מיט די קאַפּיטאַליסטן, נאָר אויך אָנפירן מיט דער פּראָדוקציע ווען קאַפּיטאַליזם וועט פאַלן. שאַפנדיק די אָרגאַניזאַציע אויף אַן אינדוסטריעלן באַזיס, בויען מיר די געביידע פון דער נייער געזעלשאַפט אין די ראַמען פון דער אַלטער".

אַנשטאָט דעם קאָנסערוואַטיוון לאָזונג: „אַ גוטער טאָג שכירות פאַר אַ גוטן טאָג אַרבעט", שרייבן מיר אָן אויף אונדזער באַנער דעם רעוואָלו־ציאָנערן אויסרוף: אָפּשאַפן די לוין־סיסטעם".

די אַנאַרכיסטישע עלעמענטן אין דער „א. וו. וו." האָבן אויך געגלויבט אין „סאַבאָטאַזש" אַלס אַ מיטל פון קאַמף, ווען אַ סטרייק ווערט פאַר־לאָרן. אָדער — אַנשטאָט אַרויסגיין אין אַ סטרייק זאָלן די אַרבעטער בלייבן אין פאַבריק, נאָר אָנטאָן אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן שאָדן די באַלעבאַטים, דורך פאַרלאַנגזאַמען די אַרבעט, צעשרויפן מאַשינען און אַוועקוואַרפן די שרייפלעך און נאָך אַזעלכע שאָדנס, וואָס זאָלן צווינגען די באַלעבאַטים נאָכגעבן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער.

עס איז אָבער ניט באַקאַנט, אַז די „א. וו. וו." זאָל זיך האָבן באַ־נוצט מיט די מיטלען. די „יונאַיטעד סטעיט ביוראָ אָן לעיבאָר סטאַטיס־טיקס" האָט באַריכטעט, אַז עס זיינען געווען באַווייזן אַז איינצלנע מיט־גלידער פון דער „א. וו. וו." האָבן זיך באַנוצט מיט סאַבאָטאַזש־מיטלען, ווי אַריינקלאַפּן צוועקעס אין אַ ברעט וואָס מען דאַרף צעזעגן, כדי דער־מיט צו שעדיקן די זעג־מאַשין, אַריינשיטן זאַמד און אַנדערע מאַטעריאַלן

צווישן די רעדער פון מאַשינעריי אא״וו, און אַז דריי מיטגלידער זיינען פאַרמשפט געוואָרן צו אַ יאָר טורמע פאַר אַרויסרופן אַ סטרייק פון פייערלעשער בעת אַ שריפה אין אַ וואַלד. אָבער עס איז ניט געווען קיין באַווייזן אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן.

די „א. וו. וו.״ איז שטאַרק אַטאַקירט געוואָרן דורך דער פּרעסע און געשילדערט געוואָרן מיט די שרעקלעכסטע פאַרבן אַלס פּראַקטיצירער פון גוואַלדטאַטן און זיינען זייער שטאַרק פאַרפאָלגט געוואָרן. און אַפילו די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אין 1912 אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז „דער וואָס פּרעדיקט סאַבאָטאַזש און אַנדערע גוואַלדמיטלען ווי אַ קאַמף־מיטל פאַר דער באַפרייאונג פונעם אַרבעטער־קלאַס זאָל אויסגעשלאָסן ווערן פון דער פּאַרטיי״. אויף דעם סמך איז דער באַרימטער אַרבעטער־פירער, וויליאַם ד. העיוואוד, אויסגעשלאָסן געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער קאָמיטע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

די „א. וו. וו.״ האָט אָבער אויף איר 21טער קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ, אין 1920, אַרויסגעגעבן אַ דערקלערונג: „ניט איצט, און קיינמאָל ניט פריער האָט די אָרגאַניזאַציע געגלויבט אָדער געפּרייזדיקט צעשטערונג, אָדער גוואַלדטאַט אַלס אַ מיטל צו דערגרייכן אינדוסטריעלע רעפאָרמען״.

דעבס און נאָך סאָציאַליסטן האָבן פאַרלאָזט די „א. וו. וו.״ באַלד אין די ערשטע יאָרן נאָך איר גרינדונג. דע־ליאָן און זיינע אָנהענגער זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן, נאָכדעם ווי די אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעוואָרפן דעם פּונקט וועגן פּאָליטישער טעטיקייט. דע־ליאָן האָט געגרינדעט אַן אָפּאָזיציע „א. וו. וו.״, וועלכע האָט פון אָנהויב געטראָגן דעם זעלבן נאָמען נאָר געהאַט איר הויפּט־קוואַרטיר אין דעטראָיט און איז געווען באַקאַנט אלס „דעטראָיט א. וו. וו.״, בשעת די ערשטע האָט געהאַט איר קוואַרטיר אין שיקאַגאָ. שפּעטער האָט די דעטראָיט אָרגאַניזאַציע געביטן איר נאָמען אַלס „וואָרקערס אינטערנעשאַנאַל אינדאָסטריעל יוניאָן״. זי האָט אָבער געהאַט אַ קלענערע צאָל מיטגלידער ווי די ערשטע און איז געבליבן אַ פּראָפּאַגאַנדע־אָרגאַניזאַציע און האָט אויף איר צעטל נאָר אַ אַ קליינעם צאָל סטרייקס פון אַ קליינעם כאַראַקטער.

די דראַמאַטישע סטרייקס פון דער „א. וו. וו.״

די „א. וו. וו.״ האָט אין די פּאָר צענדליק יאָר, וואָס זי איז געווען אַקטיוו, דורכגעפירט אַרום 150 קלענערע און גרעסערע סטרייקס אין פאַרשיידענע אינדוסטריעס. אייניקע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט דער העלדישקייט פון די אַרבעטער, מיט זייער רעוואָלוציאָנערן גייסט און סאָלידאַריטעט טראָץ דעם טעראָר פון די באַלעבאַטים און דער רעגירונג.

איינציקע סטרייקס, ווי דער סטרייק פון די וועבער־אַרבעטער אין לאָרענס, מאַסאַטשוסעטס, אין 1912, זיינען געבליבן היסטאָריש באַרימט אין דער געשיכטע פון אַמעריקע.

דער לאָרענסער סטרייק פון 27 טויזנט אַרבעטער, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ גרויסן זיג פאַר זיי, טראָץ אַלע פאַרשווערונגען פון די באַלעבאַטים און פאַרפאָלגונגען פון דער פּאָליציי, האָט געוואונען גרויסן פּרעסטיזש פאַר דער „א. וו. וו.".

די פירער — וויליאַם ד. העיוואוד, עליזאַבעט גורלי פלין, דזשאָ עטאָר, אַרטוראָ דזשיאָוואַניטי און אַנדערע, האָבן באַוויזן ווי מען קאָן געווינען אַ סטרייק אַפילו פון ניט געשולטע אַרבעטער, ווען זיי זיינען נאָר אָרגאַניזירט אויף דעם אינדוסטריעלן פּלאַן און פאַרמאָגן איבערגעגעבענע, אָרנטלעכע יוניאָן פירער.

די „א. וו. וו." האָט דורכגעפירט סטרייקס אין פאַרשיידענע אינדוס־טריעס ווי פון די אַרבעטער אין גאָלד־מינען, קופער־מינען, האָלץ־ און וואַלד־אַרבעטער, אַגריקולטור און אַנדערע. אומעטום האָבן זיך די סטרייקס אויסגעצייכנט מיט קאַמפס־לוסטיקייט און רעוואָלוציאָנערן גייסט. די יוניאָן האָט טראָץ אַלע פאַרפאָלגונגען געוואונען אין די מערסטע פאַלן באַדייטנ־דיקע דערגרייכונגען פאַר טויזנטער אַרבעטער.

די פאַרפאָלגונגען קעגן דער „א. וו. וו."

די „א. וו. וו." איז געפערלעך פאַרפאָלגט געוואָרן מצד דער רעגירונג און פון די באַלעבאַטים פון די גרויסע אינדוסטריעס. זייער ציל איז געווען צו פאַרניכטן די דאָזיקע מיליטאַנטע יוניאָן. אַ גרויסע העצ־קאַמפּאַניע איז אָנגעפירט געוואָרן פון דער פּרעסע, וועלכע האָט געשילדערט די „א. וו. וו."־מיטגלידער ווי געזעצלאָזע מענטשן, וועלכע פּרעדיקן און פּראַק־טיצירן גוואַלדטאַט.

באַלד אַ יאָר נאָך דער גרינדונג פון דער „א. וו. וו." זיינען דריי פירער — וויליאַם העיוואוד, טשאַרלס מאָיער און פעטיבאָן, באַאַמטע פון דער „וועסטערן פעדערעישאָן אָוו מאַינערס", אַרעסטירט געוואָרן אויף אַ מאָרד־בלבול, — פון דערמאָרדן דורך אַ באָמבע דעם גאָווערנאָר פון איי־דעהאָ. עס איז געווען אַ שווערער קאַמף ביז ס׳איז געלונגען צו באַפרייען די דאָזיקע פירער.

אין דעם לאָרענסער סטרייק זיינען אויך צוויי פירער, דזשאָ עטאָר און אַרטוראָ דזשיאָוואַניטי, געמשפּט געוואָרן אויף אַ בלבול פון מאָרד, צוליב דעם וואָס אַ סטרייקערין איז געפאַלן אַ קרבן פון פּאָליציי־שיסעריי אויף פּיקעטס. די פּאָליציי האָט באַשולדיקט די סטרייק־פירער, אַז דורך

זייער „העצע" איז די סטרייקערין געטויט געוואָרן. אין דעם סטרייק זיינען אויך מאַסן סטרייקער אַרעסטירט געוואָרן דורך אַ פאַרשווערונג פון די באַלעבאַטים. דינאַמיט איז געפונען געוואָרן אין עטלעכע טיילן פון שטאָט און די רעגירונג האָט געזאָגט אַז דאָס האָבן די סריייקערס געוואָלט אויפרייסן די שטאָט דורך דינאַמיט. עס האָט זיך נאָכדעם אַרויסגעוויזן אַז אַן אַגענט פון דעם וואָל־מאַגנאַט וואוד האָט עס געטאָן. וואוד איז אַרעסטירט געוואָרן אָבער דער הויפּט־עדות איז באַאַנגגען זעלבסטמאָרד און וואוד איז באַפרייט געוואָרן.

די „א. וו. וו." האָט אָנגעפירט אַ שווערן קאַמף ביז זי האָט געקאָנט אויפדעקן די בלבולים. אירע אַגיטאַטאָרס זיינען באַפאַלן געוואָרן פון אויפגערייצטע באַנדעס, פון ספּעציעלע „ווידזשילאַנטי" קאָמיטעס, אויסגעשמירט געוואָרן מיט פעך און באַשאָטן מיט פעדערן, ברוטאַל צעשלאָגן געוואָרן. אין טולסאַ, אָקלאַהאָמאַ, זיינען עלף מיטגלידער, וועלכע זיינען געוועז אַרעסטירט, אַרויסגענומען געוואָרן (נאָוו. 5, 1917) אינמיטן נאַכט, אַוועקגעשלעפּט געוואָרן הינטערן שטאָט, אויסגעשמירט מיט פעך און פעדערן. מ'האָט פאַרברענט זייערע קליידער און זיי געלאָזט אין אַ קאַלטער האַרבסט־נאַכט וואַנדערן נאַקעטערהייט, ביז זיי האָבן געקראָגן הילף.

אַ דיכטער און אָרגאַניזאַטאָר פון דער „א. וו. וו.", דזשאָו היל, איז אין 1915 „געזעצלעך" דערמאָרדעט געוואָרן אין סאָלט לעיק סיטי, יוטאַ, אויף אַ בלבול אַז ער האָט דערמאָרדעט אַ גראָסערי־מאַן; זיין אמתער פאַרברעכן איז אָבער געווען וואָס ער האָט פאַרפאַסט רעוואָלוציאָנערע סטרייק־לידער וואָס האָבן באַגייסטערט די סטרייקערס צום קאַמף.

אין פיל שטעט איז די „א. וו. וו." פאַרבאָטן געוואָרן צו האָבן מיטינגען און זיי האָבן אָנגעפירט אַ קאַמף פאַרן רעכט פון פרייער רעדע. מאַסן זיינען אַרעסטירט געוואָרן. אָבער די „א. וו. וו." האָט זיך ניט אונטערגעגעבן. דער לאָזונג איז געווען: „פילט אָן די טורמעס". פון אַ סך שטעט זיינען מיטגלידער געקומען העלפן אין קאַמף.

עליזאַבעט גורלי פלין און וויליאַם ז. פאָסטער, וועלכער איז נאָך דאַן ניט געווען קיין מיטגליד פון דער „א. וו. וו." זיינען אַרעסטירט געוואָרן אין ספּאָקען, וואַשינגטאָן, אין 1909, אין קאַמף פאַר פרייע רעדע.

פאָסטער האָט זיך דאַן אָנגעשלאָסן אין דער „א. וו. וו." און געווען אַקטיוו אַ היפּשע צייט. ער איז אָבער געווען קעגן „דואַל יוניאָניזם" און נאָכדעם ווי עס איז ניט געלונגען צו ענדערן זייער ליניע, זיך צוריקגעצויגן און געגרינדעט די טרעיד יוניאָן עדיוקעישאָנאַל ליג, וועלכע האָט אָנגעפירט אַן אויפקלער־קאַמפּאַניע פאַר פאַראייניקן יוניאָנס פון פאַרשיידענע פאַכן אין דער זעלבער אינדוסטריע.

די הויפּט־פּאַרפאָלגונגען קעגן די „א. וו. וו." איז דורכגעפירט געוואָרן באַלד נאָכן אַריינגיין פון אַמעריקע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. די „א. וו. וו." איז געווען פּרינציפּיעל קעגן דער מלחמה און ניט אויפגעגעבן סטרייקס. דאָס האָט געגעבן דער רעגירונג און די באַלעבאַטים נאָך אַן אויסרייד צו זוכן צו דערשטיקן די מיליטאַנטע יוניאָן־אָרגאַניזאַציע.

פרענק ליטל, אַ לאַנגיאָריקער קעמפער, אַ מיטגליד פון דער עקזעקו־טיווע פון דער „א. וו. וו." אין ביוט, מאָנטאַנאַ, איז אין דער נאַכט פון 1טן אויגוסט 1917 געקידנעפּט געוואָרן פון זיין הויז און איז געלינטשט געוואָרן דורך אויפהענגען אים אויף אַ סלופּ. פּונקט ווי איצטיקע מערדער פון ציווילע רעכט־קעמפער אין די דרום־שטאַטן, אַזוי אויך זיינען דאַן די מערדער פון פרענק ליטל קיינמאָל ניט באַשטראָפט געוואָרן.

אין יולי 1917 איז אין ביזבי, אַריזאָנאַ געווען אַ סטרייק פון אַרבע־טער פון די קופּער־גרובן. כדי צו צעברעכן דעם סטרייק, זיינען צוויי טויזנט באַאַמטע פון די קופּער־קאָמפּאַניס, געשעפטסלייט און געדונגענע גענגסטער, באַפאַלן אין מיטן נאַכט דעם דיסטריקט, וואו די סטרייקערס האָבן געוואוינט, אַרויסגעשלעפּט צוועלף הונדערט פון זיי פון די בעטן, אַריינגעשפּאַרט אין וואַגאָנען פאַר פי און פאַרשיקט אין אַ סאָלדאַטן־קעמפּ אין ניו מעקסיקאָ, וואו מען האָט זיי געהאַלטן דריי חדשים אונטער אומ־סאַניטאַרע באַדינגונגען. אַלע אַפּילס צו וואַשינגטאָן, אַז מען זאָל זיי געבן פּראָטעקציע צו קומען צוריק צו זייער היימשטאָט, האָט ניט געהאָלפן. די רעגירונג איז געווען געצוואונגען אויסצוהאַלטן זיי און זיי שפּייזן, אָבער נאָך דריי חדשים האָט זי דאָס אָפּגעשטעלט און דער לאַגער איז אויפגעלייזט געוואָרן. אייניקע סטרייקער זיינען געקומען צוריק קיין ביזבי וואו זיי זיינען באַלד אַרעסטירט געוואָרן. די איבעריקע האָבן אויסגעוואַנ־דערט אין פאַרשיידענע שטעט. אַזוי איז דער סטרייק צעבראָכן געוואָרן.

עס זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרן קלאַגעס קעגן די אייגנטימער פון די קופּער־מינען, וועלכע האָבן דורכגעפירט די האַרצלאָזע דעפּאָרטאַציע, אָבער מען האָט זיי קיינמאָל ניט געמשפּט.

די הויפּט־קוואַרטירן פון דער „א. וו. וו." אין פאַרשיידענע שטעט זיינען אָפט באַפאַלן און צעשטערט געוואָרן. פאַרצייכנט אין דער געשיכטע איז דער פאַל אין סענטראַליע, וואַשינגטאָן, אין נאָוועמבער 1919. אַ פּאַראַד פון אַמעריקאַן לעגיאָן איז פאַרגעקומען אין „אַרמיסטיס דעי". די מאַרשירער זיינען באַפאַלן די קוואַרטיר פון „א. וו. וו.", איינגעבראָכן די טירן און גענומען אַטאַקירן די מיטגלידער פון דער „א. וו. וו.", וועלכע האָבן געגעבן אַ ווידערשטאַנד. פיר לעגיאָנערן זיינען געטויט געוואָרן, אַ מיטגליד פון דער „א. וו. וו.", וועסלי עווערעסט, איז פון דעם המון גע־

לינטשט געוואָרן. אַ צאָל מיטגלידער פון דער „א. וו. וו." זיינען אַרעסטירט געוואָרן און פאַרמשפט געוואָרן צו שווערע טערמינען אין טורמע. אַכט האָבן געקראָגן פון 25 ביז 40 יאָר.

מאַסן „א. וו. וו." מיטגלידער זיינען אַרעסטירט געוואָרן אין קאַליפאָרניע און אין אַנדערע שטאַטן אונטער ניי־געשאַפענע „אַנטי־עספּיאָנאַזש" געזעצן. ס'איז געווען גענוג צו ווערן דערקלערט אַלס מיטגליד פון דער „א. וו. וו." צו ווערן אַרעסטירט. אין יענער צייט זיינען איבער טויזנט מיטגלידער געווען פאַרשפּאַרט אין טורמעס אין פאַרשיידענע שטעט פון אַמעריקע. 114 מיטגלידער און באַאַמטע פון דער „א. וו. וו." זיינען אין סעפּטעמבער 1917 אַרעסטירט געוואָרן אין שיקאַגאָ אויף דער קלאַגע פון שטערן די מלחמה־טעטיקייטן פון לאַנד. זיי זיינען געמשפּט געוואָרן אין 1918 און געקראָגן שווערע שטראָפן. 15 פון זיי, איינגעשלאָסן וויליאַם ב. העיוואוד, זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צו 20 יאָר טורמע און גרויסע געלט־שטראָפן. העיוואוד האָט געלאָזט פאַלן די בעיל־געלט און איז אַוועקגעפאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די שרעקלעכע פאַרפאָלגונגען מצד דער רעגירונג, ווי אויך אינערלעכע אומצופרידנקייט פון די מיטגלידער מיט דער אַנטי־סאָוועטישער ליניע פון דער פירערשאַפט, האָבן צוליב דעם פאַרלאָזן די אָרגאַניזאַציע — דאָס האָט כמעט ווי פאַרניכטעט די מיליטאַנטע יוניאָן אָרגאַניזאַציע. איצט איז געבליבן פון איר אַ קליין הייפל, אָבער די העלדישע געשיכטע פון דער „א. וו. וו.", די מיליטאַנטע סטרייקס, דער רעוואָלוציאָנערער גייסט און די אָפּפערוויליקייט האָט געלאָזן אַ שטעמפּל אויף דער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע.

דער פּרינציפּ פון אינדוסטריעלן יוניאָניזם איז די ירושה וואָס די „א. וו. וו." האָט געלאָזט פאַר מיליאָנען אַרבעטער אין אַמעריקע, וועלכע האָבן אָנגענומען דעם דאָזיקן פּרינציפּ אין 1935. דורך אַ צאָל יוניאָנס און מיט דער גרויסער הילף פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע, איז דערנאָך געגרינדעט געוואָרן דער „קאָנגרעס אָוו אינדאָסטריעל יוניאָניזם" (סי־אַי־אָ), וועלכער איז איצט פאַראייניקט מיט דער א פ. אָוו ל.

די „א. וו. וו.", טראָץ אירע פעלערן, האָט אַריינגעשריבן אַ צאָל וויכטיקע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג.

איך פערזענלעך בין קיינמאָל ניט געווען קיין מיטגליד פון דער איי. דאַבעליו. דאָבעליו. איך האָב אָבער נאָכגעפאָלגט זייער טעטיקייט, געשריבן וועגן זיי און אָפטמאָל געהאָלפן זיי אין זייער טעטיקייט.

ווען מען האָט אַרעסטירט די פירערס פון דער מיינערס יוניאָן — וויליאַם העיוואוד, טשאַרלז מאָיער און דזשאָרדזש פּעטיבאָן אין 1905, אויף דער קלאָגע פון אַ מאָרד־בילבול, בין איך געווען איינער פון אַן איניציאַטיוו־קאָמיטעט אין טשעלסי אויף אַרויסצולאָזן אַ רוף צו אָרגאַ־ניזאַציעס פאַר אַ קאָנפערענץ צו גרינדן אָפּטיילונגען אין גאַנץ מאַסאַטשו־זעטס פאַר דער פאַרטיידיקונג און באַפרייאונג פון די אַרעסטירטע מיינער־פירער. צו דער צווייטער קאָנפערענץ איז שוין אַריינגעצויגן געוואָרן די שטאַרקע באָסטאָנער ציגאַרן־מאַכער יוניאָן. די אַרבעט האָט זיך צעוואַקסן, דער קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון די אַרעסטירטע האָט אָנגענומען די פאָרעם פון גרויסע דעמאָנסטראַציעס, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן סיי אין באָסטאָן, סיי אין די אַנדערע שטעט פון מאַסאַטשוזעטס. איך האָב זיך באַטייליקט אין זיי און געהאָלפן מיט וואָס נאָר איך האָב געקאָנט.

די גרויסע שריפה אין טשעלסי

איינע פון די געשעענישן, וועלכע איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן איז די גרויסע שריפה אין טשעלסי, מאַסאַטשוסעטס, אין יאָר 1908. זי האָט חרוב געמאַכט אַ דריטל פון שטאָט, פאַראורזאַכט מענטשלעכע קרבנות און געמאַכט טויזנטער פאַמיליעס היימלאָז. עס איז געווען אַ זונטיק פרי־מאָרגן ערב פסח 1908, ווען פון דעם מערב־ברעג שטאָט האָבן זיך פּלוצים באַוויזן גרויסע פלאַמען און אַ רויך וואָס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. דער פייער איז אויסגעבראָכן אין אַ פאַבריק פון אַלטע קליידער וואָס מען פלעגט צערייסן אויף שטיקלעך טוך.

דער ווינט האָט געהאָלפן דער פייער זאָל גיך פאַרכאַפּן אַנדערע געביידעס. די ברענענדיקע שטיקער טוך זיינען געפלויגן איבער די דעכער און אָנגעצונדן נייע געביידעס. דער פייער האָט געבושעוועט אַ פאַר טעג, צעשפרייט זיך פון איין עק שטעטל ביזן צווייטן און האָט זיך אָפּגעשטעלט ערשט דאַן, ווען אויפן וועג זיינען מער קיין הייזער ניט געווען. איבערגעבליבן זיינען די זייטיקע גאַסן.

איבער 500 געביידעס זיינען פאַרניכטעט געוואָרן, צווישן זיי אויך דער יידישער קוואַרטאַל, די הויפּט־גאַס בראָדווי מיט די גרעסטע געביי־דעס, באַנקען, דער סיטי האָל, קירכן, סינאַגאָגען, סקולס און די געביידע וואו עס האָט געשפּילט דער יידישער טעאַטער — אַלץ איז אַוועק מיטן פייער. ערגער פון אַלץ איז וואָס פון אונטער די חורבות האָט מען אַרויס־געצויגן 7 טויטע מענטשלעכע קערפּערס. אויסער די טויטע זיינען געווען 50 פאַרוואונדעטע מענטשן. 6 טויזנט מענטשן זיינען געבליבן אין גאַנצן

הימלאַז; מען האָט געמוזט אויפשטעלן בײדלעך אויף די פעלדער אַרום שטאָט פאַר די הימלאַזע; אַ צאָל האָט מען אַריבערגענומען קײן באָסטאָן און אין אַנדערע שטעט.

די שטאָט איז פאַראָרעמט געוואָרן. מען האָט געמוזט אײנפירן זופּ־קיכן פאַר די אָרעמע און הימלאַזע. מיט דעם האָט זיך אָפּגעגעבן סײ די שטאָט, סײ דער שטאַט.

דאָס הויז וואו איך און מײן מוטער מיט דער פאַמיליע האָבן געוואוינט, איז געבליבן ניט באַשעדיקט. מיר האָבן געוואוינט אין אײנער פון די זײטיקע גאַסן, וואו דער פײער האָט ניט דערגרײכט. מיר זײנען אָבער געווען אין שרעק די גאַנצע צײט, געווען אײנגעפּאַקט מיט אונדזערע הויז־זאַכן, גרײט צו ראַטעווען זיך דורך אַנטלויפן, אויב דער פײער וועט זיך דערנענטערן צו אונדז.

איך בין אַרומגעלאָפן אין די זײטיקע גאַסן און צוגעזען ווי די אַנדערע גאַסן ברענען. מענטשן לויפן פון דאָרט אַוועק, אַ צאָל אין אַ היסטעריש צושטאַנד, ניט וויסנדיק וואָס האָט פּאַסירט מיט זײערע נאָענטסטע. איך בין געווען צופרידן וואָס איך האָב געקענט איבערגעבן אײניקע פון זײ, אַז איך האָב געזען זײערע נאָענטע, אַז זײ זײנען געראַטעוועטע, אָבער אַנדערע האָבן ניט געפונען זײערע אײגענע ביז מיט עטלעכע טעג שפּעטער. איך בין פאַרבליבן וואוינען אין טשעלסי פאַר אַ קורצע צײט, זיך באַטײליקט אין דער הילפס־אַרבעט און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע טעטיקײטן וויפיל עס איז געווען מעגלעך. אָבער די מערסטע געזעלשאַפטלעכע טעטיקײטן זײנען געווען פאַראַליזירט, און איך מיט מײן מוטער און די הויז־פאַמיליע האָבן זיך אַריבערגעצויגן קײן איסט באָסטאָן, וואו מײנער אַן עלטערער ברודער, וועלכער איז געווען אַ קרבן פון דער שריפה, האָט זיך אַריבערגעקליבן.

אין איסט באָסטאָן האָב איך באַלד געגרינדעט אַ יידישן ברענטש פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטײ, אַנגעפירט מיט לעקציעס און גאַסן־מיטינגען און זיך באַטײליקט אין פּאָליטישע טעטיקײטן פון דעם געגנט.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטײ האָט דאָ אויך מיך אַרויסגעשטעלט אַלס קאַנדידאַט פאַר אַסעמבלימאַן. עס איז יענעם יאָר געווען וואַלן פאַר גאָווערנאָר און דער רב פון איסט באָסטאָן האָט אינדאָרסירט דעם רעאַקציאָנערן רעפּובליקאַנער גאָווערנאָר פאַר ווידער־דערוויילונג און אים באַצײכנט אַלס אַ „יידן־פרײנט".

איך האָב באַלד אָנגעשריבן אַן אָפענעם בריוו צו דעם רב פון איסט באָסטאָן, אָנגעוויזן אים אַז דער גאָווערנאָר האָט געשיקט מיליץ צו צעברעכן אַ סטרײק פון טעקסטיל־אַרבעטער וואו עס אַרבעטן אַ סך יידן, איז ווי אַזוי קען ער זיך דערלויבן צו באַצײכענען אַזאַ קאַנדידאַט ווי אַ

יידן־פּריינט? דער בריוו, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן ווי אַ פלוג־בלעטל, איז ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן און עס האָט זיך גערודערט אין געגנט מיט דעם אָפענעם בריוו צו דעם לאָקאַלן רב.

מיינע ערשטע שרייבערשע שריט

מיין קאַריערע אַלס יידישער שרייבער האָט זיך אָנגעהויבן דורך מיין טעטיקייט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איך האָב אָנגעהויבן פון שרייבן באַריכטן אין דער פּרעסע וועגן דער טעטיקייט פון דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג אין מאַסאַטשוסעטס, באַריכטן פון סטרייקס, פּאָליטישע געשעענישן א. אַ. וו. ביז איך בין געוואָרן דער אָפיציעלער „פאָרווערטס״־קאָרעספּאָנדענט פון באָסטאָן און פון די אַנדערע שטעט אין די ניו־ענגלענדער שטאַטן.

אין 1907 בין איך אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס הילפס־פאַרוואַלטער פון באָסטאָנער אָפיס פון „פאָרווערטס״ מיט אַ געהאַלט פון 12 דאָלאַר אַ וואָך, וואָס איז דאַן געווען נישקשהדיקע שכירות. איך האָב געקענט דאַן אָפּגעבן מער צייט פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז דאַמאָלסט געווען פאַראינטערעסירט צו העלפן אַמעריקאַניזירן די אַריבערגעקומענע אימיגראַנטן פון איראָפּע. אין יענע יאָרן איז געווען אַ מאַסן־אימיגראַציע פון יידן פון רוסלאַנד. איך האָב געעפנט אין באָסטאָנער „פאָרווערטס״־אָפיס אַ ביוראָ פאַר בירגערשאַפט, וואו איך פלעג אָנפירן מיט קלאַסן, צוגרייטן די אַפּליקאַנטן פאַר בירגער־פּאַפּירן, זיי זאָלן קענען ענטפערן אויף די פראַגן וואָס מען וועט זיי שטעלן. איך פלעג אויספילן די אַפּליקאַציעס, אָפטמאָל אויך גיין אין געריכט אַלס עדות אַז איך קען דעם אַפּליקאַנט 5 יאָר ווי אַן איינוואוינער פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי דאָס געזעץ פאָדערט. אַמעריקאַניזירן אימיגראַנטן, זיי מאַכן פאַר בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן און אין דער זעלבער צייט זיי אַריינציען אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז באַטראַכט געוואָרן אַלס איינע פון די וויכטיקסטע טעטיקייטן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. איך באַגעגן נאָך איצט, מיט איבער 60 יאָר שפּעטער, חברים, געוועזענע איינוואוינער פון באָסטאָן, וועלכע דערמאָנען מיר אַז איך בין געווען דער וואָס האָט זיי געהאָלפן ווערן בירגער און ווערן מיטגלידער אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

אַלס קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס״ בין איך אָנוועזנד געווען ביי אַ צאָל נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָנס פון פאַרשידענע ריכטונגען, וועלכע זיי־

נען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין באָסטאָן; אויך נאָכגעפאָלגט סטרייקס, פּאָלי־טישע פאַסירונגען א. אַ. וו. און באַשריבן זיי אין „פאָרווערטס".

מיינע אַרטיקלען זיינען אַלע מאָל גערן אָנגענומען געוואָרן. עס האָט אָבער איינמאָל פּאַסירט, אַז מיינער אַן אַרטיקל איז ניט געדרוקט געוואָרן. מיך האָט עס פאַרדראָסן, האָב איך זיך געווענדט צו דעם דעמאָלסדיקן סעקרעטאַר פון דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע, י. אַדלער־ ב. קאָוונער, און געפרעגט וואָס איז די סיבה וואָס מיין אַרטיקל איז ניט געדרוקט געוואָרן? קאָוונער האָט מיר געענטפערט: עסט זיך ניט אָפּ דאָס האַרץ, גענאָסע לעווין — קאַהאַנען איז ניט געפעלן געוואָרן דיזער אַרטיקל — וויפיל מאָל געפעלן אייך ניט זיינע אַרטיקלען? נאָר ער איז דאָך דער רעדאַקטאָר, דרוקט ער זיי אַלעמאָל. זעצט פאָר שרייבן אייערע אַרטיקלען.

איך האָב באַלד אַוועקגעשיקט אַן אַנדער אַרטיקל אויף אַן אַנדער טעמע און עס איז באַלד אָפּגעדרוקט געוואָרן.

אַזוי האָב איך אָנגעהאַלטן דעם אַמט אַלס אָפיציעלער קאָרעספּאָנ־דענט פון „פאָרווערטס" אַ צאָל יאָרן פאַר דער שפּאַלטונג אין דער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי. איך האָב רעאַגירט אויף אַלע וויכטיקע געשעענישן אין באָסטאָן און אומגעגנט, איבערהויפּט וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט דער אַרבעטער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך איבערגעבן אַ טשיקאַווע פּאַסירונג וואָס ווייזט אַ שטריך פון אייב קאַהאַנס באַשיידנקייט... איך האָב אַוועק־געשיקט אַן אַרטיקל אין „פאָרווערטס" — אַ באַשרייבונג וועגן פּאָפּולערן היסטאָרישן באָסטאָנער פּאַרק „דהי באָסטאָן קאָמאָן". איך האָב באַשריבן ווי אַזוי עס איז דאָרט דאָ אַ פּלאַץ, וואו עס קומען פאָר פאַרזאַמלונגען, לעקציעס און דיסקוסיעס איבער פאַרשיידענע פּראָבלעמען, באַשריבן סצענעס און פּאַסירונגען.

ווען דער אַרטיקל איז געדרוקט געוואָרן, האָב איך באַמערקט אַ צוגע־שטעלטן פּאַראַגראַף וועלכן איך האָב ניט געשריבן. דאָס האָט קאַהאַן צוגעשריבן וועגן זיך אַליין. דער פּאַראַגראַף האָט זיך געלייענט: „מען באַגעגנט נאָך איצט מענטשן, וועלכע געדענקען ווי דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" אייב קאַהאַן פלעגט דאָרט רעדן אויף גרויסע פאַרזאַמלונגען, פּרעדיקן סאָציאַליזם אין דעם דאָזיקן באָסטאָנער היסטאָרישן פּאַרק „דהי קאָמאָן".

קאַהאַנס סעקרעטאַר

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו זיין אַ וואָך צייט דער סעקרעטאַר פון אייב קאַהאַן. דאָס איז געווען אין יאָר 1914, ווען אייב קאַהאַן האָט באַזוכט באָסטאָן און דאָרט געהאַלטן אַ סעריע לעקציעס. אַזוי ווי ער

האָט געדאַרפט צושיקן זיינע אַרטיקלען אין „פאָרווערטס", האָט ער מיך געבעטן איך זאָל פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון זיין סעקרעטאַר פאַר דער צייט וואָס ער וועט פאַרברענגען אין באָסטאָן.

קאַהאַן האָט מיר דאַן דערקלערט אַז זינט דעם מענדל בייליס פּראָצעס, ווען ער האָט געדאַרפט שרייבן באַריכטן און אַרטיקלען וועגן פּראָצעס, מאַכן איבערזעצונגען פון רוסישע צייטונגען, איז זיין ראיה קאַליע געוואָרן און ער שרייבט מער ניט אַליין, נאָר ער דיקטירט צו זיין סעקרעטאַר וואָס ער דאַרף שרייבן, און אַזוי ווי זיין סעקרעטאַר איז דאָ ניטאָ מיט אים זאָל איך פאַרנעמען זיין פּלאַץ. איך האָב עס גערן אָנגענומען און בין געקומען יעדן טאָג אין עסעקס האָטעל, וואו אייב קאַהאַן איז איינגעשטאַנען. ער האָט מיר דיקטירט זיינע אַרטיקלען און איך האָב זיי אויפגעשריבן און אַוועקגעשיקט אין דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס".

איך געדענק די אַרטיקלען זיינען געווען וועגן אַן אינטערוויו וואָס קאַהאַן האָט געהאַט מיט אַ רוסישער רעוואָלוציאָנערין, מאַריאַ שקאָלניק. קאַהאַן האָט געהאַט מיט זיך נאָטיצן און ער האָט פון דעם מיר דיקטירט אַ סעריע אַרטיקלען.

ביי דער געלעגנהייט, איז אינטערעסאַנט איבערצוגעבן וועגן אַ לעקציע וואָס קאַהאַן האָט געהאַלטן אין יידיש אין לאָרימער האָל, באָסטאָן, פאַר אַ פאַרזאַמלונג פון יידישע סאָציאַליסטן. קאַהאַן האָט דאַן דערקלערט אַז יידיש האָט ניט קיין צוקונפט אין אַמעריקע. ווען איינער פון די פאַרזאַמלטע האָט קאַהאַנען געפרעגט: „וואָס זאָל איך טאָן מיט די יידישע ביכער וואָס איך פאַרמאָג אין מיין הויז? פאַר וועמען וועל איך זיי איבערלאָזן? האָט קאַהאַן געענטפערט מיט אַ משל פון אַ וואַלגערהאָלץ. „ווען איך וואָלט געפונען דעם וואַלגערהאָלץ מיט וועלכן מיין מאַמע האָט מיך געשלאָגן ווען איך בין געווען אַ קליין יינגל, וואָלט איך באַצאָלט עטלעכע דאָלאַר און עס געהאַלטן אַלס אַן אָנדענק פון מיין מאַמען, אָבער עס וואָלט געווען נאַריש פון מיר ווען איך זאָל דעם וואַלגערהאָלץ געבן מיינע קינדער זיי זאָלן אים האַלטן. פאַר זיי וואָלט עס גאָר ניט געמיינט. דאָס זעלבע איז מיט יידישע ביכער".

אויף אַ מיטינג מיט דעבסן

אין יאָר 1908 האָט געהערשט אַ קריזיס אין אַמעריקע, מיט אַ גרויסער צאָל אַרבעטלאָזע. הונגער־דעמאָנסטראַציעס זיינען פאָרגעקומען אין אַלע שטעט פון לאַנד. די פּאָליציי האָט אומעטום געענטפערט מיט דורכפירן בלוטיקע אַטאַקעס אויף די הונגעריקע מאַסן. די רעגירונג האָט זיך

ניט אינטערעסירט מיט העלפן די אַרבעטלאָזע. 1908 איז געווען דאָס יאָר פון וואַלן פאַר פּרעזידענט און וויליאַם האָוואַרד טעפט איז געווען דער קאַנדידאַט פון די רעפּובליקאַנער. איז טעפט אויפגעטראָטן אויף אַ וואַל־מיטינג אין קופּער יוניאָן, ניו־יאָרק, און גערעדט פאַר אַן עולם פון אַ פּאָר טויזנט מענטשן און, פאַרשטייט זיך, געבעטן מען זאָל שטימען פאַר אים. האָט אים אַן אַרבעטער געפרעגט: „וואָס זאָל טאָן אַן אַרבעטער ווען ער איז אַרבעטלאָז און ער האָט אַ פרוי מיט קינדער צו דערנערן?"

טעפט, וועלכער איז געווען אַ פעט־געוויקסיקער מענטש, האָט אַ קנייטש געטאָן מיט זיינע ברייטע אַקסלען, אויפגעהויבן די הענט צום הימל (צו דער סטעליע, הייסט עס) און געענטפערט: גאָט ווייסט! איך ווייס ניט".

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט געהאַט די פראַגע פון אַר־בעטלאָזיקייט ווי איר הויפּט „אישו", האָט אויפגעכאַפּט די ווערטער „גאָט ווייסט" און זיי געניצט אויף אַלע קאַמפּיין־מיטינגען, אַנווייזנדיק אַז דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס אינטערעסירט ניט די לאַגע פון די הונגעריקע אַרבעטער.

דער קאַנדידאַט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי יענעם יאָר איז געווען יודזשין וויקטאָר דעבס, דער גרויסער סאָציאַליסטישער פירער. די פּאַרטיי האָט אָנגעפירט אַ היסטאָרישן קאַמפּיין פאַר דער קאַנדידאַטור פון יודזשין וו. דעבס פאַר פּרעזידענט. אַ ספּעציעלער באַן מיט אַ צאָל וואַגאָנען איז אַנגאַזשירט געוואָרן. זהי רעד ספּעשיעל האָט ער געהייסן. דעבס איז געפאָרן אויף דעם „רעד ספּעשיעל" איבערן גאַנצן לאַנד צוזאַ־מען מיט אַ צאָל אַרויסהעלפער. איינער איז געווען טאָם מוני, וועלכער איז באַקאַנט אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע דורך דער פאַרשווערונג וואָס מען האָט אויף אים און אויף וואָרען בילינגס געמאַכט און זיי אָנגע־קלאָגט אין וואַרפן אַ באָמבע אויף אַ צוגרייטונגס־פּאַראַד אין 1916.

דעבס האָט מיט זיין רויטן צוג זיך אָפּגעשטעלט ביי פאַרשידענע סטאַנציעס און פון דער פּלאַטפאָרמע פון צוג גערעדט צו די גרויסע מאַסן וועלכע פלעגן קומען אים באַגעגענען. אין די גרויסע שטעט פלעגט ער אַראָפּגיין רעדן אויף גרויסע דעמאָנסטראַציעס, וואָס די סאָציאַליס־טישע פּאַרטיי האָט פאַר אים איינגעאָרדנט. אין באָסטאָן האָב איך זיך באַטייליקט אין דער דעמאָנסטראַציע צו באַגעגענען אים ביי דער סטאַנציע און דאַן באַגלייטן אים מיט אַ מאַרש פון צען טויזנט צו דעם היסטאָרישן פענױעל האָל, וואו דעבס האָט געהאַלטן אַ פייערדיקע רעדע.

דער זאַל איז געווען איבערגעפּאַקט און טויזנטער מענטשן וועלכע האָבן ניט געקענט אַריין, זיינען געווען פאַרזאַמלט אינעם סקווער אַרום דעם זאַל. דעבס האָט פאַר זיי אויך געהאַלטן אַ קורצע רעדע אין דרויסן.

אַרום און אַרום איז עס געווען אַן אויסערגעוויינלעכע דעמאָנסטראַציע, אַ היסטאָרישע פּאַסירונג וועלכע מען קען נישט פאַרגעסן.

אין יאָר 1910, האָב איך געהאַט דעם כבוד און פאַרגעניגן צו באַגע־גענען דעבסן פון דער נאָענט. ער האָט דעמאָלט — אין 1910 — געהאַלטן אַ פאָרטראַג אין דער שטאָט לין, מאַסאַטשוסעטס, און פון דאָרטן האָט ער געדאַרפט אָפּפאָרן דעם זעלבן אָוונט מיט דער נאַכט־באַן קיין ניו־יאָרק. פון דאָרטן איז געקומען אַ חבר צו באַגעגענען אים און ברענגען אים קיין ניו־יאָרק. איך בין מיטגעפאָרן מיט דעבסן און מיט דעם ניו־יאָרקער חבר אויף דעם באַן פון לין ביז באָסטאָן צו דער באַן־סטאַנציע. מיר איז אויסגעקומען צו זיצן לעבן דעבסן און געהאַט די געלעגנהייט אים נאָענט צו באַטראַכטן. די וואַרעמקייט און דער ענטוזיאַזם, וואָס האָבן אַרויסגעשטראַלט פון אים אין דעם פּריוואַטן געשפּרעך איז געווען די זעלביקע ווי ווען ער האָט פון די פּלאַטפאָרמעס גערעדט צו טויזנטער מענטשן. אין דער זעלבער צייט האָט זיך געפילט אַזאַ איינפאַכקייט אין זיין האַלטונג, אַ וואַרעמע חברשאַפט צו די מענטשן מיט וועמען ער האָט גערעדט. נאָך אַ באַגעגעניש, וואָס איז פאַרבליבן אין מיין זכרון, איז געווען מיט 13 יאָר שפּעטער, אין 1923, באַלד ווי ער איז באַפרייט געוואָרן פון טורמע, וואוהין די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט אים פאַרשיקט פאַר זיין קעגנערשאַפט צו דער ערשטער וועלט־מלחמה.

די סאָציאַליסטישע פאַרטיי האָט אים אַרויסגעשיקט אויף אַ לעקציע־טור איבערן לאַנד. נישט אַכטנדיק אויף דעם וואָס די אַנדערע פירער פון ס. פּ. האָבן געהאַט אַ קעגנערישע שטעלונג צו די באָלשעוויקעס און צו דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון אַמעריקע, האָט דעבס געהאַלטן רעדעס אין וועלכע ער האָט מיט באַגייסטערונג פאַרטיידיקט די באָלשעוויקעס קעגן די קריטיקער און אַנגעוויזן ווי עס בויט זיך סאָציאַליזם אין רוס־לאַנד. דעבס איז אויך אין יענער צייט געווען אַ מיטגליד אין דער פירער־שאַפט פון אַ פאַרטיידיקונגס־קאָמיטע פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע אין אַמעריקע און איז געווען צוזאַמען מיט קאָמוניסטן אין אַן אָרגאַניזאַציע „פרייענדס אָוו סאָוועט ראַשיאַ" — פריינט פון סאָוועטן פאַרבאַנד, — וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט זאַמלען שטיצע פאַר די הונגעריקע מאַסן אין רוסלאַנד אין דער צייט פון טריקעניש אין רוסלאַנד יענע יאָרן, און האָט פאַרטיידיקט דעם סאָוועטן פאַרבאַנד. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען טריף ביי די פירער פון דער ס. פּ. און זיי האָבן זיי אַטאַ־קירט, אָבער דעבס האָט זיך נישט גערעכנט מיט דעם און אַקטיוו געשטיצט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס. איך האָב זיך צוגעהערט צו זיינע רעדעס, זיך באַטייליקט אין די גרויסע אויפנאַם דעמאָנסטראַציעס וואָס די מאַסן האָבן געגעבן דעם גרויסן סאָציאַליסטישן פירער און שלום קעמפער.

דעבס איז געווען שוואַך אין געזונט, זייענדיק אויסגעמאַטערט פון זיין טערמין אין טורמע. ער איז אָבער געווען אַ ריז אין גייסט און עס איז געווען אַ פאַרגעניגן אים צו הערן רעדן.

די קאָנווענשאָן פון דער יידישער אַגיטאַציאָנס־ביוראָ

אין 1909 איז אין פילאַדעלפיע פאָרגעקומען אַ קאָנווענשאָן פון דער יידישער אַגיטאַציאָנס־ביוראָ.

די יידישע „אַגיטאַציאָנס־ביוראָ" איז געווען אַ קערפּערשאַפט פון יידישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָט געהאַט די אויפגאַבע צו פּרעדיקן סאָציאַליזם אויף דער יידישער שפּראַך. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז לכתחילה געווען קעגן אַ ספּעציעלער יידישער אָרגאַניזאַציע. שפּעטער האָט זי אָבער געביטן איר מיינונג און „שפּראַך־פעדעראַציעס" זיינען געוואָרן אַ וויכטיקער טייל פון דער פּאַרטיי.

די פראַגע איז געווען: וואָס דאַרף זיין די אויפגאַבע פון אַזאַ יידישער אָרגאַניזאַציע?

עס זיינען געווען יידישע געגנאָסן (חברים), וועלכע האָבן געפרעגט: פאַר וועמען בויט איר און ווילט שאַפן אַ יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע? דער ייד אין אַמעריקע אַסימילירט זיך און עס וועט לאַנג ניט דויערן און אַלע יידן אין אַמעריקע וועלן זיין עכטע אַמעריקאַנער — אויס יידן.

בנימין פייגענבוים, איינער פון די הויפּט־לעקטאָרן און שרייבער פאַר סאָציאַליזם צווישן יידן אין אַמעריקע, האָט געזאָגט: די „יידישע אַגיטאַציאָנס־ביוראָ" דאַרף זיין ניט מער ווי אַ טעכנישע שפּראַך־אָרגאַניזאַציע, וואָס דאַרף אָנפירן די סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע צווישן די יידן אויף דער יידישער שפּראַך, ווייל צום אומגליק פאַרשטייען ניט די יידישע אַרבעטער די ענגלישע שפּראַך.

מ. באַראַנאָוו, אַ וויכטיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס", האָט געשריבן אין אַן אַרטיקל אין „פאָרווערטס", אַז די איינציקע אויפגאַבע דאַרף זיין צו אַמעריקאַניזירן די יידישע אַרבעטער. „מיר דאַרפן זיי מאַכן פאַר אַמעריקאַנער" — האָט ער געשריבן — „מיר דאַרפן זיי העלפן לערנען די שפּראַך פון לאַנד, איר געשיכטע און פּאָליטישע איינריכטונגען, מאַכן זיי פאַר יוניאָן־לייט, פאַר קלאַסן־באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, פאַר סאָציאַליסטן. דאָס איז די איינציקע זאַך וואָס מען דאַרף דיסקוטירן" —

האָט באַראַנאָוו געשריבן — „יעדע אַנדערע דיסקוסיע איז אַ פאַרלוסט פון צייט".

א. ליעסין האָט געפאָדערט אַז די „יידישע אַגיטאַציאָנס־ביוראָ" זאָל טראָגן אַ יידיש־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט אין יענער צייט גאָר געפּריידיקט אַז מען דאַרף האָבן אַ באַזונדערע יידישע פּאָליטישע פּאַרטיי אין אַמעריקע. אַנדערע האָבן געחלומט וועגן אַן אָרגאַניזאַציע וואָס זאָל זיין דאָס זעלבע, ווי דער „בונד" אין רוסלאַנד.

ב. צביון האָט אין אַן אַרטיקל אין „צוקונפט" אָפּגעשלאָגן די אַרגומענטן פון די קעגנער פון דער ביוראָ און געזאָגט, אַז נאָך מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק (פאַר 1909) האָבן זיך געפונען „נביאים", וועלכע האָבן פאַרזיכערט אַז די יידישע שפּראַך האָט קיין צוקונפט ניט אין אַמעריקע. איצט לייגט מען עס אָפּ אויף שפּעטער... „דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע — האָט צביון געזאָגט — האָט זיין אייגנאַרטיקן כאַראַקטער און רופט אַרויס אַ גאַנצע ריי אייגנאַרטיקע פראַגן וועלכע פאָדערן אַן ענטפער. פאַר די יידישע סאָציאַליסטן האָט די „יידישע אַגיטאַציאָנס־ביוראָ" געדאַרפט זיין דער אויטאָריטעט, וואָס האָט געדאַרפט געבן די אָנווייזונגען און געבן איר וואָרט יעדעס מאָל ווען אַזאַ וואָרט איז נויטיק".

„און אַפילו ווען אַלע זאָלן רעדן ענגליש, — ווייזט אָן צביון, — איז וויכטיק די יידישע אַגיטאַציאָנס־ביוראָ. זי דאַרף זיין יידיש, ניט נאָר מיט דער שפּראַך, נאָר מיט דעם, וואָס זי וועט זיך צופּאַסן צום לעבן פון יידישע אַרבעטער".

מאָריס ווינטשעווסקי האָט אין אַן אַרטיקל אין סעפּטעמבער־נומער „צוקונפט", 1909, ערב דעם צוזאַמענפאָר, געפאָדערט אַ יידישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל זיך אָפּגעבן מיט ריין־יידישע פראַגן ווען דאָס וועט זיין נויטיק. ער האָט געשריבן: „מיט די אַלטע טויט־געבאָרענע רעזאָלוציעס קאָן מען ווייטער ניט אָנגיין. אַלס אַ יידישע אָרגאַניזאַציע, וואָס רעכנט זיך ניט מיט קיין שום יידישער טראַדיציע, פּסיכאָלאָגיע און נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכקייטן קאָן מען ווייטער ניט אָנגיין. ענטוועדער אַן אָרגאַניזירטע פעדעראַציע פון יידישע נאָך ניט־אָפּגעשטאָרבענע סאָציאַליסטישע פאַראיינען, אָדער אַ פולשטענדיקע ליקווידאַציע".

די דעבאַטן האָבן זיך אַריבערגעטראָגן אויף דער קאָנווענשאָן. דער „פאָרווערטס", וועלכער איז ניט געווען באַגייסטערט פאַר דער ביוראָ און איז אַפילו באַשולדיקט געוואָרן פון דעם דעמאָלסדיקן סעקרעטאַר, מאַקס קאַופמאַן, אַז ער סאַבאָטאַזשירט די ביוראָ, איז אָבער אויף דער קאָנווענשאָן געווען גוט פאַרטראָטן דורך דעלעגאַטן פון דער „פאָרווערטס"־אַסאָסיעישאָן, אַרבעטער־רינג, געווערקשאַפטן און „צוקונפט" און די אַסימילאַטאָרישע ריכטונג האָט געזיגט, אַלץ איז געבליבן ווי געווען. אָבער

די דיסקוסיעס זיינען געווען אינטערעסאַנט אַפילו פאַר דער איצטיקער צייט.

איך בין געווען אַ דעלעגאַט צו דער דאָזיקער קאָנווענשאָן און מיין מיינונג דעמאָלסט איז געווען מיט דער מערהייט, וועלכע האָט פאַרטראָטן דעם קאָסמאָפּאָליטישן שטאַנדפּונקט. אָט־די שטעלונג איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער קאָנווענשאָן.

אין די אַלגעמיינע פּאַרטיי־קרייזן האָט מען געקוקט מיט חשד אויף דער יידישער אַגיטאַציאָנס ביוראָ, און דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין ניו יאָרק האָט ניט דערלויבט די ברענטשעס פון דער ס. פּ. אין יידישע דיסטריקטן, — ברענטשעס וואָס זיינען באַשטאַנען דורכאויס פון יידן, אַז זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין דער יידישער אַגיטאַציאָנס ביוראָ. שפּעטער האָט אָבער די פּאַרטיי געענדערט איר שטעלונג.

אין 1912 איז סוף כל סוף געגרינדעט געוואָרן די „יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע", אָדער „פעדעראַציאָן", ווי זי האָט זיך דאַן גערופן. זי איז שוין געווען מער ווי אַ טעכנישע שפּראַך־אָרגאַניזאַציע און האָט זיך שוין גענומען אינטערעסירן מיטן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אָבער דער הויפּט־ציל איז געווען די פּראָפּאַגאַנדע פאַר סאָציאַליזם. דער פעדעראַציע־אָפיס איז איניקע יאָר געווען אין נאַציאָנאַלן אָפיס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין שיקאַגאָ. די יידישע פעדעראַציע, ווי אַנדערע שפּראַך־פעדעראַציעס, האָט דאָרט געהאַט אַ „דעסק", אַ שרייבטיש. ווען דער אָפיס איז אַריבער קיין ניו יאָרק, מיט י. ב. סאַלוצקי אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר, איז י. ב. ביילין געווען אין שיקאַגאָ, מיט זיין אָפיציעלן טיטול: „טראַנסלעיטאַר־סעקרעטערי", איבערזעצער־סעקרעטאַר פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע.

ווי ביילין גיט איבער אין „אַמעריקאַן לעיבאָר יאָר בוק" פאַר 1916, איז די פעדעראַציע אַ טייל פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ער גיט אָן אַז די פעדעראַציע האָט געהאָלפן גרינדן אַ „נאַציאָנאַלן אַרבעטער קאָמיטעט", וועלכער גיט זיך אָפּ מיט קעמפן פאַר די רעכט פון יידן אין אַנדערע לענדער. וועגן אַנדערע ספּעציעלע יידישע פראַגן דערמאָנט ער ניט.

דער „פאָרווערטס", וועלכער האָט דאַן געהאַט אַ צירקולאַציע פון אַרום צוויי הונדערט טויזנט, האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויפן געביט פון פאַרוואַסערן דעם סאָציאַליזם צווישן די יידישע מאַסן. אוועקוואַרפנדיק די פריערדיקע „אינטערנאַציאָנאַליסטישע" אידייען האָט דער „פאָרווערטס" געהאָלפן איינפלאַנצן שאָוויניסטישע אתה בחרתנו שטימונגען אויף דער יידישער גאַס. אין דער זעלביקער צייט איז דער „פאָרווערטס" געווען קעגן דער יידישער סאָצ. פעדעראַציע.

אַן אָרגאַנאַיזער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, אב. זוסמאַן, האָט אויף אַ קאָנווענשאַן פון דער פעדעראַציע אין 1913 געזאָגט: „אַ זייער ביט נאָרמאַלער צושטאַנד האָט געהערשט אין אונדזער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פאַר די לעצטע צען יאָר. וואָס שטאַרקער עס איז געוואָרן די פּרעסע, אַלץ ווייניקער סאָציאַליסטן זיינען געבליבן אין אונדזער באַוועגונג. וואָס מאַטעריעל רייכער די פּרעסע איז געוואָרן, אַלץ אָרעמער אין מאָראַלן איינפלוס זיינען זיי ביידע געוואָרן — די פּרעסע און די באַוועגונג".

ווען מיליאָנערן זיינען געווען מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע איז געגרינדעט געוואָרן אַלס אַן אַרבעטער־פּאַרטיי און די מערסטע מיטגלידער זיינען געווען האָרעפּאַשנע מענטשן. אַ גרויסע צאָל פון זיי — אימיגראַנטן, וועלכע זיינען געקומען פון איירָאָפּע מיט רעוואָלוציאָנערע אידייען. עס איז אָבער אויך געווען אַ צייט ווען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט צוגעצויגן אָנהענגער אויך פון דעם מיטל קלאַס און אַפילו מיליאָנערן.

געוויסע מיליאָנערן זיינען אַפילו געווען מיטגלידער אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי...

דאָס איז געווען אין 1907 און אַ ביסל שפּעטער. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אַדאַנק דער שלעכטער עקאָנאָמישער לאַגע אין לאַנד, האָט געהאַלטן אין וואַקסן, געהאַט איבער הונדערט טויזנט מיטגלידער, געוואונען אַ צאָל פּאָליטישע אַמטן אין פאַרשידענע שטעט. 56 שטעט האָבן געהאַט סאָציאַליסטישע מעיאָרן. אין איין צייט, אין 1915, זיינען געווען צוויי סאָציאַליסטן אין קאָנגרעס, מאיר לאָנדאָן און וויקטאָר בערגער (ביידע יידן). די פּאַרטיי האָט דאַן צוגעצויגן אַ צאָל אינטעלעקטואַלן, מיטל־קלאַס עלעמענטן און אויך אייניקע מיליאָנערן.

געילאָרד ווילשאַיר

איינער פון זיי איז געווען דער באַרימטער סאָציאַליסט־מיליאָנער געילאָרד ווילשאַיר, וועמעס נאָמען עס טראָגט די הויפּט־גאַס פון לאָס אַנדזשעלעס — „ווילשאַיר בולוואַרד".

ווילשאַיר, וועלכער איז געווען אַ באַנק־פּרעזידענט, אַן אייגנטימער פון גאָלד־מינען, איז געווען אַ טעטיקער סאָציאַליסט, קאַנדידאַט פאַר קאָנגרעס אויף דעם סאָציאַליסטישן צעטל אין ניו יאָרק און פאַר אַנדערע

אַמטן. ער האָט געגעבן לעקציעס, אָנגעפירט מיט דעבאַטן און האָט אַרויס־געגעבן אַ חודש זשורנאַל „ווילשאַיר׳ס מעגעזין״.

איך בין געווען זיין „שותּף״...

דער אַבאָנאַמענט־פּרייז פאַר „ווילשאַירס מעגעזין״ איז געווען 10 סענט אַ יאָר. די אַגענטן פלעגן קריגן 5 סענט פון יעדן נומער. ווילשאַיר פלעגט אַדרעסירן זיינע בריוו צו די דאָזיקע אַגענטן מיט די ווערטער „מאַי דיר פּאַרטנער״, מיין טייערער שותּף...

איך בין געווען איינער פון זיינע „שותּפים״ און געשאַפן אַ היפּשע צאָל אַבאָנענטן, אָבער צו דעם איינקונפט, וואָס ער פלעגט אַריינקריגן פון די גרויסע געשעפט־רעקלאַמעס, וואָס פלעגן זיין געדרוקט אין זיין זשור־נאַל, זיינען מיר קיין שותּפים ניט געווען... מיר, די שאַפער פון די לייע־נער, זיינען אויך ניט געווען קיין גלייכע שותּפים אין זיינע גאָלד־מינעס, כאָטש ער האָט זיך געווענדעט דורך בריוו צו די לייענער פון זיין זשורנאַל, ווי אויך צו די לייענער פון אַנדערע סאָציאַליסטישע זשורנאַלן, ווי דער „אַפּיל טו ריזאָן״, אַז מען זאָל קויפן אַקציעס אין זיינע גאָלד־מינען און מען וועט קאָנען רייך ווערן.

אין אַ בריוו וואָס איך האָב געהאַט דערהאַלטן, האָט ער געשריבן, אַז עס איז ניט קיין עבירה פאַר אַ סאָציאַליסט צו ווערן רייך. קאַרל מאַרקס האָט געזאָגט אַז איידער סאָציאַליזם וועט פאַרווירקלעכט ווערן, וועט דער גאַנצער קאַפּיטאַל פון דער וועלט אַריבערגיין אין אייניקע הענט. אויב אַזוי, האָט ווילשאַיר געזאָגט, פאַרוואָס זאָל אַריבערגיין אין די הענט פון קעגנער פון סאָציאַליזם, מיט וועלכע מיר וועלן דאַרפן האָבן אַ קאַמף עס איבערצונעמען? וועט דאָך זיין בעסער עס זאָל אַריבערגיין אין אייגענע הענט, און זיי וועלן עס איבערגעבן צו דער סאָציאַליסטי־שער מאַכט..

עס זיינען געווען מענטשן, וועלכע האָבן אים געגלויבט, אָבער די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט געקוקט קרום אויף אַזעלכע געשעפטן. אויף אַ קאָנווענשאָן פון דער פּאַרטיי איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס אַז קיין פּאַרטיי מיטגליד איז ניט דערלויבט אויסנוצן זיין סאָציאַליסטישע אָנגעהעריקייט פאַר זיינע פּריוואַטע געשעפטן; סאָציאַליסטישע צייטונגען און זשורנאַלן טאָרן אויך ניט איבערגעבן די אַדרעסן פון זייערע לייענער פאַר פּריוואַטע געשעפטן.

דער מיליאָנער סטאָוקס

נאָך אַ פּראָמינענטער מיליאָנער, אַ סאָציאַליסט, איז געווען דזש. פעלפּס סטאָוקס, וועלכער האָט געהייראַט דאָס אָרעמע יידישע אַרבעטער־מיידל ראָוז — ראָוז פּאַסטאָר סטאָוקס — וועלכע האָט זיך באַרימט געמאַכט

מיט איר קאַמף פאַר פרויען־רעכט, קעגן מלחמה (בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה) און געווען איינע פון די גרינדער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון אַמעריקע.

דזש. פעלפּס סטאָוקס און ראָוז האָבן אַרומגערייזט איבערן לאַנד, גערעדט אויף גרויסע פאַרזאַמלונגען, וואו ער פלעגט דערציילן וועגן דעם רייכן לעבן פון די קאַפּיטאַליסטן און זי פלעגט מאָלן דאָס לעבן פון די אַרבעטער־מאַסן, וועלכע זיינען איר געווען גוט באַקאַנט, אַלס אַ געוועזענע ציגאַר־מאַכערין און נאָדל־אַרבעטערין.

אין אַפּריל, 1917, ווען אַמעריקע איז אַריין אין מלחמה, איז סטאָוקס געוואָרן אַ הייסער מלחמה־פּאַטריאָט און צוזאַמען מיט דזשאָן ספּאַרגאָ און אַנדערע, פאַרלאָזט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, דערפאַר וואָס די פּאַרטיי האָט אָנגענומען די באַרימטע סעינט לואיס אַנטי־מלחמה רעזאָ־לוציע. די מייסטע פירער פון דער פּאַרטיי האָבן שפּעטער אַליין פאַר־לעצט די רעזאָלוציע, אָבער סטאָוקס און זיינע חברים זיינען אַוועק פריער און אַטאַקירט די פּאַרטיי. ראָוז פּאַסטאָר־סטאָוקס איז אָבער אַרומגעפאָרן און געהאַלטן רעדעס קעגן דער מלחמה, פאַר וועלכע זי איז עטלעכע מאָל אַרעסטירט געוואָרן און געשטעלט געוואָרן אונטער הויכער בעיל.

פון אָנהויב האָט איר מיליאָנערסקער מאַן זי אויסגעבעילט, אָבער נאָכדעם האָט ער זי געוואָרנט אַז זי זאָל אויפגעבן איר טעטיקייט, ער וועט פאַר איר מער ניט לייגן קיין בעיל. דאָס האָט געפירט צו זייער צעשיידונג אַלס מאַן און פרוי. ראָוז פּאַסטאָר־סטאָוקס איז פאַרבליבן אַ קעמפערין פאַר סאָציאַליזם, ביז דעם סוף פון איר לעבן, אין 1933. פעלפּס סטאָוקס' „סאָציאַליזם" האָט זיך געענדיקט מיט אַמעריקעס אַריינטריט אין דער מלחמה אין 1917.

דער מיליאָנער פּעטערסאָן

אַ גרויסע סענסאַציע האָט אַרויסגערופן דער מיליאָנער דזשאָזעף מעדיל פּעטערסאָן, אייגנטימער פון דער רעאַקציאָנערער צייטונג „ניו יאָרק דעילי ניוס", וועלכער האָט זיך דערקלערט פאַר אַ סאָציאַליסט און אין 1906 אָנגעשריבן אַן אַרטיקל אין דעם חודש־זשורנאַל „אינדעפּענדענט", אונטער דעם טיטול „ווידוי פון אַ פּוסט־און־פּאַסניק".

דאָרט דערציילט דער מיליאָנער פּעטערסאָן, ווי ער פאַרדינט אַ סך געלט, ווי עס לעבט זיך אים אין פאַרגלייך מיט די אַרבעטער. עס קאָסט 20 מאָל אַזוי פיל אים אויסצוהאַלטן, ווי אויסצוהאַלטן אַ דורכשניטלעכן אַרבעטער, אָדער פאַרמער. און „דער שפּאַס פון דעם איז, זאָגט ער, וואָס די אַרבעטער אַרבעטן שווער אַ גאַנץ יאָר און איך אַרבעט גאָר ניט".

„איך קריג בעסערע שפייז, בעסערע קליידער און באַזונד אינטערע־סאַנטע פּלעצער, מאַך אָפּטע רייזעס, האָב באַדינער און דינסטן".

ער קריגט אַריין געלטער פון טאַבאַק־טראַסט, פון אייזנבאַנען און אַנדערע געשעפטן, האָט ער געזאָגט, בשעת ער ווייסט גאַרניט וועגן אייזנ־באַנען, האָט קיינמאָל ניט געאַרבעט און וועט וואַרשיינלעך ניט אַרבעטן.

די קאַפּיטאַליסטן גיבן מיר ניט דאָס געלט, דאָס זיינען די אַרבעטער וועלכע אַרבעטן און טראָגן עס צו צו „אונדז", האָט ער געשריבן. „געלט פּראָדוצירט גאָרניט. מען זאָל פאַרברענען אַלע אַקציעס וואָלטן די באַנען אַלץ געלאָפן אַזוי לאַנג ווי די אַרבעטער אַרבעטן".

פּעטערסאָן האָט פאַרענדיקט דעם אַרטיקל מיט אַן אַפּיל צו די אַרבעטער, זיי זאָלן זיך מער ניט לאָזן עקספּלואַטירן און איינפירן סאָ־ציאַליזם.

ער האָט געזאָגט די רעפּאָרטערס, אַז מיט דעם אַרטיקל האָט ער ניט געמיינט בלויז זיך, נאָר דעם גאַנצן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, און אַזוי לאַנג ווי דער אַרבעטער־קלאַס איז צופרידן מיט דער איצטיקער אָרדע־נונג פון אָרעמקייט, געהאָרכזאַמקייט און שווערער פּראַצע, וועט די דאָזיקע סיסטעם אָנהאַלטן. ווען דער אַרבעטער־קלאַס וועט וועלן מאַכן אַ סוף צו דער דאָזיקער אָרדענונג וועט עס קאָנען טאָן".

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט דעם דאָזיקן אַרטיקל אָפּגעדרוקט אין אַ פלוג־בלעטל און ברייט פאַרשפּרייט. איך האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט פולע קעשענעס פון דעם דאָזיקן בלעטל און עס פאַרשפּרייט צווישן די מאַסן.

פּעטערסאָן איז אַ קורצע צייט געווען אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַ־לער עקזעקוטיווע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ער האָט אָבער געענדיקט זיינע יאָרן אַלס אַ פינצטערער רעאַקציאָנער.

אַנדערע מיליאָנערן

עס זיינען געווען נאָך מיליאָנערן, ווי וויליאַם ענגליש וואַלינג, ראָ־בערט האָנטער און אַנדערע רייכע לייט, וועלכע זיינען געווען סאָציאַליסטן און געהאַט אַן איינפלוס אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

די גרעסטע צאָל מיטגלידער איז באַשטאַנען פון פּראָלעטאַריער און אַ קאַמף קעגן די רעפאָרמיסטישע פּאָליסיס פון דער פּאַרטיי איז אַלעמאָל אָנגעגאַנגען.

איך האָב געהערט אַמאָל אַן אויסדרוק פון אַ סאָציאַליסט, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש און איז געווען פּאָפּולער: און דאָס איז, „אַז קאַרל מאַרקס האָט געזאָגט: „אַרבעטער, איר האָט ניט וואָס צו פאַרלירן, חוץ אייערע קייטן", האָט ער געמיינט אייזערנע קייטן, אָבער די וואָס

האָבן צו פאַרלירן גאָלדענע קייטן ווילן זיי עס ניט פאַרלירן, און מען קאָן זיך ניט פאַרלאָזן אויף זיי...

דער באַרימטער סאָציאַליסט יודזשין וו. דעבס איז נאָך אין 1911 אַרויס מיט אַ וואָרענונג, אין אַן אַרטיקל „אַפּיל טו ריזאָן" וועגן דעם, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פאַרלירט איר קלאַסן־קאַמף כאַראַקטער. עס איז דאָ אַ געפאַר אַז די פּאַרטיי וועט אַריינגעשלעפּט ווערן אין אַ בלאָטע וואָס וועט פאַרניכטן איר סאָציאַליסטישן גייסט", האָט ער געשריבן. דעבס' וואָרענונג איז געווען ניט אומזיסט.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אונטער דער פירערשאַפט פון מאָריס הילקוויט, אַליין אַ רייכער לאָיער, און אַנדערע, איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ ווייניקער סאָציאַליסטיש. ס'איז געקומען די ערשטע וועלט־מלחמה. די מיליאָנערן, סטאָוקס, וואַלינג און ראָבערט האַנטער, האָבן צוזאַמען מיט דזשאָן ספּאַרגאָ רעזיגנירט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, באַלד ווי זי האָט אָנגענומען די סעינט לואיס אַנטי־מלחמה־רעזאָלוציע. די הילקוויטס און אַנדערע פירער, מיטן אויסנאָם פון דעבסן, טשאַרלס רוטענבערגן און אייניקע אַנדערע, האָבן פאַרלעצט זייער אייגענע אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע און דאָס האָט געפירט צו דער גרויסער שפּאַלטונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין 1919 און צו דער גרינדונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

דער לאָרענס סטרייק

אַרבעטנדיק אַלס געהילפס־פאַרוואַלטער און קאָרעספּאָנדענט פון „פאָר־ווערטס", האָב איך געשריבן וועגן פאַרשיידענע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען אין באָסטאָן און אומגעגנט.

אין דעם גרויסן סטרייק פון די טעקסטיל אַרבעטער אין לאָרענס, מאַסאַטשוסעטס, אין 1912, בין איך אָפט געפאָרן קיין לאָרענס, געזען די פּיקעט־דעמאָנסטראַציעס, די פאַרזאַמלונגען פון די סטרייקער, געווען ביי דעם היסטאָרישן פּראָצעס פון צווי פירער פון סטרייק, עטאָר און דזשיאָוואַניטי, וועלכע זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרן אין מאָרד, דערפאַר וואָס אַ סטרייקערין איז דערשאָסן געוואָרן דורך פּאָליציי אויף אַ פּיקעט דעמאָנסטראַציע... די פּאָליציי האָט באַשולדיקט די פירער פון סטרייק אַז דורך זייערע „אויפהעצנדיקע רעדעס" איז פאָרגעקומען אַ ראַיאָט, וואו די סטרייקערין איז דערשאָסן געוואָרן.

דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין סעילעם, מאַסאַטשוסעטס. איך בין געווען פאַרטראַטן אַלס קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס", געהערט די

רעדעס פון די אַנגעקלאַגטע און געשריבן וועגן דעם אין „פאָרווערטס״, ווי אויך וועגן אַנדערע פּאַסירונגען פון סטרייק.

אין לאָרענס האָב איך צום ערשטן מאָל באַגעגנט די שפּעטערדיקע קאָמוניסטישע פירערין עליזאַבעט גורלי פלין. זי איז געווען דעמאָלט אַ יונגע בילד־שיינע מיידל, איינע פון די פירערינס פון סטרייק. אירע פלאַמיקע רעדעס פלעגן אַנצינדן מיט באַגייסטערונג די סטרייקנדיקע אַרבעטער.

איך האָב דאָרטן אויך געטראָפן דעם גרויסן אַרבעטער־פירער וויליאַם ד. העיוואוד און אַנדערע פּערזענלעקייטן

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין באָסטאָן האָט געזאַמלט הילף פאַר די סטרייקערס און איך בין אָפט אַרויסגעטראָטן אויף מיטינגען צו איבער־געבן די איינצלהייטן וועגן דער לאַגע פון די אַרבעטער אין דעם גרויסן, היסטאָרישן סטרייק

די מעקנאַמאַראַ ברידער

די געשיכטע פון די ברידער מעקנאַמאַראַ געהערט צו איינעם פון די וויכטיקסטע קאַפּיטלען אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג.

עס איז געווען אין דעם יאָר 1910. די מעטאַל אַרבעטער פון לאָס אַנדזשעלעס זיינען אַרויס אין סטרייק קעגן אומדערטרעגלעכע אַרבעטס־באַדינגונגען אין די אייזן־פאַבריקן פון לאָס אַנדזשעלעס. די מאַנופאַק־טשורערס אַסאָסיאיישאָן, דער טשעמבער אָוו קאָמערס און די שטאָט־רעגי־רונג האָבן אָנגעווענדט אַלערליי מיטלען צו צעברעכן דעם סטרייק. מען האָט פאַרווערט פּיקעטינג, אַרעסטירט און געשלאָגן סטרייקערס. דער קאַמף צווישן די סטרייקערס און די באַלעבאַטים איז געפירט געוואָרן מיט דער גרעסטער עקשנות און פאַרביטערונג.

איבערהויפּט האָט זיך אויסגעצייכנט אין קאַמף קעגן די אַרבעטער די צייטונג „די לאָס אַנדזשעלעס טאַימס״, וועלכע האָט געהאַלטן אין איין העצן קעגן די סטרייקערס.

אין דער צייט, וואָס דער מעטאַל־סטרייק איז אָנגעגאַנגען, האָט שבת 1 אזייגער אינמיטן נאַכט, 1טן אָקטאָבער 1910, אַ באָמבע עקספּלאָדירט אין דעם קעלער פון דער יוניאָן־פּרעסערישער צייטונג „לאָס אַנדזשעלעס טאַימס״. די באָמבע האָט אויפגעריסן די גאַז־רערן און האָט אָנגעצונדן די גאַנצע געביידע. 21 סקעב־אַרבעטער, וועלכע האָבן דעמאָלט געאַרבעט אָווערטאַים אין דער געביידע, זיינען פון די גאַז דערשטיקט געוואָרן אויף טויט.

די רעגירונג און די פאַבריקאַנטן האָבן באַלד גענומען אויסנוצן די פּאַסירונג צו צעברעכן די אַרבעטער־באַוועגונג. אַ גרויסער פּרייז איז פאַרגעלייגט געוואָרן צו די, וועלכע וועלן געפינען די שולדיקע.

אין אַפּריל 1911 איז דזש. ב. מעקנאַמאַראַ, פירער פון דער טיפּאָגראַפיקאַל יוניאָן, אַרעסטירט געוואָרן אין דעטראָיט. מ׳האָט אים געבראַכט קיין קאַליפאָרניע, און אָנגעקלאָגט אין דעם פאַרברעכן. שפּעטער זיינען דעטעקטיווס באַפאַלן דעם אָפיס פון דער „אינטערנעשאָנאַל אַסאָסיאיישאָן אָוו ברידזש און סטראַקטשוראַל וואָרקערס״ אין אינדיאַנאַפּאָליס און אַרעסטירט דעם פּרעזידענט דזש. דזש. מעקנאַמאַראַ, אַ ברודער פון דזש. ב. מעקנאַמאַראַ, און אים אויך, אַזוי ווי זיין ברודער, געקידנעפּט און אַפּגעפירט קיין קאַליפאָרניע. די מעקנאַמאַראַס זיינען דאָרט געווען פריער אין צייט פון סטרייק צו העלפן די מעטאַל־אַרבעטער. נאָך אַ סך יוניאָן־פירער פון דער שטאָל־אינדוסטריע זיינען אַרעסטירט געוואָרן איבערן לאַנד און אָנגעקלאָגט געוואָרן אין אויפרייסן די „טאַימס״־געביידע און אַנדערע געביידעס אין קאַליפאָרניע.

די אַרבעטער פון גאַנצן לאַנד האָבן אויפגענומען דעם קאַמף צו באַפרייען די מעקנאַמאַראַס, קלאַרענס דאַראָו איז אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס דער לאָיער. פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס, גאַסן־מאַרשן און מאַס־מיטינגען זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד. סעמיועל גאָמפּערס, דאַמאָלטיקער פּרעזידענט פון דער „אַמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר״, האָט אַרויסגעלאָזן אַן אַפּיל צו די אַרבעטער פון לאַנד צו שטיצן די פאַרטיידיקונג און אָנגעוויזן, אַז דאָס איז אַ פרעים־אַפּ, אַז די „טאַימס״־געביידע איז מעגלעך אויפגעריסן געוואָרן דורך דער נאַכלעסיקייט פון די אייגנטימער, וועלכע האָבן זיך קיינמאָל ניט געקימערט וועגן די לעבנס פון די אַרבעטער, און די געביידע איז געווען אַ פייער־פּאַסטקע.

די סאָציאַליסטן און ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן אַגיטירט פאַר אַ גענעראַל־סטרייק פון אַלע אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין לאַנד און פאָדערן די באַפרייאונג פון די צוויי אַרעסטירטע יוניאָן־פירער.

ווען דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען, זיינען די אַרבעטער פון לאַנד אויפגעשוידערט געוואָרן, ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז די מעקנאַמאַראַס „האָבן זיך מודה געווען״ אין דעם פאַרברעכן: דזש. ב. מעקנאַמאַראַ האָט זיך מודה געווען אין אונטערלייגן די באָמבע אין דער „טאַימס״־געביידע און דזש. דזש. מעקנאַמאַראַ האָט זיך מודה געווען אין אויפרייסן די געביידע פון אַן אייזן־פאַבריק אין לאָס־אַנדזשעלעס.

דער ריכטער האָט פאַרמשפּט דזש. דזש. מעקנאַמאַראַ צו 15 יאָר טורמע, און דזש. ב. מעקנאַמאַראַן צו לעבנסלענגלעכע געפענגעניש.

מיט 4 יאָר שפּעטער זיינען אַרעסטירט געוואָרן די יוניאָן־פּירער: דעיוו קאַפּלאַן און מעטיו סמיט. מען האָט זיי געבראַכט קיין קאַליפאָרניע און געמשפּט פאַר דעם זעלבן פאַרברעכן. קאַפּלאַן איז פאַרמשפּט געוואָרן צו צען יאָר טורמע און סמיט אויפן גאַנצן לעבן.

אין די אַרבעטער־קרייזן פון לאַנד איז די האַנדלונג פון די מעקנאַ־מאַראַס פאַרדאַמט געוואָרן, און אַ סך פון זייערע פריערדיקע אונטער־שטיצער האָבן זיך פון זיי אָפּגעקערט אַזוי גיך ווי זיי האָבן זיך מודה געווען. אָבער אין די ענגערע קרייזן האָט מען געוואוסט, אַז די מעקנאַמאַ־ראַס האָבן זיך מודה געווען לויט דער עצה פון לינקאָלן סטעפענס, דאַראָו און אַנדערע ליבעראַלן, וועלכע זיינען פאַרפירט געוואָרן פון אַ צוזאָג, אַז די אַנגעקלאָגטע וועלן קריגן אַ לייכטע שטראָף, אויב זיי וועלן זיך מודה זיין און אַז מען וועט אויך ניט פאַרפאָלגן אַנדערע יוניאָן־פּירער און מען וועט אויפגעבן דעם קאַמפּיין פאַר „אָפּען שאַפּ", דאָס מיינט דעם קאַמפּיין צו פאַרניכטן די יוניאָנס.

די מעקנאַמאַראַס האָבן זיך געלאָזט איינריידן, אָבער דער קאַפּיטאַ־ליסטישער צד האָט ניט געהאַלטן דעם אָפּמאַך: געגעבן שווערע שטראָפן די אַנגעקלאָגטע און שפּעטער אַרעסטירט נאָך יוניאָן־פּירער אויף דער זעלבער קלאַגע; זיי האָבן אויך פאַרגעזעצט זייער אַנטי־יוניאָן טעטיקייט.

אינטערעסאַנט איז די מיינונג פון סאָציאַליסטישן קאָנגרעסמאַן מאיר לאָנדאָן, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין אַן אַרטיקל אין חודש־זשורנאַל „צוקונפט", פון סעפּטעמבער 1915, וואו ער האָט געשריבן וועגן דעם באַריכט פון דער פעדעראַלער אינדוסטריעלער קאָמיסיע וועלכע האָט אויסגעפאָרשט די סיבות פון אומרוען אין לאַנד. עס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן 200 מיינונגען, צווישן זיי אויך די מיינונג פון מאיר לאָנדאָן, וועלכער האָט געזאָגט: „נאָכדעם ווי די מעקנאַמאַראַס האָבן זיך מודה געווען, פאַרלאַנגען מיר אַ ווידוי אויך פון דעם צווייטן צד. זאָלן די קאַפּי־טאַליסטן אונדז איצט דערציילן וועגן די לעגיסלאַטורן וואָס זיי האָבן אונטערגעקויפט, וועגן די ריכטער וואָס זיי האָבן קאָרופּטירט, וועגן געקויפטע אינדזשאַנקשאַנס און געריכט־אַנטשיידונגען אַרויסגעגעבן פון געוויסנע קאָרפּאָריישאָן־לאָיערס".

פאַרשטייט זיך, אַז אַ פרייוויליקע קאָנפעשאָן (ווידוי) פון דעם קאַפּי־טאַליסטישן קלאַס איז ניט געווען צו דערוואַרטן; זיי האָט קיינער ניט געיאָגט ווי ווילדע חיות; זיי האָט קיינער ניט אַריינגעטריבן אין אַ לאַגע, פון וועלכער קיין אַנדער אויסוועג איז ניט געווען. אַזאַ ווידוי האָט איצט מיט געוואַלט אויף זיי אַרויפגעצוואונגען די אינדוסטריעלע קאָמישאָן".

אויף מיר האָט דאָס מודה זיין זיך פון די מעקנאַמאַראַס געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק. ווי אַלע אַנדערע אין די אַרבעטער־קרייזן האָב

איך געגלויבט אין זייער אומשולד. איך האָב זיך באַטייליקט אין באָסטאָן אין דעמאָנסטראַציעס און פאַרזאַמלונגען צו פאָדערן זייער באַפרייאונג. איך געדענק, עס איז געווען שפּעט ביינאַכט, אַרום 12 אַזייגער. איך בין געגאַנגען פון אַ מיטינג. פּלוצים איז די גאַס פאַרהילכט געוואָרן פון די ציַיטונגס־פאַרקויפער, וועלכע זיינען אַרומגעלאָפן מיט ציַיטונגען און געשריען פון די צייטונג־קעפּלעך: „עקסטראַ! עקסטראַ!" „די מעקנאַמאַראַס דערקלערן זיך שולדיק". איך האָב אַ גאַנצע נאַכט ניט געקענט שלאָפן פון האַרצווייטיק און אַזוי האָבן געפילט אַ סך ווי איך. עס איז געווען אַ גרויסער קלאַפּ פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג. דער פאַקט וואָס פירער פון אַן אַרבעטער־יוניאָן האָבן זיך אַליין מודה געווען אין באַגיין גוואַלדטאַטן, האָט געגעבן די שונאים פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אַ נייעם אויסרייד צו מאַכן נייע בלבולים אויף אַרבעטער־פירער און פאַרפאָלגן יוניאָן־טוער.

די מעקנאַמאַראַ־געשיכטע איז געווען אַ טעמע פאַר דיסקוסיעס אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פאַר אַ לאַנגער צייט. דער צאָרן איז געווען קעגן דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס; צו די מעקנאַמאַראַס האָט מען געפילט מיטלייד און זיי באַטראַכט אַלס קרבנות פון דעם טעראָר, וואָס די קאַפּיטאַליסטן האָבן דעמאָלט און אין אַלע ציַיטן אָנגעפירט קעגן דעם אַרבעטער־קלאַס.

אין יאָר 1936, ווען דזש. ב. מעקנאַמאַראַ און מעטיו סמיט האָבן שוין אָפּגעשמאַכט אין די פעדעראַלע טורמעס 25 יאָר, האָבן 48 באַרימטע ליבעראַלן, שרייבער און יוניאָן־פירער זיך געווענדט מיט אַ פּעטיציע צו דעם גאָווערנאָר פרענק מעיאַם פון קאַליפאָרניע, אַז ער זאָל באַפרייען די צוויי אַרבעטער־פירער, וועלכע זיינען געווען פאַרמשפּט אויף לעבנסלענגלעכער געפענגעניש. אין דער פּעטיציע ווערט אָנגעגעבן, אַז די באָמבע איז געלייגט געוואָרן, אַז זי זאָל אויפרייסן אין אַ צייט, ווען קיינער זאָל ניט זיין אין דער געביידע; אַז דער טויט פון די 21 יוניאָן־לייט איז געווען אַ צופאַל, פאַר וועלכן די באַשולדיקטע זיינען ניט פאַראַנטוואָרטלעך. עס ווערט אויך איבערגעגעבן אין דער פּעטיציע, אַז אין צייט פון פּראָצעס איז געווען אַן אָפּמאַך מיט דער פאַרטיידיקונג, אַז אויב די באַשולדיקטע וועלן זיך מודה זיין, זאָל די שטראָף זיין ווי פאָלגט: דזש. ב. מעקנאַמאַראַ זאָל קריגן 7 יאָר טורמע און דזש. מעקנאַמאַראַ זאָל קריגן 3 יאָר און 3 חדשים. מען זאָל דערפאַר אויך ניט פאַרפאָלגן קיין אַנדערע אַרבעטער־פירער, ווי קאַפּלאַן, סמיט און אַנדערע. דער ריכטער האָט באַלד געבראָכן דעם אָפּמאַך, ווי אויבן דערמאָנט. די פּעטיציע פאַרלאַנגט, אַז די צוויי אַרעסטאַנטן, מעקנאַמאַראַ און סמיט וועלכע זיינען שוין אַלט און וועלכע זיינען אָפּגעזעסן אין טורמע די בעסטע

יאָרן פון זייערע לעבנס זאָלן אויף זייער עלטער אַרויסגעלאָזט ווערן, אַז זיי זאָלן געניסן פריי די לופט אין די לעצטע טעג פון זייערע לעבנס. צווישן די וועלכע זיינען אונטערגעשריבן אויף דער פעטיציע זיינען דאָ אַזעלכע באַרימטע פערזענלעכקייטן ווי: טעאָדאָר דרעיזער, פּראָפעסאָר דזשאָן דיואי, סינקלעיר לואיס, אָסוואַלד גערריסאָן ווילאַרד אַפּטאָן סינקלעיר, קאָנגרעסלייט: סיראָוויטש און מאַרקאַנטאָניאָ, ברוס בליווען פון ניו־רעפּובליק, דוד דובינסקי, בען גאָלד, סידנעי הילמאַן און אַנדערע.

אין דער פּעטיציע ווערט געבעטן פּאַרגעבונג פאַר די באַשולדיקטע ווייל זיי האָבן ניט געזוכט קיין אייגענע אינטערעסן. זיי האָבן ניט פאַר־שטאַנען, אַז דאָס איז ניט דער ריכטיקער וועג צו האַנדלען, זיי זיינען געווען פאַרפירט דורך די גוואַלדטאַטן וואָס דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס איז באַגאַנגען קעגן די אַרבעטער. די פּעטיציע איז צוריקגעוויזן געוואָרן.

אַזוי אַרום איז דזש. בי. מעקנאַמאַראָ פאַרבליבן אויף ווייטער אין דער סאַן קווענטין טורמע, וואו ער האָט גאַנצע 30 יאָר אָפּגעשמאַכט, און גע־שטאָרבן אין טורמע דעם 8טן מערץ, 1941.

די מעקנאַמאַראָ געשעעניש איז געבליבן אַ וויכטיקער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער באַוועגונג פון אַמעריקע, און דער־מאָנט דעם שווערן קאַמף וואָס די אַרבעטער אין אַמעריקע האָבן געפירט כדי צו אָרגאַניזירן זיך און אויסקעמפן הנחות פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. דער שווערער קאַמף האָט אייניקע יוניאָן־טוער געפירט צו פאַר־צווייפלונג און צו טאָן דאָס, וואָס האָט ניט געבראַכט קיין נוצן דער אַרבעטער־באַוועגונג.

אַ פילם וועלכער האָט אַרויסגערופן ראַיאָטן אין באָסטאָן

אַ געשעעניש, וועלכע האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון, איז געווען דער שטורעם און ראַיאָטן וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין באָסטאָן סוף 1915, אין פאַרבינדונג מיט אַ נייעם גרויסן פילם, וועלכער איז פּראָ־דוצירט געוואָרן אין האָליוואוד און זיך באַוויזן אין די פילם־טעאַטערן איבערן גאַנצן לאַנד. דער פילם האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם און צאָרן ביי דער נעגערשער באַפעלקערונג צוליב דעם וואָס דער נעגער איז דאָרט אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין אַ זייער שלעכטער ליכט.

דער פילם הייסט „דהי בורדט אָוו עי נעישאָן" (דער געבורט פון אַ פאָלק) און עס גיט איבער אויף אַ קינסטלערישן אופן וויכטיקע היסטאָ־רישע געשעענישן אין אַמעריקע. דער פילם איז געווען אַ גרויסע טעכנישע

דערגרייכונג אין יענער צייט. פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט איז עס געווען אַ גוטער פילם, אָבער מאָראַליש איז עס געווען זייער שלעכט און שעדלעך. עס האָט באַרעכטיקט ראַסן־האַס און פאַרפאָלגונגען פון דעם נעגער־פאָלק.

אין „בוירט אָוו עי נעישאָן" ווערן געמאָלן בילדער פון דער צייט פון בירגער קריג, לינקאָלנס עמאַנציפּאַציע פון די נעגער־שקלאַפן, ווי אַזוי פּרעזידענט לינקאָלן ווערט דערשאָסן, זיצנדיק ביי אַ פאָרשטעלונג אין אַ טעאַטער אין וואַשינגטאָן. עס ווערן געמאָלן בילדער פון דער פּעריאָדע פון רעקאָנסטרוקציע (דער צוריקאויפבליען פון דאָס לאַנד). דאָרט ווערט געשילדערט ווי אַזוי די באַפרייטע נעגער האָבן געקראָגן בירגער־רעכט, און האָבן פאַרכאַפּט די אַמטן אין די לעגיסלאַטורן אין פאַרשידענע דרום־שטאַטן און זיך אויפגעפירט זייער שלעכט. מען ווייזט ווי ביי די זיצונגען אין די סטייט קאַפּיטאָלס (שטאַט רעגירונגען) האַלטן די פאַרטרעטער פלעשלעך שנאַפּס אין זייערע דעסקס, אַז ביים פאַרלאָזן די זיצונגען נעמט מען מיט שטולן אָדער אַנדערע מעבל. מען ווייזט אַ בילד ווי אַ נעגער יאָגט זיך נאָך אַ ווייסער פרוי מיטן צוועק צו פאַרגוואַלטיקן זי און נאָך אַזעלכע סצענעס. די ווייסע פאַרברעכערישע „קו קלוקס קלען" ־אָרגאַניזאַציע ווערט דאָרט געמאָלן ווי ווייסע מלאכים, וועלכע האָבן זיך אָרגאַניזירט, כדי צו ראַטעווען די ווייסע ציוויליזאַציע. זייערע אָנפאַלן אויף נעגערשע געמיינדעס ווערן געמאָלן ווי העלדנטאַטן.

ווען דער פילם האָט זיך באַוויזן אין אַ באָסטאָנער טעאַטער האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ מאַסן־דעמאָנסטראַציע פון די נעגער־איינוואוינער. ליבעראַלן און סאָציאַליסטיש־געשטימטע מענטשן האָבן זיך באַטייליקט אין די דעמאָנסטראַציעס און עס איז געקומען צו ראַיאָטן צווישן ווייסע כוליגאַנעס און די נעגער.

איך האָב זיך זייער פאַראינטערעסירט אין דער פראַגע און איך בין אַוועק אין באָסטאָנער ביבליאָטעק און נאָכגעזוכט היסטאָרישע ביכער, וואו עס איז געווען געשריבן די געשיכטע פון יענער צייט. עס זיינען געווען ביכער, געשריבן פון ראַסיסטישע שרייבער פון די דרום־שטאַטן וועלכע האָבן אָנגעגעבן געשיכטעס וואָס האָבן געשטימט מיט די מעשיות אין די בילדער פון דעם פילם, אָבער עס זיינען אויך געווען אַמעריקאַנער היסטאָריקער וועלכע האָבן דערציילט די געשיכטע אַנדערש: אַז דער „קו קלוקס קלען" איז געווען אַ פאַרברעכערישע אָרגאַניזאַציע און אַז די געשיכטעס פון די שלעכטע מעשים פון די נעגער איז מוראדיק איבער־געטריבן, כדי צו מאַכן דעם נעגער נאָך מער פאַרהאַסט ביי די ווייסע.

איך האָב אָנגעשריבן אַ גרויסן אַרטיקל אין „פאָרווערטס" וועגן דעם

פילם „בוירט אָוו אַ נעישאָן״ און איבערגעגעבן די אמתע פאַקטן פון דער „רעקאָנסטרוקציע״ פעריאָדע ווי אַזוי די ראַסיסטן האָבן דורך העצעס און אַנדערע מאַניפולאַציעס באַוויזן אָוועקצונעמען צוריק ביי די באַפרייטע שקלאַפן זייערע געוואונענע בירגער־רעכט.

אַרבעטער בילדונגס־צענטער אין באָסטאָן

אין די יאָרן 1906 און שפּעטער האָט עקזיסטירט אין באָסטאָן אַן אינסטיטוציע מיטן נאָמען „וואָרקערס עדיוקעישאָנאַל סענטער״ — אַרבעטער בילדונגס־צענטער. דאָס איז געווען אַ דריי־שטאָקיקע געביידע אויף טשאַרלס סטריט.

דער צענטער איז געגרינדעט געוואָרן פון אַ פאַראייניקונג פון ראַדיקאַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון פאַרשיידענע ריכטונגען: סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן, „אַי דאַבליו דאַבליו״ (אַ רעוואָלוציאָנערע יוניאָן אָרגאַניזאַציע), בונדיסטן און אַנדערע. דער צענטער האָט געקאָכט מיט לעבן און טעטיקייט; דאָרט זיינען אָנגעפירט געוואָרן לעקציעס, קאָנצערטן, בעלער און פאַרשיידענע אַנדערע אונטערנעמונגען.

כמעט אַלע מיטגלידער זיינען געווען יידישע אימיגראַנטן, אַ סך פון זיי — אַריבערגעקומענע אידעאַליסטן פון אייראָפּע, וועלכע האָבן דאָ פאָרגעזעצט צו פאַרשפרייטן זייערע אידעאַלן פאַר אַ בעסערער וועלט. אין צענטער זיינען געווען קלאַסן, וואו מען האָט געלערנט ענגליש, מאַטעריי, שפּראַכן און אַנדערע קולטור־וויסנשאַפטלעכע קעגנשטאַנדן. לערער פון די שטאַטישע שולן און פון קאַלעדזשעס פלעגן קומען אין אָוונט און פריי אָפּגעבן זייער צייט צו לערנען די אימיגראַנטן. סטודענטן פון האַרוואַרד און אַנדערע אוניווערסיטעטן פלעגן אָפט באַזוכן דעם צענטער, זיך באַטייליקן אַלס לערער און אויך אין די פאַרשיידענע אַנדערע טעטיקייטן.

אין צענטער איז אויך געווען אַ קלאַס אויף צו לערנען די אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך „עספּעראַנטאָ״, וועלכע איז דאַן באַטראַכט געוואָרן ווי די צוקונפטיקע וועלט־שפּראַך. עס זיינען געווען חסידים פון עספּעראַנטאָ, וועלכע האָבן געגלויבט אַז די דאָזיקע שפּראַך וועט העלפן לייזן די גרעסטע צאָל פּראָבלעמען אויף דער וועלט, ווייל צוליב דעם וואָס אַלע וועלן קענען ריידן איין שפּראַך וועט עס פירן צו אַ פאַרברידערונג פון אַלע פעלקער.

איך האָב זיך באַטייליקט אין דער פירערשאַפט פון דעם דאָזיקן

בילדונגס־צענטער און געזען אַז עס זאָל געטאָן ווערן אַרבעט פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

עס איז דאָרט געווען אַ לייען־צימער און אַ ביבליאָטעק און איך האָב געזען אַז אין צענטער זאָלן זיך געפינען וואָס מער ביכער וועגן סאָציאַליזם און אויך סאָציאַליסטישע ציטונגען. איך געדענק, ווי עס איז אַמאָל געקומען אַ פּראָפעסאָר פון האַרוואַרד באַזוכן דעם צענטער און איך האָב אויף זיך גענומען די אויפגאַבע אים אַרומפירן איבער די צימערן, אָנווייזן אויף די פאַרשיידענע קולטורעלע טעטיקייטן, וואָס ווערן דאָרט אָנגעפירט ,דערביי האָט איך געפּרובירט אַגיטירן אים סאָציאַליזם און דערציילן אים וועגן דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אַזוי ווי איינער פון די הויפּט־אַרגומענטן אין יענע צייטן קעגן סאָציאַליזם איז געווען דאָס וואָס די סאָציאַליסטן זיינען קעגן רעליגיע, האָב איך אים פאַרזיכערט אַז דאָס איז ניט אמת, און אַז מיר האָבן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אפילו גלחים און רעליגיעזע פירער.

דער פּראָפעסאָר, וועלכער איז געווען אַן אַטעאיסט, האָט זיך באַלד אַ כאַפּ געטאָן און געזאָגט: „אויב אַזוי, געפעלט מיר ניט דער סאָציאַ־ליזם, ווייל דאָרט וואו גלחים זיינען דאָ איז שלעכט. זיי זיינען באַטריגער, זיי פאַרפירן מענטשן, און זיינען די סיבה פון אַלע צרות. איך וויל פון אַזאַ באַוועגונג ניט וויסן". איך האָב נאָכדעם געדאַרפט זיך אָנשטרענגען אים איבערצוייגן, אַז די רעליגיעזע מענטשן שפּילן ניט קיין וויכטיקע ראָלע אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אַז גראָד די אַטעאיסטן זיינען די הויפּט־פירער. רעליגיעזע מענטשן זיינען אויך ווילקאָמען, אויב זיי העלפן קעמפן קעגן מלחמה, קעגן אָרעמקייט און פאַר גערעכטיקייט.

דער צענטער פלעגט דורכפירן קאָנצערטן און אַנדערע אונטערנעמונגען און פאַרוויילונגען. דער בילדונגס־צענטער האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם לעבן פון דער ראַדיקאַלער באַוועגונג אין באָסטאָן און דאָרט איז געווען איינער פון די פלעצער וואו איך פלעג פאַרברענגען מיין פרייע צייט.

אַן אינטערעסאַנטע אינסטיטוציע אין באָסטאָן איז געווען דער „פאָרד האָל פאָרום", וועלכער איז אָנגעפירט געוואָרן פון רעליגיעזע ליבעראַלן, אָבער אויך ראַדיקאַלן פון אַלע ריכטונגען פלעגן באַזוכן דעם „פאָרד האָל פאָרום" אין זיין גרויסער געביידע, וואו יעדן זונטיק פלעגן פאָרקו־מען לעקציעס איבער פאַרשיידענע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּראָ־בלעמען.

די זונטיק־פּראָגראַם ביים „פאָרד האָל פאָרום" פלעגט זיך געווייגלעך אָנהויבן 7.30 אָוונט — מיט אַ האַלבער שעה מוזיק, וואָס ווערט פאַרענדיקט מיט אַ קורצער תפילה פון דעם אָנפירער, נאָכדעם קומט אַ לעקציע

וואָס פאַרנעמט אַ שעה צייט, פון 8 ביז 9, און נאָכדעם ווערט אָפּגעגעבן אַ גאַנצע שעה אויף פראַגן און דיסקוסיע. אינטערעסאַנט: די צאָל פראַגע־שטעלער און דיסקוטאַנטן איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַ שעה צייט איז ניט געווען גענוג פאַר זיי. די דיסקוסיע איז אָמאָל געווען אינטערעסאַנטער ווי די לעקציע. איך בין געווען אַן אָפטער באַזוכער פון די זונטיקדיקע לעקציעס, און אויך אָמאָל אַרויסגעטרעטן מיט אַ פראַגע וואו איך פלעג דערביי אַרײַנברענגען סאָציאַליסטישע געדאַנקען.

די לעקטאָרס פלעגן זיין פון פאַרשידענע ריכטונגען, אויך ראַדיקאַלע לעקטאָרן, אַזעלכע ווי דער באַרימטער נעגערשער פּראָפעסאָר וו. דובאָיז, ראַדזשער באָלדווין, סקאָט נירינג, אַנאַ לואיז סטראָנג, עליזאַבעט גורלי פלין, אונדזער אייגענער חבר מ. אָלגין, דער רעדאַקטאָר און גרינדער פון דער „פרייהייט", איז געווען אויפן צעטל פון די לעקטאָרס (ער האָט דאָרט גערעדט אין ענגליש), וועלכע זיינען אַנגאַזשירט געוואָרן דירעקט פון דעם „פאָרד האָל פאָרום". „פאָרד האָל" איז אויך באַנוצט געוואָרן אין מיטן וואָך פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פאַר זייערע פאַרזאַמלונגען און אונטער־נעמונגען. פּראָפעסאָר הערי וואַרד, באַרימטער סאָציאָלאָג, האָט דאָרט אָנגעפירט איין יאָר מיט אַ סעריע לעקציעס פאַר סטודענטן איבער סאָ־ציאַלער וויסנשאַפט. איך בין געווען איינער פון זיינע אָפטע באַזוכער. אונדזער „מאָרגן פרייהייט" האָט דאָרט דורכגעפירט אַ סך מאָל אירע יובילײ־פייערונגען און אַנדערע פאַרזאַמלונגען. „פאָרד האָל פאָרום" איז פאַר אַ סך יאָרן געווען איינע פון די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס אין באָסטאָן און געדינט ווי אַ צוזאַמענקונפט־פּלאַץ פאַר ראַדיקאַלן אויך אין די שטאַרקע מכשפה־יעגערישע יאָרן, ווען עס איז געווען ניט זיכער צו טרעפן זיך עפנטלעך מיט ראַדיקאַלע טעטיקייטן.

דעמאָנסטראַציעס קעגן יקרות

באַלד ביים אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין אייראָפּע האָבן גענומען שטייגן אויסערגעוויינלעך די פרייזן אויף לעבנס־מיטלען אין אַמעריקע. דער יקרות האָט געהאַלטן אין איין שטייגן און די אַמערי־קאַנער רעגירונג האָט גאָרניט געטאָן עס אָפּצושטעלן. האָבן זיך אָנגע־הויבן פּראָטעסטן און דעמאָנסטראַציעס קעגן דעם שטייגנדיקן יקרות. איינע פון די אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן אין באָסטאָן שטאַרק זיך באַטײ־ליקט אין די דעמאָנסטראַציעס, איז געווען אַ יידישע פרויען־אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „מוטערס־ליג פון ניו־ענגלאַנד", וואו איווא האָפמאַן, אַ באַ־קאַנטע סאָציאַליסטן און קעמפערן פאַר פרויען־רעכט, איז געווען די אָנפירערן.

די „מוטערס ליג" איז געווען די פאָרגייערן פון די שפּעטער פאַר־

צווייגטע פרויען־קאָונסילס און פון דער איצטיקער וויכטיקער נאַציאָנאַ־לער אָרגאַניזאַציע „עמאַ לאַזאַרוס פעדעראַציע פון יידישע פרויען־קלובן".

די דעמאָנסטראַציעס פון דער מוטערס־ליג האָבן געמאַכט אַזאַ רושם, אַז אַ באָסטאָנער טעגלעכע ענגלישע צייטונג, „דהי באָסטאָן טראַוועלער", האָט געשיקט ספּעציעלע רעפּאָרטערס צו די דאָזיקע דעמאָנסטראַציעס אין די יידישע געגנטן און געדרוקט טעגלעך לאַנגע באַריכטן אויף יידיש אויף די שפּאַלטן פון זייער צייטונג.

אין די 20ער יאָרן איז די ניט לאַנג פאַרשטאָרבענע דיכטערן שרה פעל־יעלין, וועלכע האָט געוואוינט אין באָסטאָן, געווען איינע פון די אָנפירער פון דער „מוטערס ליג" פון ניו־ענגלאַנד און האָט צוזאַמען מיט אַמעריקאַנער קאָנסומערס אָרגאַניזאַציעס אָנגעפירט דעמאָנסטראַציעס אין די גאַסן פון באָסטאָן קעגן הויכע פּרייזן פון גאַז און עלעקטריע און פאַר בעסערער באַשיצונג אויף די גאַסן. די דיכטערן שרה פעל־יעלין איז אויך אויפגעטראָטן פיל מאָל אויף פאַרהערן אין סטייט קאַפּיטאָל פון מאַסאַטשוסעטס, וואו זי איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן פון די פאַראייניקטע פרויען־אָרגאַניזאַציעס אַלס פאָרשטייערן און רעדנערן צו פּרעזענטירן די פאָדערונגען פון די פרויען צו די געזעצגעבנדיקע קערפּערשאַפטן.

שרה יעלין האָט אויך אָנגעפירט אַן ענערגישע טעטיקייט קעגן אַנטי־סעמיטיזם און פאַשיזם און פאַר שלום און גערעכטיקייט. איך האָב אַלס קאָרעספּאָנדענט נאָכגעפאָלגט די טעטיקייט פון די פרויען־אָרגאַניזאַציעס, מיטגעגאַנגען מיט זיי צו פאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס און געשריבן באַריכטן אין דער פּרעסע.

נאָך אַ קאָנווענשאָן פון דער יידישער אַגיטאַ־ציאָנס־ביוראָ אין באָסטאָן

אין 1911, האָט די יידישע אַגיטאַציאָנס־ביוראָ אָפּגעהאַלטן איר קאָנווענשאָן אין באָסטאָן. אַלס סטייט־סעקרעטאַר פון די יידישע סאָציאַליס־טישע ברענטשעס פון מאַסאַטשוסעטס האָב איך צוזאַמען מיט אַנדערע מיט־גלידער פון סטייט־קאָמיטעט געהאַט די אויפגאַבע צו אַראַנזשירן די קאָנווענ־שאָן. איינע פון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען אויף דער קאָנווענשאָן איז געווען דער ביטערער קאַמף וואָס איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען צווישן דעם „אַרבע־טער רינג" און דעם „אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג". דער „אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג" האָט זיך לכתחילה געגרינדעט אַלס אַן אָרדן פאַר בלויז מאַסאַטשוסעטס סטייט, ווייל דער „אַרבעטער רינג" האָט ניט געקענט

קריגן קיין טשאַרטער אין מאַסאַטשוסעטס צוליב די ספּעציעלע אינשור־רענס געזעצן וואָס האָבן דאָרט עקזיסטירט.

פון אָנהויב האָט מען געדענקט, אַז דער מאַסאַטשוסעטס אַ. ר. וועט ניט זיין קיין אָפּאָזיציע צום ניו־יאָרקער אַרבעטער רינג; איז אָבער שפּעטער אַרויסגעקומען אַ ביטערער קריג צווישן דעם ניו־יאָרקער און דעם אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג. עס האָבן זיך געפונען לאָיאַלע ברענ־טשעס פון אַרבעטער רינג אין מאַסאַטשוסעטס וועלכע זיינען געבליבן אין ניו־יאָרקער אַרבעטער רינג ניט רעכענענדיק זיך מיט די געזעצן פון מאַסאַטשוסעטס, און פון דער אַנדערער זייט האָט דער אינד. אַ. ר., אָדער ווי ער האָט זיך פריער גערופן דער „מאַסאַטשוסעטס אַרבעטער רינג" גענומען גרינדן ברענטשעס אויסער מאַסאַטשוסעטס. דער קריג האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט און עס איז געקומען דערצו, אַז דער אינד אַ. ר. האָט אָפּגעטאָן אַ שפּיצל דעם ניו־יאָרקער אַ. ר. עס איז כלומרשט אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ניו־יאָרקער ברענטש פון אַ. ר. אין לאָועל, מאַסאַטשוסעטס און עס זיינען איינגעלאַדן געוואָרן פירער פון ניו־יאָרקער אַרבעטער צו דער איינשווערונג פון דעם נייעם ברענטש. דערביי האָט דער אינד. אַ. ר. צוגעשיקט דעטעקטיווס מיט פּאָליציי, פאַר־מסרט אַז מען אָרגאַניזירט אַן אומגעזעצלעכע אָרגאַניזאַציע. דער מיטינג איז צעטריבן געוואָרן און די ניו־יאָרקער אָרגאַניזירערס זיינען אַרעסטירט געוואָרן. איין מיטגליד פון אינד. אַ. ר. האָט אָנגענומען די אויפגאַבע פון אַ ספּעציעלן דעטעקטיוו און איז מיט פּאָליציי געגאַנגען און אָפּגעבראָכן אַרבעטער רינג מיטינגען פון ברענטשעס, וועלכע האָבן באַלאַנגט צום ניו־יאָרקער אַרבעטער רינג.

דאָס האָט איבערצייגט דעם ניו־יאָרקער אַ. ר. אַז ער קען ניט געזעצלעך עקזיסטירן אין מאַסאַטשוסעטס. די פאַרבאַטענע ברענטשעס האָבן דעריבער געגרינדעט אַ נייע אָרגאַניזאַציע „דהוי לעיבאָר ליג", וועלכע איז נאָכגעקומען די אינשורענס געזעצן פון מאַסאַטשוסעטס, געווען אָרגאַניזאַציאָנעל אָפּגעטיילט פון ניו־יאָרקער אַרבעטער רינג, אָבער מאָ־ראַליש און קולטורעל געווען פאַרבונדן מיט אים, און צווישן דער לעיבאָר ליג און דעם אינדעפּענדענט איז דער קריג אָנגעגאַנגען מיט מער קראַפט ווי פריער. דאָס האָט שטאַרק געשאַדט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואו עס האָבן זיך געפונען מיטגלידער פון ביידע פראַטערנאַלע אָרגאַני־זאַציעס. עס איז געקומען צו דעם, אַז ווען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פלעגט אָרגאַניזירן אַ מאַי־דעמאָנסטראַציע, אָדער אַן אַנדער אונטערנע־מונג פון אַ מאַסן־כאַראַקטער, איז אויב דער אינדעפּענדענט איז איינגע־לאַדן געוואָרן, האָט די לעיבאָר ליג זיך אָפּגעזאָגט זיך צו באַטייליקן. איך, אַלס אַקטיווער מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און איניקע

יאָר דער סטייט סעקרעטאַר פון די מאַסאַטשוסעטסער יידישע ברענטשעס, האָט צוליב דער גאַנצקייט פון דער פּאַרטיי ניט באַלאַנגט צו קיינע פון די 2 קריגענדע אָרגאַניזאַציעס און האָב זיך געהאַלטן פריינטלעך מיטביידע.

די סטייט קאָמיטע האָט אַרויסגעגעבן אַ פלוג־בלעטל וואָס איז געווען אונטערגעשריבן פון מיר, פון לואי וויס, פון דר. ל. סילווערמאַן, און פון אַנדערע טעטיקע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן אַפּעלירט צו ביידע צדדים אויפצוגעבן זייער ברודער־קריג אין די אינטערעסן פון דער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג. אויף דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן פון דער יידישער אַגיטאַציאָנס־ביוראָ האָבן מיר, די מאַסאַטשוסעטסער דעלעגאַטן, אַרויפּ־געשטעלט די פראַגע אויף דער טאָג־אָרדענונג. עס איז געווען אַ דיס־קוסיע, אין וועלכער איך האָב זיך באַטייליקט. די קאָנווענשאָן האָט באַ־שטימט אַ קאָמיסיע צו געפינען אַ לייזונג צו דעם סכסוך צווישן די צוויי פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. אויף דער דאָזיקער קאָנווענשאָן האָב איך געמאַכט אַ פאָרשלאָג וואָס האָט אַרויס־גערופן אומצופרידנקייט פון די „פאָרווערטס״־אַנפירער, וועלכע זיינען געווען פאַרטראָטן אויף דער קאָנווענשאָן. איך האָב געוואָגט צו מאַכן אַ פאָרשלאָג, אַז דעלעגאַטן פון „פאָרווערטס־אַסאָסיאיישאָן״, פון חודש־זשורנאַל „צוקונפט״, פון אַרבעטער־רינג, פון יידישע געווערקשאַפטן, — אַז די אַלע קערפּערשאַפטן, וועלכע האָבן אַ גרויסע צאָל דעלעגאַטן אויף דער קאָנווענשאָן, זאָלן ניט האָבן קיין שטימרעכט, נאָר בלויז באַראַטונגס־רעכט. מיין אַרגומענט איז געווען, אַז זיי זיינען ניט קיין טייל פון דער אַגיטאַציאָנס־ביוראָ, זיי צאָלן ניט קיין מיטגליד־אָפּצאָל, זיינען ניט מחויב דורכצופירן באַשלוסן פון דער קאָנווענשאָן, אָבער אין דער זעלבער צייט האָבן זיי אַ מאַכט אין מאַכן באַשלוסן פאַר דער אַגיטאַציאָנס־ביוראָ, וואָס די אָנגעשלאָסענע ברענטשעס דאַרפן דורכפירן. למשל, זיי קענען באַשליסן צו העכערן דעם מיטגליד־אָפּצאָל אָדער אַרויפלייגן ספּעציעלע שטייערן אויף די מיטגלידער, אָדער אַנדערע באַשלוסן. איך האָב געפאָ־דערט אַז מען זאָל די דאָזיקע דעלעגאַטן געבן בלויז באַראַטונגס־רעכט, אָבער אויף קיין פאַל ניט געבן זיי קיין שטימרעכט.

איך בין דאַמאָלט געווען דער געהילפס־פאַרוואַלטער פון באָסטאָנער אָפיס פון „פאָרווערטס״ און מיין האַנדלונג האָט דערשטוינט די ניו־יאָרקער „פאָרווערטס״־פירער. מאיר גיליס, איינער פון די הויפּט טוער פון „פאָרווערטס־אַסאָסיאיישאָן״, איז באַלד צוגעלאָפן צום באָסטאָנער „פאָר־ווערטס״־פאַרוואַלטער און אים געפרעגט: „ווי קומט איר צו האַלטן אין אייער אָפיס אַזאַ מענטשן, וועלכער איז קעגן דעם „פאָרווערטס״?״ דער פאַרוואַלטער האָט אים געענטפערט: „אָט אַזאַ מענטש איז דער געוואָסע לעווין. ער איז אָבער זייער אַ נוצלעכער אַרבעטער אין אָפיס און קאָרעס־

פאַנדענט און איז פאָפּולער אין באָסטאָן און מיר דאַרפן אים טאָלערירן״. מיין פאָרשלאָג איז ניט אָנגענומען געוואָרן. ב. סאַלוצקי, דער דעמאָלדיקער סעקרעטאַר פון דער יידישער אַגיטאַציאָנס־ביוראָ און שפּעטערדיקער סעקרעטאַר פון דער „יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע״ האָט מיר שטילערהייט געזאָגט: „איר זייט גערעכט, גענאָסע לעווין, אָבער מיר קענען זיך איצט ניט דערלויבן אָנצוהויבן אַ קריג קעגן „פאָרווערטס״.

מיט אַ יאָר שפּעטער, אין יאָר 1912, איז סאַלוצקי צוזאַמען מיט א. ש. זאקס, מאָריס ווינטשעווסקי, א. ליעסין, דר. קאַספּע, צביון און אַנדערע אַפּן אַרויס אין אַ קאַמף קעגן „פאָרווערטס״ „קעגן דער שונד־ליטעראַטור און אַנדערע חסרונות פון „פאָרווערטס״. דעם קאַמף האָבן זיי אָנגעפירט דורך דעם חודש זשורנאַל „צוקונפט״, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אַ באַזונדערער קערפּערשאַפט. דער „פאָרווערטס״ האָט אָבער אַזוי מאַניפּולירט אַז דער זשורנאַל זאָל איבערגענומען ווערן פון דער „פאָרווערטס־אַסאָסיאיישאָן״ און דער קאַמף קעגן „פאָרווערטס״ איז נאָכדעם אויפגעגעבן געוואָרן.

ווען מאיר לאָנדאָן איז דערווײלט געוואָרן

עס זיינען געווען פריידיקע און טרויעריקע מאָמענטן אין מיין לעבן אין שייכות מיט די היסטאָרישע פּאַסירונגען, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון און זיינען געבליבן אויף שטענדיק פאַר מיינע אויגן.

איין פריידיקע פּאַסירונג איז געווען אין דער נאַכט ווען מאיר לאָנדאָן איז צום ערשטן מאָל דערווײלט געוואָרן אַלס סאָציאַליסטישער קאָנגרעסמאַן פון דער איסט סאַיד, ניו יאָרק.

עס איז געווען אין די נאָוועמבער וואַלן פון יאָר 1914.

טויזנטער אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן האָבן אָנגעפילט דעם סקווער קעגנאיבער דער „פאָרווערטס״־געביידע אויף איסט בראָדוועי און געוואַרט אויף די רעזולטאַטן פון די וואַלן. אויף דער „פאָרווערטס״־געביידע איז געווען אַרויפגעצויגן אַ גרויסער ליילעך, אויף וועלכן עס האָט זיך געוויזן די צאָל שטימען וואָס לאָנדאָן האָט געקראָגן אין די פאַרשיידענע דיסטריקטן.

אַנטקעגן דער געביידע, לעבן דעם העסטער פּאַרק, איז אויף אַ הויכן סלופּ אויפגעשטעלט געוואָרן אַ בודקע. פון דאָרטן האָבן זיך געצויגן דראָטן צו דער „פאָרווערטס״־רעדאַקציע. ווען אַהין פלעגט אָנקומען אַ באַריכט מיט ציפערן, פלעגט מען עס אַריינלייגן אין אַ קעסטעלע וואָס האָט זיך גערוקט אויף די דראָטן צו דער בודקע אויף דעם סלופּ אַנטקעגן,

און פון דאָרט האָט מען עס דורך אַ פילם־מאַשין געוויזן אויפן לייוונט וואָס איז געווען פאַרצויגן איוף דער געביידע.

האָט דער עולם געוואַרט מיט שפּאַנונג, און עס האָבן זיך געהערט אָפּטע אויסרופן „דאָס קעסטעלע! דאָס קעסטעלע! גיט אונדז דאָס קעס־טעלע!״ און ווי נאָר דאָס קעסטעלע האָט זיך אָנגעהויבן רירן אויפן וועג צום אַפּאַראַט־ביידל איז עס באַגלייט געוואָרן מיט הילכיקע אַפּלאָדיס־מענטן און פריידיקע אויסרופן. און נאָכדעם ווי די ציפערן האָבן זיך באַוויזן, איז ערשט געוואָרן דער גרויסער יובל.

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן די גאַנצע נאַכט ביז נאָענט צו פאַרטאָג, ווען די נייעס איז ענדלעך געקומען, אַז מאיר לאָנדאָן איז דערווילט. דער יובל פון הילכיקע, פריידיקע אויסגעשרייען איז ממש געווען אומ־באַשרייבלעך. אייב קאַהאַן און אַנדערע זיינען אַרויס אויף דעם גאַניקל ביים פענצטער פון צענטן שטאָק און באַגריסט דעם עולם מיט דעם גרויסן זיג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

די שטורמישע אויפנאַמע פאַר אַלגינען

אונדזער מ. אַלגין איז דעמאָלט נאָר וואָס געהאַט געקומען פון איי־ראָפּע נאָכדעם ווי די מלחמה האָט דאָרט אויסגעבראָכן. אַלגין איז געווען גוט באַקאַנט און באַליבט ביי די ניו־יאָרקער מאַסן דורך זיינע וויכטיקע און אינטערעסאַנטע קאָרעספּאָנדענצן פון איראָפּע, און ווען ער איז פאָרגעשטעלט געוואָרן, איז ווידער געווען אַן אויסברוך פון פרייד, יובל־דיקע אויסגעשרייען און אַפּלאָדיסמענטן. אַלגין האָט באַגריסט דעם גרויסן עולם מיט דעם גרויסן זיג וואָס ער האָט באַצייכנט ווי אַן אָנהויב פון נאָך גרויסע זיגן פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

איך בין געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט אויפן סקווער און בין געווען אין העכסטן עקסטאַז פון דעם זיג. איך האָב געוואַרט ביז עס איז אַרויס אַן עקסטראַ אויסגאַבע פון „פאָרווערטס״, מיט גאָר גרויסע בוכשטאַבן אויף דער ערשטער זייט: „לאָנדאָן עלעקטעד״. איך האָב געכאַפּט דעם „פאָרווערטס״, אים געהאַלטן אויסגעשפּרייט איבער מיר מיטביידע הענט און אַזוי געפאָרן מיט דער באַן קיין נוואַרק, וואו איך האָב דעמאָלט גע־וואוינט. עס האָט זיך מיר געדוכט אַז די רעדער פון באַן און אַלץ אַרום האַלטן אין איין שרייען „לאָנדאָן עלעקטעד! לאָנדאָן עלעקטעד!״ איך האָב זיך געוואונדערט וואָס די אַנדערע מיטרייזנדע אויפן באַן זיינען ניט אַזוי פריילעך ווי איך.

איך בין געקומען אַהיים, אויפגעוועקט מיין ברודער און שוועגערין פון זייער שלאָף און זיי אָנגעזאָגט די בשורה. זיי זיינען אויפגעשטאַנען און מיר האָבן צוזאַמען זיך געפרייט מיט דעם גרויסן סאָציאַליסטישן זיג.

אין ניו יאָרק איז געווען פריילעך אַ גאַנצע נאַכט. מען האָט לאַנדאַנען געטראָגן אויף די אַקסלען, מען האָט געטאַנצט און זיך געפרייט.

אַלגינס וואָרט

זונטיק, נאָך די וואַלן, איז פאָרגעקומען אַ גרויסע פייערונג אין מעדי־סאָן סקווער גאַרדן, וואו עס האָט ווידער געהילכט מיט אַפּלאַדיסמענטן און פרייד־אויסרופן.

דער גאַסט, מ. אַלגין, האָט געקראָגן די אויפגאַבע צו באַריכטן וועגן די געשעענישן. אָט וואָס ער האָט געשריבן אין „פאָרווערטס" פון 9טן נאָוועמבער, 1914:

„די גאַסן רוישן, די גאַסן קאָכן, אַ קאַר נאָך אַ קאַר, אַ טרעין נאָך אַ טרעין קומען־אָן, לאָזן אַרויס פון זיך שטראָמען מענטשן. פון אומעטום איילן יונגע, אַלטע מיט אַ באַזונדערן גלאַנץ אין די אויגן, מיט באַזונדערער פרייד אויפן פּנים. דאַכט זיך, אַז איך קאָן זיי דערקענען אינמיטן דער ניו יאָרקער תוהו־ובוהו.

„דאָס האָט דער זיג אויף זיי אַ באַזונדערן שימער".

אַלגין גיט־איבער, ווי אַזוי מען האָט יאָרן־לאַנג געאַרבעט און געזייט, און ניט געוואוסט, צי עס וועט ברענגען רעזולטאַטן. „נו — שרייבט ער — דער טאָג איז געקומען; דאָס פעלד האָט געבראַכט די ערשטע פרוכט אויף אונדזער פעסטונג. האַלטן מיר אָנגעצונדן דאָס ערשטע רויטע פייער. ווייט און ברייט וועט לייכטן אין דער מדבר פון אונדזער לעבן, ווייזן אַ וועג פאַר אונדזערע ווייטערדיקע קאַמפן, אונדזערע ווייטערדיקע נצחונות. דער קאַמף הערט ניט אויף, דער ענדגילטיקער זיג וועט קומען".

דאָס זיינען געווען די פערלדיקע ווערטער פון דעם שפּעטערדיקן רעדאַקטאָר פון דער „פרייהייט"־„מאָרגן־פרייהייט", מ. אַלגין.

איך בין אַוועק פון מיטינג פול מיט באַגייסטערונג, אָבער אַז איך וועל ווערן שפּעטער אַנטוישט אין מאיר לאַנדאַנס האַנדלונג בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָב איך דאַן זיך ניט פאָרגעשטעלט.

מיינע מלאכות

אין מיין לעבן האָב איך געטאָן פאַרשיידענע מלאכות. עס איז מיר געווען שווער זיך אויסצולערנען אַ פאַך. כאָטש איך האָב געהאַט אַ נאָמען פון אַ יונגנמאַן מיט „אַ גוטן קאָפּ", פלעג איך זיך ניט קאָנען אויסלערנען קיין מלאכה. איך האָב דעריבער אָפט געביטן מיינע באַשעפטיקונגען.

ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע, אַ יינגל פון אַ יאָר פופצן, איז

מיין ערשטע שטעלע געווען אין גראָסערי (שפּייז־געוועלב). מיין אַרבעט איז געווען אויפצושטיין גאַנץ־פרי, אַרום פינף אַזייגער פאַרטאָג, אויפ־שרייבן די באַשטעלונגען פון די קונים און דערנאָך פאַנאַנדערטראָגן די סחורות צו די פאַרשידענע וואוינונגען. אַזוי ווי איך בין דאַן געווען זייער רעליגיעז, פלעג איך ניט עסן פאַרן דאַווענען, און דאַווענען האָב איך קיין צייט ניט געהאַט ביז שפּעט. פלעג איך אַרומגיין אַ הונגעריקער. מיינע שכירות זיינען געווען צוויי דאָלאַר אַ וואָך. מיין אַרבעט איז געווען אַ שווערע. אויסער פאַנאַנדערטראָגן די פּעקלעך, האָב איך געדאַרפט ראַמען די קראָם און אויך מאַכן „אייזקרים״. מיין אַרבעט איז געווען אַריינצוגיסן מילך אין אַזאַ גרויסער קאַן, וועלכע איז געשטאַנען אין אַ פּעסל, אָנגעפילט מיט אייז. אין דעם אייז פלעגט מען דאַרפן אַריינשיטן האַרט זאַלץ. אין קאַן איז געווען אַזאַ מאַשין, וואָס איך פלעג דאַרפן דרייען ביז זי פלעגט איינפרירן די קרים. איך האָב דאָס ערשטע מאָל אַריינגעשאָטן דאָס זאַלץ אין דער מילך־קאַן, אַנשטאָט אין דעם אייז אַרום דער קאַן, און דערמיט קאַליע געמאַכט די „אייזקרים״. עס זיינען געווען נאָך אַרבעטן, וועלכע איך האָב געטאָן ניט ריכטיק, און איך האָב זיך דאָרט לאַנג ניט געהאַלטן.

איך בין אָנגעקומען אַרבעטן אין אַ פאַבריק, וואו מען רייסט פאַנאַנ־דער אַלטע קליידער, שמאַטעס, הייסט עס; מען סאָרטירט זיי און מען פאַרפאַקט זיי אַרויסצושיקן אין פאַבריקן, וואו מען מאַכט אַנדערע נוצן פון זיי. דאָס איז געווען אַ שמוציקע אַרבעט. מען עסט זיך אָן מיט שטויב. די מערסטע אַרבעטער זיינען געווען עלטערע מענטשן, וועלכע פלעגן האָ־רעווען ביז שפּעט אין דער נאַכט. דער באַלעבאָס פלעגט זיי דערלויבן דאַווענען מנחה־און מעריב אין פאַבריק. ער האָט פּרעטענדירט צו זיין אַ פרומער ייד, און איז געווען אַ פירער אין אַ שול, וואו די אַרבעטער פלעגן זיין מתפללים. די שול האָט געהאַט אַ צונאָמען: „די שמאַטענע שול״. די פרומקייט האָט אָבער ניט אָפּגעהאַלטן דעם באַלעבאָס פון גנבענען פון די אַרבעטער ביים אָפּוועגן די שמאַטע־פּעק. די אַרבעטער פלעגן קריגן באַצאָלט לויט דער וואָג פון די שמאַטעס, וואָס זיי האָבן אויסגעאַרבעט. די זעלבע פּראַקטיק איז אויך געווען ביי די אַנדערע באַסעס, ביז ס׳האָט אויסגעבראָכן אַ סטרייק. איינע פון די סטרייק־פאָדערונגען איז געווען: אַכטונג־צו־געבן אויף ערלעכער וואָג.

פון מיינע ערשטע מלאכות איז אויך געווען — ציגאַר־מאַכעריי. די ציגאַרן־מאַכער זיינען דאַן געווען גוט אָרגאַניזירט אין אַ יוניאָן און זיי האָבן געקאָנט פאַרדינען צוואַנציק דאָלאַר אַ וואָך, וואָס דאָס זיינען געווען זייער הויכע שכירות אין יענע צייטן. אָבער ס׳איז געווען שווער אַריינצו־קומען אין אַ יוניאָן. מען האָט געדאַרפט זיך אויסלערנען פריער די מלאכה. איך בין אָנגעקומען אַרבעטן אין אַ ציגאַר־פאַבריק, וואו מען האָט געלערנט

דעם פאַך פון ציגאַר־מאַכעריי; מען האָט געדאַרפט אַרבעטן דריי חדשים אומזיסט, איידער מען האָט עפּעס געקראָגן באַצאָלט. איך האָב אָפּגעאַר־בעט די דריי חדשים, אָבער איך האָב זיך ניט געקאָנט אויסלערנען די „קונסט" פון צוזאַמענוויקלען די בלעטער טאַבאַק, פאַרקלעפּן זיי און מאַכן זיי פאַר אַ ציגאַר.

פון ציגאַרמאַכעריי בין איך אַוועק אין אַ שוך־פאַבריק. דאָרט האָב איך זיך געדאַרפט לערנען ווערן אַ צושניידער. מען האָט געצאָלט אַ דאָלאַר אַ וואָך פאַר דער צייט פון לערנען. איך האָב אָבער געהאַט מער אינטערעס אין דיסקוטירן מיט די אַרבעטער און פּרובירן צו אָרגאַניזירן זיי אין אַ יוניאָן. די באַלעבאַטים האָבן זיך דערוואוסט און מען האָט מיך אַרויסגעוואָרפן פון שאַפּ צוזאַמען מיט יענע אַרבעטער, צו וועמען איך האָב גערעדט, כאָטש זיי האָבן מיט מיר אַרגומענטירט קעגן מיינע אידייען. „דו האָסט גערעדט צו־פיל מיט לעווינען", האָט אַ פאָרמאַן געזאָגט צו אַן אַרבעטער, דערקלערנדיק אים פאַרוואָס ער שיקט אים אַוועק.

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז די פאַבריק אָרגאַניזירט געוואָרן אין אַ יוניאָן. די באַלעבאַטים האָבן געגעבן אַ שניט אין שכירות. אייניקע אַרבעטער האָבן געדענקט מיין אויפקלערונג און די פלוג־בלעטלעך, וואָס איך פלעג אויסטיילן, און זיי זיינען געקומען צו מיר אין די קלוב־צימערן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין טשעלסי און געבעטן, מען זאָל זיי העלפן. די אַרבעטער זיינען אַרויס אין סטרייק. די סאָציאַליסטן האָבן זיי געגעבן זייערע קלוב־צימערן פאַר פאַרזאַמלונגען און זיי געשטיצט אין סטרייק.

אין אַ פרויען־הוט־פאַבריק

פון שיך בין איך אַוועק צו פרויען־היט.

דאָס איז געווען אַ גרויסע פאַבריק אין דערפל מעדוועי אין מאַסאַ־טשוסעטס. די היט זיינען געווען געמאַכט פון וואָליקע מאַטעריאַלן. כדי צו מאַכן אַ הוט, האָט מען דאָס שטיק נאַסע טוך געדאַרפט אַריינלייגן אין אַ מעטאַלענער מאַשין, וואָס איז געווען אַ פורעם פאַר אַ הוט. אונטער דער מאַשין האָט געברענט גאַז. די אַרבעטער, פיר ביי אַ מאַשין, פלעגן דאַרפן אַרונטערלאָזן אַין טייל צו פּרעסן די טוך און פאַרשטייפן די ברע־געס אויף אַזעלכע טשוועקעס. די מאַשין פלעגט אַרויסלאָזן אַ גרויסע פּאַרע, וואָס פלעגט דערלאַנגען צו די אַרבעטער גלייך אין פּנים אַריין. די אַרבעט־צייט איז געווען פון זיבן אינדערפרי ביז זעקס אין אָוונט — זעכציק שעה אַ וואָך. איך האָב געקראָגן 9 דאָלאַר אַ וואָך, און איך האָב נאָך אָפּ־געשפּאָרט אַ פּאָר דאָלער.

אין דער פאַבריק פלעג איך אָנפירן פּראָפּאַגאַנדע פאַר סאָציאַליזם.

די באַלעבאַטים זיינען געווען ניו־יאָרקער יידן; די אַרבעטער כמעט אַלע ניט־יידן.

דער פּאָסט־אָפיס איז דאַן געווען אַ זאַמל־פּלאַץ פאַר די איינוואוינער פון דערפל. קיין בריוו־טרעגער זיינען ניט געווען; פלעגט יעדער דאָרפן קומען אין פּאָסט־אָפיס אָפּנעמען בריוו. מען פלעגט זיך פאַרזאַמלען און וואַרטן ביז די פּאָסט פלעגט אָנקומען. מען פלעגט פירן לאַנגע שמועסן, און איך האָב געפּרוּווט קלאָר מאַכן סאָציאַליסטישע אידייען.

איך בין געווען דער סעקרעטאַר פון יידישן בראַנטש פון דער סאָ־ציאַליסטישער פּאַרטיי אין טשעלסי. איך פלעג קומען צו די מיטינגען יעדן זונטיק און פאָרן צוריק אַהיים מיט דער לעצטער טראָלי (טראַמוואַי), כדי צו זיין גרייט צו קומען צו דער אַרבעט מאָנטיק פרי. ס'האָט איינמאָל פּאַסירט, אַז די „טראָלי", וואָס האָט מיך געדאַרפט ברענגען אין אַ געוויסן פּלאַץ אויפן מיטן וועג און מיך פאַרבינדן מיט אַ צווייטער טראָלי־קאַר צו פירן מיך קיין מעדווער, האָט זיך פאַרשפּעטיקט און איך האָב פאַרזאַמט די צווייטע „קאַר". בין איך דורך דער נאַכט אַוועק צו־פוס דורך וועלדער, פאַרבייגעגאַנגען פערמעס, וואו הינט האָבן געבילט, און כ'בין געקומען פאַרטאָג אין פאַבריק צו דער אַרבעט.

איך בין איינמאָל אָנגעקומען אַרבעטן אין אַ פאַבריק, וואו מען בויט מאַשינען. דאָס איז געווען אין האָפּדעיל, מאַס. — אַ שטעטעלע, וואָס האָט מיך אינטערעסירט, ווייל עס איז דאָרט געגרינדעט געוואָרן אַ סאָציאַ־ליסטישע קאָלאָניע פון „קריסטלעכע סאָציאַליסטן" — אַ סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט עקזיסטירט אין די ניינציקער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט. אינמיטן מאַרק איז דאָ אַ דענקמאָל נאָך איינעם פון די גרינ־דער פון דער קאָלאָניע, מ. באַלוי. דורך מאַניפּולאַציעס פון אַ מיליאָנער, וועלכער האָט זיך אָנגעבאָטן אויסצולייען געלט צו די קאָלאָניסטן, ווען זיי זיינען געווען אין נויט, און האָט נאָכדעם אַלץ אַוועקגענומען, איז די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע געוואָרן דאָס אייגנטום פון דער מיליאָנערסקער דרעיפּער־פאַמיליע, וועלכע האָט עקספּלואַטירט די אַרבעטער. די אַרבעטער האָבן געוואוינט אין הייזער, וואָס האָבן באַלאַנגט צו דער קאָמפּאַני, און האָבן געדאַרפט קויפן זייער שפּייז און קליידער אין קראָמען פון דער פירמע. מען פלעגט פאַר זיי אָפּשטעלן דעם פאַרקויף פון שפּייז, און זיי אַרויסוואַרפן פון די דירות, ווען זיי פלעגן וואַגן דערקלערן אַ סטרייק.

איך האָב דאָרט געאַרבעט איין טאָג; געשלעפּט שווערע אייזנס. איך בין אָבער געווען אַזוי מיד און צעבראָכן, אַז כ'האָב אויף מאָרגן ניט געקאָנט קומען צו דער אַרבעט. איך האָב זיך אָבער באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון שטעטל און דאָס באַשריבן אין „פאָרווערטס".

אין אַ קופּערטן־פאַבריק

מיר איז אויסגעקומען אַרבעטן אין באָסטאָנער פאַבריק, וואו מען מאַכט קופּערטן ווען איך האָב זיך געווענדט נאָך דער שטעלע, איז די ערשטע פראַגע פונעם באַלעבאָס געווען, צי איך בין אַ קאַטאָליק. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין אַ ייד, האָט ער געזאָגט: „אַלראַיט. אַ קאַטאָליק קען ניט זיין באַשעפטיקט ביי מיר".

דער באַלעבאָס האָט באַלאַנגט צו אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געהייסן „עי־פּי־אַ" („אַמעריקאַן פּראָטעקטיוו אָרגאַניזעישאָן"). איר ציל איז געווען צו באַקעמפן דעם איינפלוס פון קאַטאָליקן אין אַמעריקע. זיי האָבן דאַן אַרויסגעגעבן אַ צייטונג, וואָס האָט געהייסן „דהי מענעס" (די געפאַר), וואָס האָט אָנגעוויזן אויף דער „געפאַר" פון קאַטאָליקן. יענע אָרגאַניזאַציע האָט געפאָדערט, אַז אַ קאַטאָליק זאָל ניט טאָרן ווערן אַ בירגער, ווייל זיין הויפּט־פליכט איז צו אַן אַנדער לאַנד — צום פּויפּסט פון רוים.

איך האָב דאָרט געאַרבעט ביים צוזאַמענקלאַפּן ברעטלעך פאַר די קופּערטן. איך האָב זיך באַלד באַפריינדעט מיט די אַרבעטער; זיי דער־ציילט מעשיות און וויצן. אַזוי ווי איך פלעג אַרבעטן זייער לאַנגזאַם, פלעגן די אַרבעטער מיר אונטערוואַרפן זייערע אויסגעאַרבעטע קופּערטן און אַריינרעכענען אויף מיין חשבון. איך פלעג פּרעדיקן סאָציאַליסטישע אידייען, מאָלן פאַר די אַרבעטער אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, לויט דער פאַנטאַזיע פון עדוואַרד בעלאַמיס בוך: „איבער הונדערט יאָר אַרום", פאַר וועלכן איך בין געווען זייער באַגייסטערט.

ס'איז אַזוי אַנגעגאַנגען אַ היפּשע צייט, ביז איין אַרבעטער האָט מיר אַ זאָג געטאָן: „איך קאָן שווערן, אַז דו ביסט אַ תלמיד פון קאַרל מאַרקס און באָב אינגערסאָל" (אינגערסאָל איז געווען אַ באַוואוסטער אַפּיקורס און קעמפער קעגן רעליגיע אין די לעצטע יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט). דער אַרבעטער האָט מיך פאַרמסרט צום באַלעבאָס, און איך בין געוואָרן אויס קופּערטן־מאַכער.

איך ווער אַן אַגענט פון ניי־מאַשינען

אַרום אַ יאָר צייט בין איך געווען באַשעפטיקט אַלס אַן אַגענט פון דער סינגער ניי־מאַשין קאָמפּאַניע אין באָסטאָן. איך האָב געשלעפּט מיט זיך אַ קעפּל פון אַ ניי־מאַשין, געגאַנגען מיט דעם פון הויז צו הויז, גע־קלאַפּט אין טירן און אָנגעבאָטן מ'זאָל קויפן אַ מאַשין אויף וועכנטלעכע אָפּצאָלונגען. איך פלעג דערנאָך דאַרפן באַזוכן מיינע קונים איינמאָנען ביי

זיי יעדע וואָך דעם 25 סענטיקן אָפּצאָל. איך האָב אויך געדאַרפט איינ־מאָנען געלט ביי אַנדערע קונים, וועמעס נעמען די קאָמפּאַניע פלעגט מיר צושטעלן. בין איך אָבער געווען אַ שוואַכער מאָנער, ווייל איך האָב געהאַט צו טאָן מיט אָרעמע מענטשן, וועלכע האָבן אָפט ניט געהאַט די 25 סענט צו באַצאָלן און געמוזט עס אָפּלייגן אויף קומענדע וואָכן. עס פלעגט מיר נאָך אויסקומען אַמאָל אויסבאָרגן אָדער אָוועקגעבן מיינעם אַן אייגענעם קוואָדער (אַ 25 סענטיקע מטבע), וואָס דער קונה האָט געמוזט האָבן אויף אַריינצוואַרפן אין גאַז־מעטער, כדי צו קריגן גאַז פאַר באַ־לייכטונג און פאַר אָפּקאָכן אַ ביסל געקעכץ אויפן קליינעם גאַז־אויוועלע.

עס איז דאַן אָנגעגאַנגען אַ סטרייק ביי די שניידער און אַ פּרוי וועמעס מאַן איז געווען אַ סטרייקער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַן אַרטיקל אין „פאָרווערטס" פון איינעם ס. ד. לעווין, וועלכער באַשרייבט די ליידן און די אָרעמקייט פון די שניידער־סטרייקער. איך האָב אין יענער צייט גע־שריבן קאָרעספּאָנדענציעס פון באָסטאָן פאַרן „פאָרווערטס". די פרוי וועלכע האָט ניט געוואוסט אַז איך אַגענט איז עס דער שרייבער פון די אַרטיקלען, האָט מיר געזאָגט: „ווען איר וועט לייענען אין „פאָרווערטס" פון ס. ד. לעווין אַז דער סטרייק איז פאַרענדיקט, זאָלט איר קומען, וועל איך אייך באַצאָלן מיט אַמאָל. אָבער די סינגער קאָמפּאַניע האָט ניט אָנגע־נומען דעם סטרייק אַלס אַן אורזאַך פאַר ניט צאָלן, און ווען איך האָב ניט אַריינגעבראַכט גענוג געלט פון די קונדן איז איינמאָל אַן אויפזעער איבער די אַגענטן מיטגעגאַנגען מיט מיר, צו ווייזן מיר ווי אַזוי מען קען איינמאָנען געלט. ער האָט מיט רוגזה געפאָדערט ביי די קונדן מען זאָל אים שוין געבן די איינצאָלונג, אַז ניט וועט ער צונעמען די מאַשין. אין איין פּלאַץ האָט ער עס טאַקע געטאָן. די פרוי וואָס האָט שוין געהאַט איינגעצאָלט אַ באַדייטנדע סומע אויף דער מאַשין האָט געוויינט, זיך געבעטן מען זאָל וואַרטן נאָך אַ ביסל, אָבער אירע רייד און איר געוויין האָבן ניט געהאָלפן. איך מיין בעטן אים ער זאָל ניט צונעמען די מאַשין האָט נישט געהאָלפן: „מיר זיינען ניט קיין צדקה אינסטיטוציע, מיר זיינען אַ געשעפט און מיר דאַרפן קריגן באַצאָלט פאַר יעדן מאַשין", און ער האָט מיט רציחה אַ שלעפּ געטאָן די מאַשין און גענומען זי פירן אַרויס פון הויז — צוגענומען די מאַשין און דאָס געלט וואָס די אָרעמע פרוי האָט ביז דאַן איינגעצאָלט איז אויך געבליבן ביי דער קאָמפּאַניע. איך בין געשטאַנען אַן אויפגעשוידערטער, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן אָדער וואָס צו זאָגן. איין זאַך איז מיר געווען קלאָר: אַז איך וועל מער ניט גיין מיט דעם אַגענט און ניט מיט זיין קאָמפּאַניע און וועל מער ניט זיין קיין שותף צו זייערע מיאוסע געשעפטן, און דאָס איז געווען דער סוף פון מיין קאַריערע אַלס ניי־מאַשין אַגענט.

איך ווער א קרעמער...

איך האב דאן (אין 1915) פארלוירן מיין שטעלע אין דעם באסטאנער „פארווערטס"־אפיס. די סיבה איז געווען: „עקאנאמיע" אין אפיס. איך בין אבער פארבליבן דער קארעספאנדענט פון „פארווערטס" איבער ניו־ענגלאנד־ענינים. איך פלעג קריגן פינף דאלער פאר אן ארטיקל פון צוויי קאלומס, און אכט דאלער פאר א דריי־קאלום־ארטיקל.

דער באסטאנער פארוואלטער פון „טאג" האט מיר אנגעבאטן א שטעלע צו ארבעטן אין זיין אפיס. איך האב אבער דעם אנבאט ניט אנגענומען. איך האב דערקלערט, אז ווען איך וועל קומען צו א „טאג"־אבאנענט און ער וועט מיר זאגן, אז ער וויל בעסער דעם „פארווערטס", וועל איך אים ניט קאנען געבן קיין איבערצייגנדיקן ארגומענט, ווייל אלס סאציאליסט דארף איך שטיצן די סאציאליסטישע צייטונג, וואס דער „פארווערטס" האט דאן געזאלט זיין. איך האב אים אויך דערקלערט, אז איך וועל זיך אפזאגן צו שרייבן נייעסן און באריכטן וועגן רעליגיעזע אינסטיטוציעס, וואס דער „טאג" האט געהאט זיין אויפגאבע צו טאן.

כ'בין דאן אוועק זוכן אנדערע באשעפטיקונגען. מיינער א ברודער האט געהאט אין דזשוירזי סיטי, ניו־דזשוירזי, א קליינע „סטעישאנערי סטאר" — א קראם, וואו מ'האט פארקויפט צייטונגען, ציגארעטן, שרייב־פאפיר, א. אנד. אים האט זיך ניט געלוינט צו האלטן די קראם — האט ער מיר איבערגעגעבן דאס געשעפט, דענקענדיק, אז אלס א ניט־פאר־הייראטער, וועל איך קאנען אנהאלטן די קראם מיט דעם קליינעם איינקונפט.

איך בין אבער געווען פאראינטערעסירט אין פאליטיק, מער ווי אין געשעפט. ס'איז געווען די צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין אייראפע. מיין קראם איז געווען פול מיט מענטשן, וועלכע האבן זיך געטומלט וועגן פאליטיק, אבער עפעס קויפן זיינען זיי געגאנגען ערגעץ אנדערשוואו. קינדער, וועלכע פלעגן קומען קויפן צוקערקעס, פלעג איך מיטגעבן קליינע ביכלעך מיט סאציאליסטישע קינדער־מעשהלעך. די עלטערן האבן זיך דערוואוסט און פארבאטן די קינדער צו קומען אין מיין קראם. דער סוף איז געווען, אז כ'האב געמוזט פארקויפן די קראם פאר א קלייגער סומע געלט.

אין קראם בין איך געווען פארנומען פון פארטאג ביז שפעט אין דער נאכט. איך האב דאן באשריבן מיין לאגע אין א מעשהלע אין „פארווערטס", וואס האט געהייסן „הייראט אן ליבע" — א געשיכטע, ווי אזוי מען האט מיך צוגערעדט צו פארבינדן זיך מיט א פרוי בלויז צוליב געשעפטן, ווייל זי וועט מיר העלפן „מאכן א לעבן"; ווי זי האט מיך געהאלטן צוגעבונדן, און פלעגט צוליב אירע גראשנדיקע אינטערעסן מיר

ניט לאָזן ריידן וועגן פּאָליטיק; און ווי איך מוז אַכטונג־געבן, אַז זי זאָל זיך ניט אויסצערן. צום סוף האָב איך געזאָגט, אַז דער נאָמען פון מיין „געליבטער" איז „טאַבעקאָ קענדי סטאָר", דאָס הייסט, אַ קראָם פון טאַבאַק און צוקערקעס.

זיצנדיק אין קראָם, האָב איך אויך געפירט אַ דיסקוסיע וועגן סאָציאַ־ליזם — אין אַ לאָקאַלער ענגלישער צייטונג: „דזהי דזשוירזי דזשורנאַל", וועלכע פלעגט געבן אַ סך פּלאַץ פאַר בריוו פון לייענער. איך האָב דאָרט אָפּגעדרוקט אונטער מיין נאָמען דריי צוויי־קאָלומדיקע אַרטיקלען וועגן סאָציאַליזם.

ווען איך האָב געוויזן מיין ברודער, דעם אייגנטימער פון מיין געווע־זענער קראָם, מיינע אַרטיקלען, מיט מיין נאָמען אונטערגעשריבן אין אַן ענגלישער צייטונג, האָט ער באַמערקט: „יאָ, דיינע אַרטיקלען קאָסטן מיר פינף הונדערט דאָלער". דאָס איז געווען די סומע געלט, וואָס מיין ברודער האָט פאַרלוירן, פאַרקויפנדיק „מיין" געשעפט.

איך האָב געפּרואווט מיין מזל אין פאַרשידענע געשעפטן. איך האָב צייטנווייז זיך באַשעפטיקט מיט פּעדלען מיט פאַרשידענע סחורות, קלאַפּן אין טירן און אָנבאָטן סחורה פון פאַרשיידענע פירמעס. איך האָב אָבער אַלעמאָל מער געהאַט אינזינען סאָציאַליסטישע אויפקלערונג און פלעג טראָגן מיט זיך סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, וואָס איך פלעג צעטיילן; אָפּשטעלן זיך רעדן וועגן סאָציאַליזם.

איך האָב איינמאָל געפּעדלט סחורה פאַר אַ טיי־פירמע, וועלכע האָט אָנגעבאָטן אָוועקצוגעבן געשיר פריי, ווען מען זאָל זיך פאַרשרייבן צו קויפן ביי איר טיי אַ באַשטימטע צייט. כ'האָב אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר, און אַ פרוי האָט מיר געזאָגט, אַז זי וואָלט גערן געקויפט די טיי, אָבער איר מאַן איז אַרבעטלאָז און זי האָט ניט קיין געלט. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט און איר געגעבן אַ לעקציע וועגן די אורזאַכן פון אַרבעטלאָזיקייט, וועגן די איבלען פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיס־טעם, און וועגן דעם וואָס סאָציאַליזם קאָן אויפטאָן. מיינע ווערטער האָבן אָפּעלירט צו איר און זי האָט מיר געזאָגט, אַז מיינע רייד געפעלן איר אַזוי, אַז זי וועט אינוועסטירן דעם לעצטן דאָלער און קויפן מיין טיי. כ'האָב איר געזאָגט, אַז אַזוי ווי זי איז אָרעם, גיב איך איר אַן עצה, זי זאָל גיין אין אַ געוויסער קראָם אויף קאָורט סטריט, באָסטאָן, וועט זי דיזעלבע טיי קריגן פאַר 25 סענט אַ פונט, אָנשטאָט צאָלן מיר אַ דאָלער אַ פונט — און אַז ס'איז די זעלבע טיי.

קיין סך געשעפטן האָב איך ניט געמאַכט.

איך בין עטלעכע יאָר געווען אַן אַגענט פון אַ וועשעריי, אַרומגע־פאָרן מיט אַ פערד־און־וואָגן צוזאַמענצוקלייבן און אָוועקפירן וועש צו

דער וועשעריי. אָבער אַריינגייענדיק אין די הייזער, פלעג איך אַגיטירן סאָציאַליזם, ברענגען ליטעראַטור און פאַרגעסן אין די געשעפטן. אַ פּאָר מאָל האָט פּאַסירט, אַז מיין פערדל האָט זיך ניט געקאָנט דער־וואַרטן, ביז איך וועל פאַרטיק ווערן מיט מיינע דעבאַטעס אין הויז, און איז אַליין, אָן אַן אָנטרייבער, אַוועקגעלאָפן מיטן וואָגן איבער די גאַסן פון טשעלסי צו זיך אין שטאַל אַריין.

איך האָב ניט אויפגעגעבן מיין אויפקלערונג פאַר די קונדן, אָבער די וועשעריי־אַגענטור האָב איך יאָ געמוזט אויפגעבן.

אין אַ ברעטער־פאַבריק

איך בין אָנגעקומען אַרבעטן אין אַ ברעטער־פאַבריק, וואו מען פלעגט הובלען און שניידן ברעטער פאַר קאַסטנס. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע. איך פלעג דאַרפן שלעפן שווערע ברעטער, זיי צושטעלן צו אַ הובל־מאַשין און דערנאָך זיי אויסלייגן אין אַ סדר. דאָרט געווען אַן אויפזעער, וועלכער פלעגט פּשוט אַרויסיאָגן די נשמה פון די אַרבעטער. די איינציקע צייט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם איז געווען, ווען עס פלעגן זיך אָנקלייבן פיל „סטרוזשקעס" — דאָס אָפּגעשיילטע פון די ברעטלעך. איך פלעג דאַרפן אויסקערן די „סטרוזשקעס" מיט אַ בעזים. איך פלעג זען, אַז ס'זאָל מיר נעמען מער צייט, ווי עס דאַרף צו זיין, כדי דער־ווייל זיך אַ ביסל אָפּרוען.

מיט מיר צוזאַמען האָט געאַרבעט אַ רעליגיעזער קריסט, וועלכער פלעגט ליב האָבן צו דיסקוטירן מיט מיר וועגן רעליגיע און פּאָליטיק. ער האָט מיך רעספּעקטירט. איינמאָל האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך באַגיי אַן עוולה קעגן דעם באַלעבאָס, — אַז איך גנבע אַוועק אַרבעטס־צייט. איך האָב אים אָבער געענטפערט, אַז דער באַלעבאָס באַגזלט מיך מער. איך האָב דאָס דערקלערט מיט אַ משל: אַ גזלן שטעלט דיך אָפּ אין גאַס מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט און פאָדערט פון דיר דיין געלט, אַז ניט — זאָגט ער — הרגעט ער דיך. דו שטימסט־איין צו געבן אים דיין געלט. ווען דער גזלן באַמערקט ניט, באַהאַלטסטו אַ ביסל קליינגעלט אין אַ זייטיקער קעשענע. וואָלסטו געזאָגט, אַז דו ברעכסט דיין אָפּמאַך, אַז דו גיסט אים ניט וואָס דו האָסט אים צוגעזאָגט? ניין! איך בין געווען הונגעריק און כ'האָב זיך געניטיקט אין אַרבעט. דער באַלעבאָס האָט געזאָגט: אָדער דו נעמסט־אָן מיינע באַדינגונגען, אָדער דו בלייבסט הונגערן. ניט האָבנדיק קיין ברירה, האָב איך אָנגענומען זיינע באַדינגונגען. גלויב מיר, אַז ס'איז ניט קיין עוולה, ווען איך „גנבע"

אַ ביסל צייט פון דער שווערער אַרבעט, און רו זיך אָפּ אַ ביסל ביי גרינגערער אַרבעט.

אין פאַבריק האָב איך זיך נאָענט באַפריינדעט מיט די אַנדערע אַרבעטער. ווען אַ נייער אַרבעטער פלעגט אָנקומען אין פאַבריק, פלעג איך זיין פון די ערשטע צוצוקומען צו אים און אַרויסהעלפן אים מיט נויטיקע אָנווייזונגען. האָב איך געקראָגן זייער פריינדשאַפט.

מיט דער צייט האָב איך אויסגעפונען, אַז אַזוי ווי ס'איז אַ מאַנגל אין אַרבעטער, נעמט מען אָן די נייע אַרבעטער פאַר העכערע שכירות, ווי פריער. איך בין אַוועק צום אויפזעער און אים געפרעגט: „וואו איז יושר? פאַרוואָס זאָל איך, אַן אַלטער אַרבעטער, קריגן ווייניקער פון די נייע?" האָט דער אויפזעער מיר געהייסן שווייגן, קיינעם ניט אויס־זאָגן, וועט ער מיר העכערן די שכירות קומענדיקע וואָך. איך האָב אָבער ניט געשוויגן. אַזוי גיך ווי איך האָב געקראָגן מיין ערשטן קאָנ־ווערט מיטן געהעכערטן געהאַלט, בין איך אַרומגעגאַנגען פון איין אָפּ־טיילונג צו דער צווייטער און אויסגעפונען, אַז אַנדערע אַרבעטער, וועלכע אַרבעטן דאָ, צען אָדער פופצן יאָר, קריגן מיט דריי דאָלער ווייניקער שכירות פון מיר. איך האָב זיי געוויזן מיין שכירות־קאָנווערט און זיי געראָטן, אַז זיי זאָלן איינציקווייז גיין בעטן אַ לוין־העכערונג. די מערסטע האָבן געקראָגן אַ העכערונג אין שכירות. די פאַרוואַלטונג האָט זיך דער־וואוסט, ווער ס'האָט פאַראורזאַכט דעם „געלאַף", און מען האָט מיך מיט כעס אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט.

ווידער אין אַ האָלץ־פאַבריק

איך בין אָנגעקומען אַרבעטן אין אַ האָלץ־געשעפט. די אייגנטימער זיינען געווען צוויי שוואָגערס, וועלכע זיינען צוזאַמען מיט מיר געווען טעטיקע מיטגלידער אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין טשעלסי. זיי האָבן מיך אַריינגענומען אַלס בוכהאַלטער און אויפזעער, דערפאַר וואָס זיי האָבן געהאַט צוטרוי צו מיר, אַז איך וועל ריכטיק מעסטן דאָס האָלץ, וואָס ווערט פאַרקויפט. כ'האָב געדאַרפט מעסטן די לענג און ברייט פון ברעטער און קלעצער. עס איז געווען כמעט אַ געוויינלעכע פּראַקטיק אין די דאָזיקע געשעפטן, אַז די אָנגעשטעלטע זאָלן, פאַר אַ קליינער מתנה פון די קויפער, געבן זיי אַ רעכענונג אויף אַ סך ווייניקער, ווי די ריכטיקע מאָס. איך בין געווען פּינקטלעך און געגעבן די ריכטיקע רעכענונג. די קונים פלעגן זיך אויך דאַרפן היטן, אַז מען זאָל זיי ניט אָפּנאַרן ביים מעסטן דאָס געהילץ. ס'איז באַלד באַוואוסט געוואָרן, אַז סעם (איך, הייסט עס) איז אַן אָרנטלעכער מענטש. קונים, אָדער זייערע

אגענטן, פלעגן באשטיין, אז איך זאל זיין דער, וואס זאל מעסטן דאס האלץ און זיי געבן דעם חשבון.

קיין „טיפס" (דאס הייסט, מתנות) פלעג איך ניט נעמען. דאס איז געווען א פרינציפּ־זאך ביי מיר. איינמאל האט פּאסירט, אז א קונה, וואס האט איינגעהאנדלט א וואגן ברעטער, איז צוגעשטאנען צו מיר, אז איך מוז נעמען א האלבן דאלער א „טיפּ". מיר איז אויסגעקומען פאַרדעכ־טיק, וואס ער שטייט אזוי שטארק צו צו מיר. האב איך געזאגט, אז איך וויל איבערמעסטן די סחורה. ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז בעת איך בין געווען פארנומען ביים צוגרייטן דעם חשבון, האט דער קונה אריינ־געווארפן אין וואגן נאך ברעטער. איך האב איבערגעמאסטן און גע־זאגט: „קיין האלבן דאלער וועל איך ניט נעמען; אבער איר וועט מיר מוזן געבן א היפּש ביסל מער". ווי עס ווייזט אויס, האט ער מיטן האלבן דאלער געוואלט צופרידנשטעלן זיין געוויסן, וואס האט אים געפלאגט.

מיינע באלעבאטים, וועלכע פלעגן מיט מיר אפט דיסקוטירן סאציאַ־ליסטישע פּראבלעמען, זיינען אבער ניט געווען צופרידן, ווען איך פלעג זיי אנווייזן, אז זיי האנדלען ניט ווי סאציאליסטן בנוגע די ארבעטער. דארט האט געארבעט א מאן, ווילי. ער האט געארבעט טאג און נאכט, געגעבן יעדן טאג אין הויף צו היטן דאס פלאץ אלס וועכטער. ווען איך האב אנגעוויזן אויף די קלעגלעכע שכירות, וואס ער קריגט, איז דער ענטפער געווען: „ער פארלאנגט ניט מער. ער איז צופרידן, וויפל ער קריגט". דערצו האבן די באלעבאטים זיך פארענטפערט, אז אלס קליינע אונטער־נעמער, דארפן זיי האבן קאפּיטאל, כדי צו קאנען אננעמען גרעסערע קאנטראקטן און קאנקורירן מיט גרעסערע געשעפטסלייט. ווילי איז געפּר־בען געווארן טויט אין זיין בודקע אין הויף פון האלץ־געשעפט.

איך בין געווען אנטוישט אין זיי, ווען עס זיינען געקומען די שטאטישע וואלן און זיי האבן געשטיצט מיט געלט א קאנדידאט פון א קאפּיטאליסטישער פּארטיי. כ'האב זיך איבערצייגט, אז מיינע באלעבאטים האבן דאס געטאן צוליב זייערע פערזענלעכע פינאנציעלע אינטערעסן.

ס'האט זיך דאן אנטוויקלט א באוועגונג צווישן שכנים פון דעם האלץ־געשעפט צו פאדערן פון שטאט צו פארווערן דעם האלץ־געשעפט צו פונקציאנירן, ווייל עס האט זיך געפונען אין א רעזידענץ־געגנט און די איינוואוינער האבן געטענהט, אז דאס קאן זיין א פייער־געפאר. דער „פּאליטישן" האט צוגעזאגט מיינע באלעבאטים, אז ווען ער וועט דער־ווילט ווערן, וועט ער ניט דערלאזן, אז מען זאל פארבאטן דעם האלץ־געשעפט צו עקזיסטירן אויף יענעם פלאץ.

איך האב זיך פון דעם איבערצייגט, אז געשעפטסלייט און באלעבא־טים טארן ניט אנגענומען ווערן אלס מיטגלידער אין דער סאציאליסטי־

שער פּאַרטיי. איך האָב אויך געהאַט אַ דערפאַרונג מיט מײַנעם אַ פרײַנט, אַ טעטיקן סאָציאַליסט, װעלכער איז געװען דער אײגנטימער פון אַ קראָם, װאו מען האָט פאַרקויפט ציגאַרן. איך בין איינמאָל אַרײַן אין קראָם און געזען, װי ער רעדט־אײַן אַ קונה, ער זאָל קויפן באַר ציגאַרן מיט אַ געװיסן נאָמען. איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן שאַכטעלע מיט די ציגאַרן און באַמערקט, אַז עס איז ניטאָ קײן יוניאָן־לעיבל. האָב איך אים געפרעגט: „װי קומט עס, װאָס דו רעקאָמענדירסט גראָד אַ ציגאַר אָן דעם יוניאָן־לעיבל?“ „אָ, זאָגט ער, די ׳אַמעריקען פעדערײשאָן׳־יוניאָנס מיט גאָמפּערסן אין דער שפּיץ זײַנען רעאַקציאָנערע יוניאָנס“. „נו — פרעג איך אים, — און דײַנע ציגאַרן זײַנען געמאַכט געװאָרן דורך דער איי־דאַבליו־דאַבליו?“ (אַ רעװאָלוציאָנערע יוניאָן פון יענער צײַט). „ניין“, האָט ער געזאָגט. „און פונװאַנען ביסטו איבערצייגט, אַז דאָס איז דער בעסטער ציגאַר?“ „אַלע ציגאַרן זײַנען גלײַך“, האָט זיך זײַן פרוי אַרײַנגעמישט. „מיר רעקאָמענדירן דעם, װאָס ברענגט אונדז אַרײַן מער פּראָפיט“.

איך האָב אים געזאָגט, ער זאָל זען דעם אונטערשייד צװישן אַן אַרבעטער און אַ געשעפטסמאַן: „איך קאָן אַגיטירן פאַר יוניאָן־געמאַכטע פּראָדוקטן און איך דאַרף דערבײַ גאָרניט פאַרלירן. דו אָבער דאַרפסט אַ ביסל מקריב זײַן, װען דו פּרעדיקסט די זעלבע אידייען װאָס איך, און דאָס לוינט זיך דיר ניט“.

דער יידישער סאָציאַליסטישער פירער מיכאל זאַמעטקין האָט נאָך מיט יאָרן פריער אָנגעפירט אַ קאַמפּאַניע קעגן יענע גענאָסן, װעלכע פאַרנעמען זיך אַ גאַנצן טאָג מיט שװינדלערישע סוחרישע געשעפטן, און אין אָװנט זײַנען זיי סאָציאַליסטן. צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָבן דאַן באַלאַנגט אַפילו מיליאָנערן. דזשאָזעף מעדיל פעטערסאָן, אייגנטימער פון דער ניו־יאָרקער „דעילי ניוס“, איז אין יענער צײַט געװען אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיװע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. זאַמעטקין איז באַטראַכט געװאָרן אַלס אַ „חסר דעה“ פאַר פּרעדיקן קעגן געשעפטסלייט. איך האָב געהאַלטן, אַז זאַמעטקין איז געװען גערעכט.

מײַן אַרבעט אין אַ פאַבריק פון לעדערנע רענצלעך

אין 1919 האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ פאַבריק װאו מען האָט געמאַכט לעדערנע רענצלעך. די באַלעבאַטים זײַנען געװען 2 שותפים. איינער האָט פּרעטענדירט צו זײַן אַ סאָציאַליסט און ער האָט עס טאַקע

מיך אַריינגענומען אין זיין פאַבריק. דער צווייטער איז געווען אַ פרומער ייד, וועלכער האָט געטראָגן אַ באָרד און איז געווען אַ גבאי אין אַ שול.

אין דער דאָזיקער פאַבריק האָט מען געאַרבעט שבת און די שכירות און אַרבעט־באַדינגונגען זיינען געווען זייער שלעכטע. ווען מען פלעגט פרעגן דעם פרומען באַלעבאָס, ווי קומט עס וואָס מען אַרבעט אין זיין פאַבריק אום שבת, האָט ער געענטפערט, אַז „איך האָב אַ שותף אַ סאָציאַליסט, אַן אַפּיקורס, און ער באַשטייט אַז מען מוז ביי אונדז אַרבעטן שבת. ווען מען האָט געפרעגט דעם סאָציאַליסטישן באָס, ווי קומט עס וואָס ביי אים אין פאַבריק אַרבעט מען אונטער אַזעלכע שלעכטע באַדינגונגען, איז זיין ענטפער געווען: איך האָב אַ שותף אַ פרומען יידן אַ רעאַקציאָנער און איך קאָן גאָר ניט העלפן...

ווי ווייט עס איז געווען באַקאַנט איז צווישן זיי קיינמאָל ניט פאָרגעקומען קיין קריגעריי וועגן די דאָזיקע ענינים.

די אַרבעטער אין פאַבריק האָבן געהערט צו אַ יוניאָן פון לעדער־אַרבעטער מיט וועלכע די פאַבריקאַנטן האָבן געהאַט אַן אָפּמאַך וועגן שכירות און אַרבעטס־באַדינגונגען. אָבער דער איינציקער וועלכער האָט געקראָגן די יוניאָן־שכירות איז געווען דער „שאָפּ טשערמאַן", דער פאָרזיצער, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע אַכטונג צו געבן אויף די באַדינגונגען אין פאַבריק. אַלע אַנדערע האָבן געאַרבעט פאַר קלענערע שכירות. ווען איך האָב געפרעגט די אַרבעטער פאַרוואָס זיי דערלאָזן אַזאַ צושטאַנד, איז דער ענטפער געווען, אַז קיין מיטינגען פון די אַרבעטער רופט מען ניט און קיין קריוודעס נעמט דער שאָפּ־טשערמאַן ניט אויף. „פאַרוואָס האָט איר אַזאַ פאָרזיצער און קלייבט ניט אויס אַ בעסערן?" — האָב איך געפרעגט. איז דער ענטפער געווען: דער באַלעבאָס האָט געוואָרנט, אַז „אויב מיר וועלן אויסקלייבן אַן אַנדער פאָרזיצער, ניט מעקסן, וועט ער יענעם אַוועקשיקן פון דער אַרבעט. האָב איך געזאָגט אַז איך בין גרייט צו ריזיקירן. האָט מען גערופן אַ פאַרזאַמלונג און מען האָט מיך דערוויילט אַלס דעם יוניאָן־פאָרזיצער פון דער פאַבריק.

איך בין באַלד אויף מאָרגן געקומען צו די באַלעבאַטים און געמאָלדן, אַז איך בין דער שאָפּ־פאָרטרעטער. דער באַלעבאָס האָט געזאָגט, אַז ער האָט גאָרנישט קעגן מיר. ער האָט געדענקט אַז זיי וועלן דערוויילן אַ געוויסן פרענק. איך האָב געזאָגט, אַז עס איז ניט זיין עסק וועמען די אַרבעטער קלייבן אויס פאַר זייער פאָרטרעטער און באַלד איבערגעגעבן די פאָדערונגען אויסצוגלייכן יעדן אַרבעטערס שכירות לויט די יוניאָן־פאָדערונגען. אַז ניט וועלן מיר אויפהויבן אַ קאַמף קעגן די באַלעבאַטים. איך האָב געקראָגן ניט נאָר די העכערונג לויט די יוניאָן פאָדערונגען, נאָר נאָך מער.

אין דעם פאַך איז דאַן געווען אַ ביסל אַ מאַנגל אין אַרבעטער. איך בין געווען באַקאַנט מיט די באַדינגונגען אין די אַנדערע פאַבריקן און איך פלעג די אַרבעטער אין „מיין" פאַבריק ראַטן אַז זיי זאָלן אַלס יחידים אויך בעטן אַ העכערונג און אויב דער באַלעבאָס וועט זיי עס ניט געבן וועל איך זיי שיקן אין אַן אַנדער פאַבריק. בקיצור, אַלע אין פאַבריק האָבן געקראָגן אַ העכערונג, נאָך מער ווי די יוניאָן פאָדערונג — אויסער מיר, ווייל איך האָב ניט געקאָנט דראָען אַז איך וועל אַוועק אין אַן אַנדער פאַבריק. מיינע באַלעבאַטים וואָלטן מיר צוגעזאָגט איך זאָל אַוועקגיין.

יעדעס מאָל, ווען עס איז געוואָרן אַ ביסל שוואַכלעך אין די געשעפטן פון פאַבריק, פלעגט מען מיך דעם ערשטן אַרויסשיקן. אָבער אַזוי ווי איך פלעג גיין, פלעגן אַלע אַרבעטער נאָכגיין. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי ווילן ניט אַרבעטן אָן מיר.

דער באַלעבאָס האָט מיר געזאָגט: „זיי גלויבן אין אייך ווי אין יעזוסן". ער האָט פּרובירט מיט מיר איינטענהן, אַז איך זאָל פּריווּוי־ליק אַרונטערלאָזן פון מיינע שכירות, ווייל די געשעפטן זיינען איצט שלעכט. זיין פּלאַן איז געווען, אַז ווען אים וועט געלינגען צו טאָן דאָס מיט מיר, וועט אים זיין זייער לייכט עס אויסצופירן ביי די אַנדערע. איך האָב אים געענטפערט אַז עס קאָנען זיין הונדערטער סיבות פאַרוואָס געשעפטן זיינען ביי אים שלעכט. עס קאָן זיין אַז ער צאָלט צופיל פאַר זיין מאַטעריאַל, ער האָט ניט קיין גוטע קויף־אַגענטן, מער שותפים אויף אַ קלענערער צאָל אַרבעטער און זיי ברענגען ניט אַריין גענוג; אָדער ער צאָלט הויכע פּראָצענטן אויף הלוואות. אָבער דאָס איז אַלץ ניט די שולד פון די אַרבעטער. „זוכט פריער צו מאַכן רעפאָרמען אין יענע אָפּטיילונגען אידער איר קומט צו אונדז מיט רעדוקציע־פאָדערונגען", האָב איך געזאָגט, און אַזוי איז עס פאַרבליבן.

איך בין געווען אַ דעלעגאַט פון מיין יוניאָן צו דער באָסטאָנער סענ־טראַל לעיבאָר יוניאָן, די צענטראַלע קערפּערשאַפט פון אַלע יוניאָנס פון באָסטאָן. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז דאַן געווען אומגעזעצלעך. זי האָט אָבער עקזיסטירט אין געהיים און פלעגט זיך אינטערעסירן מיט דער טעטיקייט פון די יוניאָנס.

איינמאָל האָב איך פאַרגעבראַכט אַ רעזאָלוציע אַז די סענטראַל לעי־באָר יוניאָן זאָל פאָדערן אַז מען זאָל באַפרייען די קאָמוניסטישע פירער וועלכע זיינען אַרעסטירט געוואָרן נאָך בשעת די „פּאַלמער" איבערפאַלן. איך און אַנדערע דעלעגאַטן האָבן גערעדט און עס האָט געהאַלטן, אַז די רעזאָלוציע זאָל אָנגענומען ווערן. אָבער דאַן זיינען אויפגעטראָטן אַ פּאָר „פּאָרווערטס"־מענטשן, דעלעגאַטן פון רעכטע יוניאָנס און האָבן געמאַכט

א געשריי אַז קאָמוניסטן זיינען שונאים פון דער אַרבעטער באַוועגונג, זיי ברעכן יוניאָנס און אַזוי ווייטער. די רעזאָלוציע איז דורכגעפאַלן.

עס איז איינמאָל פאָרגעקומען א דעבאַטע וועגן דער „ליג אָוו נעי־שאָנס". די מערסטע דעלעגאַטן, פון זיי א צאָל געבוירענע אירלענדער (איירישע) האָבן גערעדט קעגן דער „ליג אָוו נעישאָנס" צוליב דעם וואָס ענגלאַנד האָט דאָרט א צו גרויסע דעה.

איך האָב גענומען א וואָרט און געזאָגט: „איך בין ניט קיין אירלענ־דער". דער פאָרזיצער האָט גוטמוטיק א קלאַפּ געטאָן מיטן האַמער און געזאָגט, „דערציילט עס אונדז ניט". דער עולם האָט געלאַכט. איך האָב אַרויסגעבראַכט מיין מיינונג פאַרוואָס די „ליג אָוו נעישאָנס" טויג ניט — ווייל זי אָנערקענט ניט די איינציקע אַרבעטער־רעפּובליק וואָס עקזיסטירט איצט, דאָס איז די באָלשעוויסטישע רוסלאַנד, און מיר אַלס אַרבעטער דאַרפן פאָדערן אַז זי זאָל אַריינגעמען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין דער ליג און געבן אָנערקענונג צו דער אַרבעטער־רעפּובליק אין רוסלאַנד.

די דעלעגאַטן האָבן געוואוסט מיינע פּאָליטישע אידייען, אָבער איך בין געווען א געזעצלעכער דעלעגאַט פון דער לעדער־אַרבעטער יוניאָן.

איינמאָל האָט איך אַרויסגערופן א סענסאַציע ווען איך האָב געוואָגט זיך שטעלן ריידן קעגן סעמיועל גאָמפּערס, דעם דעמאָקלטיקן פּרעזידענט פון דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, און אים קריטיקירן, ווען ער איז געווען דער רעדנער אויף א זיצונג פון דעלעגאַטן פון דער סענטראַל לעיבאָר יוניאָנס.

זיין טעמע איז געווען „די פילאָזאָפיע פון אומצופרידנקייט". ער האָט אַרויסגעבראַכט, אַז די וואָס זיינען צופרידן מיט אַלץ וואָס קומט פאָר אין דער געזעלשאַפט האָבן קיין ווערט ניט. עס זיינען די אומצו־פרידענע אין דער געזעלשאַפט, וועלכע האָבן א ווערט. זיי זיינען פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר דעם גאַנצן פּראָגרעס וואָס ווערט געמאַכט.

אין דער זעלבער רעדע האָט גאָמפּערס זיך אָװעקגעלאָזט אַטאַקירן א סטרייק וואָס איז אָנגעגאַנגען אין בראָקטאָן, מאַסאַטשוסעטס, פון שיך־אַרבעטער, וועלכע זיינען אַרויס אין קאַמף אָן דער צושטימונג פון די יוניאָן־פירער פון דער בוט און שו וואָרקערס יוניאָן, וואָס האָט געהאַט א נאָמען אַלס „באָו סטרייק יוניאָן". זי פלעגט שליסן אָן אָפּמאַך מיט די באַלעבאַטים פון די פאַבריקן ניט אָנפרעגנדיק זיך ביי די אַרבעטער, און כמעט אָן פאַרבעסערונגען. די באַלעבאַטים פלעגן צווינגען די אַרבע־טער זיך אָנשליסן אין דער יוניאָן, אָראָפּנעמען די „דיוס" — צאָלונגען פון די שכירות, — און איבערגעבן דאָס געלט צו די יוניאָן־פירער.

יוניאָן מיטינגען פלעגן זעלטן געהאַלטן ווערן און ווען א מיטגליד פלעגט זיך אָװעקשטעלן אויף א מיטינג און אַרויסקומען מיט פאָדערונגען,

פלעגט מען באַלד לאָזן וויסן דעם באַלעבאָס אַז ער האָט אין זיין פאַבריק אַ „טראָבל מעיקער״, איינער וואָס „טוט אָן צרות״, און מען פלעגט דעם דאָזיקן אַרבעטער אָפּזאָגן. עס פלעגן פאַרקומען אַ סך אומאויטאָריזירטע סטרייקס צוליב דעם, און דער בראָקטאָנער סטרייק איז געווען אויף אַ גרויסן פאַרנעם. עס זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן פאָדערונגען פאַר אויסבעסערונגען. דער סטרייק איז געשטיצט געוואָרן פון די פּראָגרע־סיווע עלעמענטן און באַקעמפט געוואָרן פון די ביוראָקראַטן.

גאָמפּערס האָט אין זיין רעדע אַטאַקירט די דאָזיקע סטרייקערס. איך האָב צום סוף פון זיין רעדע אים געפרעגט: „ברודער גאָמפּערס, דענקט איר ניט, אַז אייער פילאָזאָפיע וועגן אומצופרידנקייט דאַרף אויך אָנגע־ווענדט ווערן צו אונדזער אַלטער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, און אַז די בראָקטאָנער סטרייקערס קעמפן פאַר פּראָגרעס, קעגן די וועלכע זיינען צופרידן מיט אַלץ וואָס ווערט געטאָן?״

אַ סך דעלעגאַטן זיינען געווען אויפגעצאַרנט קעגן מיר פאַר דערוועגן צו שטעלן זיך קעגן דעם גרויסן נאַציאָנאַלן פירער, אָבער גאָמפּערס האָט געזאָגט, אַז מען זאָל מיר לאָזן רעדן, און זיך באַנוצט מיט אַ קיבעץ: „ברודער לעווין העלפט צאָלן מיינע שכירות צוויי מילס אַ יאָר (אַ מיל איז אַ צענטל פון אַ סענט). זאָל ער האָבן דעם ווערט פון זיין געלט וואָס ער צאָלט״. אָבער אויף דער פראַגע האָט ער ניט געפונען פאַר נויטיק צו ענטפערן.

די יוניאָנס האָבן זיך אַלעמאָל באַטייליקט אין גרויסע גאַסן־פּאַראַדן צום יום טוב פון „לעיבאָר דעי״. איך האָב אין מיין יוניאָן געפאָדערט אַז מען זאָל ניט אָנערקענען „לעיבאָר דעי״ נאָר דעם ערשטן מאַי אַלס דעם אַרבעטער יום טוב. איך האָב ניט אויסגעפירט און אונדזער יוניאָן האָט באַשלאָסן זיך באַטייליקן אין פּאַראַד. איך האָב אָבער געפאָדערט, אַז מען זאָל אַרויסגיין מיט פּלאַקאַטן מיט פאַסיקע לאָזונגען. די יוניאָן האָט מיך באַשטימט צו פאַרפאַסן די לאָזונגען, און מיר האָבן געהאָט פּלאַ־קאַטן, וועלכע האָבן געפאָדערט די באַפרייאונג פון די אַרעסטירטע קאָ־מוניסטן פון יענער צייט, דזשים לאַרקין, בען גיטלאָוו און אַנדערע. מיר האָבן אויך געהאַט לאָזונגען מיט ציטאַטן פון גרויסע אַמעריקאַנער, וועלכע האָבן באַטאָנט אַז דער אַרבעטער איז באַרעכטיקט צו דער פולער פּראָ־דוקציע פון זיין אַרבעט, געפאָדערט אָנערקענונג פאַר דער נייער רוסלאַנד און נאָך אַזעלכע לאָזונגען.

סיי אין מיין לאָקאַל יוניאָן און סיי אין דער סענטראַל לעיבאָר יוניאָן האָב איך זיך באַמיט אָפּצוהיטן אַלע רעגולאַציעס אַז זיי זאָלן ניט קאָנען געפינען קיין תירוץ פאַר ניט לאָזן מיך אָנטייל נעמען. אין דעם סענטראַל לעיבאָר יוניאָן איז געווען אַ געזעץ אַ יעדער דעלעגאַט האָט אויף זיך

געדאַרפֿט האָבן אויף זיין קליידונג זאַכן מיט אַ יוניאָן לעיבל, — צום ווינציקסטן 5 לעיבלס. נייע דעלעגאַטן פֿלעגן אַריינגענומען ווערן אין אַ באַזונדערן צימער און אונטערזוכט ווערן צי זיי טראָגן אויף זיך די יוניאָן לעיבלס.

די לעיבל־פֿראַגע פֿלעגט אָפֿט אויסגענוצט ווערן פֿון די רעאַקציאָנערן אָוועקצוהרגענען אַ פּראָגרעסיוון פֿאָרשלאַג. ווען עס פֿלעגט אָנקומען אַמאָל אַ בריוו פֿון אַן אָרגאַניזאַציע פֿאַר הילף, פֿלעגט מען באַלד זען אויב עס איז דאָ אַ יוניאָן לעיבל, און אויב דער פּאַפּיר איז געמאַכט אין אַ יוניאָן שאַפּ. אויב ניט, פֿלעגט מען דעם צושריפֿט פֿאַרוואַרפֿן. האָט איינמאָל פּאַסירט, אַז אַ פֿרויען פֿרידנס אָרגאַניזאַציע איז געקומען מיט אַ פּאַק עקזעמפּלאַרן פֿון אַ נייעם בוך וואָס איז דאַן אַרויס, — אַ וואָרענונג קעגן אַ צווייטער וועלט־מלחמה. דער בוך פֿון וויל אירווין האָט געהייסן „דהי נעקסט וואָר" (די קומענדיקע מלחמה). ס'איז געווען אַ גוטער אַנטי־מלחמה בוך. די פֿרויען האָבן אַפּעלירט אַז די דעלעגאַטן זאָלן נעמען פֿרייע עקזעמפּלאַרן און פּאָפּולאַריזירן דעם בוך אין זייערע יוניאָנס. מען האָט צעטיילט די ביכער צו די דעלעגאַטן, — ביז אַ רעאַקציאָנערער דעלעגאַט האָט זיך אַוועקגעשטעלט און געפֿאָדערט אַז מען זאָל זען צי דער בוך איז געבונדן געוואָרן אין אַ יוניאָן פּלאַץ. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ניט, און דער פֿאָרזיצער האָט געפֿאָדערט אַז יעדער דעלעגאַט זאָל באַלד צוריק אומקערן די ביכער צו דער פּלאַט־פֿאָרמע.

עס האָט פּאַסירט איינמאָל אין דער צייט ווען דזשאָן בעלאַם, אַ קאָמוניסט, וועלכער איז געווען אַ דעלעגאַט פֿון דער ציגאַרן־מאַכער יוניאָן, האָט געהאַלטן אין מיטן רעדן וועגן אַ וויכטיקן פֿאָרשלאַג, ווען אַ דעלע־גאַט האָט געמאַכט „אַ פּאָינט אָוו אָרדער" און געפֿאָדערט אַז מען זאָל בעלאַמען אונטערזוכן צי ער האָט אויף זיך די גויטיקע 5 לעיבעלס. מען האָט אים אָפּגעשטעלט אינמיטן רעדן, אים אונטערזוכט, און געפֿונען אַז אים פֿעלט די צאָל לעיבלס. האָט מען אויסגעשלאָסן פֿון דער זיצונג.

דורך אַזעלכע מיטלען האָבן די רעאַקציאָנערע דעלעגאַטן ניט דער־לאָזט אַז פּראָגרעסיווע פֿאָרשלאָגן זאָלן דורכגעפֿירט ווערן.

איך האָב אין מיין יוניאָן געזען אָפּהיטן די אַלע „רולס" (כללים). עס האָט פּאַסירט איינמאָל אַז איך בין געווען אָן אַרבעט, האָט מיר די יוניאָן געוואָלט שיקן אויף אַ פּלאַץ צו אַרבעטן. עס איז אָבער ניט געווען מיין ריי לויט דעם צעטל פֿון די אַרבעטלאָזע וועלכע זיינען געווען רע־גיסטרירט פֿאַר שטעלעס. איך האָב זיך אָנטזאָגט עס אָנצונעמען. די פֿירער האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן ניט דערלאָזן קיינעם אויפֿצוהויבן אַפֿילו די פֿראַגע וועגן מיר. איך בין באַשטאַנען, אַז אַ פֿירער מוז ווייזן אַביישפּיל

פון אַפּהיטן די רעגולאַציעס, ניט באַנוצנדיק זיך מיט זיין מאַכט. די אַר־בעטער האָבן מיך דערפאַר רעספּעקטירט און טאָלערירט מיינע ראַדיקאַלע אידייען.

דער גענעראַל סטרייק

עס האָט פּאַסירט אַז אַ לעדער פאַבריק אין ניו יאָרק, וואו ס'איז אָנגעגאַנגען אַ סטרייק, האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין באָסטאָן. אונדזער יוניאָן האָט אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך מיט דעם פאַבריקאַנט און אַלע זיינען געווען צופרידן. איך האָב זיך אָבער דערוואוסט אַז דאָס איז אַן „אָנטלאָפענער" שאָפּ פון ניו יאָרק צוליב אַ סטרייק וואָס די דאָרטיקע יוניאָן האָט אָנגעפירט. אונדזערע יוניאָן־פירער האָבן געפונען אַ הכשר פאַר דעם אָפּמאַך. דער אויסרייד איז געווען אַז די ניו יאָרקער יוניאָן איז געווען אַן „אומאָפּהענגיקע", ניט באַלאַנגט צו דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, וואו אונדזער יוניאָן איז געווען אָנגעשלאָסן. איך האָב אויפ־געהויבן אַ קאַמף אין דער יוניאָן, אונטער דעם לאָזונג, אַז מיר טאָרן ניט זיין קיין סטרייק־ברעכער, אַלץ איינס צו וואָס פאַר אַ יוניאָן די סטרייקערס געהערן.

איך האָב זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די ניו־יאָרקער סטריי־קערס און עס זיינען אַראָפּגעקומען דזשאָרדזש ווינער, גיטעלמאַן און מאַקס וויזען אַלס קאָמיטע פון דער יוניאָן. איך האָב אַראַנזשירט אַ מי־טינג מיט אונדזער יוניאָן, און זיי האָבן געווירקט אַז די אַרבעטער פון דער דאָזיקער פאַבריק זאָלן אַרויס אין סטרייק אין סימפּאַטיע מיט די ניו יאָרקער סטרייקער.

דער אָרגאַנאַיזער פון אונדזער יוניאָן און אַנדערע פירער זיינען געווען קעגן סטרייק, און געגאַנגען אַזוי ווייט ווי צוצושטעלן סטרייק־ברעכער. דער אָרגאַנאַיזער איז געפאָרן אין אַנדערע שטעט צו ברענגען אַרבעטער צו פאַרנעמען די פלעצער פון די סטרייקערס. די פירער פון דער יוניאָן האָבן אויך געהאָלפן די באַלעבאַטים זיך צו ווענדן נאָך אַן אינדזשאַנקשאָן קעגן דער יוניאָן.

די אַרבעטער זיינען געווען אויפגעבראַכט, גערופן ספּעציעלע וואַלן, אַראָפּגעזעצט דעם אָרגאַנאַיזער. און געפאָדערט אַז איך זאָל איבערנעמען דעם דאָזיקן אַמט. איך האָב זיך אַנטזאָגט, ווייל ביי מיר איז געווען אַ פּרינציפּ ניט אָנצונעמען אַ באַצאָלטן אַמט אין אַ יוניאָן אָדער אַ געזעל־שאַפטלעכע אינסטיטוציע. אַן אַנדער יוניאָן־מאַן, וועלכער איז געווען מיינער אַ נאָכפאָלגער, איז דערווײלט געוואָרן אַלס אָרגאַנאַיזער, אָבער איך האָב געהאַט די הויפּט דעה און די אַרבעטער פלעגן זיך צוהערן צו מיר. איך בין געווען דער פרייוויליקער פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר פון דער יוניאָן.

דער באַלעבאָס פון דער פאַבריק וואו דער סטרייק איז אָנגעגאַנגען האָט מיך געשלעפּט אין געריכט און באַשולדיקט מיך אַז איך בין געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַרויסרופן דעם „אומגעזעצלעכן" סטרייק. איך בין געווען פיר טעג אויף דעם עדות שטול. די באַלעבאַטים האָבן געבראַכט אַלס באַווייז מיינעם אַן אַרטיקל אין „פאָרווערטס", וואו איך האָב אָפּגע־לירט צו שטיצן דעם סטרייק. אונדזער צד האָט געטענהט, אַז די יוניאָן האָט ניט גערופן דעם סטרייק, נאָר די אַרבעטער אין באָסטאָן האָבן זיך דערוואוסט אַז די פאַבריק איז אַן אַנטלאָפענע פון ניו יאָרק פון אַ סטרייק, זיינען זיי אַליין אַראָפּ פון דער אַרבעט. צווייטנס, אַז דער אָפּמאַך וואָס די יוניאָן פירער האָבן געהאַט מיט דער פאַבריק איז ניט געווען גוטגעהייסן פון דער מיטגלידערשאַפט און אַ באַווייז איז אַז די מיטגלידער האָבן אַרויסגעוואָרפן דעם אָרגאַניזער פון זיין אַמט פאַר שליסן דעם אָפּמאַך.

דער סטרייק אין דער פאַבריק איז געסעטלט געוואָרן, אָבער אין דער זעלבער צייט האָבן די באַלעבאַטים פון דער לעדער בעג אינדוסטריע אין באָסטאָן אַרויסגעצוואונגען אויף דער יוניאָן אַ גענעראַל סטרייק פון דער גאַנצער אינדוסטריע אין באָסטאָן.

עס איז געווען אַ שווערער סטרייק. די באַלעבאַטים האָבן זיך באַ־נוצט מיט גענגסטערס און פּאָליציי צו צעברעכן דעם סטרייק. פּיקעטס זיינען אַרעסטירט געוואָרן און געשלעפּט געוואָרן אין געריכט. דערצו זיינען געווען אייניקע געוועזענע פירער פון אונדזער יוניאָן, וועלכע האָבן געזוכט צו צעשטערן דעם סטרייק. זיי זיינען געקומען מיט פאַרשלאָגן פון „סעטלמענטס", וואָס פאַקטיש האָט עס געמיינט פאַרקויפן דעם סטרייק. אָבער די אַרבעטער האָבן זיך געהאַלטן פעסט פאַראייניקט ביז דער סטרייק איז געוואונען געוואָרן.

אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד פון סטרייק איז געווען, ווען מען האָט זיך דערוואוסט פון אַ פאַרשווערונג מצד די באַלעבאַטים און אייניקע יוניאָן־מיטגלידער צו פאַרראַטן דעם סטרייק.

די געשיכטע איז געווען אַזאַ: די מיטגלידערשאַפט פון דער יוניאָן איז באַשטאַנען העלפט פון יידן און העלפט פון ניט־יידן. די יידן זיינען געווען די מערסט־פאַרגעשריטענע, האָבן זיך די באַלעבאַטים, וועלכע זיינען, מיט איין אויסנאַם, אַליין געווען יידן, זיך באַנוצט מיט אַ מיאוסן אַנטיסע־מיטישן מיטל. זיי האָבן אַראַנזשירט אַ באַנקעט אין אַ האָטעל, וואו זיי האָבן איינגעלאַדן נאָר די קריסטלעכע מיטגלידער פון דער יוניאָן, צוזאַמען מיט פריערדיקע יוניאָן פירער, ווען די מיטגלידער האָבן אַראָפּגעוואָרפן דורך ספּעציעלע וואַלן, צוליב זייערע מיאוסע האַנדלונגען אין דעם סטרייק אין דער ניו יאָרקער פאַבריק, וואָס האָט זיך אַריבער־

געצויגן קיין באָסטאָן. די באַלעבאַטים האָבן ביים באַנקעט געהאַלטן רע־דעס, און געטענהט אַז זיי זיינען חלילה ניט קעגן אַ יוניאָן פאַר זייערע אַרבעטער, נאָר זיי ווילן ניט אַ יוניאָן וואָס ווערט געפירט פון „די לע־ווינס, גאָרדאָנס און קאָהענס". זיי ווילן אַן „אמתע אַמעריקאַנער יוניאָן" און מיט אַזעלכע וועלן זיי האַנדלען.

זיי האָבן „רעאָרגאַניזירט" די יוניאָן, דערוויילט נייע באַאַמטע, אַ נייעם אָרגאַנאַיזער און געסעטלט דעם סטרייק.

אַ יונגער איטאַליענער מיטגליד וועלכער איז געווען אַ ביסל קלאַסן־באַוואוסטזיניק, איז באַלד געקומען צו דער סטרייק־קאָמיטע און האָט דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט. די סטרייק קאָמיטע האָט זיך תיכף אַוועקגעלאָזט איבער דער שטאָט אין געדונגענע אויטאָמאָבילן און צונויפ־געבראַכט אַלע מיטגלידער צו אַ ספּעציעלן מיטינג. מען האָט אַלעמען אויסגעפרעגט וועגן דעם פאַרראַט און אויסגעפונען אַלע איינצלהייטן.

די סטרייק פירער האָבן דאָן געהאַלטן רעדעס און פאַרדאַמט די פאַררעטער. איך האָב געהאַלטן אַ ליידנשאַפטלעכע רעדע אין וועלכער איך האָב אָנגעוויזן אַז עס איז קעגן אמתן אַמעריקאַניזם צו פּראַקטיצירן ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם; אַז כמעט אַלע באַלעבאַטים זיינען אַליין יידן, ניט קיין געבוירענע אַמעריקאַנער, כאָטש זיי פאַרשטעלן די נעמען פון זייערע פירמעס אונטער אַמעריקאַנער נעמען ווי „וואַשינגטאָן לעדער בעג" אָדער „פרענקלין לעדער בעג קאָמפּאַניע" און אַזוי ווייטער; אַז זיי האַסן נאָר דעם אמתן יוניאָן מאַן וואָס איז געטריי צו דעם אַרבעטער; אַז ווען עס קומט אַ סטרייק־ברעכער נעמען זיי אים אויף און פרעגן ניט פון וואַנען ער שטאַמט, צי ער איז אַן „אמתער אַמעריקאַנער" אָדער ניט.

די פאַרזאַמלונג האָט באַשלאָסן אָנצוהאַלטן דעם סטרייק. די אַרבעטער האָבן זיך געהאַלטן איינִיק, און נאָך 9 וואָכן סטרייק האָבן זיך די פאַ־בריקאַנטן געמוזט אונטערגעבן און נאָכקומען די פאָדערונגען פון די סטרייקער.

איך בין געווען זייער געשעצט ביי די אַרבעטער, כאָטש אַלע האָבן געוואוסט וועגן מיינע ראַדיקאַלע אידייען — און דאָס איז געווען אין די צייטן פון די טרויעריק באַרימטע פּאַלמער־איבערפאַלן אויף ראַדיקאַלן אין אַמעריקע.

איך בין געווען געשעצט אין דער יוניאָן, איז ווען מען פלעגט דאַרפן שיקן אַ קאָמיטע צו פאַרהאַנדלען מיט אַ באַלעבאָס, פלעגן די אַרבעטער פאָדערן ניט אַנדערש אַז איך זאָל זיין אין דער גרופּע. די באַלעבאַטים פלעגן קעמפן קעגן האָבן מיך אין דער פאַרהאַנדלונג־קאָמיטע, אָבער ווען מען פלעגט קומען צו אַן אויסגלייך, האָבן די באַלעבאַטים געפאָדערט אַז

איך זאָל זיך אונטערשרייבן אויף דעם אָפּמאַך, ווייל זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן מער צוטרוי צו מיר ווי צו די אַנדערע יוניאָן טוער, אַז איך וועל האַלטן מיין וואָרט.

נאָך אַן עפּיזאָד אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם סטרייק איז געשען אַ פּאָר וואָכן נאָכדעם ווי דער סטרייק איז געסעטלט געוואָרן. די יוניאָן האָט באַשלאָסן אַרויפצולייגן אַ שטייער־אָפּצאָל אויף יעדן מיטגליד, כדי צו שאַפן אַ פאָנד פאַר דער יוניאָן, וועלכע איז געבליבן אַן געלט צוליב דעם סטרייק. די יוניאָן־פירער האָבן אַנגעוויזן אַז דער פאָנד איז נייטיק כדי צו קאָנען פאַרזיכערן די געווינסן פון דעם סטרייק. דאָס האָט צוערשט אויסגעזען פאַרשטענדלעך פאַר אַלע מיטגלידער. אָן אויסנאַם איז געווען אַ געוועזענער יוניאָן פירער וועלכער האָט די גאַנצע צייט פון סטרייק געשטערט, געהאַט געהיימע מיטינגען מיט באַלעבאַטים און געזוכט צו צעברעכן דעם קאַמף. ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט און געהאַלטן אַ דע־מאַגאָגישע רעדע קעגן די יוניאָן פירער און זייער פאַרשלאַג וועגן אַרויפלייגן אַ שטייער. ער האָט געזוכט צו אַפּעלירן צו די אַרבעטער מיטן אַרגומענט, אַז זיי האָבן אַזויפיל געליטן צוליב דעם סטרייק און איצט וויל מען זיי „באַרויבן" פון דער מעגלעכקייט צו קויפן מילך פאַר זייערע עופהלעך, אַ פּאָר שיכעלעך פאַר די קינדער — און אַזוי ווייטער.

זיין דעמאַגאָגישע רעדע האָט געהאַט אַ ווירקונג און איז אַפּלאָדירט געוואָרן. דאָס האָט מיך שטאַרק אויפגערעגט. איך בין פון נאַטור זייער אַ געלאַסענער און ווער זעלטן אויפגערעגט, אָבער אַזאַ היפּאָקריטסטוואָ האָב איך ניט געקענט פאַרליידן.

איך האָב זיך אויפגעשטעלט און אַראָפּגעריסן די מאַסקע פון דעם דאָזיקן „פריינט" פון די אַרבעטער. איך האָב אויפגעדעקט זיינע מעשים, ווי אַזוי ער האָט געזוכט צו צעברעכן דעם סטרייק, און איבערגעגעבן אַז מען האָט אים געמוזט צאָלן פון דער יוניאָן די גאַנצע צייט זיינע פולע שכירות וואָס ער וואָלט געקראָגן אין פאַבריק, כדי אים אָפּצו־האַלטן פון סטרייקברעכעריי, אין דער צייט ווען מיר, די סטרייק קאָמיטע, האָבן אַפילו זיך ניט פאַרגונען צו נעמען די קליינע סטרייק־בענעפיטן.

דער עולם האָט מיך שטאַרק אַפּלאָדירט און דער פאַרשלאַג פון דער יוניאָן איז דורכגעגאַנגען. איך בין אָבער צוזאַמענגעבראָכן ביים מיטינג און געפאַלן אין חלשות. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן האָב איך שוין פון פריער געליטן פון געשווירן אין מאָגן, און די אויפרעגונג האָט עס נאָך מער פאַרשאַרפט.

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָב איך געקראָגן אַן אַטאַקע פון בלוטיקונג פון מאָגן און איך בין אַריין אין אַ שפּיטאָל פאַר אַן אָפּעראַציע. דאָס איז געווען דער סוף פון מיין קאַריערע אַלס פאַבריק־אַרבעטער.

די לעדער־אַרבעטער האָבן אָנגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיט מיר אויך נאָכדעם ווי איך בין געוואָרן דער „פרייהייט״־פאַרוואַלטער אין באָסטאָן. זיי פלעגן קומען זיך באַראַטן מיט מיר וועגן פּראָבלעמען פון דער יוניאָן, און מיך געשעצט פאַר מיין פריערדיקער יוניאָן טעטיקייט, כאָטש זיי זיינען ניט געווען איינשטימיק מיט מיינע פּאָליטישע אידייען.

דער גענעראַל־סטרייק פון דער פּאָליציי אין באָסטאָן

איינע פון די וויכטיקע היסטאָרישע געשעענישן, וואָס איך האָב ביי־געוואוינט, איז געווען דער גענעראַל סטרייק פון דער פּאָליציי אין באָסטאָן.

דאָס איז געווען אין יאָר 1919. די צייט איז געווען אַן אומרואיקע. די רעוואָלוציאָנערע שטימונג צווישן די אַרבעטער האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. די אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָבן אין די יאָרן פון מלחמה פאַר־גרעסערט זייערע שכירות, אָבער די שכירות פון פּאָליסלייט זיינען פאַר־בליבן ווי פריער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אומצופרידנקייט צווישן טייל פּאָליסלייט, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרן צו טעראָריזירן סטרייקס און ראַדיקאַלע מיטינגען, אָבער זיינען אַליין געוואָרן אָנגעשטעקט פון דער פּראָפּאַגאַנדע, האָבן זיי ענדלעך באַשלאָסן זיך צו אָרגאַניזירן אין אַ יוניאָן, כדי צו באַשיצן זייערע אינטערעסן אַלס אַרבעטער.

די „סטעיט פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר״ אין מאַסאַטשוסעטס האָט זיי אַרויסגעגעבן אַ „טשאַרטער״ אַלס אַ יוניאָן.

דער פּאָליציי־קאָמישאָנער פון באָסטאָן, קורטיס, האָט באַלד געלאָזט וויסן, אַז ער וועט ניט דערלויבן די פּאָליציי זאָל זיין אָרגאַניזירט אין אַ יוניאָן. ער האָט אָנגעקלאָגט 19 פּאָליציילייט, — צווישן וועלכע עס זיינען געווען די באַאַמטע פון דער נייער יוניאָן, אין ברעכן דיסציפּלין דורך אָנשליסן זיך אין אַ יוניאָן, און זיי אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט.

די פופצן הונדערט פּאָליציילייט, וועלכע זיינען שוין געווען אָנגע־שלאָסן אין דער „פּאָליסמענס יוניאָן״ האָבן דעם 8טן סעפּטעמבער 1919 אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג, און באַשלאָסן אַז אויב די 19 פּאָליציילייט וועלן ניט צוריק אָנגעשטעלט ווערן, וועט די יוניאָן אַרויסרופן אַ גענעראַל־סטרייק פון אַלע פּאָליציילייט אין שטאָט.

דער סטרייק האָט זיך אָנגעהויבן אויפן צווייטן טאָג, 5:45 אוונט, ווען די באַזייטיקטע פּאָליציילייט האָבן געענדיקט זייער אַרבעט און די באַכט־פּאָליציי האָט זיי באַדאַרפט פאַרבייטן.

דער אָפּרוף איז געווען אַ דערפּאַלגרייכער. זייער אַ קליינע צאָל איז פאַרבליבן „סקעבן".

די שטאָט באָסטאָן איז פּלוצלינג פאַרבליבן אָן פּאָליציי־באַשיצונג. די סטרייקערס האָבן אוועקגעשטעלט „פּיקעטס" לעבן יעדער פּאָליציי־סטאַנציע ניט צו דערלאָזן אַז אַנדערע זאָלן פאַרנעמען זייערע פּלעצער.

די קרימינעלע עלעמענטן פון שטאָט האָבן באַלד זיך געלאָזט ווייל־גיין, פאַרברעכנס זיינען פאָרגעקומען אין מיטן גאַס, באַנדעס זיינען באַפאַלן די גרויסע קראָמען, צעבראָכן די שויפענצטער און צעשלעפּט סחורות וויפיל נאָר זיי האָבן געקאָנט פאַרנעמען. ייִנגלעך זיינען אַריין אין אַ מאַרקעט אין סאַוט באָסטאָן, צעשלעפּט פאַרשיידענע פּראָדוקטן, זיך אַוועק־געשטעלט אין דרויסן און באַוואָרפן יעדן פאַרבייגייער מיט אייער. קיינער האָט די ייִנגלעך ניט געקאָנט אָפּשטעלן.

אַ חברה יונגע לייט זיינען אַריין אין אַ טעאַטער און געצוואונגען איבערצורייסן די פאָרשטעלונג. אַזוי האָבן זיי געוואָלט, — און ווער האָט זיי געקאָנט צוריקהאַלטן?

די סימפּאַטיע פון דער באַפעלקערונג איז געווען אויף דער זייט פון די סטרייקערס. די פייערלייט פון שטאָט האָבן געדראָעט אַרויסצוגיין אין אַ סימפּאַטיע־סטרייק.

די „סענטראַל לעיבאָר יוניאָן" פון באָסטאָן האָט דיסקוטירט די פראַגע פון אַרויסרופן אַלע באָסטאָנער אַרבעטער אין אַ גענעראַל סטרייק. איך בין געווען צווישן די דעלעגאַטן אין דער „סענטראַל לעיבאָר יוניאָן", וועלכער האָט געשטיצט דעם דאָזיקן פאָרשלאָג.

אַ סך יוניאָנס, צווישן זיי די „פאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפטן", האָבן געשטיצט דעם סטרייק. די שניידער־יוניאָן האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נייען אוניפאָרמען פאַר סטרייק־ברעכערישע פּאָליציילייט.

די ערשט־געגרינדעטע קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין באָסטאָן האָט אַרויס־געלאָזט אַ ספּעציעלע אויסגאַבע פון איר צייטונג, „דהי ניו ענגלאַנד לידער", צו שטיצן די סטרייקערס. די צייטונג איז ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן.

די שענדלעכע ראָל פון קאַלווין קולידזש

די שטאָט־רעגירונג איז געבליבן פאַרעקשנט און געלאָזט פּשוט די שטאָט אויף הפקר.

קאַלווין קולידזש, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער גאָווערנאָר פון מאַסאַטשוסעטס, און וועלכער איז געווען באַוואוסט מיט זיין אומפּעאַי־קייט, איז מיט אַמאָל געוואָרן דער העלד פון טאָג און זיך אונטערגענומען צו צעברעכן דעם סטרייק.

קולידזש האָט אַרויסגערופן די סטעיט מיליציע איבערצונעמען די אַרבעט פון די פּאָליציייליט און אַרויסגעלאָזט אַן אַפּיל פאַר נייע פּאָליציי רעקרוטן. אַ צאָל סטודענטן פון האַרוואַרד קאַלעדזש האָבן וואָלונטירט אַלס סטרייק־ברעכער, אָבער דער צאָרן פון דער באַפעלקערונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער האַרוואַרד קאָלעדזש האָט געדאַרפט האָבן אַ וואַך אַרום דער געביידע אַז מען זאָל זי ניט שעדיקן.

די שטאָט איז געשטעלט געוואָרן אין אַ קריג־צושטאַנד. די סאָלדאַטן האָבן ניט געלאָזן מענטשן שטיין אויף איין אָרט, זיך ניט פאַרזאַמלען אין אַ גרופּע פון עטלעכע מענטשן. אַ מאַן איז דערשאָסן געוואָרן אויף באָסטאָן און טרימאָנט סטריט, ווייל ער איז ניט גיך גענוג אַריבערגע־גאַנגען די גאַס לויט דער מיינונג פון דעם סאָלדאַט וואָס האָט אים דער־שאָסן. ראַיאָטן זיינען פאָרגעקומען און מענטשן זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן.

אַ סך פון די געשעפטסלייט האָבן אַנגעשטעלט אייגענע פּאָליציי צו היטן זייערע געשעפטן. אַנדערע, ווידער, האָבן פּרובירט אויפנעמען זייער שאָדן מיט אַ שפּאָט: אַרויסגעשטעלט אויפשריפטן אין זייערע האַלב־צעבראָכענע פענצטער: „אונדזערע קונים האָבן זיך ניט געקאָנט דער־וואַרטן אַז מיר זאָלן זיי סערווירן, האָבן זיי אַליין גענומען די סחורות. זאָלן זיי איצט קומען, מיר וועלן זיי סערווירן".

אין איין קראָם איז געווען אַן אויפשריפט: „קאַסטאָמערס האָבן גענו־מען קליידער און שיך פון די ניט ריכטיקע מאָסן, זאָלן זיי קומען איצט וועלן מיר זיי די אַרטיקלען איבערבייטן"...

דער גענעראַל־סטרייק, געפּלאַנעוועט פון דער סענטראַל לעיבאָר יוניאָן איז ניט גערופן געוואָרן. די פירער האָבן ניט געוואָלט. סעמיועל גאָמפּערס און מעטיו וואָל זיינען געווען קעגן אַ גענעראַל־סטרייק. גאָמ־פּערס האָט אַפּעלירט צו קולידזשן, אַז מען זאָל צוריקנעמען די סטריי־קערס צו דער אַרבעט, אַן אַ סעטלמענט, ווייל דער סטרייק איז שוין געווען אַ פאַרלאָרענער, אָבער דער גאָווערנאָר האָט עס אַנטזאָגט און אויסגעפילט דעם פּלאַץ פון די סרייקערס מיט סטרייק־ברעכער.

מיטן „יחוס" פון אַ סטרייק־ברעכער איז קולידזש אין 1920 געוואָרן אַרויסגעשטעלט פון די רעפּובליקאַנער אַלס קאַנדידאַט פאַר וויצע־פּרעזידענט און איז דערוויילט געוואָרן.

די געוועזענע סטרייקערס האָבן אַ לאַנגע צייט אָנגעהאַלטן זייער יוניאָן־אָרגאַניזאַציע. זיי זיינען אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד און זיך גע־ווענדט צו אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס צו שאַפן שטיצע פאַר די אַרבעטלאָזע פּאָליציייליט.

אַ היבשער טייל פון די געוועזענע פּאָליציייליט זיינען געוואָרן קלאַסן־באַוואוסטע טוער אין יוניאָנס און אין ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס.

דער פּאָליציי־סטרייק אין באָסטאָן האָט געווירקט אַז אין ניו יאָרק זאָלן פּאָליציילייט קריגן אַ העכערונג אין שכירות.

דער פּאָליציי־סטרייק אין באָסטאָן איז געבליבן אַ היסטאָרישע געשעעניש. דער סטרייק האָט געגעבן אָנצוהערן דעם הערשנדיקן קלאַס, אַז מען איז גאָר ניט אַזוי זיכער אַפילו מיט דער פּאָליציי, אין אַ צייט פון אַן ערנסטן קאַמף.

אין שפּיטאָל

אין יאָר 1920 בין איך 3 חדשים אָפּגעלעגן אין אַ שפּיטאָל לעבן באָסטאָן, אין דעם „פּיטער קענט בריגהאַם" האָספּיטאָל. איך בין דורך אַ מאָגן־אָפּעראַציע. אין אָנהייב האָט מען די וואונדן אין מאָגן פּרובירט היילן מיט מעדיצינישע מיטלען. איך האָב פאַרלאָרן אַ סך בלוט. און עס איז געווען נויטיק פאַר מיר צו זיין אין שפּיטאָל ביז איך האָב געוואונען גענוג כוח און מען האָט מיך געקאָנט צוגרייטן צו דער אָפּעראַציע.

בין איך געווען אַן איינוואוינער פון שפּיטאָל גאַנצע 3 חדשים.

איך האָב זיך געפונען אין אַ צימער צוזאַמען מיט נאָך 17 חולאים, מיט וועלכע איך בין געוואָרן באַקאַנט און באַפריינדעט. באַלד ווי אַ נייער פּאַציענט פלעגט אָנקומען, בין איך געווען דער ערשטער צו באַקענען זיך מיט אים, אים געבן די אינפאָרמאַציע, וואָס איז פאַר אים געווען נויטיק און אַזוי ווייטער. איך פלעג אויך פּריוועליק העלפן אַמאָל מיט באַדינען אַ פּאַציענט וואָס האָט ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַוועגן זיך און אַרומגיין איבערן צימער, פלעג איך שמועסן מיט די חולאים וועגן פאַרשידענע פראַגן. ווען איך בין געלעגן אין בעט, פלעגן אַנדערע חולאים וועלכע האָבן געקענט אַרומגיין, שטיין אַרום מיין בעט און זיך באַטייליקן אין די שמועסן, אָדער דיסקוסיעס. עס איז געקומען דערצו, אַז די דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער פלעגן אָפּט פרעגן: וואָס איז די טעמע היינטיקן טאָג פאַר דיסקוסיע?

דיסקוסיע וועגן רעליגיע

עס איז אין שפּיטאָל געווען איין חולה אַ קאַטאָליק, וועלכער פלעגט ליב האָבן צו דעבאַטירן מיט מיר, אָבער בשום אופן ניט געוואָלט דיסקוטירן וועגן רעליגיע, וואָס דאָס איז געווען איינע פון מיינע באַליבטע טעמעס. איך האָב אים אויף אַ געלאַסענעם אופן געזאָגט אַז די סיבה וואָס ער וויל ניט דיסקוטירן רעליגיע איז דערפאַר וואָס ער איז ביי זיך זיכער, אַז זיין רעליגיע איז די איינציקע אמתע, קאָן ער ניט פאַרליידן

מען זאָל זי קריטיקירן. איך האָב אים געזאָגט: דאָס וואָס דו ביזט אַ קאַטאָליק און איך בין אַ ייד איז בלויז אַ צופאַל; ווען דו וואָלסט געבוירן געוואָרן ביי יידישע עלטערן און איך ביי קאַטוילישע עלטערן, אָדער ווען מען וואָלט אונדז דורך אַ טעות פאַרביטן אין די וויגעלעך, וואָלסטו אויס־געוואַקסן אַ ייד און איך אַ קאַטאָליק. מיר זיינען דאָס, וואָס מיר זיינען דורך דעם וואָס מען האָט אונדז דערצויגן אַזוי. עס איז מעגלעך אַז מיין אור־אור־עלטער־זיידע איז געווען אַ נאַרישער מענטש און ער האָט זיך איינגערעדט אַ סך נאַרישקייטן און אָבערגלויבנס, ווייל ער האָט נים פאַרשטאַנען בעסער. די וועלט איז אין אַלגעמיין געווען דאַן ניט אַזוי ציוויליזירט און אַנטוויקלט אין וויסנשאַפט ווי היינט, און אַזוי זיינען די גלויבנס איבערגעגאַנגען פון דור צו דור. איצט, אַז איך בין אַ דערוואַקסענער מענטש אין ציוויליזירטע צייטן, נעם איך זיך דאָס רעכט צו פרעגן פאַרוואָס מוז איך בלינדערהייט נאָכפאָלגן די גלויבנס פון מיינע אור־אור־עלטערן. לאָמיר אַליין אויספאָרשן צי די רעליגיע איז אמת אָדער ניט, אָדער וועלכע רעליגיע איז בעסער; צי עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי אַ גאָט און צי וויל ער, אַז מען זאָל פאַר אים פראַווען די אַלע צערעמאָניעס אין די סינאַגאָגן און קירכן.

— קאָן איך פאַרלאַנגען אַז דו זאָלסט עס אויך טאָן וועגן דיין רע־ליגיע? — האָב איך אים געפרעגט.

דער דאָקטאָר האָט מיך געוואָרנט איך זאָל ניט אויפרעגן מיין קאַטוילישן פריינט, ווייל ער ליידט פון „אַנעמיע”, בלוט־אָרעמקייט. איך האָב דעם דאָקטאָר געזאָגט אַז איך וויל אים אָריינגעבן „רויטע בלוט” אין זיינע אָדערן. דער דאָקטאָר האָט געענטפערט: „ווען דו קאָנסט עס טאָן, וואָלט עס געווען אַ גרויסער אויפטו, ווייל מיר האָבן אים שוין געגעבן אַ סך בלוט־איינשפריצונגען און עס העלפט ניט. אָבער זיי פאָר־זיכטיק, — האָט ער מיך געוואָרנט.

פריינטלעכע קראַנקן־שוועסטער

די קראַנקן־שוועסטער זיינען געווען זייער פריינטלעך. ווען מען האָט געדאַרפט אויפהייבן די קישן אונטער מיין קאָפּ פלעגט די נוירס מיר הייסן אַרומנעמען זי אַרום האַלדז, אויפהויבן דעם קאָפּ, און זי פלעגט דאַן ברענגען די קישן אין אָרדענונג, איז עס מיר געפעלן געווען און איך האָב אָפט גערופן די „נוירס” צו ברענגען די קישן אין אָרדענונג. האָט איין נוירס זיך געכאַפּט און האָט אָריינגעשיקט אַ מאַן, אַ באַדינער, ער זאָל עס טאָן. האָב איך אים אָפּגעשיקט צוריק און געוויזן, אַז מיט אַ ביסל אָנשטרענגונג קאָן איך אַליין אויפהייבן דעם קאָפּ און אַרויפ־רוקן די קישן...

דאָקטוירים האָבן זיך דערלויבט דאָן — און מעגלעך אַז זיי טוען עס איצט אויך — צו פּראַקטיצירן אויף די קראַנקע דורך מאַכן פאַר־שידענע פּראָבעס. פלעגט מען מיר הייסן פאַסטן אַ טאָג, דערלויבן בלויז טרינקען וואַסער און דאַן מיר געגעבן געוויסע שפּייזן און נעמען אַלע צוויי שעה אורין־מוסטערן און אַ פּאָר מאָל בלוט־מוסטערן. איך האָב עס געדולדעט, אָבער איין פּראָבע איז געווען גאָר ניט קיין אָנגענעמע. מען האָט צוגעטשעפּעט אַזעלכע עלעקטרישע קייטלעך צו מיינע הענט און פיס און אַ רערל צום האַרצן און מיר געהייסן אַזוי ליגן, ניט רירן זיך אַ פּאָר שעה. איך האָב געדענקט אַז דאָס האָט צו טאָן מיט מיין קראַנקהייט, ביז אַ נוירס האָט מיר איבערגעגעבן אַז דאָס פּראַקטיצירט מען אויף מיר; אַז אין אַ צווייטער געביידע איז דאָ אַ צימער וואו דאָקטוירים שטודירן דאָס קלאַפּן פון מיין האַרצן אויף אַ טאַבעלע, וואו דאָס קלאַפּן ווייזט זיך. איך האָב געפרעגט פאַרוואָס האָט מען גראָד מיך אויסגע־קליבן פאַר דעם קרבן, האָט זי געזאָגט אַז מעגלעך צוליב דעם וואָס איך בין אַ רואיקער מענטש, אָבער איך האָב אַ רעכט ניט צו דערלויבן עס. און איך האָב טאַקע עס מער ניט דערלויבט.

מ'הייסט מיר שטאַרבן העלדיש...

אַרויסגייענדיק פון שפּיטאָל נאָך דער אָפּעראַציע האָבן חברים געמאַכט לכבוד מיין געזונט ווערן אַ באַנקעט, וואו פירער פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג האָבן אויסגעדריקט זייער פרייד מיט מיין געזונט ווערן. איין חבר, וועלכער איז געווען באַוואוסט פאַר וואַרפן זיך מיט פראַזן, האָט מיט באַגייסטערונג אויסגערופן: „עס וואָלט געווען אַ שאַנד ווען אונדזער ס. ד. לעווין זאָל שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט ווי אַ געוויינלעכער מענטש! איך ווינטש אים, ער זאָל שטאַרבן ווי אַ העלד, פאַלנדיק אַ קרבן, קעמ־פנדיק אויף באַריקאַדן, אין די שלאַכטן פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין אַמעריקע"

איך האָב אים געענטפערט אַז איך בין אים מוחל דעם וואונטש, אַז איך וואָלט טאַקע וועלן דערלעבן דעם קאַמף פאַר דער סאָציאַלער רע־וואָלוציע אין אַמעריקע, זיך באַטייליקן אין איר, אָבער — אַרויס אַ לעבעדיקער און צוזאַמען מיט מיינע חברים געניסן פון דעם זיג.

זינט דאַן איז שוין אַוועק 50 יאָר. איצט, ווען איך שרייב די שורות, סוף 1967, ערב מיין 83סטן געבורטסטאָג, פיל איך זיך געזונט. די סאָציאַ־לע רעוואָלוציע אין אַמעריקע איז נאָך ניט געקומען, אָבער איך בין צופרידן וואָס איך לעב נאָך, דערלעבט צו זען אַ סך דערגרייכונגען אויפן פּראָגרע־סיוון געביט אין דער וועלט און האָף נאָך צו דערלעבן נאָך וויכטיקע דערגרייכונגען פאַר דער מענטשהייט.

מיין אָפּעראַציע אויפן מאָגן איז געווען די סיבה — אָבער אין אמתן אָן אויסרייד — פאַרוואָס מיט עטלעכע פערציק יאָר צוריק האָט דער נאַציאָנאַלער אָפּיס פון אַרבעטער רינג צוריקגעוויזן מיין אַפּליקאַציע צו ווערן אַ מיטגליד אין דעם אָרדן. דער תירוץ איז געווען, אַז אַזוי ווי איך האָב דורכגעמאַכט אַן ערנסטע אָפּעראַציע, קאָנען זיי ניט ריזיקירן מיט די פּאָר דאָלער טויטן־בענעפיט וואָס דער אָרדן דאַרף געבן. איך קאָן נאָך באַלד שטאַרבן און עס לוינט זיי ניט צו ריזיקירן...

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן האָט נאָך דאַן ניט עקזיס־טירט. אין אַרבעטער רינג איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף צווישן די „לינקע" און „רעכטע". איך האָב געמאַכט מיין אַפּליקאַציע אין בראַנטש 718 אַר־בעטער־רינג אין באָסטאָן, וועלכער איז דאַן געווען אַ לינקער. זיי האָבן אָנאָנסירט מיין אַפּליקאַציע און צוגעגרייט אַן אויפנאַמע פאַר מיר. מען האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט אין נאַציאָנאַלן אָפּיס אין ניו יאָרק און מען האָט די אַפּליקאַציע צוריקגעוויזן. מיר איז ניט באַקאַנט מען זאָל אַנדערע אַפּליקאַנטן צוריקווייזן צוליב האָבן דורכגעמאַכט אַזאַ אָפּע־ראַציע.

מיינע 3 חדשים אין שפּיטאָל אין באָסטאָן, אויסער די ווייטיקן וואָס איך האָב געליטן, זיינען געווען אינטערעסאַנטע איבערלעבונגען.

די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד

אָנהויב מערץ 1917 די וועלט־מלחמה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1914, איז אָנגעגאַנגען. די מלחמה־קרבנות זיינען גרויס אין צאָל, און עס נעמט ניט קיין סוף. פּאָגראָמען אויף יידן אין די מלחמה־געגנטן אין פאַרשיידענע שטעט פון רוסלאַנד און פּוילן. אַמעריקע גרייט זיך אַריינצוטרעטן אין דער בלוטיקער מלחמה. די לופט איז פול מיט קריגס־פּראָפּאַגאַנדע. די אַמוניציע־פאַבריקאַנטן און די „פּראָפעסיאָנעלע פּאַט־ריאָטן" העצן אויף אַלע כלים. אַ פיבערהאַפטע צוגרייטונג צו מלחמה גייט־אָן.

סאָציאַליסטישע און ראַדיקאַלע עלעמענטן אין אַמעריקע פירן־דורך פאַרזאַמלונגען, דעמאָנסטראַציעס קעגן מלחמה. זיי ווערן פאַרשריען פון די מלחמה־העצער. די וועלט־לאַגע איז טרויעריק.

מיטאַמאָל — עקסטראַ! עקסטראַ!

די גאַס איז פול מיט אויסגעשרייען פון צייטונגס־פאַרקויפער: „עקס־טראַ! דער צאַר האָט אָפּגעדאַנקט". „צאַר ניקאָלאַי, זעלבסטהערשער פון רוסלאַנד, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין טראָן!".

אַ פרייד האָט אַרומגענומען אַלע פריינט פון פרייהייט און פרידן: ענדלעך איז געקומען אַ סוף — האָבן זיי זיך געפרייט — אַ סוף צו די צרות, צו אונטערדריקונג, צו פּאָגראָמען אויף יידן; אַ סוף צו דער מלחמה.

ווי אַנדערש קאָן דאָס זיין? — האָבן מיר זיך געטראַכט — מען האָט דאָך צוליב דעם אַראָפּגעוואָרפן דעם צאַר. די האָפענונגען זיינען גרויס.

אָבער די נייעסן, וואָס קומען פון רוסלאַנד באַלד נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע, שטעלן ניט צופרידן. מען קריגט גרוסן פון אַ ווילדער ספּעקולאַציע אויפן חשבון פון די נויטן פון די מאַסן. אייניקע ווערן רייך, און די מאַסן ליידן, און די מלחמה ווערט ניט אָפּגעשטעלט.

„דאָס איז ניט די אמתע רעוואָלוציע", האָבן געפילט די סאָציאַליסטישע מאַסן אין אַמעריקע, כאָטש אַ גרויסער טייל פון די „גדולים", די פירער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָבן דאָס ניט איינגעזען.

דאַן איז געקומען אַהער דער אַמבאַסאַדאָר פון דער נייער רוסלאַנד, באַריס באַכמעטיעוו. אַ גרויסער קבלת־פּנים איז פאַר אים איינגעאָרדנט געוואָרן אין מעדיסאָן סקוועיר גאַרדן (דעמאָלס נאָך אויף מעדיסאָן סקוועיר, ניו יאָרק). דער זאַל איז געווען איבערגעפּאַקט.

די רוסישע מאַסן אין ניו יאָרק — צווישן זיי אַזעלכע, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט די צאַרישע טורמעס, דורכגעלעבט פּאָגראָמען, אַנטלאָפן פון דער מלחמה, סאָציאַליסטן פון אַלע ריכטונגען — זיינען געקומען אין זאַל אויסצודריקן זייער ענטוזיאַזם פאַר דער נייער רוסלאַנד און פאַר איר אַמבאַסאַדאָר. אָבער ס'איז ניט געווען דאָס, וואָס דער עולם האָט דערוואַרט.

ווען איינער פון די רעדנער אויף דער פּלאַטפאָרמע, דר. אינגערמאַן, האָט באַגריסנדיק באַכמעטיעוון געזאָגט, אַז איצט דאַרף רוסלאַנד אַנגיין מיט דער מלחמה און „מיר דאַרפן איר העלפן", האָט צווישן דעם עולם אין זאַל אויסגעבראָכן אַ גרויסע קעגן־דעמאָנסטראַציע. „פרידן! פרידן!" — האָט דער עולם געשריען. „מיר ווילן אַ סוף צו דער מלחמה!". אינגערמאַן האָט שוין זיין רעדע ניט געקענט פאַרענדיקן.

די נייעס וועגן דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע

עס איז געקומען די פריילעכע נייעס פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — 7טן נאָוועמבער, 1917, אויף דעם נייעם קאַלענדאַר. די באָלשעוויקעס האָבן איבערגענומען די מאַכט אין רוסלאַנד. אַ נייער מאַניפעסט איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן: אַ סוף צו דער מלחמה! לאַנד צו די פּויערים! די גאַנצע מאַכט צו די סאָוועטן!".

די פּראָגרעסיווע מאַסן אין אַמעריקע האָבן באַלד פאַרשטאַנען, וואָס דאָס מיינט, און באַגריסט די גרויסע איבערקערעניש. אייניקע סאָציאַ־ליסטישע פירער האָבן זי ניט געוואָלט אָנערקענען.

די אַמעריקאַנער רעאַקציאָנערע צייטונגען האָבן גענומען מאָלן די נייע רעגירונג פון רוסלאַנד אין די שרעקלעכסטע פאַרבן. זיי האָבן גע־העצט: „די נייע הערשער פון רוסלאַנד זיינען קאַניבאַלן, זיי נאַציאָ־נאַליזירן פרויען, זיי דערמאָרדן יעדן אינטעליגענט, יעדן מענטש מיט אַ ווייסן קאָלנער".

זיי האָבן פאַרשפּרייט ליגנס, אַז די באָלשעוויקעס האָבן דערמאָרדעט דעם באַרימטן סאָציאַליסט פּלעכאַנאָוו, דעם אַנאַרכיסט פּעטער קראָפּאָט־קין; די רעוואָלוציאָנערין, וואָס איז געווען באַוואוסט אונטערן נאָמען „באַבושקאַ ברעשקאָווסקאַיאַ". פּלעכאַנאָוו און קראָפּאָטקין האָבן אַליין אָפּ־געלייקנט די ליגנס און פאַרדאַמט די ליגנער, און די „באַבושקאַ" איז געקומען אַ לעבעדיקע קיין אַמעריקע. די ליגן־פאַבריקאַנטן האָבן דאַן פאַרשפּרייט נייע ליגנס.

די קאַפּיטאַליסטישע הערשער אין אַמעריקע האָבן זיך געשראָקן פאַר דעם וואַקסנדיקן רעוואָלוציאָנערן גייסט, וואָס איז דאַן געשטיגן אין אַמע־ריקע. „וואַך־אויף, אַמעריקע, די באָלשעוויקעס ווילן פאַרכאַפּן דאָס לאַנד" — האָבן זיך געלייגנט פּלאַקאַטן, וואָס האָבן אַנאָנסירט אַנטי־סאָוועטישע אַרטיקלען אין צייטונגען. די רעגירונג האָט אָנגעהויבן מיט פאַרפאָלגונגען אויף ראַדיקאַלן. עס זיינען געקומען די טרויעריק־באַרימטע „פּאַלמער־רעידס" — איבערפאַלן, אָנגעפירט דורך דעם אַטוירני דזשענעראַל מיטשעל פּאַלמער. טויזנטער מענטשן זיינען אַרעסטירט געוואָרן; פיל מענטשן זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאַנד.

די אינטערווענציע

די פאַראייניקטע שטאַטן צוזאַמען מיט אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענ־דער האָבן אַריינגעשיקט באַוואָפנטע אַרמייען אין טיילן פון רוסלאַנד, כלומרשט אונטערן אויסרייד פון „באַפרייען טשעכאָסלאָוואַקישע געפאַנ־גענע", און געפירט אַ מלחמה קעגן דער סאָוועטן־מאַכט.

עס זיינען דאַן אין רוסלאַנד פאַרגעקומען קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנדן, אָנגעפירט פון די צאַרישע גענעראַלן דעניקין, קאָלטשאַק און וראַנגעל, וועמענס אַרמייען עס זיינען אויסגעשטאַט געוואָרן מיט וואָפן דורך די פאַראייניקטע שטאַטן און אַנדערע לענדער.

די יונגע אַרבעטער־רעפּובליק איז געווען אַרומגערינגלט דורך אַ בלאָקאַדע, וואָס האָט ניט דערלויבט אַריינצוברענגען וועלכע־עס־איז הילף

צו דער סאָוועטן־מאַכט. די פּראָגרעסיווע מאַסן אין אַמעריקע האָבן געפירט אַ גרויסן קאַמף קעגן דער בלאָקאַדע און קעגן דער הילף צו די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן.

איינער פון די היגע פּאָפּולערסטע פריינט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געווען דער יונגער פּיאָנער און ענערגישער ראַבאַי יהודה־לייב מאַגנעס. ער איז געווען פון די פירער פון אָרגאַניזאַציעס לטובת דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

מאַגנעס האָט אויפגעשטורעמט די פאַרזאַמלטע אויף אַ מאַסן־מיטינג אין דעם אַלטן מעדיסאָן סקווער גאַרדן, וואו ער האָט געפאָדערט, אַז אַמעריקע זאָל אָפּשטעלן די מלחמה קעגן דער יונגער רוסישער אַרבעטער־רעפּובליק, אָפּשאַפן די בלאָקאַדע, און אַנשטאָט דעם שיקן שפּייז צו העלפן די הונגעריקע אין רוסלאַנד.

דער עולם האָט זיך אויפגעהויבן פון די ערטער און שטורמיש אַפּלאָדירט דעם רעדנער.

די שונאים פון דער סאָוועטן־מאַכט האָבן געלייגט האָפענונג אויף די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע מעשים און בושעוואַניעס פון די צאַרישע גענעראַלן.

אין דער צייט, ווען דעניקינס אַרמייען האָבן מאַרשירט איבער רוסלאַנד און פאַרנומען שטעט, האָט אַ שרייבער אין „טאָג" אָפּגעדרוקט אַ סעריע אַרטיקלען אונטער אַ קעפּל: „דער סוף פון די באָלשעוויקעס". ער האָט געזוכט צו באַווייזן מיט אַלערליי פּילפּולים, פאַרוואָס די באָלשעוויקעס „האָבן געמוזט" אונטערגיין...

די ראָל פון „פאָרווערטס" און אב. קאַהאַן

אב. קאַהאַן, רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", האָט געזוכט מאַכן צו גאָרנישט די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע. „איך האָב געקענט לענינען", האָט זיך קאַהאַן באַרימט, „ווען יענער איז אַרומגעגאַנגען אין צעריסענע הויזן, און טראָצקי איז אַ פּלוידערזאַק, און ס'וועט גאָרניט זיין פון זיי".

עס האָבן אָבער אָנגעהויבן אָנקומען גינסטיקע באַריכטן פון רוסלאַנד. ס'איז געקומען דער באַרימטער זשורנאַליסט, דזשאָן ריד, וועלכער האָט בייגעוווינט די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע. רידס פרוי, די שרייבערין לואיז בראיענט, אויך לינקאָלן סטעפענס און אַנדערע באַוואוסטע זשורנאַליסטן האָבן דערציילט דעם אמת וועגן רוסלאַנד.

לינקאָלן סטעפענס האָט געזאָגט אין אַן ענטפער צו בערנאַרד באַרוך: „איך האָב געזען די צוקונפט — און זי אַרבעט". דאָס אַלץ האָט געהאַט אַ ווירקונג.

אין מאַי, 1918, האָט זיך שוין באַוויזן אַן אַרטיקל אין „פאָרווערטס״ אונטערן „קעפּל״: „די באָלשעוויקעס זיינען אָלראַיט״. אין אָנהויב פונעם אַרטיקל זאָגט זיך: „דער טייוול איז ניט אַזוי שרעקלעך, ווי מען שטעלט אים פאָר. פאַרשיידענע ידיעות פון רוסלאַנד וואַרפן גאָר אַן אַנדער ליכט אויף וואָס עס קומט פאָר אין רוסלאַנד״. דער אַרטיקל זאָגט ווייטער, אַז עס איז ניט ריכטיק, אַז דאָרט איז ניטאָ קיין אָרדענונג, א. אַז. וו. פון פּעטראָגראַד איז אָנגעקומען אַ דעפּעשע, וואו עס ווערט דערציילט, אַז די באָלשעוויקעס האָבן אין מאָסקווע אויפגעשטעלט אַ סטאַטוע פון קאַרל מאַרקס, און אַז מען האָט דאָרט געפייערט מיט גרויס פּאַראַד דעם ערשטן מאַי און קאַרל מאַרקס הונדערטסטן געבורטסטאָג.

קאַהאַן איז געוואָרן באַגייסטערט, און דעם 17טן מאַי, 1918, האָט ער אין „פאָרווערטס״ אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אונטער אַ קעפּל: „דער־לעבט״. ער שרייבט וועגן דעם מאָנומענט פון קאַרל מאַרקס, און דער־קלערט:

„וועגן וואָס איך זאָל ניט רעדן, וואָס איך זאָל ניט טאָן — פאַר די אויגן שטייט אַלץ דאָס זעלבע בילד — אַ סטאַטוע פון קאַרל מאַרקס אין דעם סאַמע פּאַראַדנעם פּלאַץ פון קרעמל...

„כ׳לעבן, עס קלינגט ווי משיחס צייטן. היינט גיי זיי בייז אויף די באָלשעוויקעס. אין די זיבן מאָנאַטן (זינט דער רעוואָלוציע) זיינען די באָלשעוויקעס ניט שוואַכער געוואָרן, ווי מען האָט פאָראויסגעזאָגט, נאָר געוואָרן שטאַרקער.

„...איז דען ניט צייט צו פאַרגעסן די פריערדיקע סטירדעס, די פריערדיקע פראַקציאָנעלע געפילן, אָפּשטעלן דעם געדאַנק אויף דעם מאָנומענט פון קאַרל מאַרקס ווי ער שטייט אין מאָסקווע, און ווינטשן אונדזערע זיגרייכע חברים אין רוסלאַנד אַ ווייטערדיקן דערפאָלג און גליק?״.

מיט אַ טאָג שפּעטער, דעם 18טן מאַי, 1918, איז פאָרגעקומען דער גרויסער קבלת־פּנים פאַר דזשאָן ריד אין קאַרנעגי האָל. אב. קאַהאַן איז געזעסן אויף דער פּלאַטפאָרמע און האָט אַפּלאָדירט רידס אויספיר־לעכן באַריכט. דערנאָך האָט קאַהאַן אָנגעשריבן אַ באַגייסטערטן אַרטיקל אין „פאָרווערטס״.

ב. וולאַדעק, וועלכער איז יענעם יאָר, אַ דאַנק דער רעוואָלוציאָנערער שטימונג פון די יידישע מאַסן, וואָס די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט אַרויסגערופן, דערוויילט געוואָרן אַלס אַלדערמאַן (מיטגליד פון שטאָט־ראָט פון ניו יאָרק), האָט פאַרטיידיקט די באָלשעוויקעס. ער האָט שאַרף אָפּגעענטפערט אַ טאַמאַני־אַלדערמאַן, וועלכער האָט געזאָגט, אַז ווען

ער וואָלט געקענט, וואָלט ער „אויפגעגעסן אַ באָלשעוויק פאַר פריש־טיק". וולאַדעק האָט אים געזאָגט: „ווען דאָס וואָלט געווען דער פאַל, וואָלסטו געהאַט מער מאַרך אין בויך, ווי דו האָסט אין קאָפּ".

וולאַדעק האָט אין אַ סעריע אַרטיקלען אין חודש־זשורנאַל „צוקונפט" דעבאַטירט מיטן „פאָרווערטס"־שרייבער מ. באַראַנאָוו. ער האָט פאַר־טיידיקט די באָלשעוויקעס קעגן די אַטאַקעס פון באַראַנאָוון.

שוין ווידער שונאים

שפּעטער זיינען קאַהאַן און אויך וולאַדעק (אין אַ קלענערער מאָס) געוואָרן צוריק ביטערע שונאים פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

איין סיבה, לויט מיין מיינונג, איז געווען די אויפגעברויזטע רעוואָ־לוציאָנערע שטימונג צווישן די יידישע מאַסן, וועלכע האָבן באַקעמפט די ביוראָקראַטישע און רעאַקציאָנערע פירער פון די יידישע יוניאָנס און סאָציאַליסטישע אינסטיטוציעס און געדראָעט איבערצונעמען די פי־רערשאַפט.

אפילו אין דער צייט, ווען קאַהאַן פלעגט זיך „פאַרכלינען" דער־מאָנענדיק דעם נאָמען „געגנאָסע לענין", פלעגט ער אַטאַקירן די לינקע באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס אין אַמעריקע. די סאָציאַליסטישע ביוּ־ראָקראַטן האָבן זיך פשוט איבערגעשראָקן פאַר דעם מאַסן־אויפברויז.

אין „פאָרווערטס" איז דאַן דערשינען אַן אַרטיקל פון ב. פייגענבוים, אַז כדי צו באַקעמפן די געפאַר פון די „לינקע" אין אַמעריקע, דאַרף מען אַטאַקירן דעם קוואַל, פונוואַנען זיי קריגן זייער איינפלוס. ער האָט דער־מיט געגעבן דעם טאָן צו בייטן די שטעלונג צו רוסלאַנד. אייניקע, ווי באַראַנאָוו, שוב און אַנדערע, האָבן די גאַנצע צייט געהאַלטן אין פאַר־לוימדן די באָלשעוויקעס.

די שטעלונג פון די סאָציאַליסטן צו דער ערשטער וועלט־מלחמה

ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן אין אייראָפּע זיינען די סאָציאַליסטן אין אַמעריקע, מיט געציילטע אויסנאַמען, געווען קעגן דער מלחמה און אָנגעפירט אַן אַגיטאַציע אַז אַמעריקע זאָל ניט אַריינ־גיין אין דער מלחמה.

די שטימונג אין לאַנד איז געווען מערסטנס קעגן דער מלחמה. פּרעז־זידענט ווילסאָן איז „געלאָפן" פאַר ווידערדערוויילונג אין 1916 אונטער

דער לאַזונג, אַז ער האָט אויסגעהיט דאָס לאַנד פון מלחמה. נאָכדעם ווי ער איז דערוויילט געוואָרן האָט ער באַלד געביטן זיין שטעלונג, און אין אַפּריל 1917 איז אַמעריקע אַריין אין דער מלחמה אויף דער זייט פון די פאַרבינדעטע, ענגלאַנד, רוסלאַנד און אַנדערע לענדער, קעגן דייטשלאַנד מיט אירע שותפים.

די סט. לואיס רעזאָלוציע

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין אַמעריקע האָט באַלד צוזאַמענגערופן אַ ספּעציעלע קאָנווענשאָן אין סעינט לואיס, מיזורי, און אָנגענומען אַ באַשלוס, וואָס איז באַרימט געוואָרן ווי די סעינט לואיסער אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע.

די רעזאָלוציע דערקלערט, אַז דער אַריינטריט פון אַמעריקע אין דער וועלט־מלחמה איז אַ פאַרברעכן קעגן דער מענטשהייט.

„מאָדערנע מלחמות, זאָגט די רעזאָלוציע, אַלס אַ כלל, זיינען פאַר־אורזאַכט דורך דער קאָמערציעלער און פינאַנציעלער קאָנקורענץ און אינטריגעס פון די קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסן אין די פאַרשיידענע לענדער. „...די מלחמה צווישן די פאַרשיידענע גרופּן קאַפּיטאַליסטן גייט ניט אָן די אַרבעטער. דער איינציקער קאַמף וואָס וואָלט באַרעכטיקט אַרבעטער צו נעמען וואָפן אין די הענט איז דער קאַמף פון די אַרבעטער צו באַפרייען זיך פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע און קאָרופּציע.

„...מיר שטעמפּלען די מלחמה־דעקלאַראַציע פון אונדזער רעגירונג ווי אַ פאַרברעכן קעגן דעם פאָלק פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קעגן די פעלקער פון דער וועלט".

די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן דורך אַ גרויסער מאַיאָריטעט, אָבער אייניקע סאָציאַליסטישע פירער, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן אָננע־מען די רעזאָלוציע, האָבן באַלד רעזיגנירט פון דער פּאַרטיי. צווישן זיי זיינען געווען אַזעלכע ווי דזשאָן ספּאַרגאָ, טשאַרלס עדוואַרד ראָסעל און אַנדערע. זיי האָבן געגרינדעט אַ באַזונדערע גרופּע און אָנגעפירט אַ קאַמ־פּאַניע צו שטיצן די מלחמה. זיי האָבן באַשולדיקט די סאָציאַליסטישע פּאַר־טיי אין זיין פּראָ־דייטשלאַנד. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט פאַרדאַמט די אָפּגעשפּאָלטענע אַלס פאַררעטער, אָבער עס האָט ניט גענומען לאַנג ביז די מערסטע פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָבן אַליין גענומען שטיצן די מלחמה ניט געקוקט אויף דער אָנגענומענער אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע.

איך בין געווען אַ שטאַרקער קעגנער פון דער מלחמה און איך האָב פאַרשפּרייט קאָפּיעס פון דער סעינט לואיסער רעזאָלוציע, ריזיקירנדיק

צו ווערן אַרעסטירט אָדער פאַרפאָלגט פון צעיושעטע מלחמה־פּאַטריאָטן.
איך, ווי פיל אַנדערע, בין געווען אַנטוישט אין דער פירערשאַפט פון
דער ס. פּ.

מען רופט מיך ווערן אַ סאָלדאַט

איך בין דאַן געווען אין די יאָרן וואָס איך, ווי יעדער יונגערמאַן,
איז געווען פאַרפליכטעט צו רעגיסטרירן זיך אין דער דרעפט־באָרד צו
גיין אין מלחמה. פאַר פאַרפעלן צו רעגיסטרירן זיך האָט געקומט אַ
גרויסע שטראָף.

פּאָליציי פלעגט פּלוצים אַרומצאַמען גאַסן און קוואַרטאַלן פאַר אַ פּאָר
שעה צייט און כאַפּן יעדן יונגן מאַן און פאָדערן ער זאָל ווייזן זיין
רעגיסטראַציע־קאַרטל, אויב ניט האָט מען אים אַרעסטירט.

עס זיינען געווען אַ סך יונגעלייט וועלכע האָבן זיך אַנטזאָגט צו גיין
אין דער מלחמה. אַ גרויסע צאָל צוליב דעם וואָס זיי האָבן געגלויבט אַז די
מלחמה איז אַן אימפּעריאַליסטישע און ס'איז אַ פאַרברעכן מצד אַמעריקע;
אַנדערע האָבן געהאַט אַנדערע אורזאַכן פאַר ניט וועלן גיין אין דער
מלחמה. עס איז דאַן געווען זייער פּאָפּולער אַ לאָזונג פון די מלחמה־קעגנער:
„איך האָב ליב אַמעריקע, איך וועל בעסער זיין אין אַמעריקע אין טורמע,
איידער אין ד'רערד אין פראַנקרייך". (די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן פלעגט
מען שיקן מערסטנס צו שלאָגן זיך אויף דעם פראָנט אין פראַנקרייך).

„קאָנשיענשיאָס אָבדזשעקטאָרס", די וועלכע האָבן ניט געוואָלט גיין
אין דער אַרמיי צוליב דעם וואָס זייער פּרינציפּיעלער געוויסן האָט זיי
ניט דערלויבט, זיינען געמשפּט געוואָרן אין קריגס געריכטן; 450 זיינען
פאַרמשפּט געוואָרן אויף טערמינען פון 10 ביז 30 יאָר טורמע און עס
זיינען געווען אויך אַזעלכע וועלכע זיינען פאַראורטיילט געוואָרן אויף
לעבנסלענגלעכער געפענגעניש, אָבער שפּעטער איז עס פאַרביטן געוואָרן
אויף קלענערע טערמינען. יעדנפאַל, דער טעראָר קעגן די וועלכע האָבן
זיך אַנטזאָגט צו גיין אין מלחמה איז געווען זייער גרויס. אין טורמע זיינען
די קעגנער פון מלחמה אויסגעשטאַנען גרויסע צרות און מאַטערנישן. עס
וואָלט געווען צופיל צו באַשרייבן אַלע זייערעליידן.

איך בין געווען אַנטשלאָסן ניט צו גיין אין דער מלחמה, אַ מלחמה וואָס
איך האָב פאַרדאַמט מיט מיין גאַנצן וועזן. די פראַגע איז געווען: זאָל
איך זיך רעגיסטרירן און דערווייל געווינען צייט ביז מען וועט מיך רופן,
אָדער לכתחילה איגנאָרירן דעם רוף און ניט רעגיסטרירן זיך?

אַ חברטע מיינע, האָט מיר געשריבן אַ בריוו און געפרעגט: „וואָס דענקט איר צו טאָן, חבר לעווין, מיט דעם וואָס דער אָנקעל רופט אייך איר זאָלט אים גיין העלפן אין זיינע מיאוסע געשעפטן, וועלכע ער פירט אָן אין אויסלאַנד? איך גלויב — שרייבט זי — אַז איר דאַרפט אים אַפילו ניט ענטפערן אויף דעם. ער האָט זיך ניט פאַרדינט ביי אייך. ער האָט גאָר ניט געטאָן פאַר אייך ווען איר זייט געווען אַרבעטלאָז, געווען אין נויט. איגנאָרירט אים".

מען האָט דאַן געדאַרפט שרייבן פאַרשטעלט, ווייל עס איז געווען אַ ספּעציעלער שפּיאָנאַזש געזעץ וואָס האָט באַשטראָפט פּרעדיקער קעגן מלחמה.

איך האָב באַשלאָסן צו רעגיסטרירן זיך און פאָדערן באַפרייאונג צוליב דעם וואָס איך דאַרף שטיצן מיין מוטער, וועלכע איז געווען אַן אַלמנה. איך בין אָבער געווען אַנטשלאָסן, ווען עס וועט קומען מיין נומער און די צייט זיך אָנשליסן אין דער אַרמיי — וועל איך בשום אופן ניט גיין.

צופיל האָפענונג אַז מען וועט מיר נאָכגעבן מיין פאָדערונג האָב איך ניט געהאַט, ווייל אויסער מיר האָט מיין מוטער געהאַט נאָך 6 דערוואַקסענע קינדער, וועלכע האָבן געקענט איר שטיצן, און זיי האָבן עס טאַקע געטאָן, ווייל איך האָב ניט פאַרדינט גענוג פאַר דעם. אָבער איך האָב פּרובירט. איך בין אַוועק אין דרעפט אָפיס און צו מיין פאַרוואונדערונג האָב איך געטראָפן, אַז דער הויפּט רעגיסטראַטאָר איז מיינער אַ גוטער באַקאַנטער און כמעט אַ פריינט, אַן אַמעריקאַנער פּאָפּולערער אַדוואָקאַט, וועלכער האָט פּרעטענדירט צו זיין אַ סאָציאַליסט. ער האָט ניט געגלויבט אין קלאַסן־קאַמף. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער באַלאַנגט אין איין קלוב מיט די ראָקפעלערס און אַנדערע רייכע יונגעלייט, מיט וועמען ער שפּילט „גאָלף", ער פּרעדיקט צו זיי סאָציאַליזם און ער גלויבט אַז געווינען אַ מיליאָנער פאַרן סאָציאַליזם האָט מער ווערט ווי געווינען הונדערטער אַרבעטער. ער האָט געשטיצט די מלחמה און איך פלעג מיט אים זיך אָפט באַגעגענען און האָבן שטאַרקע דעבאַטן וועגן דער מלחמה און וועגן קלאַסן אינטערעסן. ער האָט רעספּעקטירט מיין מיינונג.

דאָ, ווען איך האָב אים געטראָפן אין רעגיסטראַציע אָפיס האָט ער מיר גאָר ניט געזאָגט. ער האָט זיך געהיט מען זאָל ניט באַמערקן, אַז ער קען מיך. אָבער מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָב איך געקראָגן מיין רעגיסטראַציע קאַרטל מיט זיין אונטערשריפט מיט אַ ווייטערדיקן נומער, וואָס האָט פשוט געמיינט, אַז איך בין באַפרייט צוליב מיין פאָדערונג אַז איך דאַרף שטיצן מיין מוטער.

מיר האָבן זיך נאָכדעם באַגעגנט אין גאַס און ער האָט מיר געזאָגט

אַז איך בין ניט געווען באַרעכטיקט צו דער באַפרייאונג, „ווייל — האָט ער געזאָגט — דו האָסט דאָך דערוואַקסענע ברידער און שוועסטער און זיי קענען גוט אַכטונג געבן אויף דיין מוטער און דו האָסט געקענט גיין העלפן די מלחמה. נאָר איך האָב געוואוסט — האָט ער געזאָגט — אַז מיר וועלן האָבן צרות מיט דיר, דו וועסט ניט גיין אין מלחמה און מיר וועלן דיך דאַרפן אַרעסטירן און פאַרשיקן אין טורמע. ביזט צופרידן? — האָט ער מיר מיט אַ שמייכל געפרעגט. — „יאָ״, — האָב איך געענטפערט. „אָבער איך בין ניט צופרידן וואָס דו, מיין פריינט, דינסט די מלחמה פאַרברעכער״.

און אַזוי בין איך באַפרייט געוואָרן פון זיין אַ סאָלדאַט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דער פאַרראַט פון די ס. פּ. פירער

די מערסטע פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון אַמעריקע האָבן פאַרראַטן זייער אייגענע אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע וועלכע זיי האָבן אָנגענומען אויף דער קאָנווענשאָן פון דער פּאַרטיי אין סעינט לואיס אין 1917, און געוואָרן שטיצער פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג אין דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה.

פּראָפעסאָר דזשאָן קירפּעטריק, געוועזענער וויצע־פּרעזידענט קאַנדי־דאַט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און מחבר פון דעם באַרימטן אַנטי־מלחמה בוך „מלחמה — צוליב וואָס?״, האָט געהייסן אָוועקלייגן זיין בוך אויף דער פּאָליצע און שטיצן די מלחמה.

מאיר לאָנדאָן, דער סאָציאַליסטישער קאָנגרעסמאַן פון דער איסט־סאַיד האָט געשטימט אין קאָנגרעס קעגן דער דעקלאַראַציע פון מלחמה, אָבער שפּעטער איז ער אַרויס מיט אַ דערקלערונג אַז אַ „סאָציאַליסט, וועלכער קויפט ניט קיין מלחמה באָנדס איז ניט קיין גוטער סאָציאַליסט״.

דאָס איז געווען אַ גרויסע אַנטוישונג פאַר מיר. איך בין געווען אויך אַנטוישט אין דעם באַרימטן לאַיער קלאַרענס דאַראָו, וועלכער איז געווען זייער פּאָפּולער ביי די מאַסן פאַר זיין העלדישער פאַרטיידיקונג פון ראַדיקאַלע פּאָליטישע פאַרפאָלגטע אין פאַרשידענע צייטן. ער איז צוזאַמען מיט דזשאָן ספּאַרגאָ, איינער פון די הויפּט־פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, געקומען רעדן אין אַ טעאַטער אין נוואַרק, צו אַגיטירן פאַר דער מלחמה. צוזאַמען מיט אַנדערע, צווישן זיי אַ גרופּע יוגנטלעכע, בין איך געקומען צום מיטינג אויסדריקן אַ פּראָטעסט קעגן די רעדנער, אָבער מען האָט אונדז אַרויסגעטריבן.

נאָך מער אַנטוישט בין איך געווען אין די פירער פון די יידישע סאָציאַליסטן. י. ב. סאַלוצקי, גענעראַל סעקרעטאַר פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, און רעדאַקטאָר פון איר אָרגאַן „נייע וועלט" האָט אָנגעהויבן דרוקן זיינע אַ סעריע אַרטיקלען, אין וועלכע ער האָט געפּרעדיקט אַז מען זאָל צוריקציען די אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע און שטיצן אַמעריקע אין דער מלחמה. די אַנדערע פירער פון דער פעדע־ראַציע האָבן אים געשטיצט.

דער „פאָרווערטס", וועלכער איז, איידער אַמעריקע איז אַריין אין מלחמה, געווען קעגן איר, האָט אָבער, באַלד ווי אַמעריקע האָט דערקלערט מלחמה, זיך געשטעלט אויף דעם צד פון די מלחמה־פּאַטריאָטן.

אַ ספּעציעלער צוזאַמענפאָר

אין מאַי 1918 איז פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע קאָנווענשאָן פון דער פעדעראַציע, אין רענד סקול, ניו יאָרק. די הויפּט פראַגע איז געווען אָנצו־נעמען אַ רעזאָלוציע צו פאָדערן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי בטל צו מאַכן די סעינט לואיסער אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע און די מיטגלידער־שאַפט זאָל קאָנען פריי שטיצן די רעגירונג אין איר מלחמה־טעטיקייט.

די קאָנווענשאָן האָט אָנגעהאַלטן 3 טעג. אַלע „גדולים" פון דער יידישער באַוועגונג, ווי אב. קאַהאַן, י. ב. סאַלוצקי, א. ש. זאַקס און אַפילו מאָריס ווינטשעווסקי האָבן גערעדט פאַר דער מלחמה־רעזאָלוציע. מיר, די קעגנער, האָבן קיין „גדולים" ניט געהאַט, אויסער י. ב. ביילין, וועלכער האָט אין נאָמען פון די קעגנער פאָרגעשלאָגן אַ מינאָריטעט־רעזאָלוציע, וועלכע האָט געזאָגט אַז מיר האַלטן זיך פעסט אין די פּרינ־ציפּן פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם און מיר פאָדערן אַז די סעינט לואיסער אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע זאָל פאַרבלייבן און אויסגעפאָלגט ווערן.

איך בין געווען איינער פון די רעדנער פאַר דער מינאָריטעט. עס זיינען אויך געווען געסט־רעדנער ווי אַלעקסאַנדער טראַכטענבערג, ה. בורגין און דר. אַנטואַנעט קאָניקאָוו.

די רעזאָלוציע צוריקצוציען די סט. לואיסער אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן ביי אַן אָפּשטימונג פון 25 קעגן 19.

סאַלוצקי האָט ביים סוף פון דער קאָנווענשאָן גערופן צו איינים־קייט און האָט מיך אַלס איינעם פון די פירער פון דער מינאָריטעט, מכבד געווען צו זיין דער פאָרזיצער ביי דער לעצטער זיצונג, דערוואַרטנדיק אַז איך וועל אָנערקענען דעם באַשלוס און אויך ריידן וועגן איינים־קייט. איך בין געווען צופיל אָנגעווייטיקט און דערצאָרנט. איך בין אַרויף אויף דער

פלאַטפאָרמע און מיט כעס אַ וואָרף געטאָן דאָס העמערל וואָס אַ פאָרזיצער נוצט, און דערקלערט, „איך וויל ניט זיין אייער פאָרזיצער, איר האָט איצט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וואָס פאַרראַט די פּרינציפּן פון סאָציאַליזם. יעדער ערנסטער סאָציאַליסט דאַרף פאַרלאָזן די פעדעראַציע".

עס איז געוואָרן אַ טומל אין זאַל און איך האָב שוין מער ניט גערעדט אַ דעלעגאַטקע פון דעטראָיט, מרס. וויקטאָר, וואָס האָט באַקעמפט די מלחמה־רעזאָלוציע האָט געוויינט ווען די מלחמה־רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן.

דער לינקער פליגל

אַ פּאָר וואָכן נאָך דער קאָנווענשאָן האָב איך געקראָגן אַ בריוו פון הערי הילציג, אַן אַרבעטער, אַ טעטיגער סאָציאַליסט אויף דער ניו־יאָרקער איסט סאַיד. ער האָט מיך איינגעלאַדן קומען צו אַ מיטינג אין רענד סקול וואו אַלע דעלעגאַטן וועלכע האָבן געשטימט פאַר דער מינאָריטעט רעזאָלוציע ביי דער קאָנווענשאָן וועלן באַטראַכטן ווייטערדיקע אַקציעס פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע. עס זיינען געווען עטלעכע און צוואָנציק דעלעגאַטן אַזעלכע.

מיט דעם אויסנאַם פון מיר, וועלכער איז געווען אַ דעלעגאַט פון נוארק, ניו דזשוירזי, זיינען אַלע איבעריקע געווען פון ניו יאָרק.

עס איז אין אָנהויב באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַן אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „יידישע אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטן פון ניו יאָרק", אָבער איין דעלעגאַט האָט פאָרגעשלאָגן אַז עס זאָל געגרינדעט ווערן אַ נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע. ער האָט אָנגעגעבן דעם מאָטיוו, אַז צוליב דעם וואָס עס איז דאָ אַ דעלעגאַט פון אויסער ניו יאָרק קאָן מען עס ניט מאַכן פאַר אַן אויסשליסלעך ניו יאָרקער אָרגאַניזאַציע, און מען דאַרף זען, האָט ער געזאָגט, אַריינציען נאָך פאָרשטייער פון אַנדערע שטעט.

עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע אונטער דעם נאָמען „יידישע אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטן פון אַמעריקע". איר צוועק איז געווען פאָרצוזעצן דעם קאַמף קעגן מלחמה, פאָדערן פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, אַז זי זאָל זיך שטעלן אויף דער הויך פון די סאָציאַליסטישע טוער אין אייראָפּע, און נאָכפאָלגן די פּרינציפּן פון לענין, קאַרל ליבקנעכט, זשאַן לאָנגע און אַנדערע סאָציאַליסטישע פירער.

די אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן צו באַקעמפן די קאַנדידאַטור פון מאיר לאָנדאָן, קאָנגרעסמאַן פון דער איסט סאַיד, פאַר ווידער־נאָמינירונג, צוליב דעם וואָס ער האָט פאַרראַטן די פּרינציפּן פון סאָציאַליזם ווען ער האָט אַגיטירט צו קויפן מלחמה באָנדס און שטיצן די מלחמה.

אַ וועכנטלעכע צייטונג

עס האָבן זיך געגרינדעט אָפּטיילונגען פון דער אָרגאַניזאַציע אין אַנדערע שטעט. מען האָט אַרויסגעגעבן בראַשורן און אַ וועכנטלעכע צייטונג מיטן נאָמען „דער קאַמף" מיט ה. בורגין, מ. האַלטמאַן און פּ. געליבטער (וועלכער איז שפּעטער אַריבער צו די רעכטע) אַלס רעדאַקטאָרן. אָבער איידער „דער קאַמף" איז אַרויס האָבן מיר אַנגעהויבן אַ באַוועגונג צו באַזייטיקן י. ב. סאַלוצקין אַלס רעדאַקטאָר פון דער „נייע וועלט" דערפאַר וואָס ער האָט פאַרלעצט די פּרינציפּן פון סאָציאַליזם און דרוקט אין דער „נייע וועלט" פּראָ־מלחמה אַרטיקלען.

מיר האָבן זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט ברענטשעס אין אַנדערע שטעט, און פאָרגעשלאָגן אַ רעפערענדום פון דער מיטגלידערשאַפט צו באַשליסן אויב סאַלוצקי זאָל פאַרבלייבן רעדאַקטאָר פון דער „נייע וועלט" אָדער ניט

דער פּראָ־מלחמה צד האָט גענוצט די שפּאַלטן פון דער „נייע וועלט" פאַר זיין פּראָפּאַגאַנדע. אונדזער צד האָט ניט געהאַט קיין געלעגנהייט שריפטלעך צו פּרעזענטירן אונדזערע אַרגומענטן דורך דער פּרעסע. איך האָב אָנגעשריבן אַ בריוו צו י. ב. סאַלוצקי און אים געלאָזט וויסן, אַז איך שיק אים אַ בריוול צו דרוקן אין דער „נייע וועלט" וועגן דעם רעפערענדום. „עס ווילט זיך מיר גלויבן", האָב איך געשריבן, „אַז די לעצטע פּאַסירונגען האָבן פיליכט איך געמאַכט איינזען אייער גרויסן טעות. איך האָב דאָס אָבער ניט באַמערקט אין אייער שרייבן. דערפאַר בין איך פאַר דעם, אַז דער פאָרשלאָג פאַר אַ רעפערענדום זאָל אָנגענו־מען ווערן.

אייערער פאַר אַ נייעם רעדאַקטאָר און אַ נייער שטעלונג אין דער „נייע וועלט" — ס. ד. לעווין".

דעם 15טן נאָוועמבער, 1918, איז געווען געדרוקט אין בריווקאַסטן פון „נייע וועלט" די פאָלגנדיקע מעלדונג

„ס. ד. לעווין, דאַרטשעסטער, מאַס. — מיר האָבן באַשלאָסן ניט צוצולאָזן קיין דעבאַטע אין דער „נייע וועלט" וועגן דעם רעפערענדום אַרונטערצוזעצן דעם רעדאַקטאָר פאַר פאַרלעצן פּרינציפּן. און דערפאַר וועט אייער צושריפט ניט אָנזען גאָטס ליכט".

דער פּלאַן פאַר אַ רעפערענדום איז דורכגעפאַלן.

אינאיינעם מ'ט דזשאָן ריד

ווען דער לינקער פליגל אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז גע־גרינדעט געוואָרן אונטער דער פירערשאַפט פון דעם באַרימטן אַמעריקאַ־

נער זשורנאַליסט דזשאָן ריד, וועלכער האָט אַליין בייגעוואוינט די באָלשע־וויסטישע רעוואָלוציע, האָט אָנגעשריבן אַ בוך „צען טעג וואָס האָבן אויפ־גערודערט די וועלט", און איז געקומען צוריק אַ באַגייסטערטער פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד — האָט די יידישע אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַ־ליסטן־אָרגאַניזאַציע זיך אָנגעשלאָסן אין דעם לינקן פליגל, געהאָלפן אָנפירן דעם קאַמף קעגן די רעכטע סאָציאַליסטן און אינדאָרסירט דעם ערשטן מאַניפעסט פון לינקן פליגל.

דער מאַניפעסט פון לינקן פליגל האָט קלאָר געמאַכט אַז מיר זוכן ניט צו שפּאַלטן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. מיר ווילן, — האָבן מיר דער־קלערט, — אַז די אַמעריקאַנער פּאַרטיי זאָל אָננעמען אַ פּראָגראַם וואָס איז צוגעפּאַסט צו דער צייט און זיך האַלטן פעסט אין די פּרינציפּן פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם.

אין אַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס איז די פּראָגראַם פון לינקן פליגל דיסקוטירט געוואָרן און געקראָגן אַ גרויסע אונטערשטיצונג.

איך בין געווען אַ דעלעגאַט צו אַ סטעיט־קאָנווענשאָן פון די יידישע סאָציאַליסטישע ברענטשעס אין מאַסאַטשוסעטס, אין אַפּריל 1919 אין ספּרינגפילד. י. ב. סאַלוצקי, דעמאָלטיקער גענעראַל סעקרעטאַר פון דער יידישער פעדעראַציע, איז געקומען צו דער קאָנווענשאָן ניט צו דערלאָזן די לינקע צו קריגן די אויבערהאַנט. ווי איינער פון די אָנפירער פון דעם לינקן פליגל, האָב איך געפאָדערט צו שטיצן דעם מאַניפעסט פון לינקן פליגל און פאַרדאַמען די יעניקע סאָציאַליסטן וועלכע האָבן געשטיצט די מלחמה.

סאַלוצקי האָט אַרגומענטירט אַז די מלחמה איז דאָך שוין אַריבער, און „וואָס איז געווען איז געווען". מען דאַרף קיינעם ניט פאַרדאַמען. איך האָב אַרגומענטירט אַז דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן זיך אָפּרעכענען מיט מענטשן, נאָר וועגן דעם פּרינציפּ — ווי אַזוי סאָציאַליסטן דאַרפן האַנדלען אין צייט פון אַ מלחמה. עס קאָנען דאָך קומען נאָך מלחמות, האָב איך אַרגומענטירט, און מען וועט אָנווייזן אויף דעם רעקאָרד פון די סאָציאַ־ליסטן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. דערפאַר איז נויטיק פעסטצו־שטעלן אַז די האַנדלונג פון סאָציאַליסטישע פירער, וועלכע האָבן גע־שטיצט די מלחמה, איז געווען אַ פאַרראַט צום סאָציאַליזם; אַז די סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטיי האָט נאָך דער מלחמה פאַרדאַמט די דאָזיקע סאָציאַ־ליסטן און אַז זיי האָבן אָדער אַליין צוגעגעבן זייער טעות אָדער מען האָט זיי אויסגעשלאָסן. אַנדערש, האָב איך געזאָגט, איז דאָ אַ געפאַר אַז אין אַ צוקונפטיקער מלחמה זאָל די פאַררעטערישע שטעלונג פון סאָציאַליסטן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה ווידערהאָלט ווערן.

אונדזער צד האָט געזיגט ביי דער סטעיט קאָנווענשאָן.

עס איז נאָכדעם פאָרגעקומען אַ נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן פון דער פעדעראַציע אין באָסטאָן און דאָרט האָט שוין ב. כאַנין מיט סאָלוצקין און אַנדערע ניט דערלאָזן אַז מען זאָל אינדאָרסירן דעם מאַניפעסט פון לינקן פליגל.

די ערשטע שפּאַלטונג

די אַנטי־מלחמה דעלעגאַטן און זייערע אָנהענגער האָבן זיך אָפּגע־שפּאָלטן פון דער קאָנווענשאָן און געגרינדעט אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע. דאָס איז געווען די ערשטע שפּאַלטונג אין דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע.

אין דער אַלגעמיינער פּאַרטיי איז אָנגעגאַנגען אַ ביטערער קאַמף וועגן דעם לינקן פליגל. אַ סך אָפּטיילונגען פון דער ס. פּ. אין פאַרשיידענע שטאַטן האָבן אינדאָרסירט דעם מאַניפעסט, — צווישן זיי מאַסאַטשוסעטס, מישיגען, אָהאַיאָ און זיבן פרעמד־שפּראַכיקע אָרגאַניזאַציעס, מיט דעם אויסנאַם פון דער יידישער און פינלענדישער אָרגאַניזאַציעס.

דער לינקער פליגל איז געוואָרן אַ מאַכט און האָט אַרויסגעשטעלט אַן אייגענעם צעטל קאַנדידאַטן פאַר דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע און פאַרן נאַציאָנאַלן סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, קעגן די קאַנדידאַטן וואָס זיינען געווען אינדאָרסירט פון די פירער.

דער רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג דורך אַ רעפערענדום האָט באַ־וויזן אַז דער צעטל פון לינקן פליגל האָט געוואונען די גרעסטע צאָל פאַר־טרעטער צו דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע און צו דעם אַמט פון נאַציאָ־נאַלן סעקרעטאַר. אָבער די ביוראָקראַטן פון דער ס. פּ. האָבן ניט אָנער־קענט די אָפּשטימונג פון דער מיטגלידערשאַפט אָנגעבנדיק אַז די מערסטע מיטגלידער וועלכע האָבן געשטימט פאַר די לינקע זיינען ניט קיין אמתע סאָציאַליסטן, נאָר אָנגעלאָפענע צוליב דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע.

60 טויזנט מיטגלידער אויסגעשלאָסן

די עקזעקוטיווע פון דער פּאַרטיי האָט אָוועקגענומען די טשאַרטערס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין מאַסאַטשוסעטס, מישיגען און אָהאַיאָ און אויסגעשלאָסן זיבן פרעמד־שפּראַכיקע פעדעראַציעס וועלכע זיינען געווען אָנגעשלאָסן אין דער פּאַרטיי און אַזוי זיינען די רעכטע ביוראָקראַטן פאַרבליבן ביי דער מאַכט, אָבער אָן דער גרעסטער צאָל מיטגלידערשאַפט.

אַרום 60 טויזנט מיטגלידער זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן. נאָך אַ צאָל האָבן אַליין פאַרלאָזן די פּאַרטיי, אַזוי אַז עס איז פון אַ פּאַרטיי וועלכע האָט פאַרמאָגט אַרום 118 טויזנט מיטגלידער געבליבן גענוי 12 טויזנט.

שפּאַלטונג אין דער ס. פּ.

עס איז געווען די אויסגעשלאָסענע און אָפּגעשפּאָלטענע מערהייט פון דער מיטגלידערשאַפט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט געגרינדעט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין סעפּטעמבער.

אין צייט פון דער שפּאַלטונג בין איך געווען אַקטיוו אַלס רעדנער אויף מיטינגען אויפצודעקן די ראָל פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. איך האָב אויך איבערגעזעצט פון ענגליש אויף יידיש צוויי בראָשורן וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד. איינע איז געווען „דער רויטער טעראָר אין רוסלאַנד" — אַ נאָטע פון דעם דעמאָלסדיקן אויסלאַנד־קאָמיסאַר פון רוסלאַנד, טשיטשערין, וואו ער גיט אַן ענטפער די מערב־אַמבאַסאַדאָרן אין רוסלאַנד פאַר זייער פּראָטעסט קעגן די פאַרפאָלגונגען אויף סאַבאָטאַזשניקעס, און די צווייטע בראָשור איז געווען, „רוסלאַנד און די ליגע פון נאַציאָנען". דאָס איז געווען טשיטשערינס אַ נאָטע קעגן דער אינטערווענציע, וואָס אַמעריקע און אַנדערע לענדער האָבן געמאַכט אין רוסלאַנד, וואו זיי האָבן אַריינגעשיקט טרופּן קעגן דער סאָוועטן־מאַכט.

די ערשטע בראָשור איז ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן דורך דעם מאַסאַטשוסעטס סטעיט־קאָמיטעט פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע. די צווייטע איז דערשינען ערב די טרויעריק־באַרימטע פּאַלמער־איבערפאַלן און איז ווייניק פאַרשפּרייט געוואָרן. די מייסטע עקזעמפּלאַרן זיינען פאַרניכטעט געוואָרן. קאָפּיעס פוןביידע בראָשורן געפינען זיך איצט אין דער ביבליאָטעק פון „איוואָ" אין ניו יאָרק.

דער סוף פון דער מלחמה

א גרויסע פריידיקע געשעעניש איז געווען דער טאָג ווען עס איז אָנאָנסירט געוואָרן דער סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָס איז געווען דעם 11טן נאָוועמבער 1918. די נייעס איז באַקאַנט געוואָרן אינדערפרי. איך בין דאַן שוין געווען צוריק אין באָסטאָן, נאָך אַ פּאָר יאָר אין ניו דזשוירזי. די גאַסן זיינען מיט אַמאָל פול געוואָרן מיט מענטשן, וועלכע האָבן ספּאָנטאַן גענומען מאַרשירן מיט „הורא"־אויסגעשרייען מיט פרייד איבער דעם סוף פון דער בלוטיקער מלחמה.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט זיך געווענדט צו דער פּאָליציי נאָך אַ דערלויבעניש צו מאַרשירן. דער פּאָליציי־קאַפּיטאַן האָט געזאָגט, אַז ער קאָן ניט גאַראַנטירן די זיכערקייט פון די מאַרשירער, אָבער ער וועט זיי ניט שטערן. און מיר, מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער

פארטיי, האבן זיך ארויסגעלאזט אין מארש אונטער א רויטער פאן, צו פייערן דעם סוף פון דער מלחמה. מיר האבן געשריגן אויף די העכסטע קולות „נא מאר וואר" — מער ניט קיין מלחמה!

צווישן די מארשירנדיקע איז געווען די באוואוסטע קעמפערין פאר פרויען־רעכט, אין יענער צייט א טעטיקע סאציאליסטקע און קעגנערין פון מלחמה, איווע האפמאן. זי האט אויסגערופן צו אלע פארביימארשירנ־דיקע סאלדאטן אז דאס זיינען מיר, די סאציאליסטן, וועלכע האבן גע־קעמפט פאר ענדיקן די מלחמה. זי האט גערופן די סאלדאטן זיך אנשליסן אין דער סאציאליסטישער פארטיי.

זייענדיק די גאנצע צייט קעגן דער דאזיקער מלחמה האב איך זיך געפילט זייער גליקלעך און שטאלץ געמארשירט אין די רייען.

דריי טעג און נעכט נאכאנאנד האט מען געמארשירט און געיובלט איבער די גאסן פון באסטאן. אין אוונט פון לעצטן טאג זיינען מיר זיך צוזאמענגעקומען אין די סאציאליסטישע קלוב־צימערן, דאן אויף וואשינגטאן סטריט לעבן באילסטאן, און רעדנער האבן דערקלערט די באדייטונג פון דעם וואפנשטילשטאנד. עס זיינען געווען אזעלכע וועלכע האבן איבערגעגעבן, אז זיי האבן געהאט פארבינדונגען מיט סאציאליס־טישע ארגאניזאציעס פון אנדערע לענדער וואס האבן די גאנצע צייט באקעמפט די אימפעריאליסטישע מלחמה, און פארדאמט די סאציאליס־טישע פירער וועלכע האבן פארראטן די אנטי־מלחמה פרינציפן פון דער סאציאליסטישער באוועגונג.

וואס מען דארף איצט טאן, האבן די רעדנער דערקלערט, איז אויפ־הויבן א קאמף קעגן די „געלע" סאציאליסטן, די פאררעטער, און אר־גאניזירן אן אמתע סאציאליסטישע פארטיי. מען האט איבערגעגעבן די לעצטע נייעסן וועגן די זיגרייכע באלשעוויקעס אין רוסלאנד און גערופן צו א נעענטערער פארבינדונג מיט זיי. עס איז באלד באשלאסן געווארן צו עטאבלירן א רעוואלוציאנערע צייטונג אין גייסט מיט די סאציאליסטן, וועלכע זיינען געבליבן געטריי די פרינציפן פון סאציאליזם און זיינען געווען קעגן דער אימפעריאליסטישער מלחמה. עס האט זיך געגרינדעט דאן די וועכנטלעכע צייטונג „רעוואלושיאנערי עידזש". דאס איז געווען די ערשטע צייטונג פון לינקן פליגל פון דער סאציאליסטישער פארטיי. די צייטונג איז א קורצע צייט ארויס אין באסטאן. שפעטער איז זי ארי־בערגענומען געווארן קיין ניו יארק, און דזשאן ריד איז געווארן דער רע־דאקטאר און דארט אפגעדרוקט דעם בארימטן מאניפעסט פון לינקן פליגל.

אין באסטאן בין איך אריין אין דער פארוואלטונג פון דער צייטונג. איך האב אבער דארט געפירט א קאמף קעגן דער שטעלונג פון דער מא־יאריטעט, וועלכע האט ניט געגלויבט אין פאדערן באלדיקע פארבעסערונ־

גען און איז באַשטאַנען אַז די פּלאַטפאָרמע זאָל אַרויסקומען פאַר דער באַלדיקער איבערפירונג פון דער געזעלשאַפט צו סאָציאַליזם. ווען איך האָב פאָרגעשלאָגן אַז מען זאָל אַריינשטעלן אין דער פּלאַטפאָרמע די פאָדערונגען פון אָפּשאַפן קינדער־אַרבעט אין פאַבריקן, — וואָס איז דאָן געווען אַ ברענענדיקע „אישו“, — שטימרעכט פאַר פרויען, קירצערע אַרבעטס שטונדן און אַנדערע רעפאָרמען, האָבן אייניקע מיך חושד געווען אַז איך בין אַ מעסיקער סאָציאַליסט. אָבער שפּעטער איז די ליניע פון די לינקע סאָציאַליסטן געענדערט געוואָרן, און זיי האָבן אָנערקענט די וויכטיקייט פון די דאָזיקע פאָדערונגען.

די גרינדונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט איבערגענומען גאַנצע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן פריער באַלאַנגט צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און פון סעפּטעמבער 1919 ביזן ערשטן יאַנואַר 1920 האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אָפן עקזיסטירט. עס איז אויך געווען אַ „קאָמוניסט לעיבאָר פּאַרטיי“ — פון די, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

אויף איר ספּעציעלער קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ, אין סעפּטעמבער 1919, האָבן די דעלעגאַטן, וועלכע זיינען געקומען מיטן צוועק צו פּראָטעסטירן קעגן דעם, וואָס מען האָט אויסגעשלאָסן די לינקע עלעמענטן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, געדענקט אַז זיי וועט געלינגען איבערנעמען די פּאַרטיי און שאַפן אייניקייט. זיי זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון זאַל דורך פּאָליציי, וואָס די רעכטע האָבן גערופן און די דאָזיקע האָבן געגרינדעט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

ביידע קאָמוניסטישע פּאַרטייען זיינען געטריבן געוואָרן אונטערערדיש דורך די איבערפאַלן פון אַטוירני דזשענעראַל פּאַלמער, וועלכער האָט אַרעסטירט און דעפּאָרטירט טויזנטער קאָמוניסטן.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די קאָמוניסטישע לעיבאָר פּאַרטיי האָבן אָנגעפירט זייער טעטיקייט אין געהיים. זיי האָבן זיך פאַראייניקט, אָבער קיין סך אויפטאָן האָבן זיי ניט געקאָנט. איז געוואָרן אַ באַוועגונג צו גרינדן אַ געזעצלעכע פּאַרטיי, מיט אַ פּלאַטפאָרמע וועלכע זאָל זיין מילדער, ווי די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, כדי זי זאָל קאָנען עקזיסטירן געזעצלעך. עס איז געגרינדעט געוואָרן פריער די „אַמעריקען לעיבאָר עלאַיענס, וועלכע האָט זיך פאַראייניקט נאָכדעם מיט נייע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין 1921. צוזאַמען האָבן זיי אין יאַנואַר 1922 געגרינדעט די „וואָרקערס פּאַרטיי אָוו אַמעריקאַ“,

וועלכע האָט עקזיסטירט ביזן יאָר 1929, ווען זי האָט אָפיציעל אָנגענומען דעם נאָמען „די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע".

יידישע סאָצ. פעדעראַציע

אויף דער יידישער גאַס איז נאָך דער ערשטער שפּאַלטונג אין דער ס. פּ. און דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע פאָרגעקומען ווידער אַ קער אויף לינקס. די מאַסן סאָציאַליסטיש־געשטימטע מיטגלידער האָבן וואָס מער זיך דערנענטערט צו דער לינקער באַוועגונג. די פירער פון דער פעדעראַציע, י. ב. סאַלוצקי, מ. אָלגין, ב. צביון און אַנדערע האָבן צוגעזאָגט אַז די פעדעראַציע וועט ביי דער קומענדיקער קאָנווענשאָן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פאָרשלאָגן אַ מער ראַדיקאַלע פּלאַטפאָרמע, און אויב די ס. פּ. וועט עס ניט אָננעמען, וועט דאַן די פעדעראַציע, אַלס אַ גאַנצע, אַליין אַרויס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. זיי האָבן גערופן די יידישע סאָציאַליסטן צו זיין געדולדיק און די פּאַרטיי ניט פאַרלאָזן. אויף דער קאָנווענשאָן אין סעפּטעמבער 1921 האָט די ס. פּ. ניט אָנגענומען די פאָרשלאָגן פון דער פעדעראַציע. האָבן די פירער צונויפגערופן אַ פעדעראַציע־קאָנווענשאָן און באַשלאָסן מיט אַ מאַיאָריטעט צו פאַרלאָזן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. אַ מינאָריטעט, אָנגעפירט פון ב. כאַניק, האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן און געגרינדעט דעם „יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד", וועלכער איז צוזאַמען מיטן „פאָרווערטס" אַוועק וואָס מער אויף רעכטס.

די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע האָט פון אָנהויב באַשלאָסן צו בלייבן אומאָפּהענגיק און דורך איר אָרגאַן די „נייע וועלט" אָנגעפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער ליניע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אויך קעגן די לינקע. די רעכטע האָבן באַשולדיקט די „פעדעראַציע" אין זיין „קאָמוניסטן". די לינקע, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דער פעדעראַציע נאָך אין 1919, האָבן גערופן די פעדעראַציע־פירער „צענטריסטן".

עס איז געווען אַ צעטומלעניש אויף דער יידישער גאַס. די לינקע האָבן אַרויסגעגעבן אַ וואָכנשריפט מיטן נאָמען „עמעס", וואו שכנא עפּשטיין, אונטערן פּסעוודאָנים יוסף בערסאָן, איז געווען דער רעדאַקטאָר. די פעדעראַציע האָט אָנגעהאַלטן די „נייע וועלט" אַלס איר אָרגאַן. איך האָב געהערט צו דער גרופּע, וואָס איר אָרגאַן איז געווען דער „עמעס" און זיך באַטייליקט אַלס קאָרעספּאָנדענט פון באָסטאָן אונטערן נאָמען „דזש. קרעמער".

די געשיכטע מיטן „פּאַסירונגל"

באַלד נאָכדעם האָט די „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן באַשלאָסן אָפּצוזאָגן פינף מיטאַרבעטערס פון „פאָרווערטס", וואָס זיינען געגאַנגען מיט

דער פעדעראַציע מ. אַלגין, פּ. נאָוויק, ב. צביון, הלל ראָגאָף און ליליפּוט.

אין אַן עדיטאָריעל אין „פאָרווערטס" דעם 19־טן סעפּ. 1921, אונ־טער אַ קעפּל: „אַ באַשלוס פון „פאָרווערטס" אַסאָסיעישאַן" ווערט דער־ציילט וועגן אַ באַשלוס פון דער אַסאָסיעישאַן בנוגע „געוויסע שרייבער וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן מיט אונדזער צייטונג". פון „געוויסע" שרייבער איז באַלד געוואָרן „אַ פּאָר". עס זאָגט זיך ווייטער אין עדיטאָ־ריעל: „די פראַגע וועגן אַ פּאָר שרייבער, צי זיי קאָנען פאַרבלייבן אין „פאָרווערטס" צי ניט, איז נאָר אַן איינצלהייט, אַ פּאַסירונגל".

די מיטאַרבעטער, וועגן וועלכע עס האָט זיך געהאַנדלט, זאָגט דער עדיטאָריעל, זיינען מערסטנס סיי־ווי ניט לאַנג געווען ביים „פאָרווערטס"...

דער עדיטאָריעל דערקלערט, אַז ס'איז דאָ אַ געזעץ אין דער אַסאָ־סיאיישאַן, אַז קיינער קאָן ניט זיין קיין שרייבער אין „פאָרווערטס" סיידן ער איז אַ גוט־שטייענדיקער מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

עס ווערט אָנגעגעבן, אַז איינער פון די שרייבער האָט זיך אָנטזאָגט צו רופן אין זיינעם אַן אַרטיקל, אַז מען זאָל שטימען אין די וואַלן פאַר סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן. דער עדיטאָריעל האָט זיך געענדיקט אַזוי: „די גרופּע האָט אונטער זיך אַ פּאָר קליינע הייפעלעך. די גאַנצע געשיכטע האָט ניט קיין באַדייטונג, די פּאַסירונג איז געשלאָסן".

דער „פאָרווערטס" האָט ניט געוואָגט אָנצורופן די נעמען פון די שרייבער, וועלכע זיינען געווען זייער פּאָפּולער ביים עולם, די פּאָפּולערסטע אין דער צייטונג! די מעשה, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ „פּאָר", וועלכע זיינען ניט לאַנג געווען אין „פאָרווערטס" איז געווען אַ טיפּישער אב. קאַהאַן ליגן. מ. אַלגין, ב. צביון און הלל ראָגאָף זיינען געווען לאַנג־יאָריקע מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס", פון 1907 אָן, אומגעפער.

„פּאַסירונג" ווערט ניט געשלאָסן

די „פּאַסירונג" איז אָבער ניט געווען געשלאָסן. די נייעס וועגן די פינף שרייבער האָט אַרויסגערופן אַ סענסאַציע אויף דער יידישער גאַס! ספּעציעל איז אַלגין געווען געוואַלטיק באַליבט. די דאָזיקע שרייבער, וועלכע זיינען אויך געווען מיטאַרבעטער פון דער „נייע וועלט", אָפיציע־לער אָרגאַן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, האָבן באַלד אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע פאַר אַ טעגלעכער צייטונג: „די וועלט". גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פאַרשיידענע שטעט פון לאַנד מיט מ. אַלגין, מ. ווינטשעווסקי, ה. ראָגאָף, ב. צביון און פּ. נאָוויק אַלס רעדנער. מ'האָט געזאַמלט אַ פאָנד פאַר אַ נייער צייטונג.

אין דער זעלבער צייט האָט די גרופּע וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם

„עמעס" אויך אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע פאַר אַ טעגלעכער צייטונג: דער „עמעס".

פאַר דער קורצער צייט האָט געהערשט אַ צעטומלעניש, ביזביידע גרופּעס האָבן זיך פאַראייניקט און אין אָנהויב 1922 אַרויסגעגעבן אַ פאַראייניקטע און אַ פאַרגרעסערטע וואָכנבלאַט: „די נייע וועלט־עמעס", וואו די מיטאַרבעטער פון ביידע פריערדיקע וואָכנבלעטער — און די פינף „פאָרווערטס"־שרייבער האָבן מיטגעאַרבעט און צוזאַמען אַרויסגעלאָזט אַ רוף פאַר איין טעגלעכער צייטונג. פון אָט דער פאַראייניקטער וועכנטלעכער צייטונג איז אַרויסגעוואַקסן די טאָג־צייטונג „פרייהייט".

הלל ראָגאָף האָט צוזאַמען מיט די אַנדערע הויפּט־טוער פון דער פעדעראַציע געפירט אַ קאַמפּאַניע פאַר דער נייער טעגלעכער צייטונג און איז אַפילו געווען ביי זיצונגען וואו מען האָט געפּלאַנעוועט דעם אויסזען פון דער „פרייהייט". אָבער ער האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן און איז פריער אַוועק אַרבעטן אין דער דעמאָלט עקזיסטירנדיקער פּועלי ציוניסטישער צייטונג „די צייט", און ווען די דאָזיקע צייטונג האָט זיך פאַרמאַכט, איז ער אַוועק צוריק צום „פאָרווערטס". צביון האָט מיטגעאַרבעט אין דער „פרייהייט" איבער אַ יאָר צייט. דערנאָך האָט ער געאַרבעט אין „אידגעזקאָם" און סוף 1924 איז ער אויך אַוועק צוריק צום „פאָרווערטס". מ. אָלגין און פּ. נאָוויק זיינען געבליקן בויען די „פרייהייט", וועלכע איז אויפגענומען געוואָרן פון די בעסערע, מער פּראָגרעסיווע און ליטעראַרישע עלעמענטן אויף דער ייִדישער גאַס, וועלכע האָבן שוין לאַנג געוואָרט אַז אַזאַ צייטונג זאָל געבוירן ווערן. די „פרייהייט" איז געגרינדעט געוואָרן מיט אַ קאַפּיטאַל פון 6 טויזנט דאָלאַר חובות, וואָס די פריערדיקע וואָכנשריפטן האָבן געהאַט. זי האָט אָבער אַריינגעקראָגן אַ קאַפּיטאַל וואָס איז מער ווי געלט. דאָס איז: אַ באַגייסטערטן אידעאַליסטישן אַקטיוו, וועלכער האָט זיך מוסר נפש געווען אַרויסצוגעבן די צייטונג, צו דינען זייערע אידעאַלן און אַזוי איז זי געבאָרן געוואָרן און אַזוי עקזיסטירט זי ביז היינטיקן טאָג.

קעגן „פּאַטעיטאָ"־„קולטור"

אויסער אין די סאָציאַליסטישע קרייזן, איז דאַן אין דער ליטעראַרישער און דערציאונגס־וועלט אויך געווען אַ באַגער פאַר אַ נייער אַרבעטער־צייטונג.

עס איז דאַן פאַרשטאַרקט געוואָרן די באַוועגונג פאַר וועלטלעכע ייִדישע קינדער־שולן. דער „פאָרווערטס" האָט באַקעמפט די אַרבעטער־רינג קינדער־שולן אַלס שאָוויניסטישע. אין אַן עדיטאָריעל אין „פאַר־

ווערטס", דעם 3טן מאַי 1921, ערב אַן אַרבעטער־רינג צוזאַמענפאָר אין באָסטאָן, האָט דער „פאָרווערטס" געזאָגט:

„אין פילע פעלע לערנען די לערער אַ לעכערליכן סאָרט אידיש אין אַמעריקע. זיי זיינען מייסטנס מענטשן וואָס קומען ווייניק אין באַרירונג מיט דעם לעבן און פאַרשטייען אים ניט. די רעזולטאַטן וואָס קומען אַרויס דערפון אין באַצוג צו זייער טעטיקייט זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש. זיי צווינגען אַ יינגל, צוםביישפיל, ווען מען רופט „דזשאָ", זיך אָנרופן „יאָשקע": אַנשטאָט „פּאָטעיטאָ" מוז מען זאָגן „בולבע" אָדער „קאַרטאָפ־ליע", אַנשטאָט „טעאַטער־טיקעטס" מוז מען זאָגן „טעאַטער־בילעטן".

„ווען זיי וואָלטן געהאַט אַן אמתן באַגריף וועגן זייער קעגנשטאַנד און ניט קיין בטלנישן, וואָלטן זיי געוואוסט אַז אין אַמעריקע איז נישטאָ קיין יידיש אינגל וואָס זיין נאָמען איז יאָשקע. זיי וואָלטן אויך פאַרשטאַנען אַז אין אַמעריקע זיינען אויך ניטאָ קיין „קאַרטאָפליעס" און קיין „בילעטן". „דזשאָ", „פּאָטעיטאָ", „טיקעטס", דאָס איז יידיש".

אָט דאָס איז געווען די קאָהאַן־שפּראַך, די דערציאונג פון „פאָר־ווערטס" אין יענער צייט. קיין וואונדער ניט, וואָס די בעסערע יידישע עלעמענטן, אָן אונטערשייד פון ריכטונג, האָבן מיט באַגייסטערונג אויפ־גענומען די ידיעה, אַז עס וועט דערשיינען אַ נייע יידישע צייטונג.

די „פרייהייט" דערשיינט

דעם 2טן אַפּריל 1922 האָט אַזאַ צייטונג אָנגעהויבן דערשיינען — די „פרייהייט", מיט מ. אָלגין און שכנא עפּשטיין אַלס רעדאַקטאָרן.

אינעם עדיטאָריעל פון ערשטן נומער האָט זיך געזאָגט: „די 'פרייהייט' איז אַ קינד פון נייע צייטן אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. עס איז אויפגעשטאַנען אַ נייער דור אַרבעטער מיט אַ נייעם קוק אויפן לעבן, מיט אַ נייער באַציאונג צום עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף, מיט נייע פאָדערונגען, סיי אין פּרט פון אָרגאַניזאַציע, סיי אין פּרט פון קולטור. די דאָזיקע אַרבעטער זיינען ניט צופרידן ניט מיט דער פירער־שאַפט, ניט מיט די אַלטע קאַמפּס־מעטאָדן, ניט מיט זייער גייסטיקער שפּייז".

די פּאַלמער־איבערפאַלן

סוף 1919 און אָנהויב 1920 זיינען פאָרגעקומען אין אַמעריקע די טרויעריק־באַרימטע „פּאַלמער רעידס", די איבערפאַלן אויף ראַדיקאַלע אַרבעטער דורך דעם יוסטיץ־מיניסטער פון יענער צייט א. מיטשעל פּאַלמער

די פּאַלמער־איבערפאַלן וועלן פאַרבלייבן אַ פינצטער קאַפּיטל אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע.

אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זיינען איבערגעפּאַלן געוואָרן פון רעגירונגס־אַגענטן. טויזנטער זיינען צעשלאָגן געוואָרן, טויזנטער זיינען אַרעסטירט גע־וואָרן. אַ סך האָט מען שפּעטער אַרויסגעשיקט פון לאַנד.

די פּאַלמער־איבערפאַלן זיינען געמאַכט געוואָרן דורך דעם פעדעראַלן יוסטיץ־דעפּאַרטאַמענט קעגן פרעמד־געבוירענע ניט־בירגער. איבער 10 טויזנט זיינען אַרעסטירט געוואָרן. אַ ספּעציעלע שיף מיטן נאָמען „באַ־פאַרד" איז גענומען געוואָרן, אויף וועלכער מאַסן אַרבעטער זיינען אַרויס־געשיקט געוואָרן פון לאַנד.

דער הויפּט־איבערפאַל איז פאָרגעקומען די נאַכט פון 2טן יאַנואַר 1920. אַן איבערפאַל איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער זעלבער צייט אין פאַרשיידענע שטעט פון לאַנד. מענטשן זיינען אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון די בעטן אין מיטן נאַכט און פאַרשפּאַרט געוואָרן אין טורמע. קלוב־צימערן פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זיינען באַפאַלן געוואָרן, די מעבל צעשמעטערט, ליטעראַטור פאַרנומען. מ'האָט אַרעסטירט די מענטשן וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען.

די הויפּט קרבנות זיינען געווען די מיטגלידער פון די ערשט־געגרינ־דעטע פּאַרטייען: די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די קאָמוניסטישע לעיבאָר פּאַרטיי, וועלכע זיינען פאַרטריבן געוואָרן אין אונטערגרונט צוליב די איבערפאַלן. אָבער אויך מיטגלידער פון סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס און אַפילו אַנדערע, וואָס זיינען ניט געווען קיין מיטגלידער פון וועלכע ניט איז אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען צווישן די קרבנות.

אַ צייט פון צערודערונג

די צייט אין אַמעריקע איז געווען אַן אומרואיקע. סאָלדאַטן זיינען געקומען פון דער מלחמה און אַרומגעגאַנגען ליידיק. די אַרבעטער־מאַסן זיינען געווען אַנטוישט אין דער מלחמה וועלכע האָט זיי גאָרניט געבראַכט.

אין אייראָפּייאישע לענדער האָט די קאָמוניסטישע באַוועגונג זיך אַנט־וויקלט — און רעוואָלוציעס האָבן מאַרשירט פאָראויס. האָבן זיך די אַמע־ריקאַנער קאַפּיטאַליסטן דערשראָקן פאַר דער אומצופרידנקייט פון די אַרבעטער און אָנגעהויבן אַ פאַרשווערונג ווי אַזוי צו דערשטיקן די אומ־צופרידנקייט און פּראָטעסטן פון די מאַסן. עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ שרעקלעכע העצע איבערן לאַנד, אַז די באָלשעוויקעס ווילן פאַרכאַפּן אַמע־ריקע. ספּעציעלע געזעצן זיינען געשאַפן געוואָרן אין די פאַרשיידענע שטאַטן קעגן ראַדיקאַלער טעטיקייט און פאַרפאָלגונגען האָבן זיך אָנגע־הויבן אומעטום.

דעם אָוונט פון דעם גרויסן איבערפאַל, דעם 2טן יאַנואַר 1920, האָט די אָרגאַניזאַציע וואו איך בין געווען סעקרעטאַר געזאָלט האָבן אַ מיטינג אין דער דעמאָלסטיקער פּאָפּולערער היים פון ראַדיקאַלן אין ראָקסבורי, מאַסאַטשוסעטס, „דהי ניו אינטערנעשאָנאַל האָל״, אַ נאָמען נאָך דעם ניי־געגרינדעטן 3טן אינטערנאַציאָנאַל פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. איך האָב זיך דערוואוסט בייטאָג אַז עס קומען פאַר איבערפאַלן אין די קלענערע שטעט פון מאַסאַטשוסעטס און מען דערוואַרט, אַז די איבערפאַלער וועלן קומען קיין באָסטאָן. איך בין אַוועק צו דעם פאָרזיצער פון מיין אָרגאַניזאַציע און אים איבערגעגעבן וועגן דעם. איך האָב אים געזאָגט, אַז עס וואָלט געווען געפערלעך צו האָבן אַ מיטינג יענעם אָוונט און מיין פּלאַן איז געווען אַז מיר ביידע זאָלן קומען פריער אין זאַל, שטיין ביי ביידע אַריינגאַנגען און וואָרענען יעדן מיטגליד אַז ער זאָל גיין אַהיים אָדער ערגעץ אַנדערש, אָבער ניט אין זאַל.

מיין חבר האָט צוגעשטימט. אָבער זיין פרוי האָט עס דערהערט, איז זי צוגעפאַלן צו אים און געזאָגט אַז זי וועט אים ניט לאָזן גיין אין געפאַר. איך האָב זיך געבעטן מיט טרערן אין די אויגן אַז ער זאָל מיטגיין. איך האָב געשריגן, אַז מיר וועלן זיין די שולדיקע אויב מען וועט אונדזערע חברים אַרעסטירן, בשעת מיר האָבן זיי געקאָנט וואָרענען באַציימנס.

עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. ער איז פאַרבליבן אין דער היים, און איך בין אַליין אַוועקגעלאָפן פון איין טיר פון זאַל צו דער צווייטער, אָפּגעוואָרט די חברים און זיי געשיקט אַהיים.

איין חבר מיטן נאָמען בעקער האָט זיך אָפּגעזאָגט אַוועקצוגיין. „איך האָב אַ שוואַך האַרץ״, האָט ער געזאָגט, „איך האָב ניט לאַנג צו לעבן, לאָז מיר כאָטש עפּעס אויפטאָן צו ראַטעווען אַנדערע״. ער איז פאַרבליבן מיט מיר. מיר האָבן אָפּגעראַמט אַביסל ליטעראַטור, דאָקומענטן און אַדרעסן, זיי זאָלן ניט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי.

די פּאָליציי פרעגט מיך אויס

אַרום 9 אַזייגער אָוונט איז צוגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל מיט אַ מחנה פּאָליציי. מען האָט באַלד אָנגעוויזן אויף מיר אַלס דעם „געפערלעכן מענטש״ וועמען זיי האָבן אויפן צעטל. זיי האָבן מיר גענומען שטעלן פאַרשיידענע פראַגן. איין פראַגע איז געווען פאַרוואָס איך האָב געהאָלפן צעברעכן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי? איך האָב געפרעגט מיין פראַגע־שטעלער אויב ער איז אַ מיטגליד פון דער ס. פּ. ער האָט געענטפערט אַז ניין. האָב איך אים געזאָגט: „וואָס זשע אַרט עס דיך?״

עס איז אים ניט געפעלן מיין ענטפער. ער האָט געהאַלטן אין איין פרעגן

וועגן מיין בירגערשאַפט, און ווען איך בין באַשטאַנען אַז איך בין אַ בירגער, האָט מען מיר ניט געגלויבט און געוואָלט ניט אַנדערש נאָר מיך אַרעסטירן. איך האָב פאָרגעשלאָגן מען זאָל מיר דערלויבן צו גיין אַהיים, וועל איך ווייזן מיינע בירגער־פּאַפּירן, וועלכע איך האָב אַרויסגעצ־נומען נאָך אין 1906. מ'האָט מיך אַריינגענומען אין פּאָליציי־אויטאָמאָביל און געבראַכט אַהיים, וואו איך האָב די פּאָליציאַנטן געוויזן מיינע בירגער־פּאַפּירן.

אויף מאָרגן אינדערפרי זיינען די צייטונגען געווען פול מיט די באַ־ריכטן פון די איבערפאַלן אויף די ראַדיקאַלן איבערן גאַנצן לאַנד, און עס איז דערמאָנט געוואָרן, אַז אין ראָקסבורי, מאַסאַטשוסעטס, האָט מען געכאַפּט אַ וויכטיקן ראַדיקאַל סעמיועל ד. לעווין. מען וועט אים זיכער דעפּאָרטירן, אויב ער איז ניט קיין בירגער. אויב יאָ, וועט מען אים איבערגעבן צו דער שטאַט (סטעיט) פּאָליציי.

צווישן דער שטאַט־פּאָליציי און דער פעדעראַלער פּאָליציי איז אין יענער צייט אָנגעגאַנגען אַן אייפערזוכט און מען האָט מיך ניט איבער־געגעבן צו דער שטאַט־פּאָליציי. אַזוי האָב איך זיך דאַן אויסגעדרייט פון ווערן אַרעסטירט.

די איבערפאַלן האָבן אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף דער ראַדיקאַלער אַרבעטער באַוועגונג. מענטשן האָבן מורא געהאַט צו באַגריסן זיך ווען מען האָט זיך באַגעגנט אין גאַס.

אַרום 10 טויזנט זיינען דאַן אַרעסטירט געוואָרן איבערן לאַנד.

פאַרשפּאַרט אויף אַן אינדזל

אין באָסטאָן זיינען די אַרעסטירטע אַוועקגענומען געוואָרן אין אַ טורמע פאַר קרימינעלע פאַרברעכער אויף אַן אינדזל וואָס האָט געהייסן „דיער איילאַנד”. 400 מענער און פרויען זיינען דאָרט פאַרשפּאַרט געוואָרן אין אַ פּלאַץ וואָס איז ניט געווען פּאַסיק אַפילו פאַר בהמות.

עס איז שווער געווען צו קריגן אַ לאָיער צו פאַרטיידיקן די אַרעס־טירטע. דער טעראָר איז געווען גרויס. אַ פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט האָט זיך געגרינדעט מיט אייניקע פּראָמינענטע ליבעראַלן אין דער שפּיץ. די באַאַמטע זיינען געווען פּראָפעסאָר הערי וואַדסוואָירט לאָנגפעלאָו דעינאַ — אַן אייניקל פון דעם גרויסן דיכטער הענרי וואַדסוואָירט לאָנג־פעלאָו — און דר. דזשאָרדזש גאַלווין. דער אַדרעס פון דער קאָמיטעט איז געווען געהיים. איך, צוזאַמען מיט נאָך אַ חבר, זיינען געווען אין אַ קאָמיטע צו גיין צו אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס בעטן הילף פאַר דער פאַר־טיידיקונג.

מיר זיינען אריינגעקומען צו א יוניאן־מיטינג צו אפעלירן פאר שטיצע, און באלד ווי מיר האבן זיך געמאלדן, האבן די באאמטע פון דער יוניאן טעלעפאנירט דער פאליציי. מיך האט די פאליציי אפגעלאזן, ווייל איך בין געווען א בירגער, אבער מיין חבר האט די פאליציי פארנומען. מיין חבר האט באלד געזאגט, אז ער איז א באלשעוויק און אז ער וויל מען זאל אים ארויסשיקן קיין רוסלאנד. אט די אפענע דער־קלערונג האט גראד געווירקט אז מען זאל אים ניט פארהאלטן.

די ארעסטירטע אויף דעם אינדזל האבן רעוואלטירט קעגן די אומ־סאניטארע און אוממענטשלעכע באדינגונגען און אומארדענונג, וואס האט געהערשט אויף דעם אינדזל, וואו זיי זענען געווען פארשפארט. די באַ־אמטע האבן געגעבן א תירוץ, אז זיי האבן זיך ניט גערעכנט אויף אזוי פיל ארעסטאנטן און זיי קענען ניט נאכקומען די פאדערונגען. האבן זיך די ארעסטירטע ארגאניזירט אין דעם וואס זיי האבן אנגערופן „דהי סאוועט אף דיער איילאנד״ זיי האבן אליין גענומען איינפירן ארדענונג אין דעם לאגער״. זיי האבן אויסגעקליבן א סאניטארי־קאמיטעט, א קאמוניקאציע־קאמיטעט, וועלכער האט אנגעפירט מיט דער פאסט און געגעבן די מעג־לעכקייט אז די ארעסטאנטן זאלן קענען ארויסשיקן און דערהאלטן בריוו. אויך א שפייז־קאמיטעט איז אויסגעקליבן געווארן — און אנדערע קאַ־מיטעטן — צו באזארגן די ארעסטאנטן.

א ספעציעלער קאמיטעט איז געווען וואס האט אפיציעל פארטראטן די ארעסטירטע אויפצונעמען קלאגעס און פאדערונגען און זיי פארהאנדלט מיט דער אדמיניסטראציע פון דעם אינדזל. די באדינגונגען זיינען נאכ־דעם א סך פארבעסערט געווארן און מער ארדענונג איז איינגעפירט געווארן.

איך האב עטלעכע מאל באזוכט דעם אינדזל, גערעדט מיט די ארעס־טירטע און זיך באטייליקט אין דעם פארטיידיקונגס־קאמיטעט.

פראמינענטע עלעמענטן אין לאנד, צווישן זיי א קאמיטעט פון באַ־רימטע אמעריקאנער לאיערס, האבן אויפגעהויבן א פראטעסט קעגן דער האנדלונג פון דעם יוסטיץ־דעפארטאמענט און א גרויסע צאל פון די ארעסטירטע איז באפרייט געווארן.

די ווארענונג פון א מיניסטער

לואיס פ. פאוסט, געהילפס־מיניסטער פון ארבעט (סעקרעטערי אוו לעיבאר) אין יענער צייט, וועלכער איז געווען קעגן די פארפאלגונגען פון די ראדיקאלן, האט אנגעשריבן א בוך מיטן נאמען „די דעפארטאציע־משוגעת פון די יארן 1919 און 1920״, אין וועלכן ער גיט איבער א סך

איינצלהייטן וועגן די ברוטאַלע האַנדלונגען קעגן די אַרעסטירטע מצד די אַגענטן פון דעם יוסטיץ־דעפּאַרטאַמענט.

ער פאַרענדיקט זיין בוך מיט אַ וואָרענונג פאַר דער צוקונפט:

„דער עפּיזאָד וועלכן איך דערצייל דאָ וואָלט געמעגט פאַרגעסן ווערן, ווען עס זאָל ניט זיין נויטיק דאָס צו פאַרצייכענען ווי אַ וואָרענונג צום אַמעריקאַנער פאָלק צו זיין אויף דער וואַך אַפילו אין צייטן פון משוגעת, כדי צו באַשיצן די פרייהייטן פון אַמעריקע".

די קאָמוניסטישע און די קאָמוניסטישע לעיבאָר פּאַרטייען זיינען צוליב די פּאַלמער־איבערפאַלן געצוואונגען צו פונקציאָנירן אין געהיים. זיי זיינען אָבער ניט פאַרניכטעט געוואָרן. מיט אַ פּאָר יאָר שפּע־טער האָבן די מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זיך פאַראיי־ניקט מיט אַנדערע אָפּגעשפּאָלטענע עלעמענטן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און געגרינדעט אַ לעגאַלע פּאַרטיי, די „וואָרקערס פּאַרטיי", וועלכע האָט אייניקע יאָר שפּעטער, ווען די אַנטי־קאָמוניסטישע שטימונג איז געוואָרן אַ ביסל מילדער צוריק אָנגענומען דעם נאָמען „קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע". די פּאַרטיי האָט אויך געהאָלפן אָרגאַניזירן די ניט־אָרגאַניזירטע. אירע טוער און מיטגלידער האָבן געהאָלפן גרינדן די סי־אַי־אָ (קאָנגרעס פאַר אינדאָסטריעל אָרגאַנאַיזעישאָנס), וועלכע האָט זיך נאָכדעם פאַראייניקט מיט דער אַמעריקאַנער פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז געווען די הויפּט־אָנפירערין פון די באַרימטע הונגער־מאַרשן אין די 30ער יאָרן אין קאַמף פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג און אַרבעטסלאָזע פאַרזיכערונג. אַ דאַנק די דאָזיקע קאַמפן זיינען די געזעצן פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג אָנגענומען געוואָרן.

דעבס, רוטענבערג, סטאָוקס — קעמפער קעגן דער ערשטער וועלט־מלחמה

אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל האָב איך איבערגעגעבן ווי אַזוי די מערסטע פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָבן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַרלעצט זייער אייגענע אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע, וואָס זיי האָבן אָנגענומען אין סעינט לואיס אין 1917 און געוואָרן שטיצער פון דער מלחמה. עס וואָלט אָבער געווען ניט ריכטיק ניט צו דערמאָנען מיט כבוד די הערלעכע נעמען פון פירנדיקע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן ריזי־קירט מיט זייער פרייהייט און אַרויסגעטראָטן קעגן דער אימפּעריאַליס־טישער מלחמה. זיי זיינען אַרעסטירט געוואָרן און פאַרשיקט אויף טער־מינען אין טורמע דורך דער ווילסאָן רעגירונג.

דאָס זיינען געווען יודזשין וו. דעבס, טשאַרלס רוטענבערג, דער שפּעטערדיקער סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכער איז דאַן געווען אָרגאַניזער פון דער ס. פּ. אין קליוולאַנד, קעיט ריטשאַרד אָהעיר, אַלפרעד וואַגענקנעכט און ראָז פּאַסטאָר סטאָוקס.

דער בלבול אויף יודזשין דעבס

דעבס איז אויך געווען פאַרמשפּט אויף צען יאָר טורמע, אָבער מיט דעבסן איז דאָ אַ טשיקאַווע געשיכטע, וואָס איז ניט גענוג באַקאַנט אַפילו פון די ביאָגראַפיע־ביכער וועגן אים.

עס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ קלאַנג אין דער צייט פון דער מלחמה אַז אויך דעבס האָט געביטן זיין מיינונג און געוואָרן אַ מלחמה־שטיצער.

פּאַסירט האָט עס ווען אַ רעפּאָרטער האָט אים געפרעגט, אויב ער האַלט זיך נאָך ביי דער סעינט לואיסער אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע. דעבס האָט געענטפערט, אַז עס גויטיקט זיך איצט אין מאַכן ענדערונגען. געמיינט האָט ער, ווי ער האָט שפּעטער דערקלערט, אַז מען דאַרף נוצן נאָך שאַרפערע אויסדרוקן קעגן דער מלחמה! דער רעפּאָרטער האָט אָבער איבערגעגעבן, אַז דעבס שטיצט די, וואָס ווילן אויפגעבן די אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע.

די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען, צוזאַמען מיטן „פאָרווערטס", האָבן געמאַכט אַ סענסאַציע פון דעם. די פּראָ־מלחמה סאָציאַליסטן האָבן אויס־גענוצט דעבסעס פּרעסטיזש צו פאַרשטאַרקן זייערע אַטאַקעס אויף די אַנטי־מלחמה עלעמענטן.

איך בין געווען אויף אַ שטאַטישער קאָנווענשאַן פון דער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי אין נואַרק, אין 1918, וואו איך און אַנדערע דעלעגאַטן האָבן געפאָדערט אַז די נאָמינירטע סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן פאַר פּאָ־ליטישע אַמטן זאָלן זיך דערקלערן צי זיי זיינען מיט דער סעינט לואיסער רעזאָלוציע. אַ סאָציאַליסטישער אָרגאַנייזער פון נואַרק, דזשאַרדזש באַבעל, האָט זיך געווענדעט צו מיר מיט אַן אויסרוף: דיין דעבס איז דאָך שוין אויך פאַר מלחמה! איך, ווי אַ סך אַנדערע, האָב שטאַרק פאַרגעג־טערט דעבסן, אָבער איך האָב געענטפערט: איך בין קעגן דער מלחמה ווייל דאָס איז דער סאָציאַליסטישער פּרינציפּ. אויב דעבס איז פאַר מלחמה איז ער ניט מער מיין דעבס, אָבער איך גלויב ניט, אַז ס'איז אמת וואָס די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען זאָגן.

דעבס האָט באַלד אָנגעשריבן אַ בריוו, פאַנאַנדערגעשיקט צו דער

פּרעסע, וואו ער האָט פאַרדאַמט דעם בלבול. ער האָט געשריבן: „מיט יאָרן צוריק האָב איך דערקלערט אַז עס איז דאָ נאָר איין מלחמה, אין וועלכער איך וואָלט זיך אָנגעשלאָסן, און דאָס איז די מלחמה פון די אַרבעטער פון דער וועלט קעגן די עקספּלואַטאַטאָרס פון דער וועלט. נאָך מער, איך האָב דערקלערט, אַז דער אַרבעטער קלאַס האָט ניט קיין אינטערעס אין די מלחמות וואָס ווערן געפירט פון דעם הערשנדיקן קלאַס אין די פאַרשידענע לענדער פאַר דעם צוועק פון רויב און דעראָ־בערונג. „דאָס איז מיין שטעלונג אויך היינט. איך האָב זיך ניט געענ־דערט אויף אַ האָר און יעדער באַריכט וואָס דערציילט אַיך אַנדערש, איז אַ ליגן און איז מיט דעם געשטעמפּלט אַלס אַזעלכער".

די צייטונגען, וועלכע האָבן ברייט פאַרשפּרייט דעם ליגן, האָבן איג־נאָרירט דעבסעס אַפּליקענונג. דער „פאָרווערטס" האָט עס אויך ניט געדרוקט. דער בריוו איז געווען געדרוקט אין אַ קליינער וועכנטלעכער צייטונג און אין דער סאָציאַליסטישער „ניו יאָרק קאָל", אויף אַן אינע־ווייניקסטער זייט.

„פאָרווערטס" וויל ניט דרוקן

איך האָב גענומען אַ קאָפּיע פון דעבסעס בריוו און אַוועקגעטראָגן צום „פאָרווערטס", איבערגעגעבן ה. בורגינען, דאַן אַ מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס". בורגין איז געווען קעגן דער מלחמה און ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט ריידן וועגן דעם מיט דעם רעדאַקטאָר אב. קאַהאַן. אָבער מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך געקראָגן פון אים אַן ענטפער, אַז קאַהאַן זאָגט זיך אָפּ דעם בריוו צו דרוקן.

ה. בורגין, וועלכער איז נאָכדעם געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון דער „פרייהייט", האָט דעם אינצידענט באַשטעטיקט אין זיינעם אַן אַרטיקל אינעם אַלמאַנאַך פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, אין יאָר 1940, וואו ער דערציילט ווי איך האָב אים געבראַכט דעם בריוו פון יודזשין דעבס און ווי אַב. קאַהאַן האָט זיך אַנטזאָגט אים צו דרוקן.

דער „פאָרווערטס" האָט קיינמאָל ניט צוריקגעצויגן דעם בלבול אויף דעבסן און אַפילו איבערגעחזרט אים מיט יאָרן שפּעטער. דעבס האָט זיך זייער געערגערט, וואָס די צייטונגען האָבן ניט געדרוקט זיין אַפּלייקע־נונג. דאָס האָט אים באַוועגט צו קומען צו אַן אָפענער סטעיט־קאָנווענשאָן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין קענטאָן, אָהאיאָ, דעם 16טן יוני 1918, און אין אַ רעדע איבערחזרן זיין שאַרפע קעגנערשאַפט צו דער מלחמה. אין פיר טעג אַרום איז ער אַרעסטירט געוואָרן פאַר איבער־טרעטן דעם „שפּיאָנאַזש"־געזעץ און פאַרמשפּט געוואָרן אויף צען יאָר

טורמע (ער איז אָפּגעזעסן 3 יאָר ביז ער איז באַפרייט געוואָרן דורך אַן אַמנעסטיע פון פּרעזידענט האַרדינג).

דער בלבול וועגן דעבסעס פּראָ־מלחמה שטעלונג איז געווען אַזוי פאַרשפּרייט, אַז אַפילו נאָכדעם ווי ער איז אַרעסטירט געוואָרן, איז דער־שינען אַ בריוול אין דער „ניו יאָרק טאַימס", פון אַ סאָציאַליסט, וועלכער האָט קריטיקירט די רעגירונג פאַר אַרעסטירן דעבסן, און אָט פאַרוואָס: דעבס אויף דער פריי, האָט דער שרייבער אַרגומענטירט, וואָלט געהאָלפן באַקערן די איבעריקע סאָציאַליסטן צו שטיצן די מלחמה...

רוטענבערג, סטאָוקס און וואַגעקנעכט זיינען נאָך זייער באַפרייאונג געוואָרן פירער פון די רעוואָלוציאָנערע מיטגלידער פון דער ס. פּ. און געווען פון די גרינדער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

דעבס איז אין דער צייט פון די שפּאַלטונגען אין דער ס. פּ. נאָך געזעסן אין טורמע און געהאַט ווייניק אינפאָרמאַציע. ווען ער איז באַפרייט געוואָרן איז ער פאַרבליבן אין דער ס. פּ. אָבער ער האָט קעגן דעם ווילן פון די ס. פּ. פירער גערעדט מיט באַגייסטערונג אויף זיינע מיטינ־גען וועגן די באָלשעוויקעס, כאָטש ער האָט אַ פּאָר מאָל קריטיקירט אייניקע האַנדלונגען זייערע. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין די „פריינדס אָוו סאָוועט ראָשיע" און איז געווען אין דער עקזעקוטיוו פון דער „אינ־טערנעשאָנאַל לעיבאָר דעפענס" צו פאַרטיידיקן אַרעסטירטע קאָמוניסטן.

דעבס איז געווען אַ פאַרערער פון וויליאַם ז. פאָסטער, פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אים הויך געשעצט, כאָטש ער איז ניט געווען מיט אים אין אַלץ איינשטימיק. ווען פאָסטער איז אַרעסטירט געוואָרן, אין אויגוסט 1922, איז דעבס דאַן געווען אין אַ סאַנאַטאָריע און פון דאָרט אים געשריבן: „ווען איך וואָלט ניט געווען אין סאַנאַ־טאָריע וואָלט איך באַלד געווען ביי דיר און מיטגעאַרבעט וויפל איך וואָלט נאָר געקאָנט. זיי ווייסן אַז מען קאָן דיך ניט אונטערקויפן, האָבן זיי אָנגעשיקט זייערע הינט צו פּאַקן דיך... אַזוי גיך ווי איך וועל געזונט ווערן, וועל איך זיין מיט דיר האַנט אין האַנט אין דיין שטעלונג לטובת דעם אַרבעטער קלאַס און אינדוסטריעלער פרייהייט".

דער ערשטער מאַי 1919

דער ערשטער מאַי, וואָס ווערט געפייערט יעדן יאָר איבער דער גאַנצער וועלט און וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע אין פאַר־בינדונג מיטן קאַמף פאַרן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, איז אין יאָר 1919 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טאָג פון טעראָר.

עס איז געווען באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. סאָלדאַטן זיינען געקומען פון די שלאַכטפעלדער און ניט געהאַט קיין אַרבעט. די אַרבעטער־מאַסן זיינען געווען אַנטוישט פון דער מלחמה, וועלכע האָט זיי גאָרנישט געבראַכט. אין די אייראָפּעאישע לענדער האָט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג מאַרשירט פאָראויס. האָבן זיך די קאַפּיטאַליסטישע הערשער אין אַמעריקע דערשראָקן פאַר דער אומצופרידנקייט פון די מאַסן און אָנגעהויבן מאַכן פאַרשווערונגען ווי אַזוי צו דערשטיקן דעם פּראָטעסט און דורך דעם גלייכצייטיק אַרונטעררייסן די לעבנס־באַדינגונגען פון די אַרבעטער.

די צייטונגען האָבן געהעצט, אַז „די ראַדיקאַלן" גרייטן זיך פאַר אַ רעוואָלוציע. און מ'האָט מיטאַמאָל אַנטדעקט מעשיות וועגן 29 פּעקלעך מיט דינאַמיט־באָמבעס, וועלכע זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן צו דזשאָן ד. ראָקעפעלער, דזש. פּ. מאָרגאַן און אַנדערע פּערזענלעכקייטן. אַטוירני דזשענעראַל פּאַלמער האָט דערקלערט אַז עס איז וואַרשיינלעך געווען געצילט, אַז די באָמבעס זאָלן צוגעשטעלט ווערן צו די אַדרעסירטע פּערזאָנען דעם ערשטן מאַי, נאָר אַדאַנק דעם וואָס 2 פּעקלעך האָבן עקספּלאָדירט פאַר דעם ערשטן מאַי און אַן אַרבעטער איז פאַרוואונדעט געוואָרן און אַדאַנק דער גיכער האַנדלונג און וואַכזאַמער טעטיקייט פון די פּאָסט באַאַמטע, האָט קיינע פון די אַנדערע באָמבעס ניט פאַראורזאַכט קיין שאָדן צו די פּערזאָנען, צו וועמען די באָמבעס זיינען געווען געצילט. אַזוי האָט דערקלערט אַטוירני דזשענעראַל פּאַלמער.

כאָטש עס זיינען ניט געווען קיין באַווייזן ווער עס האָט אַרויסגעשיקט די באָמבעס, איז די „ניו יאָרק טאַימס" אַרויס מיט אַן עדיטאָריעל אַז „דאָס איז געווען די אַרבעט פון די באָלשעוויקעס, אַנאַרכיסטן און „איי־דאַבליו־דאַבליו".

דאָס אַלץ איז געווען מאַטעריאַל אויפצורייצן דעם המון ערב דעם ערשטן מאַי און די פּאָליציי און כוליגאַנעס האָבן זיך מאָביליזירט צו צעברעכן די ערשטע מאַי פייערונגען פון די אַרבעטער מאַסן.

גאָרדן־מיטינג פון אַמאַלגאַמעיטעד

אין ניו יאָרק איז אַ גרויסע מאַי־דעמאָנסטראַציע איינגעאָרדנט געוואָרן אין מעדיסאָן סקווער גאָרדן דורך דער שניידער־יוניאָן, די אַמאַלגאַמעיטעד קלאָדינג וואָירקערס יוניאָן. עס האָט געזאָלט דורכגעפירט ווערן אַ מוזיקאַלישע פּראָגראַם, מיט סידני הילמאַן און יוסף שלאָסבערג, הויפּט־פירער פון דער יוניאָן, אַלס רעדנער. דער מיטינג איז צעשטערט געוואָרן דורך אַ מחנה געווועזענע סאָלדאַטן און מאַטראָזן, וועלכע זיינען

געקומען אין ספּעציעלע אויטאָבוסן און טראָקס און אַריין אין דעם געפּאַקטן זאַל, גענומען טומלען און געפּאָדערט אַז מען זאָל אויפגעבן די פּייערונג.

הילמאַן און שלאָסבערג האָבן איינגעוויליקט אַז קיין רעדעס זאָלן ניט געהאַלטן ווערן. עס וועט נאָר זיין די מוזיקאַלישע פּראָגראַם. דער עולם איז געזעסן אין זאַל אין אַ טיפן טרויער אַנשטאָט אויף אַ פּייערונג.

די פּאָליציי האָט זיך ניט אַריינגעמישט. די פאַרזאַמלונג איז דורכ־געגאַנגען אָן די רעדעס מער אָדער ווייניקער רואיק. אָבער באַלד נאָך דער פאַרזאַמלונג האָבן זיך די געוועזענע סאָלדאַטן און כוליגאַנעס אַוועק־געלאָזן צו דער פּערטער עוועניו, לעבן דער 13טער גאַס, צו דער געביידע פון דער סאָציאַליסטישער צייטונג „דהי ניו יאָרק קאָל״. דאָרט איז דאַן פאָרגעקומען אַ פּייערונג לכבוד דער דערעפענונג פון דער נייער געביידע פאַר דער צייטונג. די כוליגאַנעס זיינען אַריין אין דער געביידע, צע־טריבן און צעשלאָגן די פאַרזאַמלטע און אָנגעמאַכט אַ חורבן אויף די מעבל און מאַשינען. איין פרוי, אַ בוכהאַלטערין אין אָפיס פון דער צייטונג, איז אַזוי צעשלאָגן געוואָרן, אַז זי איז געוואָרן בלינד. די פּאָליציי איז געקומען ווען די כוליגאַנעס האָבן שוין געהאַט אָפּגעטאָן זייער אַרבעט און פאַרשוואונדן.

דעם זעלבן אָוונט איז אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן פאָרגעקומען אַ גרויסער מאַסן־מיטינג, אַראַנזשירט פון יוניאָנס, צו פאָדערן די באַפריי־אונג פון טאָם מוני און וואָרען בילינגס. דאָ איז שוין געווען אַ היפּש ביסל פּאָליציי. די פאַרזאַמלונג איז דורכגעגאַנגען אין אָרדענונג, אָבער באַלד נאָכדעם האָבן זיך די כוליגאַנעס אַוועקגעלאָזן צו דער רענד סקול־געביידע, אַ סאָציאַליסטישע אינסטיטוציע, און זי פּאָגראָמירט.

אין קליוולאַנד און באָסטאָן

אין קליוולאַנד, אָהאַיאָ, איז די גרויסע מאַי־דעמאָנסטראַציע, וואָס איז געווען איינגעאָרדנט דורך דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אַ צאָל יוניאָנס, באַפאַלן געוואָרן פון אַ מחנה געוועזענע סאָלדאַטן און כוליגאַ־נעס. די פּאָליציי, רייטנדיק אויף פערד, האָט אַריינמאַרשירט אין פּאַראַד, כלומרשט צו האַלטן אָרדנונג, און צעשלאָגן מאַסן פון די דעמאָנסטראַנטן. איינער איז געטויט געוואָרן און אַ גרויסע צאָל זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. די פּאָליציי האָט אַרעסטירט צוויי הונדערט פון די מאַרשירער, צווישן זיי טשאַרלס רוטענבערג, סאָציאַליסטישער קאַנדידאַט פאַר מעיאָר און שפּעטערדיקער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע.

אין באָסטאָן, וואו דער שרייבער פון די שורות איז געווען צווישן די אָנטיילנעמער אין מאַי־פּאַראַד איז די דעמאָנסטראַציע אָפּגעבראָכן געוואָרן דורך דער פּאָליציי. דער פּאַראַד אין באָסטאָן האָט זיך געצויגן פון אַ זאַל אויף דאָדלעי סטריט, וואָס האָט געהייסן דאָדלעי סטריט אָפּעראַ הויז, צו דעם „ניו אינטערנעשאָנאַל האָל" אין ראַקסבורי, אַ נייער זאַל אויפן נאָמען פון דעם 3טן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז דעמאָלט געקויפט געוואָרן פון ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס פאַר אַ פּלאַץ אָפּצוהאַלטן פאָרומס, פאַרזאַמלונגען און אַזוי ווייטער. די פּאָליציי איז באַפאַלן די מאַרשירער, צעשלאָגן מאַסן פון זיי און אַרעסטירט איבער אַ הונדערט מענטשן. אין דער זעלבער צייט האָבן כוליגאַנעס, מיט דער הילף פון דער פּאָליציי, דורכגעפירט אַ פּאָגראָם אויף דעם נייעם זאַל און פאַרורזאַכט אַ סך שאָדן.

די באָסטאָנער ראַדיקאַלן האָבן באַלד געגרינדעט אַ פאַרטיידיקונגס קאָמיטעט פאַר די ערשטער־מאַי אַרעסטירטע. איך בין געווען זייער טעטיק אין דעם דאָזיקן קאָמיטעט צו שאַפן געלט פאַר אויסלייזן די אַרעסטירטע און אויך פאַר זייער פאַרטיידיקונג אין די געריכטן.

דער ערשטער מאַי פון 1919 איז געבליבן אין דער געשיכטע אַלס אַ טאָג וואו דער הערשנדיקער קלאַס האָט דורך ראַיאָטן און אַרעסטן צעשטערט דעם פייערלעכן אינטערנאַציאָנאַלן יום טוב פון די אַרבעטער, און אָנגעהויבן אַ סעריע פון פאַרפאָלגונגען אויף ראַדיקאַלע אַרבעטער.

איך ווער פאַרוואַלטער פון באָסטאָנער „פרייהייט" אָפיס

אויף אַ קאָנפערענץ פון אָרגאַניזאַציעס, וואו עס האָבן זיך באַטייליקט די ברענטשעס פון דער „וואָרקערס פּאַרטיי", דער באָסטאָנער דזשאָינט באָאַרד פון דער אַמאַלגאַמעיטעד קלאָדהינג וואָרקערס יוניאָן, אינטערנעשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָרקערס לאָקאַלן, אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג ברענטשעס, איז באַשלאָסן געוואָרן מען זאָל רעקאָמענדירן דעם נאַציאָנאַלן אָפיס פון דער „פרייהייט" אין ניו יאָרק מען זאָל מיך אָנשטעלן אַלס ערשטן פאַרוואַלטער פון באָסטאָנער אָפיס פון דער „פרייהייט". איך בין באַשטימט געוואָרן פאַר דעם אַמט. די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין באָסטאָן סוף מערץ 1922.

איך האָב עטאַבלירט אַן אָפיס אין אַ יידישן בוך־געשעפט אין באָסטאָן, וואו איך האָב אַריינגעשטעלט אַ שרייב־טיש. קיין הוצאות האָט

מען מיר ניט באַשטימט. איך בין אַרויסגעפּאָרן אויף מיינע אייגענע הוצאות באַזוכן די פאַרשיידענע שטעט אין מאַסאַטשוסעטס, געגומען באַשטעלונגען אין די קראָמען פאַר דער „פרייהייט״.

קיין שכירות האָט מען מיר אויך ניט באַשטימט. נאָר איך האָב געדאַרפט אַרבעטן אויף פּראָצענטן, פון די געלטער וואָס איך וועל אַריינ־קריגן פאַר די צייטונגען פון די „קעריערס״ (פאַנאַנדערטרעגער פון צייטונגען), פון אַבאָנענטן און פון אַנאָנסן. קיין סך אַנאָנסן זיינען ניט געווען. פון דעם ביסל וואָס זיינען געווען געדרוקט, איז מיר אויסגעקומען פאַרן חודש 48 דאָלאַר. די „קעריערס״ האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי פירן זיך אַז זיי קריגן אַ חודש קרעדיט און איך דאַרף וואַרטן ביזן סוף פון 2טן חודש איידער זיי וועלן מיר באַצאָלן פאַר דעם ערשטן חודש. דערווייל האָב איך באַלד, נאָך איידער דער ערשטער חודש האָט זיך געענדיקט, געקראָגן אַ טעלעגראַמע פון ניו יאָרקער אָפיס, אַז די „פרייהייט״ איז אין געפאַר ניט צו דערשיינען און איך מוז צושיקן אַלע געלטער וואָס איך האָב. האָב איך גלייך אָוועקגעשיקט דאָס ביסל געלט, וואָס איך האָב געהאַט אַריינגענומען צוזאַמען מיט די פּראָצענטן וואָס איך האָב געדאַרפט קריגן.

אַזוי זיינען געווען די „געשעפטן״ די ערשטע צייט פון באָסטאָנער אָפיס פון דער „פרייהייט״. אין די יוניאָנס און אַנדערע יידישע אָרגאַני־זאַציעס, וואו עס האָבן באַלאַנגט צוזאַמען „רעכטע״ און „לינקע״, פלעג איך איינגעלאַדן ווערן צו זייערע אונטערנעמונגען צוזאַמען מיטן אַגענט פון „פאָרווערטס״. ביי איין באַנקעט, וואו דער פּאָרזיצער איז געווען אַ פירער פון די רעכטע, אַ לאָיער, האָט ער, ביים פאָרשטעלן מיך, אָנשטאָט צו זאָגן וועמען איך פאָרטרעט, אויסגערעכנט אַ ביסל פּערזענלעכע שבחים פון מיין פאַרגאַנגענהייט און פאַרפעלט צו זאָגן אַז איך קום פון דער „פרייהייט״. ווען איך האָב זיך אויפגעשטעלט ריידן, האָב איך געזאָגט אַז איך בין דאָ ניט אַלס ס. ד. לעווין, נאָר אַלס דער פאָרטרעטער פון דער איינציקער יידישער אמתער אַרבעטער־צייטונג, די „פרייהייט״. אונ־דזערע אָנהענגער האָבן מיך באַגריסט מיט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן. ווען מען האָט פאַרגעשטעלט דעם „פאָרווערטס״־פאָרטרעטער, האָט ער געקראָגן אַ קאַלטע אויפנאַמע, ווייל זיינע אייגענע מענטשן האָבן אים ניט ליב געהאַט.

עס האָט פּאַסירט אויך ביי אַנדערע אונטערנעמונגען, וואו איך האָב געקראָגן אַ גרעסערע אָוואַציע, ווי דער „פאָרווערטס״־פאָרטרעטער. איז עס אים זייער ניט געפעלן געווען און ער האָט אָנגעזאָגט, אַז דאָרט וואו מען לאָדט איין די „פרייהייט״ וועט ער ניט קומען זיך באַטייליקן. עס

איז אָדער דער „פאָרווערטס" אָדער די „פרייהייט"! און ער האָט אין אַ צאָל אָרגאַניזאַציעס אויסגעפירט אַז די „פרייהייט" זאָל איגנאָרירט ווערן.

אַלס קאָרעספּאָנדענט פון דער „פרייהייט" האָב איך געשריבן אָפט וועגן פּאָליטישע און אַרבעטער ענינים פון באָסטאָן. פאַר דער צייט זיינען אין באָסטאָן פאָרגעקומען קאָנווענשאָנס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, פון דער אינטערנעשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָרקערס, פון דער אַמאַל־גאַמעיטעד, פון די פאָריערס. איך האָב געשיקט באַריכטן פון די קאָנ־ווענשאָנס אַזוי אַז די „פרייהייט" האָט ניט געדאַרפט שיקן קיין ספּעציעלן רעפּאָרטער.

עס זיינען פאָרגעקומען סטרייקס אין די פאַרשיידענע אינדוסטריעס און איך פלעג קריגן באַריכטן. מערסטנס האָב איך געקראָגן באַריכטן דירעקט פון די פירער פון דער יוניאָן, ווען ניט — פלעג איך זיי קריגן דורך די אַקטיווע מיטגלידער. אין איין פאַל האָט אַ רעכטער פירער פון דער „אינטערנעשאָנאַל" געזאָגט אַז ער וועט מיר ניט געבן קיין באַריכטן, דערפאַר וואָס איך האָב ניט דערמאָנט זיין נאָמען, אָנגעבנדיק די נייעס. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל שרייבן אַז מר. פּערלשטיין (דאָס איז געווען זיין נאָמען) אַנטזאָגט זיך צו געבן נייעס צו דער „פרייהייט", דערפאַר וואָס זיין נאָמען איז ניט דערמאָנט געוואָרן... איז ער געוואָרן בעסער.

אין די פאַרשיידענע קאַמפן צווישן די „רעכטע" און „לינקע" אין די יוניאָנס זיינען פאָרגעקומען פיל מאָל געשלעגן. די רעכטע האָבן זיך באַנוצט מיט גענגסטערס. אָבער איך פלעג האָבן מערסטע מאָל אַ צוטריט צו די מיטינגען. דער „פאָרווערטס"־פאַרוואַלטער און אַנדערע רעכטע פירער האָבן אָנגעזאָגט אַז מען זאָל ניט וואַגן מיך צו אַטאַקירן פיזיש, ווייל איך בין צו פּאָפּולער אין שטאָט און אַן אַטאַקע אויף מיר וועט האָבן אַ פאַרקערטע ווירקונג פאַר די רעכטע.

דער „פרייהייט"־אָפיס איז פון אָנהויב געווען אַ בוך־סטאָר אין לאָועל סטריט. שפּעטער אין 14 לעווערעט סטריט. נאָכער 36 קאָזוועי סטריט. דער אָפיס איז געווען דער צענטער פאַר אַלע טעטיקייטן פון די יידישע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס, ניו יאָרקער יוניאָן טוער, אָדער שליחים פון הילפס־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פלעגן קומען אין באָסטאָן, פלעגן די ערשטע באַזוכן מאַכן אין אָפיס. אַזוי פלעגט אויך זיין מיט אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע טוער. איך פלעג זיי אַרויסהעלפן אין זייער אַרבעט.

די „פרייהייט" כסדר אין געפאַר

טעלעגראַמעס, אַז די „פרייהייט" האַלט ביים שליסן זיך פלעג איך קריגן אָפט. די קעגנער פלעגן שטענדיק זאָגן, אַז די „פרייהייט" וועט

ניט עקזיסטירן און די אייגענע פריינט האָבן אויך ניט געהאַט קיין צוטרוי. איך געדענק ווען איך בין געקומען צו אַ גוטן חבר אין פּיבאַדי, מאַסאַטשוסעטס, אים בעטן ער זאָל זיך אַבאָנירן פאַר דער „פרייהייט", האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער וויל ניט ריזיקירן צו אַבאָנירן זיך פאַר אַ גאַנץ יאָר, ווייל ער האָט מורא אַז די „פרייהייט" וועט ניט עקזיסטירן אַזוי לאַנג. האָט ער זיך אַבאָנירט פאַר 3 חדשים און נאָכדעם באַנייט אויף ווייטער. אַנאָנסן פון געשעפטס־לייט איז געווען שווער צו קריגן. אַ דענטיסט, אַ סימפּאַטיקער, האָט אַריינגעגעבן אַ רעקלאַמע פאַר אַ פּאָר חדשים און ער האָט מיר געזאָגט צום סוף, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין רעזולטאַטן. דער איינציקער רעזולטאַט, וואָס ער האָט יאָ געהאַט, איז געווען, וואָס עס האָט זיך אָפּגעזוכט אַן אָרימער קרוב, וואָס האָט ביי אים געבעטן הילף...

אַ רעקלאַמע, וואָס איך האָב קוים אַריינגעקראָגן פון יידישן טעאַטער, האָט אונדז געבראַכט מער שאָדן ווי איינקונפט. די געשיכטע איז געווען אַזאַ.

טעאַטער קלאָגט די „פרייהייט"

אין באָסטאָן האָבן דאַן געשפּילט 2 טעאַטער־קאָמפּאַניעס. איין קאָמ־פּאַניע וועלכע האָט געהאַלטן, אַז זי האָט די ריכטיקע אַקטיאָרן־קינסטלער, האָט אין קאָנקורענץ מיט דער אַנדערער קאָמפּאַניע אַפּעלירט אין איר רעקלאַמע, אַז מען זאָל „פּאַטראָניזירן" נאָר אמתע אַקטיאָרן און ניט חברה, וועלכע זיינען גאָר קיין אַקטיאָרן ניט — „שוסטער־יונגען און פּעדלערס, וועלכע זאָגן אַז זיי זיינען אַקטיאָרן". די רעקלאַמע איז דער־שינען אין אַלע יידישע צייטונגען, נאָר די שפּילער וועמען מען האָט גערופן שוסטער־יונגען און פּעדלער, האָבן זיך געפונען באַליידיקט און אַריינגעבראַכט אַ קלאַגע אין געריכט אין באָסטאָן קעגן דער „פרייהייט", געמאָנט "שאָדנערזאַץ. זיי האָבן געפלאַנעוועט אָנקלאָגן די אַנדערע יידישע צייטונגען אויך, נאָר זיי האָבן געהאָפט, אַז קעגן דער „פרייהייט" וועלן זיי גיכער קריגן אַן אורטייל.

דערווייל האָט מען געדאַרפט אָנשטעלן אַן אַדוואָקאַט. דער נאַציאָנאַ־לער פאַרוואַלטער פון דער „פרייהייט" האָט געדאַרפט קומען קיין באָסטאָן פאַרהאַנדלען און עס האָט געקאָסט מער וויפל מיר האָבן געקראָגן פאַר רעקלאַמעס. איין נס איז געווען, וואָס די חברה אַקטיאָרן זיינען אויך געווען אָרימעלייט און אַזוי ווי אונדזער לאָיער האָט געהאַלטן אין איין אָפּציען דעם פּראָצעס, האָבן זיי ניט געקאָנט אויסהאַלטן און אויפגעגעבן זייער קלאַגע.

מענדל ביילים

דער מאַרטירער מענדל ביילים איז געקומען קיין באָסטאָן אין די אינטערעסן פון „האַיאַס", פאַר וועמען ער האָט געאַרבעט. ער פלעגט מיט מיר ריידן, זיך באַקלאָגט וואָס ער איז ניט אינטעליגענט גענוג, ניט קיין רעדנער. און אויף אים איז געפאַלן דער גורל צו זיין דער היסטאָרישער קרבן פון דעם בלוט־בלבול אין צאַרישן רוסלאַנד. ער איז געווען גליקלעך מיט דער רוסישער רעוואָלוציע און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָפט נאָך צו באַזוכן סאָוועטן־פאַרבאַנד און זיין דאָרט וואו מען האָט אים געמשפּט.

איך בין מיט אים געגאַנגען צו אָרגאַניזאַציעס. איך געדענק, אַז איך בין געקומען צו דעם אָפיס פון דער שניידער יוניאָן און געזאָגט: איך בין דאָ מיט מענדל ביילים. האָט דער אָרגאַנייזער, מאַרקאָוויטש, אַ שפרונג געטאָן ווען ער האָט דערהערט דעם לעגענדאַרישן נאָמען, ווי איך וואָלט אים געבראַכט אַ מענטש פון יענער וועלט און אים באַלד אַריינגעלאָזן.

איך האָב געהאָלפן איינאָרדענען פאַרזאַמלונגען פאַר ראובן ברייניגען, בין מיטגעפאָרן מיט ה. לייוויקן אין פאַרשיידענע שטעט פון מאַסאַטשוסעטס, וואו איך האָב איינגעאָרדנט לעקציעס פאַר אים און אין אַ סך פאַלעצער געווען דער פאָרזיצער. דאָס זעלבע האָב איך געטאָן אויך פאַר א. ש. זאַקס, קלמן מרמר, שכנא עפשטיין, אָלגין, און אַנדערע.

וועגן א. ש. זאַקס וויל איך דערציילן אָט וואָס. ער פלעגט האַלטן לעקציעס אויף וויסנשאַפטלעכע טעמעס. מערסטנס זיינען זיי געווען צו טרוקן, און עס פלעגט פּאַסירן אַז מענטשן פלעגן איינשלאָפן ביי די לעקציעס. איינמאָל האָט ער מיר געפרעגט וועגן דעם אינטערעס, וואָס די צוהערער האָבן געהאַט אין 2 פאַרשיידענע שטעט. האָב איך אים געזאָגט, אַז אין לין האָט מען ווייניקער געשלאָפן ביי זיין לעקציע ווי אין דעם שטעטל רעוויר. „פאַרוואָס?" — האָט ער געפרעגט. — „איז לין איז געווען אַ מער אינטעליגענטער עולם?" — „ניין", — האָב איך געענטפערט, „אין לין איז געווען קאַלט אין זאַל, צו קאַלט צו שלאָפן".

איך האָב געהאָלפן שליחים פון דער אַרבעטער באַוועגונג אין צייט פון באַרימטן „דזשאָינט עקשאָן" קאַמף אין די נאַדל טרעידס, וואו מען האָט געדאַרפט שאַפן געלט פאַרן קאַמף, אַרומגעגאַנגען מיט די קאָמיטעס זאַמלען פאָנדן. אַזוי אויך מיט דעלעגאַציעס פון אַנדערע אַרבעטער־קאַמפן.

סוף 1927 האָט די „פרייהייט"־פאַרוואַלטונג אין ניו יאָרק באַשלאָסן מיך אַוועקצונעמען פון באָסטאָן און טראַנספערירן קיין נואַרק, ניו־דזשוירזי, צו ווערן דאָרטן פאַרוואַלטער פון דער „פרייהייט".

סאַקאָ און וואַנזעטי

ווען די „פרייהייט" איז געגרינדעט געוואָרן אין 1922 איז שוין געווען צוויי יאָר ווי סאַקאָ און וואַנזעטי, די צוויי איטאַליענער אַרבעטער־טוער, זיינען געזעסן אין טורמע אויף אַ מאָרד בלבול. זייער פּראָצעס האָט אויפגערודערט די וועלט. ניקאָלאָ סאַקאָ, אַ שוך־אַרבעטער און באַרטאָלאָמעאָ וואַנזעטי, אַ פיש־פּעדלער, באַקאַנט געווען אַלס טעטיקע אַנאַרכיסטן, זיינען דעם 5טן מאַי 1920 אַרעסטירט געוואָרן אין בראָקטאָן, אויף דער קלאַגע אַז זיי האָבן דערמאָרדעט און באַרויבט אַ קאַסירער פון אַ פאַבריק און זיין וועכטער, אין ברענטרי, מאַס. וואַנזעטי איז אויך אָנגעקלאָגט געוואָרן, אַז מיט אַ פּאָר וואָכן פריער האָט ער געמאַכט אַן איבערפאַל אויף אַ קאַסירער אין ברידזשוואָטער, מאַס., און אים באַרויבט.

מאָרד־איבערפאַלן און רויבערייען זיינען געווען אַן אָפטע דערשיינונג אין יענער צייט. די פּאָליציי האָט אין די מערסטע פאַלן ניט געפונען די שולדיקע. אין יענער צייט איז געווען אין אַמעריקע אַ היסטעריע פון האַס און פאַרפאָלגונגען קעגן פרעמד־געבאָרענע. עס איז געווען אַ פּאָר חדשים נאָך די טרויעריק־באַרימטע מאַסן־איבערפאַלן אויף פרעמד־געבאָרענע ראַדיקאַלן, די „פּאַלמער־רעידס". די פּאָליציי האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט צוצושטעפּן דעם מאָרד און איבערפאַל צו די צוויי ראַדיקאַלן, פון וועמען זי האָט געוואָלט פּטור ווערן.

די געשיכטע ווי אַזוי מען האָט געבראַכט פאַלשע עדות, וועלכע האָבן געהאַט קרימינעלע רעקאָרדס און די גאַנצע פאַרשווערונג און ווי די 2 אַרבעטער טוער זיינען פאַרברענט געוואָרן אויף דעם עלעקטרישן שטול, איז באַקאַנט אין דער געשיכטע. אַ סך ביכער זיינען געשריבן געוואָרן, וואו עס איז באַוויזן געוואָרן זייער אומשולד — און דעם גרויסן פאַרברעכן וואָס דער שטאַט מאַסאַטשוסעטס איז באַגאַנגען אין 1927 קעגן די צוויי אַרבעטער מאַרטירער. איך וויל דאָ נאָר איבערגעבן מיין טעטיקייט אין דער גאַנצער צייט פון דער געשיכטע פון דעם אַרעסט ביז דער הינריכטונג, וואָס האָט זיך געצויגן זיבן יאָר.

אָנהויב פון דער פאַרשווערונג

אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי זיי זיינען אַרעסטירט געוואָרן, אין מאַי 1920, האָב איך אַוועקגעשיקט אַן אַרטיקל אין „פאָרווערטס", געשריבן וועגן דער פאַרשווערונג וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויף 2 אומשולדיקע ראַדיקאַלן. די „פרייהייט" האָט נאָך דאַן ניט עקזיסטירט. איך בין שוין

דאַן ניט געווען באַשעפטיקט ביים „פאָרווערטס" אַלס געהילף־פאַרוואַל־טער און קאָרעספּאָנדענט, אָבער פלעג פון צייט צו צייט צושיקן קאָרעס־פּאָנדענציעס פון באָסטאָן. דער „פאָרווערטס" האָט פון אָנהויב איגנאָ־רירט די גאַנצע סאַקאָ און וואַנזעטי געשיכטע. האָב איך אין מיין אַרטיקל איבערגעגעבן די איינצלהייטן און דערציילט, אַז אַ סך פּראָמינענטע ליבעראַלן גלויבן אין זייער אומשולד; אַז אַ פאַרטיידיקונגס קאָמיטעט האָט זיך געגרינדעט זיי צו פאַרטיידיקן און אַז מען דאַרף זיי שטיצן.

דער „פאָרווערטס" האָט מיין אַרטיקל ניט געדרוקט. ערשט מיט אַ צייט שפּעטער, ווען די סאַקאָ־וואַנזעטי געשיכטע איז געוואָרן אַ סענסאַ־ציע איבערן לאַנד און אַ סך צייטונגען האָבן וועגן דעם געשריבן, האָט דער „פאָרווערטס" אַרויסגענומען פון אַרכיוו מיין אַרטיקל און עס אָפּ־געדרוקט. שפּעטער האָט שוין דער „פאָרווערטס" געגעבן נייעס און אַרטיקלען כלומרשט גינסטיק צו דער פאַרטיידיקונג. אין דער זעלבער צייט האָט ער געהאַלטן אין איין אַטאַקירן די אָנפירער פון דער פאַר־טיידיקונגס־קאָמיטע אַלס קאָמוניסטן, וועלכע נוצן, הייסט עס, אויס דעם פּראָצעס פאַר קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

ווען די „פרייהייט" איז דערשינען, אין אַפּריל 1922, האָט דער יידי־שער לייענער געקראָגן די מעגלעכקייט צו האָבן די ריכטיקע נייעס און אַלע איינצלהייטן פון דער סאַקאָ און וואַנזעטי געשיכטע. איך פלעג אָפט באַזוכן די הויפּט־קוואַרטיר פון דער פאַרטיידיקונגס־קאָמיטע און פלעג אַריבערשיקן נייעס און אַרטיקלען אין דער „פרייהייט".

דער „פּובליסיטי"־אַגענט פון דעם סאַקאָ און וואַנזעטי ענין איז געווען דער איצטיקער עקסטרעם־רעאַקציאָנערער שרייבער יודזשין ווו. לאַיאָנס, וועלכער איז דאַן געווען לינק געשטימט און פלעגט טאַקע געבן דער „פרייהייט" די ערשטע נייעס.

דער דעמאָלסדיקער „פאָרווערטס"־פאַרטרעטער אין באָסטאָן, מר. אַרקין, האָט פּראָטעסטירט הלמאי די „פרייהייט" קריגט אַלע מאָל די ערשטע נייעס. לאַיאָנס האָט געענטפערט אַז דער „פרייהייט"־פאַרטרעטער איז אַליין פאַראינטערעסירט אין דעם פּראָצעס און איז אָפט אין דער קוואַרטיר פון פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט, קריגט ער פריער די נייעס.

איך האָב באַגלייט די נייעס פון סאַקאָ און וואַנזעטי ענין די גאַנצע זיבן יאָר, וואָס ער האָט זיך געצויגן. איך בין געווען כמעט ביי אַלע פאַרהערן, געהערט די וואונדערבאַרע פאַרטיידיקונגס־רעדעס פון די צוויי מאַרטירער איידער דער ריכטער האָט אַרויסגעגעבן דעם לעצטן אורטייל, באַשטימט די דאַטע פאַר זייער הינריכטונג, געווען אויף די דעמאָנסטראַציעס און פּיקעט־ליניעס אַרום דעם סטעיט הויז אין באָסטאָן

און געווען אין דער נאַכט פון זייער היגריכטונג אין טשאַרלסטאַן טורמע, וואו די הינריכטונג איז פאָרגעקומען.

די פּאָליציי האָט אָנגעפירט אַ שרעקלעכן טעראָר קעגן די דעמאָנ־סטראַנטן און קעגן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געפאָדערט גערעכטיקייט פאַר די צוויי אַרבעטער־טוער.

די צייטונגען האָבן געהעצט, אַז מען גרייט זיך וואַרפן באָמבעס און אויפרייסן רעגירונגס געביידעס און אַזוי ווייטער. מען האָט געשלאָגן דעמאָנסטראַנטן און אַרעסטירט פּראָגרעסיווע אַרבעטער־פירער. איך האָב באַשריבן די לאַגע די טעג פאַר דער הינריכטונג אין אַן אַרטיקל „די פינצטערע טעג אין באָסטאָן".

די שרעקלעכע נאַכט

עס איז געווען אַ שרעקלעכע נאַכט דעם 22טן אויגוסט 1927. די גאַסן פון באָסטאָן און טשאַרלסטאָן זיינען געווען פול מיט פּאָליציי און סאָלדאַטן. מען האָט צעטריבן מיטינגען. אין אָוונט איז אין סעילעם סטריט, באָסטאָן, געווען אַ מיטינג אויפן גאַס. די באַרימטע קעמפערין עלאַ ריוו („מוטער בלור") האָט גערעדט פון אַ קלוב־צימער דורך אַן אָפענעם פענצטער צו די מאַסן אין גאַס און גערופן צום פּראָטעסט. זי איז אַרעס־טירט געוואָרן.

אויפן וועג צו דער טורמע אין טשאַרלסטאָן האָבן זיך געלאָזט מחנות אַרבעטער צו פּראָטעסטירן קעגן דעם געוואַלדיקן פאַרברעכן, וואָס דער שטאַט האָט זיך געגרייט דורכצופירן. די פּאָליציי האָט געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף די דעמאָנסטראַנטן, מאַסן אַרעסטירט און צעשלאָגן. די גאַנצע געגנט איז געווען באַוואַכט דורך פּאָליציי און סאָלדאַטן.

איך האָב געקראָגן ספּעציעלע קאַרטלעך אַלס קאָרעספּאָנדענט, האָב אָבער געדאַרפט גיין מיט די הענט אויפגעהויבן האַלטנדיק די קאַרטלעך אין די הענט און די פּאָליציי־וואַך האָט מיך דורכגעלאָזן גיין צו דער טורמע.

אין טורמע־הויף בין איך געווען פיליכט דער איינציקער אָבל (אָוול) צווישן אַרום הונדערט קאָרעספּאָנדענטן, ביי וועמען די געשעעניש איז געווען אַ ספּעקטאַקל. מען האָט נאָר איין רעפּאָרטער פון דער „אַסאָ־שיעיטעד פּרעס" דערלויבט אַנוועזנד זיין ביי דער הינריכטונג און ער האָט איבערגעגעבן די געשעענישן צו די איבעריקע קאָרעספּאָנדענטן.

באַלד ווי מען האָט דורכגעפירט די הינריכטונג האָט מען די צוויי פאַרסמאַליעטע קערפּערס אַרויסגעפירט צו ווייזן די קאָרעספּאָנדענטן. איך האָב עס ניט געקאָנט צוזען, זיך איינגעהאַלטן ניט צוזאַמענצוברעכן. איך בין געווען קראַנק נאָכדעם עטלעכע טעג.

עס איז געווען אַ גרויסע לוויה פון די פאַרברענטע קערפּערס. איבער הונדערט טויזנט האָבן זיך באַטייליקט. די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט צאָרן.

איך בין, ווי געזאָגט, אַנוועזנד געווען ביי די אַלע געשעענישן און זיי באַשריבן אין דער „פרייהייט". דאָס איז געווען אַ טרויעריקע איבער־לעבעניש אין מיין לעבן.

דאָס פּאָליצײ־מיידל

אין דער צייט וואָס איך בין געווען פאַרוואַלטער פון דער „פרייהייט" אין באָסטאָן איז מיר אויסגעקומען צו זיין באַקאַנט מיט אַ צאָל יידישע סאָשעל־וואָרקערס.

דאָס זיינען געווען יונגע אינטעליגענטע יידישע מיידלעך, מערסטנס קאָלעדזש־גראַדואירטע, וועלכע זיינען געווען באַשעפטיקט אין יידישע צדקה־אינסטיטוציעס און שטאַטישע רעגירונגס־אַנשטאַלטן.

איך האָב געהאַט אַ סך פריינט צווישן זיי. זייער אַרבעט איז געווען צו באַדינען אָרעמע מענטשן, צו אונטערזוכן זייער לאַגע, וואָס איז שייך געבן הילף און אַנדערע טעטיקייטן.

די מערסטע פון זיי זיינען געווען ראַדיקאַל געשטימט און געהאַט באַשטימטע פאָרגעשריטענע מיינונגען וועגן פאַרשיידענע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון דער געזעלשאַפט. זיי האָבן זיך אָבער ניט געקאָנט אָפן באַטייליקן אין טעטיקייטן, וואָס זאָלן אויסדריקן פּראָטעסט, אָדער רעוואָלט, קעגן די איבלען פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. עס פאַרשטייט זיך, זיי האָבן ניט געקאָנט גיין אויף מיטינגען פון ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס.

זיי זיינען אָבער געווען נייגעריק צו וויסן וואָס עס טוט זיך אין דער ראַדיקאַלער וועלט. אַ טייל פון זיי האָבן אַפילו אין געהיים אויך געשטיצט געוויסע טעטיקייטן פון דער ראַדיקאַלער באַוועגונג. איך פלעג זיך אָפט טרעפן מיט אייניקע פון זיי ביים עסן אין רעסטאָראַנען, אָדער אַנדערע פּלעצער און זיי פלעגן ליב האָבן דיסקוטירן מיט מיר, קריגן אינפאָרמאַציע, ביכער, פּאַמפלעטן. איך פלעג פיל מאָל קריגן פון זיי אינפאָרמאַציע פון אומגערעכטיקייט וואָס ווערט באַגאַנגען אין די צדקה־אינסטיטוציעס און אין אַנדערע אינסטיטוציעס, וואו זיי זיינען געווען באַשעפטיקט.

איינע פון די סאָשעל וואָרקערס, מיט וועלכער איך בין געווען באַ־פריינדעט, איז געווען אַ געוויסע ראָוז, וואָס איז געווען באַשעפטיקט ביי דער פּאָליציי אַלס „פּראָבעישאָן אָפיסער". דאָס איז אַן אַמט, וואָס גיט

זיך אָפּ מיט פאַראורטײלטע, אָדער אַרעסטירטע מענטשן, אונטערזוכן זייער פאַרגאַנגענהייט און אַכטונג געבן אויף זייער אויפפירונג ווען מען לאָזט זיי אַרויס אויף פּראָבע. ראָוז איז געווען אַ נידעריק־געוואַקסענע, חנעוודיקע יונגע מיידל, מיט אַ הויכער אינטעליגענץ און אַ שטאַרק געפיל פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט. זי האָט זיך אָנגעזען מיט אַ סך צרות און האָט געליטן פון דעם, וואָס זי קאָן ווייניק טאָן צו לינדערן די נויט.

פאַר מיר האָט זי געהאַט אַ געלעגנהייט זיך אַראָפּצורײדן פון האַרצן. איך פלעג זיך אָפט טרעפן מיט איר, באַגלייטן זי צום געריכט־הויז און אַנדערע פלעצער, וואו זי האָט געדאַרפט גיין. איך האָב איר געגעבן סאָציאַליסטישע ביכער צו לייענען און זי האָט עס געשלונגען מיט חשק.

זי פלעגט באַדויערן, וואָס זי קאָן ניט זיין טעטיק אין דער באַוועגונג פאַר אַ בעסערער וועלט און פלעגט מקנא זיין די, וואָס האָבן עס געטאָן.

ראָוז איז אויך געווען פאַרבונדן מיט דער יידישער צדקה־פעדעריישאָן און האָט געהאַט איר אויפגאַבע ספּעציעל צו אינטערעסירן זיך מיט יידישע אַרעסטירטע.

עס האָט פּאַסירט איינמאָל, ווען עטלעכע טוער פון אַ לינקער יוניאָן זיינען אַרעסטירט געוואָרן צוליב סטרייק־טעטיקייט אויף דער פּיקעט־ליין און זיינען פאַרשיקט געוואָרן אין טורמע. ראָוז האָט געהאַט די אויפגאַבע צו זען זיך מיט זיי, זיי אויספרעגן און מעגלעך זיי העלפן. האָט זי זיי געפרעגט ,אויב זיי זיינען באַקאַנט מיט ס. ד. לעווין, דעם פאַר־וואַלטער פון דער באָסטאָנער „פרייהייט”. זיי האָבן זיך פון אָנהויב אָפּגעהאַלטן פון ענטפערן, מורא האָבנדיק אַז דאָס וועט פאַרערגערן זייער לאַגע. זי האָט זיי אָבער באַלד געזאָגט, אַז זיי דאַרפן ניט מורא האָבן, ווייל לעווין איז איינער פון אירע בעסטע פריינט. האָבן די פאַר יוניאָן־טוער געקראָגן צוטרוי צו איר, דערציילט איר וועגן געוויסע באַהאַנדלונגען אין טורמע און נאָך אַזעלכע זאַכן און זי האָט זיך טאַקע באַמיט זייער לאַגע צו פאַרבעסערן. זי פלעגט פון דאַן אָן מיר ברענגען גרוסן פון זיי און איבערגעבן זיי מיינע גרוסן. און אַזוי האָט זי געטאָן איר אַרבעט. עס איז אָבער געקומען אַ מאָמענט וואו זי אַליין איז געשטעלט געוואָרן צו אַ פּראָבע און זי האָט געדאַרפט באַשליסן צי זי זאָל באַשיצן איר שטעלע, אָדער זיין געטריי אירע אידייען פון גערעכטיקייט. דאָס איז געווען אין דער צייט ווען דער שטאַט מאַסאַ־טשוסעטס האָט זיך געגרייט דורכצופירן די הינריכטונג פון די צוויי איטאַליענער אַרבעטער־טוער און ראַדיקאַלן, סאַקאָ און וואַנזעטי.

אין באָסטאָן, איבערהויפּט אין די לעצטע טעג פאַר דער היגריכטונג, איז דאָס סטעיט־הויז, וואו די באַאַמטע פון דער רעגירונג פון שטאַט האָבן זיך געפונען, שטענדיק געפּיקעט געוואָרן פון גרויסע מאַסן אַר־בעטער און אינטעלעקטואַלן.

פון ניו יאָרק האָט די פירערין פון אינטערנעשאָנאַל לעיבאָר דעפענס פון יענער צייט, ראָוז באַראָן, געבראַכט אָנגעפילטע אויטאָבוסן מיט מענטשן, וועלכע זיינען געקומען דעמאָנסטרירן אַרום דעם מאַסאַטשו־סעטס סטעיט הויז. די פּאָליציי האָט געמאַכט שרעקלעכע טעראָר־אַטאַקעס אויף דעמאָנסטראַנטן. פּיקעטס זיינען צעשלאָגן געוואָרן און אַרעסטירט געוואָרן. מען האָט קיינעם ניט געשאָנעוועט. די אַלטע „מוטער" עלאַ ריוו בלור, פּראָפעסאָרין עלען העיז פון וועלסלעי קאָלעדזש, דר. אַנטואַ־נעט קאָניקאָוו און אַ סך אַנדערע. עס פלעגן באַלד קומען אַנדערע פּיקעטס צו פאַרנעמען די פּלעצער פון די אַרעסטירטע. אַזוי זיינען די דעמאָנ־סטראַציעס אָנגעגאַנגען די אַלע טעג פאַר דער היגריכטונג.

צווישן די אַרעסטירטע איז געווען אַן אַרבעטער־פרוי, וועלכע האָט געהאַט אַ יונגע 16־יאָריקע טאָכטער. די טאָכטער, גאָסי, איז געקומען פון האַי־סקול און אויסגעפונען אַז די מוטער איז אַרעסטירט, איז זי אַוועק און זיך געשטעלט אין די רייען צו פאַרנעמען איר מוטערס פּלאַץ. פּאָליציי האָט זי באַלד אַרעסטירט און אַריינגעזעצט אין טורמע וואו די מוטער האָט זיך געפונען.

דער פּראָבעישאָן־מיידל ראָוז איז געגעבן געוואָרן די אויפגאַבע צו ריידן צו די אַרעסטירטע, ווירקן זיי זאָלן זאָגן, אַז זיי האָבן חרטה און וועלן מער ניט גיין אויף דער פּיקעט־לאַין. אָבער אָנשטאָט צו ריידן צו זיי, האָט ראָוז אַרומגענומען די מוטער מיט איר טאָכטער, זיי געקושט, און זיך צעוויינט, וואָס זי זעלבסט קאָן זיך ניט באַטייליקן אין די דע־מאָנסטראַציעס. פּלוצים האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן: „פאַרוואָס טאָקע ניט? ווי קאָן איך שווייגן אין אַזאַ צייט? און נאָך דינען דעם פּאָליציי־דעפּאַרטמענט?"

זי האָט זיך געזעגנט מיט די אַרעסטירטע און איז אַוועק צו די דעמאָנסטראַציעס, זיך געשטעלט אויף דער פּיקעט־ליניע. זי איז באַלד אַרעסטירט געוואָרן, צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע און אַריינגעזעצט געוואָרן אין טורמע.

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָב איך זי געטראָפן און געפרעגט: „ראָוז, ווי האָסטו עפּעס געפילט זיצנדיק אין טורמע ווי אַן אַרעסטאַנט?"

„דאָס איז דאָס ערשטע מאָל ווען איך האָב זיך געפילט פריי, חבר לעווין, — האָט זי מיר געענטפערט. די גאַנצע צייט וואָס איך האָב

געאַרבעט פאַר דער פּאָליציי, האָב איך געפילט ווי אַן אַרעסטאַנט, איך האָב ניט געקענט פריי זיך באַוועגן און זאָגן מיין מיינונג. אין טורמע בין איך ערשט געוואָרן אַ פרייער מענטש".

ראָוז האָט שוין די שטעלע פאַרלאָרן. זי האָט באַקומען אַן אַנדער שטעלע אין אַ פּריוואַטער פירמע, אַן אַנדערע אַרבעט פאַר ווייניקער לוין. זי איז אָבער געווען צופרידן — זי איז געוואָרן אַ טייל פון דער קעמפנדיקער יוגנט פון יענער צייט.

דער בימבאָ-פּראָצעס אין בראָקטאָן, מאַסאַטשוסעטס

אין פעברואַר, 1926, איז אין בראָקטאָן, מאַס., פאָרגעקומען אַ פּראָצעס, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ סענסאַציע איבערן גאַנצן לאַנד. דער פּראָצעס איז געווען קעגן אַנטאָני בימבאָ, דעם רעדאַקטאָר פון אַ פּראָגרעסיווער ליטווישער צייטונג, וועלכער איז אָנגעקלאָגט געוואָרן אין „גאָט-לעסטערונג" און העצן קעגן דער אַמעריקאַנער רעגירונג אין אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זיינע ליטווישע לאַנדסלייט אין בראָקטאָן.

אַלס פאַרטרעטער פון דער „מאָרגן-פרייהייט", בין איך געווען יעדן טאָג אין געריכט ביים היסטאָרישן פּראָצעס און געשיקט אין דער „מאָרגן פרייהייט" באַריכטן, אַרטיקלען וועגן דעם דאָזיקן פּראָצעס.

אַנטאָני בימבאָ איז געבוירן געוואָרן אין ליטע אין 1894. ער איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1913; געאַרבעט אין אַ שטאָל-פאַבריק אין ניו-דזשוירזי, אין אַ פּאַפּיר-פאַבריק און אין אַנדערע פאַבריקן. אין די יאָרן פון 1915 ביז 1919 איז בימבאָ געווען אַ סטודענט אין וואַלפּאַרעיזאָ אוניווערזיטעט, אינדיאַנאַ. ער האָט שטודירט סאָציאָלאָגיע און געשיכטע; אין דער זעלבער צייט האָט ער געאַרבעט אַ פּאָר שעה אין טאָג צו פאַרדינען פאַר זיך אויף חיונה. ער האָט דאַן אויך אָנגעהויבן צו שרייבן פאַר צייטונגען אין דער ליטווישער שפּראַך.

בימבאָ איז דערנאָך געקומען קיין ניו יאָרק און איז געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון אַ זשורנאַל אין ליטוויש, „דאַרבאַרס", אַרויסגעגעבן פון דער „אַמאַלגאַמעיטעד קלאָטהינג וואָרקערס אָוו אַמעריקע" פאַר די ליטווישע מיטגלידער פון דער יוניאָן.

אין 1924 איז בימבאָ געוואָרן מיטרעדאַקטאָר פון דער ליטווישער צייטונג „לאַיסוואַ" („פרייהייט") אין ברוקלין. ער האָט אויך אָנגעהויבן

אַרויסטרעטן אין ניו יאָרק און איבערן לאַנד מיט לעקציעס פאַר די ליט־ווישע לאַנדסלייט איבער פאַרשידענע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פראַגן.

אין 1926 איז בימבאָ איינגעלאַדן געוואָרן צו געבן לעקציעס פאַר ליטווינער לאַנדסלייט אין בראָקטאָן, מאַס., וואָס איז אַ פאַבריק־שטאָט. שיך־פאַבריקן זיינען די הויפּט־אינדוסטריע, אָבער עס זיינען אויך דאָ טעקסטיל־פאַבריקן און אַנדערע. די אַרבעטער זיינען דאָרט געווען מערסטנס פרעמד־געבוירענע; צווישן זיי — אַ צאָל ליטווינער. די ליט־ווינער פּראָגרעסיווע עלעמענטן פלעגן אָפט אָרגאַנזשירן לעקציעס וועגן פאַרשידענע פראַגן, און זיי האָבן דאָס געבראַכט בימבאָן, וועלכער איז געווען פּאָפּולער אַלס רעדאַקטאָר און לעקטאָר.

דאָס האָט ניט געשמעקט די פאַבריקאַנטן און די רעאַקציאָנערע עלעמענטן אין בראָקטאָן. זיי האָבן געזען אין יעדער אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן אימיגראַנטן אַ געפאַר פאַר זייער הערשאַפט.

אַ קלאַגע קעגן בימבאָן איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך אַ גרופּע ליטווינער רעאַקציאָנערן. זיי האָבן אָנגעגעבן, אַז בימבאָ האָט אין זיינע רעדעס „געלעסטערט גאָט" און „געהעצט קעגן דער אַמעריקאַנער רעגירונג".

געווען איז דאָס נאָכדעם ווי מיט 8 חדשים פריער, אין יוני 1925, האָט דאָס לאַנד געקלונגען מיטן היסטאָרישן „מאָנקי טרײַיעל" (מאַלפּע־פּראָצעס), אָדער ווי ער איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „סקאָופּס טרײַיעל". דאָס איז געווען אַ פּראָצעס קעגן אַ יונגן לערער, דזשאָן טאָמאַס סקאָופּס, אין דעיטאָן, טענעסי, וועלכער האָט געהאַלטן לעקציעס פאַר סטודענטן וועגן דער דאַרווין־טעאָריע, די טעאָריע פון עוואָלוציע. ער האָט מיט דעם פאַרבראָכן קעגן דעם אָנגענומענעם געזעץ פון שטאָט טענעסי וועלכער פאַרבאָט צו לערנען אין די שולן וועלכע עס איז טעאָריע, וואָס לייקנט אָפּ די ביבלישע געשיכטע וועגן דער אַנט־שטייאונג פון דער וועלט און מענטשהייט.

די גאַנצע וועלט האָט דעמאָלט געשטוינט אַז אין אַמעריקע זאָל מען אין 20סטן יאָרהונדערט פאַרבאָטן צו שטודירן די ווינסנשאַפטלעכע טעאָריע פון עוואָלוציע.

דער בימבאָ־פּראָצעס איז אָנגערופן געוואָרן: „אַ צווייטער סקאָופּס טרײַיעל". רעפּאָרטערס פון פאַרשידענע צייטונגען אין לאַנד זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין בראָקטאָן, צוצוזען ווי מען משפּט אַ יונגן גע־לערנטן פאַר אַרויסזאָגן אַ מיינונג וועגן רעליגיע, וואָס איז ניט אין איינקלאַנג מיט דער אָנגענומענער מיינונג פון דער קירכע.

דער פּראָצעס איז געווען מער טשיקאַווע דורך דעם, וואָס די קלאַגע

איז געבויט געוואָרן אויף אַ געזעץ, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין מאַסאַטשוסעטס מיט איבער דריי הונדערט יאָר צוריק, אין די פינצטערע יאָרן, ווען מען פלעגט אין סעילעם און אין באָסטאָן פאַרברענען מענטשן אויף דער באַשולדיקונג אַז זיי זיינען געווען „מכשפים".

אין יענע פינצטערע יאָרן פון אַבערגלויבן און פאַנאַטישער טיראַניע, וואָס האָט געהערשט אין מאַסאַטשוסעטס, פלעגט מען באַשטראָפן מענטשן פאַר ניט גיין אין קירכע. די זונטיק־געזעצן זיינען געווען אַזוי שטרענג, אַז מען האָט ניט געטאָרט טאָן קיין זאַך אין זונטיק — ניט גיין שפּאַצירן, ניט אַרויספאָרן אין אַ פּאַרק, אָדער צום ברעג ים. מען האָט געמוזט נאָר גיין אין קירכע.

מעטאָדן פון שטראָף זיינען אויך געווען אויסערגעוויינלעכע. מען האָט אָנגעווענדט אַזעלכע שטראָפן ווי אָפּשניידן אַן אויער, שמייסן איבערן לייב, אַריינשטעלן אַ „פאַרברעכער" אין אַ שטייג, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן מאַרק, מענטשן זאָלן פאַרבייגיין און פאַרשעמען דעם באַשולדיקטן, לאַכן פון אים. מען פלעגט איינשליסן די הענט און פיס אין אַזעלכע הילצערנע קלעצער און זיי דריקן, און נאָך אַנדערע שטראָפן!

אָט אין יענער צייט, אין יאָר 1646, איז עס געשאַפן געוואָרן דער געזעץ אַז פאַר „גאָט־לעסטערונג" קומט טויט־שטראָף. די שטראָף איז באַכדעם, אין יאָר 1697, פאַרביטן געוואָרן אויף טורמע טערמינען און געלט־שטראָף.

אָט דעם „גאָט־לעסטערונג" געזעץ פון יענע פינצטערע צייטן האָט עס אַ רעגירונגס־געריכט אין מאַסאַטשוסעטס אויפגעזוכט, צו משפטן דעם געלערנטן אַנטאָני בימבאָ אין יאָר 1926.

שיף־פאַבריקאַנטן און אַנדערע רייכע געשעפטסלייט האָבן בייגע־שטייערט געלט צו העלפן אָנפירן מיט דער אָנקלאַגע. די צייטונגען האָבן געפירט אַ העצע־קאַמפּאַניע און פאַרשפּרייט אַלערליי געשיכטעס וועגן „טעראָר־פּלענער" פון בימבאָס נאָכפאָלגער.

„מען גרייט זיך צו פאַרברענען קירכן און היימען" — האָט זיך געלייענט אַ „קאָפּ" אין אַ צייטונג. „מען סטראַשעט צו דערמאָרדן דעם אָנקלעגער פון בימבאָ" — איז געווען אַ „קאָפּ" אין אַ צווייטער צייטונג. עס האָט פּאַסירט, אַז אין האַדסאָן, מאַסאַטשוסעטס, אַ דערבייאיק שטעטל, איז אַ ליטווישע פרוי געשטאָרבן, און אירע קרובים האָבן ניט גערופן קיין גלח פאַרן טויט, און אויך ניט צו דער לוויה אויף דורכצופירן רעלי־גיעזע צערעמאָניעס. האָבן די צייטונגען געשריבן וועגן דעם און דער־

ציילט, אַז דאָס איז געווען „בימבאַס איינפלוס״ אויף דער ליטווישער באַפעלקערונג, וואָס האָט געבראַכט צו אַזאַ „גאָטלאָזיקייט״.

דער פאַרטיידיקונג איז געלונגען צו ברענגען באַוויזן דורך עדות וועגן די פאַלשקייטן פון די קלאַגעס קעגן בימבאַן און ער איז ריינגע־וואַשן געוואָרן פון דער קלאַגע פון „גאָט־לעסטערונג״, אָבער אָפּגעלאָזן פריי האָט מען אים ניט. מען האָט אים געפונען שולדיק אין „העצן״ קעגן דער אַמעריקאַנער רעגירונג און אים באַשטראָפט מיט הונדערט דאָלאַר.

טשיקאַווע איז, אַז זייענדיק אויפן פּראָצעס די גאַנצע צייט און הערנדיק ווי אַן עדות באַשולדיקט בימבאַן אין גאָט־לעסטערונג אויפן סמך פון דעם וואָס בימבאַ זאָל האָבן געזאָגט אין זיין רעדע: „די גלחים זאָגן, אַז עס איז דאָ אַ נשמה. די איינציקע נשמה וואָס איז דאָ, איז אויף מיין שוך״, איז מיר איינגעפאַלן אַז בימבאַ האָט דאָך גערעדט ניט אין ענגליש, וואו דאָס זעלבע וואָרט האָט די צווייענדיקע באַדייטונג. ער האָט דאָך גערעדט צו זיינע לאַנדסלייט אין זייער שפּראַך, אין ליטוויש, אין וועלכער אַ נשמה הייסט דושאַ און אַ זויל פון אַ שוך הייסט פּאַדעסט. איז קלאָר, אַז בימבאַ האָט ניט געקאָנט זאָגן אין ליטוויש צו זיינע ליטווישע צוהערער אַ גאָט־לעסטערנדיקע זאַך ווי פאַרגלייכן נשמה צו אַ פּאַדעסט. אין דער ענגלישער שפּראַך וואָלט מען עס געקאָנט זאָגן, ווייל דאָרטן ווערן נשמה און זויל פון אַ שוך באַצייכנט מיטן זעלביקן וואָרט־שפּילנדיקן קלאַנג „סאָול״, אָבער אין ליטוויש וואָלט עס געקלונגען זינלאָז, און בכן האָט עס בימבאַ ניט געקאָנט זאָגן און טאַקע ניט געזאָגט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז מיינע באַמערקונגען האָב איך איבערגעגעבן בימבאַס פאַרטיידיקער, וועלכער האָט שוין געוואוסט ווי אַזוי אויס־צונוצן זיי.

די צווייטע קלאַגע איז אויך שפּעטער אַרויסגעוואָרפן געוואָרן, אָבער די דאָזיקע לעבערלעכע קלאַגן זיינען מיט 38 יאָר שפּעטער אויסגענוצט געוואָרן ביי דער אַמעריקאַנער רעגירונג ווידער צו פאַרפאָלגן דעם ראַדיקאַלן רעדאַקטאָר. דאָס איז געווען אין יאָר 1964, ווען דער יוסטיץ־דעפּאַרטמענט האָט געזוכט אַוועקצונעמען פון בימבאַן זיינע בירגער־פּאַפּירן און אים אַרויסשיקן פון לאַנד.

בימבאַ האָט זינט דעם בראָקטאָנער פּראָצעס פאַרגעזעצט זיינע פּראָגרעסיווע טעטיקייטן צווישן זיינע ליטווישע לאַנדסלייט און זיך באַ־טייליקט אין דער אַמעריקאַנער פּראָגרעסיווער אַרבעטער־באַוועגונג. ער

איז געווען אַ מחבר פון אַ צאָל וויכטיקע ביכער אין דער ליטווישער שפּראַך און פון צוויי ביכער אין ענגליש: „די געשיכטע פון דער אַמע־ריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג" (דערשינען אין 5 אויפלאַגעס) און אויך „מאָלי מעקוואַיערס" — אַ געשיכטע פון אַרבעטער מאַרטירער אין קאַמף צו אָרגאַניזירן די קוילן־אַרבעטער.

די מכשפה־יעגערישע „אומאַמעריקאַנער קאָמיטי" האָט „געהאַלטן אַן אויג" אויף אים, ווי אויף אַנדערע ראַדיקאַלן, און אין יאָר 1957 איז בימבאַ צוזאַמען מיט אַנדערע רעדאַקטאָרן פון פּרעמד־שפּראַכיקע צייטונגען גערופן געוואָרן צו דער מכשפה־יעגערישער אומאַמעריקאַנער קאָמיטע. בימבאַ איז אויסגעפרעגט געוואָרן וועגן די עדיטאָריעלס וואָס ער האָט געדרוקט אין „לאַיסוואַ" און „סוועזיא" (די ליטווישע צייטונגען וואָס ער האָט רעדאַקטירט), וואו ער האָט געשריבן וועגן דער אויס־לענדישער פּאָליטיק פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג און הויפּטזעכלעך וועגן זיינע אויסזעצונגען קעגן אַמעריקעס אַריינמישונג אין דער קאָרעער מלחמה.

די קאָמיטע האָט באַשלאָסן צו רעקאָמענדירן דעם יוסטיץ־דעפּאַרט־מענט און צו דעם אימיגריישאָן ענד נעטשוראַליזיישאָן סירוויס אַוועק־צונעמען די בירגער־פּאַפּירן פון בימבאַ.

אָפיציעל איז די קלאַגע קעגן בימבאַן אַנגעגעבן געוואָרן אַז ער האָט אין יאָר 1927, ווען ער האָט זיך געווענדט נאָך זיינע בירגער־פּאַפּירן ניט אַנגעגעבן אַז ער האָט שוין אויף זיך געהאַט אַמאָל אַ קלאַגע, פאַר וועלכער ער איז אַרעסטירט געוואָרן. בימבאַ האָט ניט געפונען פאַר וויכטיק עס אַנצוגעבן, ווייל יענע לעכערלעכע קלאַגן קעגן אים פאַר גאָט־לעסטערונג זיינען דאָך בטל געוואָרן און ער איז דאָן פאַלש אַרעסטירט געוואָרן.

דער אַמעריקאַנער קאָמיטעט פאַר דער באַשיצונג פון פרעמד־געבוי־רענע האָט דורך די לאַיערס איירא גאַלאַבין און בלענטש פרידמאַן פאַר־טיידיקט בימבאַן אין די פאַרהערן און פּראָצעסן אין 1964 און שפּעטער. איך האָב אינטערוויואירט אַנטאַני בימבאַ. אויך דעם לאַיער איירא גאַלאַבין און געשריבן וועגן דעם נייעס און אַרטיקלען אין דער „מאָרגן פרייהייט".

נאָך אַ קאַמף פון עטלעכע יאָר און נאָך אַן אַפּיל צו דעם סופרים קאָורט זיינען אויך די קלאַגן קעגן בימבאַן אַרויסגעוואָרפן געוואָרן.

אין נוּאַרק, ניו דזשוירזי

איך בין אָנגעקומען קיין נוּאַרק, ניו דזשוירזי, סוף 1927, ווען איך בין אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס לאָקאַלער פּאַרוואַלטער פון דער „פרייהייט״.

נוּאַרק האָט ביז דאַן ניט געהאַט קיין באַצאָלטן „פרייהייט״־אָנגעשטעלטן, ווייל עס האָט זיך ניט געלוינט. אָבער די פּראָגרעסיווע באַוועגונג אין נוּאַרק האָט געפאָדערט אַז מען זאָל זיי געבן אַ שטענדיקן פּאַרוואַלטער. טוער האָבן אויך אויסגעדריקט דעם פאַרלאַנג, אַז מען זאָל מיך שיקן אַהין, ווייל איך האָב געוואוינט אין נוּאַרק אין יאָר 1917, און דאָרט געווען טעטיק אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. זיי האָבן מיך גוט געקענט פון יענער צייט. האָט די נאַציאָנאַלע פּאַרוואַלטונג אין ניו יאָרק באַשלאָסן מיך אָפּצורופן פון באָסטאָן, וואו איך בין געווען דער דאָרטיקער פּאַרוואַלטער פון דער „פרייהייט״, און מיך אָנשטעלן אין נוּאַרק.

געאַרבעט האָב איך אויף פּראָצענטן פון די געלטער וואָס דאַרפן אַריינקומען פון אָבאָנענטן און רעקלאַמעס (אַדוועַרטאַיזמענטס). דער חשבון איז געווען אַז, אַזוי ווי איך בין אומפּאַרהייראַט, וועל איך זיך באַנוגענען מיט ווייניק איינקונפט.

מיין איינקונפט איז טאַקע געווען ווייניק, דערפאַר אָבער איז אַרבעט געווען אַ סך. עס איז דאַן אָנגעגאַנגען דער קאַמף צווישן „רעכטע״ און „לינקע״ אין אַרבעטער רינג, און דער פּאַרוואַלטער פון דער „פרייהייט״ האָט געדאַרפט שרייבן וועגן דעם און זיין אויף אַלע פאַרזאַמלונגען. עס זיינען געווען סטרייקס אין פּעטערסאָן און פּאַסעיק, וואו איך בין געגאַנגען צו די פאַרזאַמלונגען, דעמאָנסטראַציעס און פּיקעט לאַינס. שפּעטער, נאָך דעם פינאַנציעלן קראַך פון 1929, איז געווען די פּראָבלעם פון די אַרבעטלאָזע. עס זיינען פאָרגעקומען מאַסן־מיטינגען, דעמאָנסטראַציעס, פאָדערונגען פאַר הילף צו אַרבעטלאָזע און אַזוי ווייטער. אַזוי ווי די אַלגעמיינע פּראָגרעסיווע באַוועגונג אין נוּאַרק איז געווען שוואַך, ניט געהאַט קיין באַצאָלטע אָרגאַניזאַטאָרס אָנצופירן מיט דער נויטיקער טעטיקייט, איז עס געפאַלן אויף מיין גורל מיט מיינע באַגרענעצטע פעאיקייטן צו טאָן אָרגאַניזיר־אַרבעט, זיין אין די פאָדערשטע רייען אויף די מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס אין קאַמף פאַר הילף צו אַרבעטלאָזע.

נוּאַרק איז אַ גרויסע אינדוסטריעלע שטאָט און אין דער צייט וואָס איך בין אָנגעקומען, האָט נוּאַרק געהאַט אַ גרויסע יידישע באַפעלקערונג, אַן אייגענעם יידישן טעאַטער, אַ וועכנטלעכע יידישע צייטונג, „נוּאַרקער שטימע״, קינדער־שולן, און אַנדערע יידישע אינסטיטוציעס.

די ראַדיקאַלע באַוועגונג האָט זיך פריער קאָנצענטרירט אויף דעם „לעיבאָר לייסעאום״ — אַ גרויסע געביידע אויף בעלמאָנט עוועניו, וואָס

איז געווען די היים פון אַרבעטער־רינג, קינדער־שולן, סאָציאַליסטישע קלובן, געזאַנג־פאַראיין, און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

עס איז אָנגעגאַנגען אַ לעבעדיקע טעטיקייט אין דעם לעיבאָר לייסע־אום. פון אָנהויב האָט מען דאָרט טאָלערירט אויך די לינקע אָרגאַניזאַציעס, אָבער ווען דער קעגנזייטיקער קאַמף איז שאַרפער געוואָרן, האָבן די לינקע זיך אָפּגעשפּאָלטן און געדונגען אַן אייגענעם צענטער אין 93 מוירסער סטריט. דאָרטן איז געווען די היים פון די לינקע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן נאָכדעם זיך אָנגעשלאָסן אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן. עס איז אויך דאָרט געווען די היים פון „פרייהייט געזאַנגס־פאַראיין״, דעם מאַנדאָלין־אָרקעסטער און די יידישע קינדער־שולן, וואו כאַווער־פּאַווער איז איינציקע יאָר געווען דער לערער. דאָרט איז אויך געווען דער לאָקאַלער אָפיס פון דער „מאָרגן פרייהייט״, וואו איך בין געווען פאַרוואַלטער.

כאַווער־פּאַווער איז געווען זייער באַליבט אין נוארק. ער האָט ניט נאָר געלערנט די קינדער, וועלכע האָבן אים ליב געהאַט פאַר זיינע שיינע מעשהלעך, וואָס ער פלעגט זיי דערציילן, נאָר ער האָט אויך אָנגע־פירט מיט פאַרלייענונגען און מיט אַנדערע קולטורעלע אַרבעטן צווישן די דערוואַקסענע. כאַווער־פּאַווער האָט מיר איינמאָל אָפּגעטאָן אַ שפּיצל: ער האָט דורכגעפירט אַ שפּיל וואו ער האָט געבעטן אַלע פאַרזאַמלטע זיי זאָלן שרייבן בריוועלעך און אויסדריקן זייער מיינונג וועגן מיר, דעם פאַרוואַלטער פון נוארקער „מאָרגן פרייהייט״, און ניט אונטערשרייבן זייערע נעמען, אַזוי אַז זיי וועלן זיך קענען דערלויבן פריי צו זאָגן וואָס זיי דענ־קען וועגן מיר.

די בריוועלעך האָט מען אַלע אַריינגעלייגט אין איין קעסטל און כאַווער־פּאַווער האָט זיי נאָכדעם פאָרגעלייענט פאַרן עולם, און עס איז געווען אַ סך שפּאַס; אַ סך שבחים פאַר מיר, אָבער אויך אַ סך וועגן מיינע שוואַכקייטן און חסרונות, וועלכע די שרייבער פון די בריוועלעך וואָלטן קיינמאָל ניט געוואָגט צו זאָגן עס מיר אין די אויגן. איך האָב אָבער עס אויפגענומען זייער גוטמוטיק און מיטגעלאַכט מיט די פאַרזאַמלטע.

איך האָב געשריבן אַרטיקלען אין דער „מאָרגן פרייהייט״ וועגן פּאַסי־רונגען אין ניו דזשורזי און איך האָב אויך מיט מיין פען געהאָלפן אָנפירן דעם קאַמף קעגן די „רעכטע״ אין דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג, אויפדעקן זייערע מעשים און פאַרשוועכונג פון סאָציאַליסטישע פּרינציפּן. איך האָב איינמאָל באַשריבן דעם נוארקער לעיבאָר לייסעאום אין דער „מאָרגן פרייהייט״ אין אַן אַרטיקל אונטער אַ קעפּל „קאַרל מאַרקס און יודזשין דעבס אין קעלער פון „לעיבאָר לייסעאום״. דאָס האָב איך גע־שריבן נאָכדעם ווי די פאַרוואַלטונג פון רעכטן לעיבאָר לייסעאום האָט

אַראָפּגענומען די בילדער פון קאַרל מאַרקס און פון דעבס, וועלכע האָבן באַצירט די ווענט פון דעם לעיבאָר לייסעאום, און זיי אַוועקגעלייגט אין קעלער, כדי צו געפעלן־זיין קאָנסערוואַטיווע אָרגאַניזאַציעס וועלכע האָבן באַנוצט דעם לייבאָר לייסעאום פאַר זייערע אונטערנעמונגען. איך האָב באַשריבן אויף אַ הומאָריסטישן אופן ווי אַזוי די בילדער פון קאַרל מאַרקס און דעבס ריידן זיך דורך צווישן זיך וועגן דעם גורל פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג: „מען שעמט זיך מיט אונדז" — האָט דעבס געזאָגט — „אָבער דו האָסט דאָך געלעבט צווישן זיי", האָט געזאָגט קאַרל מאַרקס — „ווי אַזוי האָסטו דאָס דערלאָזן?" „דער גרעסטער טייל פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט פאַרלאָזן די סאָציאַליסטישע פאַרטיי און אַריין אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. אונדזערע בילדער, ווי די בילדער פון אונדזערע טוער פון סאָציאַליזם, באַצירן נאָך די ווענט פון אַרבעטער קלוב־צימערן אין אַמעריקע" — האָט דעבס ביילד געענטפערט, — „ביט געזאָרגט, חבר מאַרקס".

איך האָב אויך געשריבן ערנסטע אַרטיקלען וועגן די מעשים פון די רעכטע סאָציאַליסטן און וועגן אַנדערע פּאַסירונגען, אָבער אויסער שרייבן און ריידן פלעג איך נעמען אַליין אַ פּעקל „מאָרגן פרייהייטס" און קומען מיט דעם אין דעם פאָדערצימער פון לעיבאָר לייסעאום און פאַרקויפן די ציימונגען. עס זיינען געווען מיטגלידער פון די „רעכטע" וועלכע זיינען געווען זייער דערצאָרנט און צוגעגאַנגען צום פאַרוואַלטער פון לייבאָר לייסעאום און געפרעגט ווי אַזוי דערלויבט ער עס?

דער פאַרוואַלטער ווי די אַנדערע פון דער פירערשאַפט, האָבן טראָץ זייער קעגנערשאַפט צו מיינע אידייען, מיך רעספּעקטירט. זיי האָבן מיך געדענקט פון די אַמאָליקע יאָרן ווען איך בין געווען אין נוואַרק, מיין טעטיקייט דעמאָלט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איך האָב קיינמאָל זיי פערזענלעך ניט באַליידיקט און איך פלעג מיט זיי דיסקוטירן אויף אַ פריינטלעכן אופן. דער פאַרוואַלטער פון לעיבאָר לייסעאום האָט געענטפערט צו די קעגנער: ווען עס וואָלט געווען אַן אַנדערער, ניט ס. ד. לעווין, וואָלטן מיר אים אַרויסגעוואָרפן פון דאַנען, אָבער ס. ד. לעווינען וועלן מיר גאָרנישט טאָן.

אויף אַ פאַרהער וועגן הילף פאַר אַרבעטלאָזע

דורך מיין טעטיקייט פאַר די אַרבעטלאָזע, בין איך געווען גוט באַקאַנט אין שטאָט. איך פלעג אָפט קומען צו פּאָליטישע פאַרהערן אויסצודריקן מיין מיינונג וועגן פראַגן וועלכע פלעגן דיסקוטירט ווערן און פאַרברענגען די פאָדערונגען פון די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין שטאָט, וואָס איז נויטיק צו טאָן פאַר די אינטרעסן פון די אָרעמע פאָלקס־מאַסן.

אָנהויב 1930 איז אין נוארק סיטי האָל פאַרגעקומען אַן עפנטלעכער פאַרהער וועגן באַשליסן די סומע פאַרן בודזשעט פון דער שטאָט. אַ קאָמיטע פון פאַרטרעטער פון אַרבעטלאָזע איז געקומען צום פאַרהער פאָדערן מען זאָל אַריינשטעלן אין בודזשעט אַ פונקט וועגן הילף פאַר אַרבעטלאָזע.

מען האָט זיי באַלד אַרויסגעוואָרפן פון זאַל אויף דער באַשולדיקונג אַז זיי זיינען „קאָמוניסטן".

ווען עס האָט זיך איינגעשטילט, האָב איך זיך אויפגעשטעלט, אָנגעגעבן מיין נאָמען, און געזאָגט אַז איך פּראָטעסטיר קעגן דער געמיינער באַהאַנדלונג וואָס שטאָט־קאָמישאָנערס האָבן געגעבן די אָרעמע מענטשן וועלכע זיינען געקומען בעטן הילף פאַר די הונגעריקע אין שטאָט. עס איז געוואָרן אַ טומל. אַ קאָמישאָנער האָט געמאַכט אַ פאָרשלאָג אַז מען זאָל מיך ניט לאָזן ריידן, האָב איך געזאָגט אַז איך וויל ריידן צו פאַרטיידיקן מיין רעכט צו דיסקוטירן די פראַגע פונעם שטאָטישן בודזשעט.

אַ פּאָליציימאַן האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין מויל און מיר ניט געלאָזט ריידן. און די קאָמישאָנערס האָבן גענומען צווישן זיך אַן אָפּשטימונג, און באַשלאָסן אַז איך זאָל ניט ריידן. אַ פּאָליציאַנט האָט מיך אַרויסגעפירט פון זאַל.

די הערשנדיקע מאַכט אין ניו דזשוירזי, ווי אין פיל אַנדערע טיילן פון לאַנד, האָט געפּרובירט אונטערדריקן דעם פּראָטעסט פון די מאַסן דורך טעראָר און אַרעסטן.

איך געדענק איינמאָל אַ מיטינג פאַר אַרבעטלאָזע, אין די רוסישע קלוב־צימערן אויף ברום סטריט אין נוארק. פּלוצים האָט מען אָנגעהויבן צו האָגלען מיט שטיינער דורך די פענצטער. מיר האָבן זיך באַהאַלטן אונטער די בענק און זיינען ניט באַשעדיקט געוואָרן. ווי עדות האָבן דערציילט, איז עס געווען אַ פּאָליציי אויטאָמאָביל וואָס איז פאַרבייגעפאָרן און די פּאָליציי האָט דאָס דורכגעפירט די דאָזיקע אַרבעט.

איך ווער אַרעסטירט און צעשלאָגן

אַ גרויסער איבערפאַל אויף אַ מיטינג פון אַרבעטלאָזע איז פאָרגעקומען דעם 12טן פעברואַר, 1930, אין אַ זאַל, 93 מוירסער סטריט. דער מיטינג איז געווען צו פאָדערן הילף פאַר אַרבעטלאָזע. עס זיינען געווען אַ צאָל רעדנער און איך בין געווען איינער פון זיי.

די פּאָליציי האָט זיך אַריינגעריסן אין זאַל און אַרעסטירט מיך מיט נאָך 9 פון די אָנפירנדיקע טוער. מיר האָט די פּאָליציי אויסגעטיילט אַ באַזונדערן חלק. ווען מען האָט די אַרעסטירטע געבראַכט אין פּאָליציי־

סטאַנציע האָט מען מיך אַרויסגענומען, אַוועקגעשטעלט לעבן אַ וואַנט און אַ געזונטער פּאָליציימאַן האָט מיט זיינע פויסטן מיך אַזוי געשלאָגן אין פּנים אַריין, אַז מיין פּנים איז געשוואָלן געוואָרן. נאָכדעם האָט מען מיך מיט די איבעריקע געבראַכט פאַר אַ ריכטער און אונדז פאַרהאַלטן אונטער צען טויזנט דאָלאַר בעיל יעדן.

אין טורמע

די טורמע איז געווען אין אַ פינצטערן קעלער מען האָט אונדז איינגעפּאַקט צו 5 אין אַן ענגער צעל. מיר זיינען אָבער ניט געווען פאַרצווייפלט. מיר האָבן געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער, זיך דערציילט וויצן און מעשיות און אַזוי פאַרבראַכט די טעג וואָס מיר זיינען געווען צוזאַמען.

מיט מאָריס לאַנגערן הינטער גראַטעס

צווישן אונדזערע אַרעסטירטע האָט זיך געפונען דער שפּעטערדיקער מאַרטירער און מיליטאַנטער אָרגאַניזער פון דער פאַריער יוניאָן מאָריס לאַנגער, וועלכער איז געוואָרן אַ קרבן פון אַ פאַרשווערונג פון די באַלעבאַטים און רעקעטירישע יוניאָן פירער, פאַר זיין טעטיקייט צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער. זיי האָבן אונטערגעלייגט אַ באָמבע אין זיין אויטאָמאָביל און ער איז דערהרגעט געוואָרן.

לאַנגער האָט געהאַט אַ סך הומאָר און עס באַנוצט אונדז צו דערמוטיקן. אַן אַרעסטאַנט אין אַ שכנותדיקער צעל האָט געהאַלטן אין איין קלאַפּן אין טיר מיט צאָרן, אַז ער מוז גיין אַהיים. לאַנגער האָט צו אים אויסגערופן: „נו, עפן די טיר און גיי אַהיים"... דאָס איז געווען ווי צו זאָגן, אַז ווען מ'איז אין אַ הילפלאָזער לאַגע, האָט ניט קיין זין זיך צו ערגערן.

אַ בעגער־אַרעסטאַנט וואָס איז געזעסן מיט אונדז צוזאַמען, איז געווען אַ רעליגיעזער פרומדיקער. ער פלעגט אין זיינע רעדעס אויף מיטינגען זאָגן אַז מען דאַרף האָבן גאָט מיט זיך. לאַנגער האָט אים געזאָגט אַז עס איז אַ גוטע זאַך וואָס מען האָט ניט מיטגענומען גאָט מיט זיך, עס וואָלט געווען צו ענג...

מען האָט מיך נאָכדעם אַריבערגעפירט אין אַן אַנדער טורמע, וואָס איז געווען אַ בעסערע. איך האָב דאָרט געהאַט אַ צעל פאַר זיך. דער טורמע־וועכטער דערזעענדיק מיין געשוואָלענעם פּנים וואו איין אויג איז געווען כמעט צוגעמאַכט, האָט מיך מקבל פּנים געווען מיט דער באַמערקונג, אַז אויב איך וויל אויסגלייכן דאָס צווייטע אויג קאָן ער עס טאָן פאַר מיר — און מיר געוויזן אויף זיין „קלאַב" (אַ האַרטער שטעקן וואָס די פּאָליציי באַנוצט צו שלאָגן). איך האָב אים געענטפערט מיט אַ שמייכל אַז איך בין עס מוחל, און זיך פאַנאַנדערגערעדט מיט אים פּראָטעסטירנדיק הלמאי מען האָט מיך געשלאָגן. ער האָט מיר גראָד געענטפערט אַז ער

אַ גרופּע אַרבעטער־טוער אין נוּאַרק, ניו־דזשוירזי, אַרעסטירט אין פעברואַר 1930, פאַר באַטייליקן זיך אין קאַמף פאַר אַרבעטסלאָזע פאַרזיכערונג. דאָס בילד איז גענומען געוואָרן ביי דעם הויף פון טורמע און געדרוקט געוואָרן אין דעם חודש־זשורנאַל „לעיבאָר דעפענדער" יולי 1930.

דער ערשטער פון רעכטס איז דער מאַרטירער מאָריס לאַנגער; דער דריטער איז ס. ד. לעווין.

איז אַנדערש, און גערעדט פריינטלעך, זיך געגרויסט וואָס ער האָט געהאַט מיט 12 יאָר צוריק אַלס אַרעסטאַנט דעם באַרימטן פּריוויהייטס־קעמפער פון דער סיוויל ליבערטיס יוניאָן ראָדזשער באַלדווין, וועלכער איז געזעסן אין טורמע פאַר זיין קעגנערשאַפט צו דער ערשטער וועלט־מלחמה; אַז ער פלעגט מיט אים דיסקוטירן און זיי זיינען געווען פריינט; אַז ער אַליין איז ניט איינשטימיק מיט די האַנדלונגען פון די באַאַמטע, אָבער ער מוז טאָן זיין פליכט. ער וואָלט רעזיגנירט, נאָר ער איז שוין אַן עלטערער מענטש און וויל ניט פאַרלירן זיין פענסיע, צו וועלכער ער וועט באַלד זיין באַרעכטיקט.

די טורמע צעל איז געווען אַ קליינע מיט אַ האַרטער באַנק פאַר אַ בעטל. די טיר איז געווען פאַרשלאָגן מיט אייזערנע גראַטעס מיט שפּאַלטן דורך וואָנען עס האָט געקאָנט אַריינקומען אַ ביסל ליכט און לופט דורך דעם לאַנגן קאָרידאָר.

פאַר דעם ערשטן מאָלצייט האָט זיך אַ באַדינער דערלויבט צו שפּאַסן אויף אונדזער חשבון. „מר. לעווין", האָט ער אויסגערופן, וואָס ווילט איר פאַר אייער מאָלצייט? „וואָס איז דאָ?", פרעג איך. זאָגט ער: „געבראָטענע הינער, קאַלבן פליש, סטעיקס, לעם־טשאָפּס און אַנדערע מאכלים".

איך האָב אים ניט געענטפערט.

אַ ביסל שפּעטער האָט ער מיר געבראַכט אַ קליינעם סענדוויטש וואָס ער האָט דורכגעשטופּט דורך די גראַטעס, מיר געהייסן צושטעלן אַהין דאָס קענדל וואָס איך האָב געהאַט מיט זיך און דורך דער עפענונג דאָרט אַריינגעגאָסן אַ ביסל קאַווע, ניט עפענענדיק די טיר צו געבן מיר דאָס עסן.

אַזעלכע קעסט האָב איך געהאַט די גאַנצע צייט.

אַרעסטאַנטן דערציילן

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט די אַנדערע אַרעסטאַנטן, ווען מען פלעגט אונדז אַרויסלאָזן אין קאָרידאָר אָדער אונדז אויסשטעלן אין דער ריי צו לאָזן זיך ראַזירן. איך האָב זיך באַפריינדעט מיט זיי, דערציילט מעשיות און וויצן. איך האָב געוואונען דעם צוטרוי פון אייניקע אַרעסטאַנטן. איינער האָט דערציילט ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ גנב, נאָכדעם ווי ער איז געווען אַ צייט אַרבעטלאָז, ווי אַזוי ער האָט געאַרבעט מיט אַ „גענג" (באַנדע), ווי אַזוי ער האָט אויף זיך גענומען די שולד פאַר אַ רויבעריי וואָס די „גענג" האָט דורכגעפירט, און מען האָט זיי געכאַפּט. די „גענג" וועט אים שטיצן ווען ער וועט אַרויס פון טורמע, האָט ער זיך געטרייסט.

אַ צווייטער האָט מיר געזאָגט אַז ער קען דעם פּאָליציאַנט וואָס האָט מיך געשלאָגן און אַז ווען ער וועט אַרויס פון טורמע וועט ער זיך שוין אָפּרעכענען מיט דעם חברהמאַן — פאַר מיר אויך.

מען האָט אים אָבער נאָכדעם פאַרמשפּט אויף 8 יאָר טורמע.

איך בין אָפּגעזעסן אַ וואָך צייט אין טורמע ביז אַ יידישער פּעדלער פון ברוכוואַרג האָט געגעבן זיין הויז אַלס אַ משכן פאַר 10 טויזנט דאָלאַר בעיל וואָס די רעגירונג האָט געפאָדערט פאַר מיר און מען האָט מיך אַרויסגעלאָזט ביז דעם פּראָצעס.

איך האָב דאָן, מיט אַנדערע חברים, באַלד אָרגאַניזירט אַ פּאַרטיידי־קונגס קאָמיטעט, געזאַמלט געלט און געקראָגן אַ פירמע וואָס האָט אויף אַ געוויסער סומע צוגעשטעלט די בעיל פאַר די אַנדערע אַרעסטירטע ווענענס בעיל איז רעדוצירט געוואָרן אויף קליינע סומען.

דער פּראָצעס און די עדות

דער פּראָצעס פאַר מיר און נאָך צוויי אַרעסטירטע איז פאַרגעקומען מיט 6 חדשים שפּעטער, אין נוארק. די רעגירונג האָט געבראַכט 2 פּאָ־ליציי־לייט וועלכע האָבן עדות געזאָגט, אַז אַלע צען אָנגעקלאָגטע האָבן געזאָגט די זעלבע זאַך, געפאָדערט אַרונטערצוואַרפן די רעגירונג פון שטאַט און פון לאַנד. מיר האָבן געבראַכט עדות וועלכע זיינען געווען אויף דעם מיטינג, און זיי האָבן איבערגעגעבן דעם אמת — אַז מיר האָבן בלויז געפאָדערט הילף פאַר די אַרבעטלאָזע.

אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע איז פאַרגעקומען אין צוזאַמענהאַנג מיט די עדות פון דער פאַרטיידיקונג. די רעגירונג האָט געזוכט צו פּסלען די עדות. דעם ערשטן עדות פאַר דער פאַרטיידיקונג האָט דער רעגירונגס פּראָקוראָר געוואָלט פּסלען דערפאַר וואָס ער האָט געשוואָרן ביי דער ביבל ווען מען האָט אים איינגעשוואָרן. דער פּראָקוראָר האָט געטענהט אַז דער עדות איז אַ קאָמוניסט און אַן אַטעאיסט און גלויבט ניט אין דער ביבל, דאַרף דערפאַר זיין עדות זאָגן בטל ווערן. דער לאָיער פאַר דער פאַרטיידיקונג איבערהעם איסערמאַן, האָט דאַן געפאָדערט אַז דער געריכט זאָל אָננעמען די צווייטע פאָרם פאַר איינשווערן די וועלכע ווילן ניט שווערן ביי דער ביבל — און דאָס איז „איי עפּוירם" („איך באַהויפּט"), וואָס ווערט אָנגענומען אין אַלע געריכטן אַזוי גוט ווי אַ שבועה. פון אָנהויב האָט דער ריכטער באַזאָגעבן, אָבער נאָכדעם האָט ער חרטה געהאַט און געזאָגט אַז אַ ריכטער אין ניו דזשוירזי האָט מיט אַרום הונדערט יאָר צוריק געפּסקנט, אַז נאָר דער יעניגער וועלכער צוליב רעליגיעזע טעמים וויל ניט דערמאָנען גאָטס נאָמען אומזיסט, מעג זיך באַנוצן מיט דער דאָזיקער פאָרמולע, אָבער נישט קיין אַנדערער.

פון די איבעריקע עדות האָט מען יעדן אויסגעפרעגט אויב ער גלויבט אין גאָט און אין יענער וועלט און אַזוי ווייטער, און מען האָט זיי ניט צוגעלאָזן צו זיין עדות.

ווען מען האָט מיך אַלס אָנגעקלאָגטן אַרויפגערופן אויפן עדות־שטול און געפרעגט וועגן מיין גלויבן, האָב איך געענטפערט אַז איך גלויב ווי טאָמאָס פּעין אַז „די וועלט איז מיין לאַנד; צו טאָן גוטס איז מיין רע־ליגיע". דער פּראָקוראָר האָט אויסגעשריגן: „זאָג מיר ניט וועגן טאָמאָס פּעין! זאָג מיר צי דו גלויבסט אין אַ גאָט, וואָס באַלוינט און שטראָפט, צי דו גלויבסט אין אַ יענער וועלט?"

ווען איך האָב געזאָגט, אַז ניט, איז דער ריכטער געגאַנגען אַזוי וויט ווי זאָגן דער דזשורי אַז זיי דאַרפן זיך ניט צוהערן צו מיר, ווייל איך בין ניט איינגעשוואָרן.

אַ רעדע פאַרן ריכטער

דער ריכטער האָט מיך געפרעגט צי עס איז אמת אַז איך האָב גע־פאָדערט אַראָפּצוואַרפן די רעגירונג און איינפירן אַ סאָוועטן־רעגירונג דאָ, ווי אין רוסלאַנד. איך האָב געענטפערט אַז דאָס איז אַ ליגן, און אויב דער געערטער ריכטער וועט מיר דערלויבן, וועל איך איבערגעבן די רעדע וואָס איך האָב געהאַלטן אויף דעם מיטינג, פאַר וועלכער איך בין אַרעסטירט געוואָרן.

איך האָב פאַר דעם ריכטער געהאַלטן אַ לענגערע רעדע אין וועלכער איך האָב אָנגעוויזן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע הערשאַפט איז ניט פאַר־אינטערעסירט אין דעם וואוילזיין פון די אַרבעטער, אין לינדערן זייערע נויטן און אַז זי זוכט צו אונטערדריקן דעם פּראָטעסט פון די אַרבעטער קעגן עקספּלואַטאַציע און הונגער דורך מאַכן אויף די פּראָטעסטירער אַלערליי בלבולים, ווי אַז זיי ווילן אַראָפּוואַרפן די רעגירונג — און אַזוי ווייטער.

דער פּראָקוראָר האָט געהאַלטן אין איין אונטערברעכן און געטענהט אַז איך אַפּעליר צו דער דזשורי, אָבער איך בין באַשטאַנען אַז דאָס איז די רעדע וואָס איך האָב געהאַלטן אויף יענעם מיטינג. דער פּראָקוראָר האָט נאָכדעם געהאַלטן אַ דעמאַגאָגישע רעדע וועגן פּאַטריאָטיזם צו אַמעריקע, וועגן קרבנות וואָס מען האָט געבראַכט צו עטאַבלירן די אַמע־ריקאַנער רעפּובליק און אָנגעוויזן מיט כעס אויף מיר: אָט דער אַ, וויל עס אַרונטערוואַרפן, דאָס פאַר וואָס מיינע עלטערן און אייערע עלטערן

האָבן זיך מקריב געווען צו עטאַבלירן, ווער איר דערלויבן — האָט ער זיך געווענדעט צו דער זשורי — אַז דער דאָזיקער מענטש זאָל אַרויס פון געריכט און לאַכן פון אונדז און אָפּשפּאָטן פון אונדזערע אינסטי־טוציעס ?״ די לעצטע ווערטער האָט ער אויסגעצויגן און געפאָדערט אַז מען זאָל מיר געבן די פולע שטראָף.

דער אורטייל: „שולדיק״...

די דזשורי האָט זיך באַראָטן אַ שעה און אַ האַלב און איז אַרויס מיט אַן אַנטשיידונג, שולדיק.

אַ נואַרקער צייטונג, „דהי נואַרק לעדזשער״, איז אַרויס מיט אַן 8 קאָלומדיקן קאָפּ אויף דער ערשטער זייט: „לעווין, רעד עדזשיטעיטאָר פעיסעס 15 אירס דזשייל״ — דאָס הייסט: לעווין דער רויטער אַגיטאַטאָר קאָן קריגן 15 יאָר טורמע.

מען האָט מיך דערווייל אַרויסגעלאָזן אויף די זעלבע צען טויזנט דאָלאַר בעיל.

פאַרשיידענע מענטשן, רבנים, גלחים און כלל־טוער האָבן זיך גע־ווענדעט צום ריכטער צו פאָדערן מיין באַפרייאונג. אַ גרויסער פּראָטעסט־מיטינג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דעם שטאַטישן מיליטער פּאַרק, וואו איבער צען טויזנט מענטשן זיינען געקומען.

איך בין געווען איינער פון די רעדנער און געקראָגן אַן ענטוזיאַסטישע אויפנאַמע. דער מיטינג האָט געפאָדערט אַז מען זאָל מיך און די אַנדערע אָנגעקלאָגטע טוער פאַר די אַרבעטלאָזע באַפרייען פון טורמע.

אַ נואַרקער זונטאָג־צייטונג האָט אָפּגעדרוקט אַ בילד פון דעם מיטינג, וואו איך שטיי און רייד פאַר אַ גרויסן עולם. עס איז געווען אַן אונטער־שריפט מיט מיין נאָמען. דאָס בילד איז פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן דורך „דהי וואָירלד וואַיד״ אַגענטור צו פאַרשיידענע צייטונגען איבערן לאַנד, און איז געדרוקט געוואָרן צווישן די וויכטיקע נייעס־בילדער.

דער ריכטער, וואַן ראַיפּער, האָט זיך צוגעהערט צו די פּראָטעסטן און מיך פאַרמשפט בלויז אויף צוויי יאָר „פּראָבעישאָן״, דאָס הייסט זיין אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי. איך האָב ניט געטאָרט פאַרלאָזן די שטאָט אָן פּאָליציייִשער דערלויבעניש, געמוזט זיך מעלדן איינמאָל אַ וואָך און שטיין אין דער ריי, צוזאַמען מיט פאַרשידענע פאַרברעכער, אויסגעפרעגט צו ווערן וועגן מיין אויפפיר. די פּאָליציי־דעטעקטיווס פלעגן אויך אין משך פון דער גאַנצער צייט אָפט אויספרעגן מיינע שכנים, ווען

איך קום אהיים אין אוונט, מיט וועמען איך חבר זיך און אזוי ווייטער. דער פאליציי־אגענט, וואס איז באשטימט געווארן צו האלטן אן אויג אויף מיר, פלעגט אפט פארפירן דיסקוסיעס מיט מיר איבער פאליטישע פראגן, אבער ער האט מיר געזאגט אז איך בין ניט מחויב אים צו ענט־פערן, אז ער טוט עס צוליב זיין פערזענלעכן אינטערעס. אונדזערע שמועסן זיינען געווען פריינטלעכע.

איינמאל האט ער געפרעגט אויף געוויסע מענטשן, צי זיי זיינען קאמוניסטן. איך האב אים געענטפערט אז עס איז פון אים נאריש צו פרעגן עס, ווייל ער קאן ניט דערווארטן איך זאל זיין א מוסר; אין דער צייט ווען קאמוניסטן ווערן פארפאלגט און ארעסטירט. ער האט איינגע־שטימט מיט מיר.

פאר פריוואטע מענטשן, מיט וועלכע ער האט דיסקוטירט וועגן מיר, און וועלכע האבן דאס מיר איבערגעגעבן, האט ער געזאגט אז ער רעספעקטירט מיך פאר מיין ערנסטקייט.

ווען עס איז אוועק א יאר און א האלב, האב איך געבעטן מען זאל פארקירצן מיין טערמין פון „פראבעישאן", ווי מען טוט געוויינלעך פאר אזעלכע וועלכע פירן זיך אויף גוט אין משך פון דער צייט. ער האט מיר געענטפערט, אז א „פראבעישאניסט" איז אונטער דער אויפזיכט פון דעם „פראביישאן"־באאמטן וועמעס אויפגאבע איז צו אכטונג געבן אויף יענעם און אים ארויפפירן אויפן גלייכן וועג. „איך האב ניט פרובירט דיך צו רעפארמירן", האט ער מיר געזאגט. „איך ווייס אז דאס וועט ניט העלפן. מיר ווייסן אז דו גייסט אן מיט דיינע ראדיקאלע טעטיקייטן. איז פאר־ענדיק דיין טערמין אלס א שטראף".

ביים סוף פון טערמין, איידער איך בין באפרייט געווארן, האט דער פאליציי־באאמטער מיך געפרעגט צי איך האב עפעס צו זאגן, און וואס עס זיינען מיינע אויסזיכטן אויף דער צוקונפט. איך האב אים געענטפערט, אז איך דערווארט, אז די שטאט־רעגירונג פון נוארק וועט אנערקענען אז זי איז באגאנגען א פארברעכן קעגן מיר און קעגן מיינע חברים און זיך עפנטלעך אנטשולדיקן און באשטראפן די פאליציי, וועלכע האט מיך ארעסטירט.

די אנטשיידונג פון א העכערן געריכט

די אינטערנעשאנאל לעיבאר דעפענס האט געהאט אפעלירט צום סטעיט סופרים קאורט קעגן דעם אורטייל איבער מיר אויף דעם גרונט וואס מען האט ניט צוגעלאזט א צאל עדות, צוליב דעם וואס זיי גלויבן

ניט אין רעליגיע. דער געריכט האָט נאָך צוויי יאָר צייט, ווען מיין טערמין פון „פּראָבעישאָן" איז שוין געווען אַריבער, בטל געמאַכט דעם אורטייל, אָבער ניט צוליב דעם וואָס מען האָט געפּסלט מיינע עדות, נאָר דערפאַר וואָס דער ריכטער, וואן ראיפּער, האָט ניט ריכטיק געהאַנדלט ווען ער האָט געזאָגט צו די דזשורי־לייט בעת איך בין געווען אויף דער עדות שטול, אַז זיי דאַרפן זיך ניט צוהערן צו מיר. אַן אָנגעקלאָגטער מוז קריגן די דערלויבעניש געהערט צו ווערן, האָט דער געריכט גענאורטיילט. דער געזעץ, אַז אַן אומגלויביקער קען ניט זיין קיין עדות, איז פאַרבליבן אין ניו דזשוירזי.

בשעת דעם פּראָצעס האָט די „סיוויל ליבערטיס יוניאָן" געשיקט אַ באַאָבאַכטער צו די זיצונגען אין געריכט. דאָס איז געווען דער באַוואוס־טער שרייבער דזשאָן דאָס פּאַסאָס, וועלכער האָט געהאַט איניקע שמועסן מיט מיר. ער איז דאַן געווען אַ ראַדיקאַל. די „סיוויל ליבערטיס יוניאָן" האָט גאָר ניט געטאָן מיר צו העלפן. אָבער ווען דער ריכטער האָט מיר געגעבן די שטראָף, — צוויי יאָר „פּראָבעישאָן" — האָט די „סיוויל ליבערטיס יוניאָן" אַריינגעשיקט אַ דאַנק־בריוו צו דעם ריכטער פאַר זיין „יושרדיקער האַנדלונג".

די פראַגע וועגן דעם רעכט פון ניט גלויביקע צו זיין עדות אין אַ ניו דזשוירזי געריכט האָט צוליב מיין פּראָצעס אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס אין ליבעראַלע קרייזן. „די אַסאָסיעישאַן פאַר אַדוועסמענט אָוו אַטעאיזם", די אָרגאַניזאַציע וואָס גיט זיך אָפּ מיט פּראָפּאַגאַנדירן אַטע־איזם, האָט געזוכט צו אַפּעלירן צום סופּרים קאָורט. און דאָ האָט שוין די „סיוויל ליבערטיס יוניאָן" דורך איר לאָיער מאָריס ערנסט זיך גע־ווענדעט צו מיר, אַז איך זאָל זיי איבערגעבן צו אַפּעלירן מיין געריכט־ענין. מיין לאָיער, אייבערהעם איסערמאַן, האָט געענטפערט אַז „מיין קליענט מר. לעווין זאָגט, אַז אויב די סיוויל ליבערטיס יוניאָן איז ניט געווען פאַראינטערעסירט אים צו פאַרטיידיקן ווען אים האָט געדראָעט 15 יאָר טורמע, וויל ער איצט זיי אויך ניט האָבן און איז צופרידן מיט זיין איצטיקן לאָיער".

עס איז אָבער שווער געווען אַריינצוגעבן אַן אַפּיל צום סופּרים קאָורט. צוליב דעם וואָס דער ניו דזשוירזיער סופּרים קאָורט האָט דאָך בטל געמאַכט די קלאַגע קעגן מיר, און עס איז ניט געווען קעגן וואָס צו אַפּעלירן. און אַזוי איז פאַרבליבן. דער געזעץ אין ניו דזשוירזי קעגן אַטעאיסטן אַלס עדות איז פאַרצייכנט אין די געזעץ־ביכער אַלס „דהי לעווין אַטעאיסט קעיס".

אַ ווילדע שטראָף פון אַ ריכטער

וואָס פאַר אַ טעראָר עס האָט געהערשט אין ניו דזשוירזי, אין דער צייט ווען מען האָט מיך און 9 אַנדערע טוער אַרעסטירט, האָט געוויזן דער פאַל מיט אַ יונגער מיידל, מיטן נאָמען מאַשאַ.

די „אינטערנעשאַנאַל לעיבאָר דעפענס" האָט באַלד נאָך אונדזער אַרעסט אַרויסגעלאָזן אַ פלוג־בלעטל („ליפלעט"), וואָס האָט פאַרדאַמט דעם אַרעסט און די הויכע בעיל און געפאָדערט צו באַפרייען די אַרעסטירטע. אַ יונגע יידישע מיידל, מאַשאַ, איז געווען איינע פון אַ צאָל יוגנטלעכע וועלכע זיינען אַרויס פאַנאַנדערטיילן די פלוג־בלעטלעך. זי איז אַרעסטירט געוואָרן און מ'האָט זי פאַרשפאַרט אין טורמע, וואו זי האָט זיך געפונען צווישן פּראָסטיטוטקעס און פאַרברעכער.

ווען זי איז געבראַכט געוואָרן פאַר דעם ריכטער האָט ער אַרויסגעגעבן אַ ווילדע שטראָף, — ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַז דאָס יונגע מיידל זאָל געבראַכט ווערן צום סיטי האָל און עפנטלעך פאַר פאַרזאַמלטע מענטשן געשמיסן ווערן מיט אַ בייטש. דערביי האָט דער ריכטער געפאָדערט אַז די שטראָף זאָל דורכפירן דעם מיידלס אייגענער פאָטער.

דער פאָטער האָט זיך אָפּגעזאָגט עס צו טאָן, אָנגעבנדיק אַז ער האָט אַ שוואַכע האַרץ און דאָס וועט עמאָציאָנעל פאַר אים זיין צו פיל. די צייטונגען האָבן געמאַכט אַ סענסאַציע פון דער ווילדער שטראָף, און עס זיינען אָנגעקומען פּראָטעסטן. אַ ניו יאָרקער צייטונג האָט געדרוקט אַ קאַרטון, ווי אַזוי אַ מיידל ליגט איבער אַ באַנק און אַ מאַן שטייט מיט אַ קאַנטשיק און גיט איר שמיץ. אויבן איז געווען אַן אויפשריפט: „גערעכטיקייט אין ניו דזשוירזי"...

דער ריכטער האָט געוואָלט אַרויסדרייען זיך פון דעם סקאַנדאַל. האָט ער פאַררופן דאָס מיידל צו זיך אין אָפיס און געזוכט צו ווירקן אויף איר, אַז זי זאָל עפנטלעך דערקלערן אַז זי האָט חרטה אויף איר טאַט. מאַשאַ האָט, פאַרשטייט זיך, אים אַזאַ צוזאַג ניט געגעבן און אים נאָך דערלאַנגט אַ גאַב פאַר זיינע מעשים קעגן די אַרבעטלאָזע טוער. דער ריכטער האָט זי באַפרייט און געמאַכט אַ דערקלערונג אַז זי האָט אים צוגעזאָגט אַז זי וועט מער זיך ניט מישן מיט די ראַדיקאַלן.

אָבער מאַשאַ איז באַלד אַוועק צו די ראַדיקאַלע קלוב־צימערן אויף 93 מוירטער סטריט, אין נוארק, וואו עס איז אָנגעגאַנגען אַ מאַסן־מיטינג צו פּראָטעסטירן קעגן די אַרעסטן און ברוטאַליטעט פון דער פּאָליציי. איך בין געזעסן אויף דער פּלאַטפאָרמע און געווען איינער פון די רעדנער. מאַשאַ איז באַלד אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע און געקראָגן

אַ גרויסע אָוואַציע פון די פאַרזאַמלטע. זי האָט איבערגעגעבן וועגן דעם וואָס האָט פּאַסירט מיט איר אין טורמע און אירע שטועסן מיט דעם ריכטער. זי האָט פאַרזיכערט אַז זי איז איצט נאָך מער ווי פריער אַנט־שלאָסן צו העלפן דעם קאַמף פון די אַרבעטלאָזע און צו פּראָטעסטירן קעגן די מעשים פון דער פּאָליציי און ריכטער.

אַ נוואַרקער צייטונג האָט אויפן אָרט גענומען אַ פאָטאָגראַפיש בילד פון מאַשען צוזאַמען מיט מיר און אַנדערע, וועלכע זיינען געווען אויף דער פּלאַטפאָרמע און איז אַרויס מיט אַן 8־קאָלומדיקן קאָפּ „גירל קאָ־מוניסט דיפאַיז דזשאַדזש" (אַ קאָמוניסטישע מיידל האָט ווידערשפּעניגט דעם ריכטער). עס ווערט דאָרט דערציילט ווי אַזוי מאַשאַ איז אויפגע־טראָטן אויף דעם פּראָטעסט־מיטינג צוזאַמען מיט מיר און וואָס זי האָט גערעדט

נאָך אַ ביישפּיל פון ווילדער פּאָליציי־ברוטאַליטעט קעגן אַרבעטלאָזע טוער האָט פּאַסירט אין דזשוירזי סיטי.

מערדערלעכע קלעפּ

אַן אָרגאַניזאַטאָר פון אַרבעטלאָזן קאָונסיל מיטן נאָמען קאַספּער איז געקומען צו דער פּאָליציי בעטן אַ דערלויבעניש צו האַלטן אַ גאַסן־מיטינג צו פאָדערן הילף פאַר אַרבעטלאָזע. קאַספּער איז באַלד אַרונטערגענומען געוואָרן אין קעלער פון דער פּאָליציי־סטאַנציע און אים מערדערלעך געשלאָגן, געפאָדערט פון אים ער זאָל זיך מודה זיין אַז ער איז דער מער־דער וואָס ווערט געזוכט אין אַן אַנדער שטאָט פאַר טויטן אַ מענטשן.

קאַספּערס אַ חבר איז געקומען אין דער פּאָליציי־סטאַנציע זיך נאָכ־פרעגן אויף קאַספּערן האָט מען אים אויך אַרונטערגענומען אין קעלער און אים אויך מערדערלעך צעשלאָגן אַזוי אַז זייערע קליידער זיינען געווען פאַרגאָסן מיט בלוט. מען האָט קיינעם ניט צוגעלאָזט צו זיי אַ פּאָר טעג.

דער לאָיער פון „אינטערנעשאַנאַל לעיבאָר דעפענס" האָט געקראָגן פון אַ ריכטער אַ פאַראָרדענונג אַרויסצונעמען זיי אויף „העיבעאַס קאָר־פּוס" — דאָס מיינט זיי באַלד צושטעלן צום געריכט. דער לאָיער האָט געפרעגט דעם פּאָליציי־קאַפּיטאַן פון דער טורמע צי די אַרעסטירטע האָבן אַזוי אויסגעזען — צעשלאָגן און פאַרבלוטיקט — ווען זיי זיינען געקומען אין דער פּאָליציי־סטאַנציע. דער פּאָליציי־באַאַמטער האָט צו־געגעבן אַז ניט. ווי אַזוי זשע האָט עס פּאַסירט אַז זיי זיינען אין אַזאַ צושטאַנד? ער ווייסט ניט, האָט ער געענטפערט.

דער ריכטער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו דער פּאָליציי, אַז אויב

אין 24 שעה אַרום וועט די פּאָליציי ניט קריגן קיין באַווייזן אַז די פּאַר־האַלטענע זיינען די מערדער וועלכע ווערן געזוכט, מוז מען זיי באַפרייען.

די צוויי אַרעסטירטע זיינען באַלד באַפרייט געוואָרן אָבער די קלעפּ וואָס קאַספּער האָט געקראָגן אין טורמע האָבן אונטערגעשלאָגן זיינע לונגען און ער איז אין 3 חדשים אַרום געשטאָרבן.

די צוויי קרבנות האָבן באַלד ווי זיי זיינען באַפרייט געוואָרן זיך געווענדעט אין געריכט דורך זייערע אַדוואָקאַטן און געפאָדערט שאָדנ־ערזאַץ פון דער שטאַט־רעגירונג פאַר די פאַלשע אַרעסטן און דער ברו־טאַלער האַנדלונג. אַן אויספירלעכער אַרטיקל וועגן דער דאָזיקער געשיכטע איז געווען איבערגעגעבן אין דער „מאָרגן פרייהייט״ דורך ל. זיסעלמאַן, דאַן אַ מיטאַרבעטער פון דער צייטונג.

דער פּראָצעס אין דזשוירזי סיטי

דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין דזשוירזי סיטי פאַר אַ דזשורי צוזאַמענגעשטעלט פון אַרטיקע איינוואוינער. די צעשלאָגענע קרבנות האָבן ניט געקאָנט אָנווייזן מיט די פינגער, דערקענען זייערע שלעגער, — און מען האָט זיי וואַרשיינלעך ניט געבראַכט אַז זיי זאָלן זיי דערקענען. געבראַכט האָט מען אַנדערע. די שטאַט באַאַמטע האָבן געטענהט, אַז גראַד אין די טעג ווען די 2 אַרבעטלאָזע טוער זיינען געווען אַרעסטירט אין טורמע זיינען די שלעסלעך פון די טורמע־צעלן געווען צעבראָכן. אַלע פאַרברעכער האָבן זיך אויסגעמישט איינע מיט די אַנדערע, און מסתמא זיך צעשלאָגן. אַזוי האָט עס פּאַסירט, האָט די פּאָליציי געטענהט, און די דזשורי האָט אַרויסגעגעבן איר אורטייל אַז די דזשוירזי סיטי פּאָליציי זיינען „ניט שולדיק״ אין קיין פאַרברעכערישע מעשים קעגן די צוויי אַרבעטלאָזע טוער.

אָט דאָס איז געווען אַ ביישפּיל פון ניו דזשוירזיער גערעכטיקייט אין יענער צייט.

עס זיינען אויך פאָרגעקומען מאַסן־אַרעסטן פון טוער פאַר די אַרבעט־לאָזע אין בעיאָן און אין ניו בראַנזוויק (ניו דזשוירזי), וואו מאַסן־מיטינגען זיינען אָפּגעבראָכן געוואָרן. די רעדנער האָט מען אַרעסטירט און באַ־שטראָפט.

איך האָב זיך פאַראינטערעסירט אין די אַלע טעטיקייטן פון די אַר־בעטלאָזע פירער, געהאָלפן קריגן בעיל און געלט צו פאַרטיידיקן די אָנגעקלאָגטע.

ס. ד. לעווין

איך ווער אַ קאַנדידאַט פאַר אַ קאָמישיאָנער

מיין נאָמען איז געווען זייער פּאָפּולער אין נואַרק און די טוער פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג דאָרט האָבן באַשלאָסן אויסנוצן מיין פּאָפּולאַריטעט פאַר פּאָליטישע צוועקן. מען האָט מיך אַרויסגעשטעלט אַלס קאַנדידאַט פאַר אַ שטאָט־קאָמישיאָנער אין נואַרק.

די סיסטעם פון די וואַלן אין נואַרק אין די 30ער יאָרן האָט געהייסן די „קאָמישאָן פאָרם אָוו גאַווערנמענט", און די וואַלן זיינען דורכגעפירט געוואָרן לויט דער „פּרעפערענשיאַל באַלאָט" סיסטעם. עס ווערן דערוויילט 5 קאָמישיאָנערס און זיי רעגירן די שטאָט, צעטיילן צווישן זיך די פאַרשיידענע פונקציעס, ווי מעיאָר, פּאָליצײ־קאָמישיאָנער, בילדונג קאָמישיאָנער און אַז. וו.

די קאַנדידאַטן לויפן ניט אַלס פאַרטרעטער פון פּאָליטישע פּאַרטייען, נאָר אַלס יחידים, וועלכע ווערן אַרויפגעשטעלט אויפן באַלאָט, אויב זיי קריגן די נויטיקע צאָל בירגער־אונטערשריפטן, וואָס זיינען נויטיק פאַר דעם, לויט דעם געזעץ.

די אָפּשטימונג ווערט געפירט אַזוי, אַז מען דאַרף שטימען פאַר אַלע קאַנדידאַטן אויפן זעלבן אָמט, אָבער לויטן פאָרצוג פון דעם ווילער — דאָס הייסט ווער עס זאָל, לויט זיין אויסוואַל, זיין דער ערשטער, דער צווייטער, און אַז. וו. מען שטימט אויפן באַלאָט לויט ציפערן: נומער 1, נומער 2, און אַזוי כסדר. נאָכדעם רעכנט מען צוזאַמען אַלע ציפערן פון די שטימען און דער קאַנדידאַט וואָס האָט די קלענסטע ציפערן (צום ביישפּיל: 1, אָנשטאָט 4) ווערט דערוויילט.

למשל, איר ווילט שטימען פאַר איינעם וועלכער איז באַקאַנט אַלס קאָמוניסט. איר ווייסט אָבער אַז ער קאָן ניט דערוויילט ווערן. שטימט איר פאַר אים נומער 1 אַלס אייער ערשטן אויסוואַל, און שטימט נומער 2 פאַר אַ סאָציאַליסט, נומער 3 פאַר דעם דעמאָקראַט און דעם וואָס איר ווילט ניט אין גאַנצן שטימט איר נומער 4. אַנדערע בירגער האָבן געשטימט אַנדערש. געגעבן דעם סאָציאַליסט נומער 1, און דעם דעמאָקראַט נומער 2 און אַז. וו. רעכנט מען צונויף אייער נומער 1 שטימע און מען לייגט עס צו אַנדערע, און אויב אייער נומער 1 ווערט ניט דערוויילט, רעכנט מען צו אייער נומער 2 צו אַנדערע וועלכע האָבן געשטימט פאַר אים נומער 1, אָדער נומער 3 אָנשטאָט נומער 4, אַזוי אַז דער וואָס האָט דעם קלענסטן ציפער ווייזט אַז ער איז געווען דער אויסוואַל פון אַלע בירגער.

ניו יאָרק האָט טאַקע געהאַט איניקע יאָר אַ סיסטעם פאַר דער

דערוויילונג פון שטאָט באַאַמטע דורך „פּראָפּאָרשיאָנעל רעפּרעזענטעישאָן".
לויט אָט־דער סיסטעם זיינען אין די 40קער יאָרן דערוויילט געוואָרן 2 קאָמוניסטישע קאַנדידאַטן, פּיטער קאַטשיאָני און בען דעיוויס, און אויך קאַנדידאַטן פון דער אַמעריקען לעיבאָר פּאַרטיי. זיי זיינען אַלע געווען פון מינאָריטעט גרופּן, אָבער זיי זיינען דערוויילט געוואָרן ווייל צוזאַמען מיט די שטימען נומער 1 וואָס זיי האָבן געקראָגן האָבן זיי אויך געקראָגן נומער 2 און נומער 3 פון די וועלכע האָבן געשטימט נומער 1. דאָס האָט געהאָלפן אַז די מינאָריטעט זאָל קריגן פאַרטרעטערשאַפט אין סיטי קאָונסיל.

איך בין געלאָפן אין נואַרק אַלס קאַנדידאַט פאַר שטאָט־קאָמישיאָנער. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון נואַרק האָט געשטיצט מיין קאַנדידאַטור און אָנגעפירט אַ קאַמפּאַניע פאַר מיין דערוויילונג. די צייטונגען האָבן גע־דרוקט נייעס וועגן מיין קאַמפּאַניע. „דהי נואַרק סטאַר", אַ גרויסע צייטונג אין שטאָט, האָט אָפּגעדרוקט מיין בילד און מיין ביאָגראַפיע אין איר סעריע וועגן די קאַנדידאַטן. נאָך אַ צייטונג האָט אָנגעפירט אַ שטרוי־באַלאָט (פּראָבע־אָפּשטימונג) און מיין נאָמען איז געווען יעדן טאָג אין דער צייטונג מיט דער צאָל שטימען וואָס מען האָט פאַר מיר געגעבן.

אין די רעגולערע וואַלן האָב איך געקראָגן איבער 2 טויזנט שטימען. דאָס איז געווען די גרעסטע צאָל שטימען וואָס אַ ראַדיקאַלער קאַנדידאַט האָט ווען געקראָגן אין נואַרק.

די קאַמפּאַניע איז געווען אַן אינטערעסאַנטע. מיר האָבן אָנגעפירט אַ ברייטע טעטיקייט. מען האָט מיך איינגעלאַדן צו ריידן פאַר פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, צוזאַמען מיט אַנדערע קאַנדידאַטן. איך האָב גערעדט פאַר אַ גרויסער פרויען־אָרגאַניזאַציע און האָב געקראָגן אַפּלאָדיסמענטן, ווען איך האָב געזאָגט אַז איך בין ניט זיכער אויב איך וועל דערוויילט ווערן, ווייל שטימען אין נואַרק ציילן זיך ניט — עס ווענדט זיך ווער עס איז דער ציילער...

אין נואַרק האָט מיט אַ יאָר פריער זיך געקאָכט מיט אַ סקאַנדאַל איבער געגנבעטע שטימען.

איך האָב גערעדט פאַר אַן אָרגאַניזאַציע פון געוועזענע זעלנער, מיט־גלידער פון „אַמעריקאַן לידזשיאָן" און איך האָב גערעדט וועגן דעם פאַרברעכן פון מלחמה און אויך דאָרט בין איך אַפּלאָדירט געוואָרן. מען האָט מיר אַפילו דערלויבט איבערשטייגן די צייט וואָס איז געווען פאַר מיר באַשטימט.

מיין הויפּט „אישו" איז געווען — הילף פאַר אַרבעטלאָזע. דאָס איז

געווען נאָך איידער אַן אַרבעטלאָזיקייט־פאַרזיכערונג איז איינגעפירט געוואָרן אין לאַנד.

אין איין פּלאַץ האָב איך ניט געהאַט קיין גוטע אויפנאַמע. דאָס איז געווען אויף אַן עפנטלעכן פאַרהער וועגן דער פראַגע צו מאַכן אויס־בעסערונגען אין די טורמעס פון נוּאַרק און אומגעגנט. איך האָב גענומען אַ וואָרט, און אָנגעבנדיק מיין נאָמען, האָב איך דערקלערט אַז איך בין פאַר דער אויסבעסערונג, ווייל איך בין אַליין געווען אַן איינוואוינער אין די טורמעס פון נוּאַרק. „איך שעם זיך ניט מיט דעם״, האָב איך געזאָגט, „ווייל אין נוּאַרק הערשט איצט אַזאַ לאַגע, אַז ווען איר זוכט אַן ערנטלעכן מענטשן, וועט איר אים געפינען אין טורמע — און ווען איר זוכט אַ גנב, אַ שווינדלער, וועט איר אים געפינען צווישן די באַאַמטע אין סיטי האָל״.

עס איז געוואָרן אַ טומל. צוויי פּאָליצייליט האָבן מיך אויפגעהויבן פון מיין זיץ פּלאַץ און אַרויסגעטראָגן פון זאַל.

דאָס וואָס איך האָב געזאָגט — ווייל איך צוגעבן — איז ניט געווען מיינע אַן אָריגינעלע חכמה. דאָס האָב איך געדענקט וואָס איך האָב געלייענט נאָך אין 1906, ווען דער באַרימטער אַרבעטער־פירער וויליאַם ד. (ביל) העיוואוד, איז צוזאַמען מיט צוויי אַרבעטער־פירער געזעסן אין טורמע אין איידאַהאָ אויף אַ מאָרד־בלבול. העיוואוד איז נאָמינירט געוואָרן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אַלס איר קאַנדידאַט פאַר גאָווערנאָר פון קאָלאָראַדאָ. אַ רעפּאָרטער האָט העיוואודן געפרעגט: ווי אַזוי ער פילט אַלס אַן אַרעסטאַנט צו זיין אַ קאַנדידאַט פאַר אַזאַ הויכן פּאָליטישן אַמט, האָט ער געענטפערט: „די לאַגע איז איצט אַזאַ, אַז ווען איר זוכט אַן אָרנטלעכן מאַן וועט איר אים געפינען אין טורמע און ווען מען זוכט אַ גנב, אַ שווינדלער, וועט איר אים געפינען אין די סטעיט קעפּיטאָלס און אין קאָנגרעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן״. איך האָב העיוואודס ווערטער אויסגענוצט מיט איבער 25 יאָר שפּעטער, און צוגעפּאַסט צו דער לאַגע אין נוּאַרק. איך דערמאָן עס איצט, ווייל מ׳קאָן דאָס נאָך היינט צופּאַסן אין פיל שטאַטן פון אַמעריקע.

מען שלאָגט מיר פאַר „דילס״

אַלע סאָרטן רעקעטירס זיינען מיר נאָכגעלאָפן און פאָרגעשלאָגן פאַר־שיידענע „דילס״. זיי האָבן אָנגעבאָטן צושטעלן מיר טויזנטער שטימען פאַר 50 סענט אַ שטימע. זיי האָבן געפאָדערט פון מיר איך זאָל ביי זיי קויפן בילעטן צו זייערע אונטערנעמונגען, אַריינגעבן אַנאָנסן אין זייערע זשורנאַלן און אַזוי ווייטער.

איינמאָל, ווען איך בין געווען אין סיטי האָל אַריינגעבן געוויסע

פאַפירן אין שייכות מיט מיין קאַנדידאַטור, האָט איינער פון די רעקעטירס וועלכע דרייען זיך אַרום אין סיטי האָל, זיך געווענדעט צום פאַרוואַלטער פון מיין קאַמפּיין און אָנגעבאָטן געבן מיר 5 הונדערט דאָלאַר, איך זאָל צוריקציען מיין קאַנדידאַטור. ווען ער האָט אים געפרעגט וואָס פאַר אַ נוצן ער קאָן פון דעם האָבן, האָט ער געזאָגט, לאָזט עס איבער צו מיר. איך קאָן איינרעדן איינעם פון די אַנדערע קאַנדידאַטן אַז לעווין וועט ציען אַ גרויסע צאָל שטימען, און אויב ער וועט זיך צוריקציען, קאָן עס ווירקן אַז די דאָזיקע שטימען זאָלן גיין פאַר אַן אַנדערן, און מירביידע וועלן דערביי מאַכן אַ פּאָר דאָלאַר"...

ער האָט זיך געוואונדערט ווען מיר האָבן אים געזאָגט אַז מיר וועלן עס פאַר קיין שום געלט ניט טאָן.

כדי איך זאָל ניט האָבן קיין שוועריקייטן ביים אַריינגעבן מיינע פּעטיציעס מיט די אונטערשריפטן פאַר מיין קאַנדידאַטור, זיי זאָלן גוט־געהייסן ווערן, האָט מיר אַ „פריינטלעכער" פּאָליטישן געגעבן אַן עצה, אַז צוזאַמען מיט די פּעטיציעס זאָל איך מיטברענגען אַ פלעשל שנאַפּס און געבן עס דעם באַאַמטן, וואָס האָט צו טאָן מיט עקזאַמענירן די פּעטיציעס און עס וועט אַלץ זיין כשר. איך האָב זיך אַנטזאָגט פון דעם. אמת, איך האָב געהאַט אַ ביסל שוועריקייטן, אָבער איך האָב געהאַט אַזוי פיל אונטערשריפטן, מער ווי עס האָט זיך געפאָדערט, האָבן זיי געמוזט אָננעמען. איך האָב אויסגעפונען אַז אַ סך קאַנדידאַטן האָבן זיך באַנוצט מיט דער דאָזיקער מעטאָדע, און ווי זיי האָבן מיר אַליין דערציילט, האָט דער קלוירק אַפילו ניט געקוקט אויף די אונטערשריפטן. באַלד ווי ער האָט דערהאַלטן דאָס פלעשל שנאַפּס האָט ער געגעבן זיין אָפיציעלע חתימה אַז די אונטערשריפטן זיינען גוטע.

אַן עצה פון אַ פּאָליציימאַן

צוליב דעם וואָס די פּאָליציי האָט אָפט באַזוכט מיטינגען פון פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס, אין וועלכע איך האָב זיך באַטייליקט און אַליין געווען אַ קרבן פון דעם פּאָליציי־טעראָר, בין איך געווען גוט באַקאַנט דער נוארקער פּאָליציי... איינמאָל, נאָך אַ פאַרזאַמלונג, ביים אַרויסגיין פון זאַל, האָט דער פּאָליציימאַן, וועלכער האָט מיך אַמאָל געהאַט געשלאָגן און אַרעסטירט, דאָס מאָל מיך פאַרגעשטעלט פאַר אַנדערע פּאָליציילייט און געזאָגט זיי ווער איך בין. איך האָב געענטפערט, אַז איך וויל זיי ניט קענען, ווייל מיין פריערדיקע באַקאַנטשאַפט מיט זיי איז ניט געווען קיין אָנגענעמע. זיי פלעגן אָבער אַלעמאָל וועלן פאַרפירן אַ שמועס מיט מיר. האָט אַ פּאָליציימאַן מיך איינמאָל באַגעגנט און מיר געזאָגט, אַז ער קען ניט פאַרשטיין אונדזערע ראַדיקאַלע מענטשן. ווען מען אַרעסטירט

אייערע מענטשן, שטעלט איר יעדן מאָל אַ לאָיער און גייט אין געריכט אויפצואווייזן זיין אומשולד. עס קאָסט דאָך אייך אַ סך געלט און צייט, בעת איר וואָלט דאָס געקענט אָפּפטרן מיט אַ קלייניקייט. אין אַ סך פאַלן, ווען איר גיט דעם פּאָליציי־מאַן וואָס אַרעסטירט אייערן אַ מענטשן שטילערהייט אַ פינף דאָלאַר ביל, וואָלט ער אים אָפּגעלאָזן. איך זאָג ניט אַז איך וואָלט אַזעלכעס געטאָן" — האָט ער געזאָגט מיט אַ פרומער מינע, אָבער די מערסטע פּאָליציי־לייט וואָלטן עס גערן געטאָן, ווייל די שכירות זייערע זיינען קליין, און ווען מען מאַכט ניט קיין זייטיקע פאַר דאָלאַר, קען מען ניט אויסקומען מיט דער הוצאה.

איך האָב אים באַדאַנקט פאַר דער עצה, אָבער האָב אים געזאָגט ער זאָל ניט דערוואַרטן אַז ער וועט קריגן כאַבאַר פון אונדזערע מענטשן.

דער סטרייק אין סאַוט ריווער

אַ סטרייק, וואָס האָט געצויגן גרויס אויפמערקזאַמקייט, איז פאָר־געקומען אין דעם שטעטל סאַוט ריווער, ניו דזשוירזי.

די אַרבעטער זיינען אַרויס אין סטרייק אין 1932 אין קליידער־פאַבריקן, קעגן שטענדיקע רעדוצירונגען פון שכירות. 2 פאַבריקאַנטן זיינען געווען פון ניו יאָרק. זיי זיינען געוואָרן רייך פון דער עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער. געוואוינט אין פּאַלאַצן אין דער שענסטער געגנט פון שטעטל. די באַלעבאַטים זיינען געווען יידן, די אַרבעטער — פּאָליאַקן, איטאַליענער און פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. צוליב דעם סטרייק האָט זיך פאַרשפּרייט אַן אַנטיסעמיטישע העצע. עס איז אויסגעקומען, אַז עס איז אַ קאַמף צווישן יידן און ניט־יידן: אַפילו דער מעיאָר פון שטאָט האָט זיך אויסגעדריקט אַז ער וועט רעדן „מיט די יידן" וועגן סעטלען דעם סטרייק.

דער קאַמף איז געווען אַ ביטערער. אַרום 2 טויזנט אַרבעטער זיינען געווען אין סטרייק. די פּאָליציי פון שטאָט, צוזאַמען מיט סטעיט־טרופּערס האָבן געשלאָגן און געשאָסן אויף די סטרייקערס. אַ 9 יאָריקער פּוילישער יינגל איז דערשאָסן געוואָרן אויף טויט.

דער סטרייק איז געווען אָנגעפירט פון דער דעמאָלטיקער לינקער אינדוסטריעלער נאָדל אַרבעטער יוניאָן. יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן פון ניו דזשוירזי, ווי די טשעיסינס, די ראָזענס און די דיסענדס האָבן געהאָלפן די סטרייקערס מיט געלט און אויף דער פּיקעט לאַין. עס זיינען געקומען אַ סך אַרבעטער פון ניו יאָרק צו העלפן די סטרייקערס.

די לוויה פון דעם דערמאָרדעטן פּוילישן יינגל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער דעמאָנסטראַציע לטובת די סטרייקערס. איך בין געווען צוזאַמען מיט אַ סך יידישע אַרבעטער אויף דעם קריסטלעכן בית־עולם

צו דער לוויה, וואו דער פוילישער ייִנגל איז באַערדיקט געוואָרן. איך האָב זיך באַטייליקט אין דער דעמאָנסטראַציע.

די פּאָליציי האָט געבושעוועט, אַרעסטירט און צעשלאָגן מאַסן פון די פּיקעטס. צווישן די אַרעסטירטע, וועלכע זיינען געזעסן אַרום אַ וואָך אין טורמע, איז געווען די דערציילערין מינע סמאָלער, אַליין אַ נאָדל־אַרבעטערין.

אָן ענטפער די אַנטיסעמיטן

די יידישע טוער אין דער יוניאָן האָבן געדונגען אויטאָבוסן און אַרי־בערגענומען די סטרייקערס קיין ניו יאָרק צו אַ גרויסן מיטינג אין קופּער יוניאָן. דער זאַל איז געווען אָנגעפּילט מיט יידישע נאָדל־אַרבעטער. דאָרט האָבן די רעדנער איבערצייגט די סטרייקערס, אַז ניט יידן זיינען די שול־דיקע, אַז ניט אַלע יידן זיינען פאַבריקאַנטן; אַז עס זיינען דאָ מיליאָנען יידישע אַרבעטער,וועלכע ווערן עקספּלואַטירט פּונקט ווי ניט־יידישע; אַז קריסטלעכע באַלעבאַטים וואָלטן זיי אויך עקספּלואַטירט: אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן קלאַסן־קאַמף, און עס זיינען ניטאָ קיין אַנדערע „אישוס".

איך בין געפאָרן אַפּט אין סאַוט ריווער, געהאָלפן די סטרייקערס, געשריבן וועגן זיי אין דער „מאָרגן־פרייהייט", גערופן צו העלפן זיי — ביז זיי האָבן געוואונען דעם קאַמף.

די געשיכטע מאָריס לאַנגער

אין 1933, דאָס לעצטע יאָר וואָס איך האָב געוואוינט אין נוואַרק, איז פאָרגעקומען די גרויסע טראַגעדיע מיט דעם באַליבטן פּראָגרעסיוון אַרבעטער־פירער מאָריס לאַנגער.

לאַנגער איז געווען אַן אָרגאַנייזער פון דער פּאָר־אַרבעטער יוניאָן. ער האָט באַלאַנגט צו דער לינקער ריכטונג אין דער אַרבעטער באַוועגונג. ער האָט פאַר דער יוניאָן איינגענומען פּעסטונגען. פאַבריקן, וואָס מען האָט פריער ניט געקאָנט אָרגאַניזירן, האָט ער אָרגאַניזירט, און געוואונען פאַרבעסערונגען פאַר די אַרבעטער.

לאַנגער איז געווען באַליבט ביי די אַרבעטער — און פאַרהאַסט ביי די פאַבריקאַנטן און די יוניאָן רעקעטירס.

אין דער יוניאָן איז דאַן אָנגעגאַנגען אַ קאַמף פאַר פירערשאַפט צווישן „רעכטע" און „לינקע". צווישן די „רעכטע" זיינען געווען אַזעלכע וועלכע זיינען געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט די באַלעבאַטים, און זיי האָבן געהאַסט אַזאַ אָרגאַנאַיזער ווי מאָריס לאַנגער.

לאַנגער האָט ניט איינמאָל געקראָגן אַ וואָרענונג אַז ער זאָל אויפגעבן זיינע טעטיקייטן, אויב דאָס לעבן איז אים טייער. אָבער לאַנגער איז געווען אַ מוטיקער קעמפער. דער ווילן פון די אַרבעטער איז געווען דער הויפּט אינטערעס פון זיין לעבן, און ער האָט זיך ניט צוגעהערט צו די דאָזיקע וואָרנונגען.

סוף מערץ 1933 האָבן אַגענטן פון די באַלעבאָטים און רעקעטירס דורכגעפירט זייער טייוולישן פּלאַן פּטור צו ווערן פון דעם מיליטאַנטישן מוטיקן אַרבעטער־פירער. זיי האָבן אַריינגעלייגט אַ באָמבע אין זיין אויטאָמאָביל, בשעת לאַנגער האָט זיך געדאַרפט דעם פרימאָרגן אַריינזעצן, צו נעמען זיינע צוויי קינדער צו דער פּאָבליק סקול אין טשעטהעם, ניו דזשוירזי. לאַנגער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער טשעטהעם קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע ניט ווייט פון דעם שטעטל טשעטהעם, און האָט דאָרט געוואוינט.

באַלד ווי ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָמאָביל האָט די באָמבע אויפגעריסן און לאַנגער איז שטערבלעך פאַרוואונדעט געוואָרן. זיינע קינדער האָבן זיך נאָך ניט געהאָט אַריינגעזעצט אין דער מאַשין און זיי זיינען געבליבן לעבן. ער האָט זיך געמאַטערט איניקע טעג. מען האָט אים אַרונטערגענומען אַ פוס. ער האָט זיך געהאַלטן מוטיק און געזאָגט זיין פרוי, איידאַ, אַז ער וועט מיט איין פוס נאָך אויך קאָנען באַקעמפן די שונאים פון דער אַרבעטער באַוועגונג. ער איז אָבער געשטאָרבן פון זיינע וואונדן.

איך האָב געקראָגן די נייעס וועגן דער אַטאַקע אויף לאַנגערן באַלד ווי דאָס האָט געטראָפן, און איך האָב אָרגאַניזירט מענטשן, וועלכע זיינען געלאָפן אין שפּיטאָל און געגעבן בלוט אין אַ פאַרזוך צו ראַטעווען זיין לעבן. עס האָט לײדער ניט געהאָלפן.

מאָריס לאַנגער איז געווען אַ לאַנגיאָריקער קעמפער פאַר די אינטע־רעסן פון די אַרבעטער. ער איז געווען טעטיק אין דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, נאָכדעם אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. ער איז געווען אַקטיוו אין אַרבעטער רינג, און שפּעטער אין דער גרינדונג און טעטיקייט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן. ער איז געווען אַרעסטירט עטלעכע מאָל אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין יוניאָן־טעטיקייט און אויך פאַר זיינע פּאָליטישע טעטיקייטן. ער פלעגט אַרויסטרעטן אַלס רעדנער אויף מיטינ־גען פאַר הילף צו אַרבעטלאָזע, פאַר פרייער רעדע און אַנדערע פאָדערונגען. ער איז געווען צוזאַמען מיט מיר און 8 אַנדערע טוער אַרעסטירט אין פעברואַר 1930 אין דעם איבערפאַל אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַרבעטלאָזע אין נוואַרק, וואו מיר ביידע זיינען געווען צווישן די רעדנער, וועלכע האָבן געפאָדערט הילף פאַר אַרבעטלאָזע.

זיין טויט איז באַדויערט געוואָרן פון דער גאַנצער פּראָגרעסיווער באַוועגונג. טויזנטער אַרבעטער זיינען געקומען צו זיין לוויה, און באַגלייט דעם קערפּער צו דער קבורה.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם אויסערגעוויינלעך מוטיקן אַר־בעטער־פירער מאָריס לאַנגער, אַ קרבן פון דעם טעראָר פון פאַבריקאַנטן און יוניאָן רעקעטירס אין נואַרק.

די העררי גאָלד געשיכטע

אַביישפּיל פון דעם פּאָליצייאישן טעראָר אין די 30ער יאָרן קעגן די קעמפער פאַר אַרבעטסלאָזער פאַרזיכערונג און קעגן ראַדיקאַלן אין אַלגעמיין, איז געווען דער פאַל מיט העררי גאָלד, אַ פּראָגרעסיווער טוער פון טרענטאָן, ניו דזשורזי.

גאָלד איז אין אַ זומער־טאָג אין יולי 1930 געפאָרן אין זיין אויטאָ־מאָביל פון טרענטאָן קיין ניו בראַנזוויק. אויפן וועג האָט אים אַ יונגער מאַן אָפּגעשטעלט און געבעטן ער זאָל אים אַרויפנעמען אין מאַשין, פאַר אַ געוויסער שטרעקע, וואו יענער האָט געדאַרפט פאָרן. גאָלד האָט אים אַריינגענומען אין זיין אויטאָמאָביל. אויפן וועג האָט דער יונגערמאַן דער־ציילט גאָלדן, אַז ער איז אַ מלחמה־וועטעראַן, אַז ער איז אַרבעטלאָז און האָט ניט קיין סענט מיט זיך. גאָלד האָט אויסגעדריקט זיין סימפּאַטיע צום יונגענמאַן און אים געזאָגט, אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג טוט ניט ריכטיק וואָס זי זאָרגט ניט פאַר אירע סאָלדאַטן. ער האָט אויך גערעדט מיט אים וועגן דער אַרבעטלאָזיקייט אין לאַנד, און אָנגעוויזן אַז די רעגי־רונג טוט גאָרניט צו העלפן די געליטענע. ער האָט אים געגעבן אַ פּאַמ־פלעט וועגן הילף פאַר אַרבעטלאָזע. ער האָט אים אויך געגעבן 25 סענט ער זאָל האָבן אויף קליינע הוצאות.

דער וועטעראַן האָט זיך געזעגנט מיט גאָלדן. אַראָפּ פון אויטאָמאָביל און באַלד טעלעפאָנירט דער סטעיט־פּאָליציי אַז ער האָט דאָ אַ „געפערלעכן פאַרברעכער".

פּאָליציי־טרופּערס זיינען געקומען און אָוועקגענומען העררי גאָלדן אין דער ניו־בראַנזוויקער פּאָליציי־סטאַנציע און פאַרהאַלטן אים אין טורמע אויף דער קלאַגע פון פאַרשפּרייטן קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן מיטגלידער פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי. די פּאָליציי האָט ניט דערלויבט קיין בעיל און אים געהאַלטן אינגאַנצן אָפּגעזונדערט, אָן שום מעגלעכקייט צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט עמיצן אויסער דער טורמע.

דורך אַ סאָלווישאַן אַרמיי־מיידל וועלכע האָט באַזוכט די טורמע, האָט גאָלד מיר געלאָזט וויסן, אין „פרייהייט"־אָפיס פון נואַרק וועגן זיין

אַרעסט. איך האָב זיך באַלד געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דעם לאָיער פון „אינטערנעשאַנאַל לעיבאָר דעפענס“ אייבערהעם איסערמאַן, און ער האָט זיך געווענדט צו אַ ריכטער פאַר „האַבעאַס קאָרפּוס“, כדי אַרויסצונעמען דעם אַרעסטירטן פאַר אַ פאַרהער.

די צייטונגען האָבן געהעצט, גלייך ווי מ׳וואָלט דאָ טאַקע געכאַפּט אַ גוואַלדיקן פאַרברעכער.

דעם ריכטערס ווערטער

דער ריכטער, וועלכער איז גראָד געווען אַ ליבעראַל, האָט, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעהערט די קלאָגן און די פאַקטן פון דער געשעעניש, געזאָגט: „אויב גאָלדס גאַנצער פאַרברעכן באַשטייט אין דעם וואָס ער האָט אַ סאָלדאַט געגעבן אַ פרייע רייזע, סימפּאַטיזירט מיט אים וועגן זיין אַרבעטלאָזיקייט און אים דערצו נאָך געגעבן 25 סענט, איז אָזאַ קאָמוניזם ניט געפערלעך.

גאָלד איז באַפרייט געוואָרן, אָבער דערווייל האָט ער פאַרלאָרן אַרום אַ וואָך צייט פון זיין אַרבעט און איז געווען פאַרשפּאַרט אין אַ טורמע ווי אַ פאַרברעכער.

עס זיינען געווען אַן אַ צאָל פאַלן פון פּאָליציי־טעראָר אין יענער צייט און עס וואָלט זיך געלוינט פאַר אַ היסטאָריקער אַמאָל צוזאַמענקלייבן אַלע פאַקטן. איך האָב דערציילט וועגן איין פאַל וואו איך האָב געהאָלפן באַפרייען אַ קרבן פון דעם פּאָליצייאישן טעראָר.

מיט וועבער־סטרייקערס אין פּעטערסאָן

בשעת מיין טעטיקייט אין ניו דזשורזי, האָב איך — ווי שוין פריער דערציילט — אָפּגעגעבן אַ סך צייט אין די קאַמפן פון אַרבעטלאָזע אין די פאַרשיידענע סטרייקס, וואָס איך פלעג באַשרייבן אין דער צייטונג דורך באַריכטן און אַרטיקלען.

וויל איך דאָ דערמאָנען נאָך איניקע וויכטיקע פּאַסירונגען. איך האָב איצט אינזינען די טעקסטיל־סטרייקס אין פּאַסעיק און פּעטערסאָן. ס׳איז אין פאַרבינדונג דערמיט אינטערעסאַנט אַרויסצוברענגען אַ טיפּ פון אַ סטרייק־פירער, וואָס איז געווען טעטיק אין ניו דזשורזי אין די 30ער יאָרן. דאָס איז געווען די יונגע, דאַן 19־יאָריקע שיינע בלאָנדינקע, אַ טאָכטער פון אוקראַינישע עמיגראַנטן, ען בורלאַק. די צייטונגען האָבן זי גערופן „דער רויטער פלאַם“ (דהי רעד פלעים“). פונקט ווי עליזאַבעט

גורלי פלין, פלעגט ען בורלאַק באַגייסטערן די אַרבעטער, וועלכע האָבן איר נאָכגעפאָלגט אין קאַמף און זי פשוט פאַרגעטערט.

איך האָב אייניקע מאָל געגעכטיקט מיט די סטרייקערס אין זייערע קלוב־צימערן, כדי צו זיין מיט זיי פאַרטאָג אויף דער פיקעט־לאַין. האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו זען ווי די יונגע ען בורלאַק פירט אָן דעם קאַמף פאַר די סטרייקערס.

עס איז געווען ערב אַ פרימאַרגן, ווען מען האָט דערוואַרט די פּאָליציי מיט ביקסן און גאַז־באָמבעס. ען בורלאַק האָט געזאָגט צו די פיקעטס: „שרעקט זיך ניט אָפּ. איך וועל גיין פאָראויס און איר זאָלט מיר נאָכגיין". און אַזוי איז געווען.

ען בורלאַק האָט אָנגעפירט סטרייקס אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד. זי איז אַ סך מאָל אַרעסטירט געוואָרן, און געזעסן אין טורמעס. זי איז אָבער געווען אויסגעהאַלטן. ען בורלאַק געפינט זיך איצט אין באָסטאָן, וואו זי איז טעטיק אין דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג, און ווערט נאָך אַלץ פאַרפאָלגט פון דער רעגירונג און רעאַקציאָנערע עלעמענטן. זי איז אָבער אויסגעהאַלטן און געטריי צו אירע אידעאַלן. איך בין געווען גוט באַקאַנט מיט איר. ען בורלאַק, ווי עליזאַבעט גוירלי פלין און מוטער בלור זיינען געווען זייער טעטיק אין די סטרייקס אין פּאַסעיק און פּעטער־סאָן. איך האָב זיי געזען ביי דער אַרבעט און באַריכטעט וועגן זייער העל־דישער פירערשאַפט.

צווישן די יידישע פירער אין דער טעקסטיל יוניאָן אין פּעטערסאָן איז געווען דער לאָדזשער וועבער יאַנקל קאַציק, וועטעראַן פון דער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג אין צאַרישער רוסלאַנד, וואו ער האָט פאַרזוכט דעם טעם פון טורמעס אין לאָדזש און אין אַנדערע שטעט. דאָ אין אַמע־ריקע איז ער געווען אַן איבערגעגעבענער טוער אין דער סאָציאַליסטישער און טרייד־יוניאָן באַוועגונג, אַ בויער און אַקטיווער טוער פאַר דער „מאָרגן פרייהייט". אַ צווייטער אַקטיווער טוער איז געווען ברוך לייב. ביידע זיינען שוין איצט ניטאָ צווישן די לעבעדיקע; אים צו לאַנגע יאָר, איזידאָר געלער, וועלכער האָט געאַרבעט מיט זיי צוזאַמען, איז נאָך איצט אויך אַן אַקטיווער פּראָגרעסיווער טוער אין פּעטערסאָן. איך פלעג אָפט קומען אין פּעטערסאָן און אין דערבייאיקן פּאַסעיק, וואו עס זיינען פאָר־געקומען סטרייקס, און פלעג זיך טרעפן מיט די פירער פון דער יוניאָן און פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג און שרייבן וועגן דם אין דער „מאָרגן פרייהייט".

דער מאָרד־בלבול אויף 5 יידישע אַרבעטער אין פּעטערסאָן

אין פּעטערסאָן, איז אין יאָר 1931, פאָרגעקומען אַ פּראָצעס קעגן 5 יידישע אַרבעטער־טוער: דער פריער דערמאָנטער ברוך לייב און פיר אַנדערע טוער זיינען אַרעסטירט געוואָרן און אָנגעקלאָגט געוואָרן אין דעם מאָרד פון אַ באַלעבאָס פון אַ טעקסטיל פאַבריק, ביי וועמען עס איז אָנגעגאַנגען אַ סטרייק. דער סטרייק איז געווען געפירט פון אַ פּראָגרעסיווער אינדוסטריעלער יוניאָן, און די ציטונגען האָבן געהעצט קעגן דער יוניאָן. די באַלעבאַטים פון די אַנדערע פאַבריקן האָבן געשטיצט דעם באַלעבאָס, ביי וועמען דער סטרייק איז אָנגעגאַנגען. דער הויפּט־ציל פון דעם מאָרד־בלבול איז געווען צו צעברעכן די מיליטאַנטע יוניאָן פון די טעקסטיל־אַרבעטער.

איך בין אָפט געקומען קיין פּעטערסאָן, באַזוכט די אָנגעקלאָגטע אין דער טורמע, געווען יעדן טאָג ביים פּראָצעס און עס באַריכטעט אין בייעס און אַרטיקלען אין דער „מאָרגן פרייהייט".

עס איז נויטיק דאָ צו דערציילן וועגן דער מיאוסער ראָל פון „פאָרווערטס" אין שייכות מיט דעם פּראָצעס. דער „פאָרווערטס" האָט אויף אַ מסורישן שטייגער געשריבן (דעם 18טן אַפּריל 1931), אַז דער סטרייק איז געפירט געוואָרן פון אַ קאָמוניסטישער יוניאָן, אַז „די פינף אָנגעקלאָגטע מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער יוניאָן לייקענען זייער שולד". „די קאָמוניסטן ווילן דעם אמת ניט זאָגן. זיי האָבן מורא אַז דאָס וועט זיי וואָרשיינלעך שאַטן צו די קאָלעקשאָנס".

די שענדלעכע ראָל פון „פאָרווערטס" האָט אַרויסגערופן אַנטריסטונג צווישן די אַרבעטער און די פאָלקס־מאַסן אין פּעטערסאָן. די „פאָרווערטס" מסירה האָט אָבער ניט געהאָלפן, און די אַרעסטירטע זיינען באַפרייט געוואָרן.

איך ווער אַן אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פון דער „מאָרגן פרייהייט"

אין פרילינג פון 1933 האָט מיך מ. אָלגין, דער רעדאַקטאָר פון „מאָרגן פרייהייט", אַריינגערופן אין זיין אַרבעטס־צימער און מיר געזאָגט: „חבר לעווין, מיר האָבן אויסגעפונען אַז איר זייט אַ בעסערער שרייבער ווי אַ פאַרוואַלטער, און איר קאָנט אונדז ברענגען מער נוצן ווען איר זאָלט אָפּגעבן אייער גאַנצע צייט אין דער רעדאַקציע".

בין איך אָנגעקומען אַרבעטן אַלס סטעף־מיטגליד אין דער רעדאַקציע.

די ערשטע באַשטימונג וואָס איך האָב געקראָגן איז געווען צו גיין איבער די גאַסן פון ניו יאָרק, באַשרייבן סצענעס פון אַרבעטלאָזיקייט אין נאָדל טרעיד־מאַרקעט — און אַזוי ווייטער.

איך האָב באַזוכט די אַרבעטלאָזע קאָונסילס, געזען ווי מען וואַרפט



ביים שרייב־טיש אין דער רעדאַקציע פון דער „מאָרגן פרייהייט"

אַרויס שכנים פון דירות פאַר ניט האָבן צו באַצאָלן דירה געלט, און ווי די אַרבעטלאָזע קאָונסילס טראָגן אַריין צוריק די מעבל. איך האָב געזען ווי פּאָליציי פירט דורך אַרעסטן. איך האָב עס אַלץ באַריכטעט אין דער „מאָרגן פרייהייט".

אַ טראַגעדיע אין בראָנקס

איין טראַגישע סצענע האָב איך בייגעוואוינט ווען אַ שמש פון אַ שול אין די בראָנקס איז אויף דעם באַפעל פון גבאי פון שול אַרויסגע־וואָרפן געוואָרן מיט זיינע מעבל פון דער דירה וואָס ער האָט געהאַט אין אַ זייטיקן צימער פון שול.

דער שמש, אַן עלטערער מאַן, האָט זיך גענומען צום האַרצן, געלאָפן הין און צוריק אויף די טרעפּ, ביז ער איז געפאַלן פון אַ האַרץ אַטאַקע, און איז באַלד געשטאָרבן.

זיין פרוי, אַליין אַ קראַנקע, האָט מען ניט געלאָזט מיטפאָרן מיט אים אין אַמבולאַנס. זי האָט זיך געבעטן ביי די רעפּאָרטערס מיט האַרצ־

רייסנדיקן געוויין מען זאָל איר זאָגן אויב איר מאַן איז געבליבן לעבן, — אָבער ווער האָט געהאַט דאָס האַרץ איר אויסצוזאָגן דעם ביטערן אמת?

א שכנה האָט אַוועקגענומען די אומגליקלעכע פּרוי צו זיך אַהיים.

אַזעלכע סצענעס האָט מען אָפט געזען בשעת דעם גרויסן קריזיס אין די 30ער יאָרן. איך האָב געהאַט אַ סך צו שרייבן. איך פלעג אין דער „מאָרגן פרייהייט" אויפנעמען דורכן טעלעפאָן אַ סך באַריכטן פון די אַרבעטלאָזע קאָונסילס וועגן פאַסירונגען.

איך האָב אויך געשריבן אַ סעריע אַרטיקלען אין דער „מאָרגן פרייהייט" וועגן שווינדלעריען אין מושב זקנים אינסטיטוציעס און וועגן פּראָצעסן אין געריכטן.

די „מאָרגן פרייהייט" רעדאַקציע איז געוואָרן מיין היים

מיין אַרבעט אין דער „מאָרגן פרייהייט" רעדאַקציע איז פאַר מיר געוועזן זייער אָנגענעם און אינטערעסאַנט. די רעדאַקציע איז געוואָרן מיין היים וואו איך האָב פאַרבראַכט די מערסטע צייט פון טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט.

איך בין דעמאָלט געוועזן אומפאַרהייראַט. מיין מוטער, ברידער און שוועסטער און אַנדערע מיטגלידער פון מיין משפּחה האָבן אַלע געוואוינט אין באָסטאָן, — איז די „מאָרגן פרייהייט" געוועזן מיין משפּחה און מיין היים. איך האָב געהאַט אַ מעבלירטן צימער אין אַן אַלטער געביידע אויף דער 12טער גאַס ביי דער 3טער עוועניו, וואו איך פלעג נאָר קומען איבער־נעכטיקן. די מעבל איז באַשטאַנען פון אַ בעטל מיט אַ קליינעם אַלמער. דער וואַש־צימער איז געווען אין קאָרידאָר. ווען איך פלעג אַוועקגיין אינדערפרי, פלעג איך אויפהענגען אַ שלעסל אויף דער קלאַמקע אויף דער אַנדערער זייט טיר. די אויפראַמערין האָט געהאַט אַ שליסל און פלעגט אַריינגיין יעדן טאָג אויפראַמען דעם צימער. אָבער ווען זי פלעגט זען אַז עס הענגט ניט קיין שלעסל, איז עס געווען אַ סימן אַז איך בין נאָך אינעווייניק, איז זי ניט אַריינגעקומען.

האָט פאַסירט איינמאָל אַז איך בין געוואָרן קראַנק, בין איך אַזוי געלעגן אַ גאַנצן טאָג, ניט געגעסן און ניט געטרונקען, ביז אויף מאָרגן, ווען איך האָב מיט אַלע כוחות זיך אָנגעשטרענגט אַרויסצוגיין פון בעט און אַריינגיין אין אַ קאַפעטעריע עפּעס עסן. האָט מיך דערזען מיין פריינט, דער גרויסער הומאָריסט, מיטאַרבעטער פון דער „מאָרגן פרייהייט", יאָסל קאָטלער, און ער האָט מיך פשוט אַרויפגעטראָגן אויפן צווייטן שטאָק צו מיין צימער און טעלעפאָנירט צו דר. זלאטקינען, אַ מיטאַרבעטער פון דער „מאָרגן פרייהייט", וואו ער פלעגט שרייבן וועגן מעדיצינישע פראַגן. דער דאָקטאָר האָט מיך אונטערזוכט און געזאָגט אַז איך בין ניט קיין געפער־

לעכער חולה, נאָר אַזוי ווי איך האָב קיינעם ניט אַכטונג צו געבן אויף מיר, קאָן עס ווערן געפערלעך. האָט ער טעלעפאָנירט נאָך אַן אַמבולאַנס און מען האָט מיך צוגענומען אין אַ שפּיטאָל. נאָך אַ וואָך צייט בין איך אַרויס אַ געזונטער.

איך האָב באַלד זיך אַריבערגעצויגן אין אַן אַנדער צימער ביי אַ פּריוואַטער פאַמיליע אויף דער 13טער גאַס, אָבער אויך נאָר אויף איבער־נעכטיקן. באַלד אינדערפרי האָב איך זיך שוין אָפּגעגעבן מיט דער „מאָרגן פרייהייט"; באַזוכט די ביבליאָטעק פאַר פאָרשונג־אַרבעט, געגאַנגען באַזוכן אינטערעסאַנטע פּלעצער צו באַשרייבן.

אין דער רעדאַקציע פלעג איך אַריינקומען אַרום 1 אַזייגער בייטאָג פריער פון אַלעמען, און אַרבעטן ביז נאָך עלף אָדער צוועלף אַזייגער ביינאַכט — די צייט ווען די „מאָרגן פרייהייט" פלעגט דאַן גיין צום דרוק.

אַ צאָל יאָרן איז מיין אַרבעט באַשטאַנען אין אַרויסהעלפן דעם נייעס רעדאַקטאָר. איך האָב געאַרבעט אַלס געהילף פריער צו ב. י. קאַסטרעל, ווען ער איז געווען נייעס־רעדאַקטאָר און נאָכדעם צו י. פריד און ראובן יוקלסאָן.

איך פלעג אויך פאַנאַנדער סאָרטירן די נייעס־באַריכטן וואָס זיינען געקומען אויף דעם „טיקער" (טעלעגראַפישער אַפּאַראַט), אַכטונג געבן אויף ספּעציעלע קאָרעספּאָנדענצן, און האַלטן אין אָרדענונג אַלע בויטיקע מאַטעריאַלן אויפן נייעס־רעדאַקטאָר טיש.

איך בין אויך געווען גרייט אויף אַלע שליחות פון דער רעדאַקציע, פלעג פאָרן 4—5 מאָל אַ טאָג „אַפּטאַון" אָפּצונעמען מאַטעריאַלן פון נייעס־אַגענטורן מיט וועלכע די „מאָרגן פרייהייט" איז געשטאַנען אין פאַר־בינדונג, אויך מאַטריצן פון בילדער, און אַזוי ווייטער.

ווען עס פלעגט מיר איבערבלייבן צייט נאָך 12 ביינאַכט און אינ־דערפרי, פלעג איך פאַרברענגען אין קאַפעטעריעס וואו איך פלעג אַריינ־גיין עסן, אָבער הויפּטזאַכלעך צו באַגעגענען זיך מיט מענטשן, און פאַר־נעמען זיך מיט שמועסן און דיסקוסיעס איבער פאַרשידענע פּראָבלעמען.

אין פּאָפּולערע קאַפעטעריע אַזאַ, איז געווען „דהי קרוסעידער" אויף 14טע גאַס לעבן דעם „אויטאָמאַט" קאַפעטעריע. אַהין פלעגן קומען מענטשן פון פאַרשידענע ריכטונגען און עס פלעגן שטענדיק פאָרקומען היציקע אַמפּערייען איבער פאַרשיידענע פראַגן. ס'האָבן אויך ניט געפעלט סתם מעשיות און רכילות.

דער פאַרוואַלטער פון דער קאַפעטעריע האָט שוין איינמאָל פאַר אַ קורצער צייט געמאָלדן דורך אַן אויפשריפט אויף דער וואַנט: „אַז דאָ איז ניט קיין קלוב אָדער ביבליאָטעק און געפּרובירט אַרויסטרייבן די

וועלכע פלעגן פאַרנעמען פלעצער און מאַכן טומל אָנשטאָט עסן. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן.

דער „קרוסעידער" איז געווען אַן אינסטיטוציע פאַר פּאָליטישע און ליטעראַרישע דיסקוסיעס. אַזוי איז אויך געווען אייניקע יאָר די קאָאָפּעראַטיווע קאַפעטעריע אין דער אַמאָליקער געבײַדע פון דער „מאָרגן פרײַהייט", אויף יוניאָן סקווער. דאָרט, וואו עס איז איצט דאָ קליינס דעפּאַרטמענט סטאָר „ענעקס". די קאַפעטעריע איז געווען פול מיט „זיצערס", וועלכע פלעגן מאַכן אַ סך טומל, נאָר ווייניק געגעבן צו לייזן — ביז די קאַפעטעריע האָט זיך געמוזט צומאַכן.

די קאַפעטעריעס האָבן אָפט געגעבן טעמעס צו שרײַבער צו באַשרײַבן די טיפּן וואָס פלעגן זיך דאָרטן צוזאַמענקומען. איך האָב אויך באַשריבן אייניקע טיפּן. איין טיפּ פון „קרוסעידער" האָט בײַ מיר געהייסן „מיסטער אַהאַ!"

דאָס איז געווען אַ ייד וואָס פלעגט זיך אַמפּערן מיט אַלעמען, אָנכאַפּן אייך פאַרן לאַץ, ניט אָפּלאָזן און אייך פּרובירן איבערצייגן אַז ער איז אַלעמאָל געווען גערעכט. ווען עס פלעגט עפּעס זײַן אַ נײַע פּאַסירונג פלעגט ער זאָגן „אַהאַ! איך האָב פאַראויסגעזאָגט אַז אַזוי וועט עס זײַן — אַז דער און דער פירער פון דער באַוועגונג וועט פאַרראַטן, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד וועט אָנבעמען די און די „פּאָליסיס", און אַזוי ווײַטער.

איך פלעג זיצן אין דער קאַפעטעריע אָפטמאָל ביז 2 אַזייגער בײַנאַכט. אין דער צײַט צווישן צוועלף און איינס פלעגט שוין די מאָרגנדיקע „מאָרגן־פרײַהייט" אַרויס פון דרוק. גאָסי, אַ מיטליאַריקע פרוי, פלעגט זײַן די ערשטע מיט אַ פּאַק „מאָרגן פרײַהייט" בײַ דער קאַפעטעריע, צום פאַרקויפן. ווען עס פלעגט זײַן אַ וויכטיקע נײַעס, פלעגט זי עס אויסרופן אויפן קול. זי פלעגט אויך ניט בלײַבן שולדיק אַן ענטפער ווען אַ קעגנער פלעגט פאַרבײַגיין און מאַכן אַ ניט־גינסטיקע באַמערקונג. די „מאָרגן פרײַהייט" איז בײַ איר געווען טייער. זי איז געשטאַנען שפּעט ביז נאָך האַלבער נאַכט צו פאַרקויפן די צײַטונג, ניט צוליב די פּאָר סענט, נאָר אויס געטרײַשאַפט צו דער צײַטונג. די „מאָרגן פרײַהייט"־לייענער פלעגן איבעררייסן זייערע שמועסן און אַרויסגיין כאַפּן די פרישע צײַטונג.

אַזוי האָב איך פאַרבראַכט די פּאָר שעה לײדיקע צײַט. די „מאָרגן פרײַהייט" האָט געשפּילט אַן אויסערגעוויינלעך גרויסע ראָל אין די קריזיס־יאָרן אין דעם קאַמף פאַר די אַרבעטלאָזע און פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג. דאָס מוז אַלעמאָל דערמאָנט ווערן און זאָלן עס געדענקען די אַלע וועלכע געניסן איצט די בענעפיטן פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג.

איך בין אויך אייניקע מאָל געווען צו די פּסח־סדרים וואָס דער

„האיאס" און אויך דער „דזשאָינט דיסטריביושאַן קאָמיטי" פּלעגן אָרגאַניזירן פֿאַר די איבערגעקומענע. איך פּלעג זיך באַגעגענען מיט די ניי־געקומענע און אויסהערן זייערע איבערלעבונגען.

איין פּליכטלינג, וואָס איך האָב באַגעגנט ביי אַ סדר, איז געווען זייער צופֿרידן וואָס ער האָט אַ געלעגנהייט צו ריידן מיט אַ „מאָרגן פֿרייהייט" פּאַרטרעטער. ער האָט מיר דערציילט אַז ער איז געווען אַ פּאַרטיזאַן אין די פּוילישע וועלדער קעגן די נאַציס. ער האָט מיר איבערגעגעבן איינצל־הייטן פֿון זיין קאַמף אין די וועלדער, אַלס פּאַרטיזאַן. איך האָב באַלד געזען אַז דאָס איז מאַטעריאַל פֿאַר אַ גרויסן בוך. איך האָב גענומען זיין אַדרעס און אים צוזאַמענגעבראַכט מיט אונדזער גרויסן טאַלאַנטפֿולן שרייבער כאַווער־פּאַווער. זיי האָבן זיך באַגעגנט כמעט יעדן טאָג אין משך פֿון אַ היבשער צייט. דער פּאַרטיזאַן האָט איבערגעגעבן כאַווער־פּאַווערן זיינע דערפֿאַרונגען און פֿון דעם איז אַרויס כאַווער־פּאַווערס שפּאַנענדיקער פּאָפּולערער בוך „גיבורים פֿון דער נאַכט".

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע הילפֿס־אַרבעט פֿון די היגע לאַנדסמאַנשאַפֿטן פֿאַר זייערע קרובים אין אייראָפּע, האָט די „מאָרגן פֿרייהייט" אָפּגעגעבן אַ גאַנצע זייט יעדן זונטאָג פֿאַר נייעס און באַריכטן וועגן דער טעטיקייט פֿון די לאַנדסמאַנשאַפֿטן. מיר איז צוגעטיילט געוואָרן די אויפֿגאַבע צו קריגן דעם מאַטעריאַל און אויספֿילן די גאַנצע זייט. איך בין געגאַנגען באַזוכן פֿאַרזאַמלונגען און קאָנווענשאָנס פֿון לאַנדס־מאַנשאַפֿטן־אָרגאַניזאַציעס, גענומען אינטערוויוס, געקראָגן בילדער פֿון באַאַמטע און מיט דער הילף פֿריער פֿון נייעס־רעדאַקטאָר דוד מאַטיס און נאָכדעם משה שיפּריס, וועלכער האָט דאַן געאַרבעט אין דער „מאָרגן פֿרייהייט", צוזאַמענגעשטעלט די לאַנדסמאַנשאַפֿטן־אָפּטיילונג, וועלכע איז זייער וואַרעם אויפֿגענומען געוואָרן פֿון די לאַנדסמאַנשאַפֿטן פֿון פֿאַרשיי־דענע ריכטונגען, און אַ סך אַרויסגעהאָלפֿן צו פֿאַרבינדן די געראַטעוועטע יידן מיט זייערע קרובים אין אַמעריקע.

שטורעמדיקע צייטן

עס זיינען געווען שטורעמדיקע צייטן אויף דער וועלט אין די 30ער יאָרן און שפּעטער, און די „מאָרגן פֿרייהייט" האָט אויף אַלץ רעאַגירט אויף אַ געהעריקן אופֿן.

איך וועל קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן דעם טאָג ווען וואַשינגטאָן האָט אָנאָנסירט אַז די פֿאַראייניקטע שטאַטן אָנערקענט די רעגירונג פֿון סאָ־וועטן־פֿאַרבאַנד.

עס איז געווען אַ פאַרנאַכט, דעם 16טן נאָוועמבער 1933. איך האָב דערזען אויף דעם נייעס־„טיקער" אַ „פלעש" ספּעציעלע נייעס וועגן דער גרויסער געשעעניש. איך האָב אַראָפּגעריסן פון „טיקער" די ערנסטע נייעס־בלעטלעך און געלאָפן צו אַלגינען אין צימער ביים צווייטן ברעג פון קאָרידאָר. די ערשטע טיילן פון דער נייעס זיינען תיכף אַרויפגעשיקט געוואָרן אין דער דרוקעריי צום זעצן. איך בין געלאָפן הין און צוריק, געבראַכט יעדע שטיקל פאַרזעצונג און דעם טעקסט פון אָפּמאַך, אָבער אַלגין האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן און פלעגט אַליין אַריבערלויפן צו דעם „טיקער"־צימער, צו קריגן נאָך נייעס.

דאָס איז געווען אַ היסטאָרישער טאָג אין די באַציאונגען צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווען אַמעריקע האָט ניט אָנערקענט זינט דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע.

עס זיינען שפּעטער געקומען די שטורעמדיקע צייטן פון דעם בירגער־קריג אין שפּאַניע, וואו דאָס פאָלק האָט רעוואָלטירט קעגן דעם פאַשיסט פראַנקאָ, וועלכער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט און אַראָפּגעזעצט די געזעצלעך־דערוויילטע רעגירונג אין מאַדריד.

די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט זיך אַנטזאָגט צו שיקן אַמוניציע און העלפן די לאָיאַליסטן אין שפּאַניע אין זייער קאַמף. היטלער און מוסאָליני האָבן אָפן געשטיצט פראַנקאָן. עס זיינען געווען אידעאַליסטישע אַמעריקאַנער יונגע לייט, צווישן זיי אַ סך יידישע, וועלכע האָבן וואָ־לונטירט צו פאָרן קיין שפּאַניע און העלפן באַקעמפן דעם פאַשיזם. זיי האָבן געגרינדעט די באַרימטע לינקאָלן בריגאַדע, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט אין קאַמף אויף די שלאַכט־פעלדער. אַ סך פון די אַמערי־קאַנער יונגע אידעאַליסטן האָבן דאָרט מקריב געווען זייערע לעבנס.

די „מאָרגן פרייהייט" האָט געהאָלפן אַ סך אין דעם קאַמף. די באַרימטע שרייבערין גינאַ מעדעם, וועלכע מען האָט מיט רעכט אָנגערופן די „רייזענדע אַמבאַסאַדאָרין" פון „מאָרגן פרייהייט", ווייל זי האָט באַ־זוכט אַ סך לענדער און געשריבן פון דאָרט פאַר אונדזער צייטונג, איז ספּעציעל געפאָרן קיין שפּאַניע, געווען דאָרט מיט די העלדישע קעמפער און געשיקט אירע קאָרעספּאָנדענצן צו דער „מאָרגן פרייהייט". די רעדאַקציע האָט זיך באַנוצט מיט די קעיבעלס און קאָרעספּאָנדענצן פון אַנדערע אָנגעזעענע שרייבער, אַ חוץ די שטענדיקע באַריכטן פון דער „יונאַיטעד פרעס" און אַנדערע אַגענטורן.

די קעיבעלס וואָס די „מאָרגן פרייהייט" האָט באַנוצט אין צייט פון דער שפּאַנישער מלחמה צוזאַמען מיט אַנדערע טעלעגראַמעס, זיינען געווען אַזוי פיל, אַז די „וועסטערן יוניאָן" טעלעגראַף קאָמפּאַני האָט

געפונען פאַר נויטיק איינצושטעלן אַ ספּעציעלן אָפּיס אויף דעם 8טן שטאָק אין דער איצטיקער געבײדע פון דער „מאָרגן פרייהייט", וואו זי האָט אָנגעהאַלטן אַ ספּעציעלן מאַן מיט אַ טעלעגראַפּיסט איבערצונעמען דירעקט די קײבלס און טעלעגראַמען און זיי באַלד איבערגעבן צו דער „מאָרגן פרייהייט".

איך פלעג לויפן הין און צוריק פון 6טן שטאָק, וואו די „מאָרגן פרייהייט" רעדאַקציע האָט זיך געפונען צו דעם 8טן שטאָק און אַראָפּ־ברענגען די נייעס־קײבלס און טעלעגראַמעס באַלד ווי זיי פלעגן אָנקומען.

נאָך אַ וויכטיקע היסטאָרישע געשעעניש געדענקט זיך מיר ווען ביינאַכט פון 21טן אויפן 22טן יוני, 1941, איז אָנגעקומען די נייעס, אַז היטלער איז באַפאַלן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. איך בין געלאָפן באַלד אין דער פרי אין דער רעדאַקציע. עס איז נאָך ניט געווען קיין צייט פאַר די שרייבער זיך צוזאַמענקומען, אָבער דער רעדאַקטאָר פסח נאָוויק איז שוין געווען אויפן אָרט און באַלד גענומען צוגרייטן אַן עקסטראַ־אויס־גאַבע „מאָרגן פרייהייט". אין אַ קורצער צייט האָט מען צונויפגעבראַכט אין רעדאַקציע אַלע מיטאַרבעטער, און באַלד איז אַרויס די ספּעציעלע אויסגאַבע פון דער „מאָרגן פרייהייט" מיט דער נייעס פון דער נייער מלחמה.

די „מאָרגן פרייהייט" האָט בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען הונדערטער טויזנטער יידן זיינען אין די ערשטע חדשים אַריבער־געלאָפן פון די נאַצי־אָקופּירטע שטעט קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד און ווען די רויטע אַרמיי האָט געראַטעוועט גרויסע מאַסן יידן — געהאָלפן אויסגעפינען אַמעריקאַנער קרובים פון די געראַטעוועטע יידן.

די „מאָרגן פרייהייט" האָט ברייט געעפנט אירע זייטן פאַר בריוו פון יידן אין אויסלאַנד וואָס האָבן דאָ געזוכט זייערע קרובים, און אַפילו אַ פּאָר מאָל געדרוקט ספּעציעלע ביילאַגעס מיט די בריוו פון די געראַ־טעוועטע יידן. דער „פאָרווערטס" האָט זיך אָנטזאָגט צו דרוקן בריוו אין וועלכע עס האָט זיך דערציילט ווי אַזוי אַ סך יידן האָבן זיך געראַ־טעוועט אַדאַנק דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אַ גרויסן סקאַנדאַל האָט דער „פאָרווערטס" אַרויסגערופן מיט אַ בריוו פון נאָווידוואָרער לאַנדסלייט, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון די נאַציס און געשריבן צום „פאָרווערטס" צווישן אַנדערן: „מיר האָבן צו פאַר־דאַנקען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַניט וואָלטן שוין אַ סך פון אונדז געווען אויף יענער וועלט". זיי האָבן דערציילט ווי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיי גוט אויפגענומען און געזאָרגט פאַר זיי. זיי האָבן געבעטן אַז

מען זאָל אויפזוכן זייערן אַ קאָזין אין ראַטשעסטער און פּעטערס אין ברוקלין, און איבערגעבן די נעמען.

דער „פאָרווערטס" האָט זיך אַנטזאָגט צו דרוקן דעם בריוו און אַנשטאָט דעם געדרוקט אַן אַרטיקל (דעם 18טן מאַי, 1940) אונטער אַ קעפּל: „די פאַרצוויפלטע לאַגע פון די יידן אין סאָוועט פּוילן". מ'האָט דאָרט געשריבן, אַז יידן לויפן צוריק צו די נאַציס און אַז מען צאָלט גרויסע געלטער פאַר אַריבערשמוגלען צו די נאַציס...

דעם „פאָרווערטס" האָט, ווי עס ווייזט אויס, פאַרדראָסן וואָס די סאָוועטישע רעגירונג האָט געראַטעוועט די יידן פון די נאַציס און ניט געלאָזן פאַרנאַרן צוריקצוגיין צו די נאַצישע מערדער, האָט דער „פאָרווערטס" צעפּויקט (דעם 8טן פעברואַר 1941) די „שרעקלעכע" נייעס, אין אַ ספּעציעלן קעיבל פון זיין קאָרעספּאָנדענט, אַז „סאָוועט־באַאַמטע לאָזן ניט געראַטעוועטע יידן אומקערן זיך אין נאַצי־טעריטאָריע". דאָס וואָרט „געראַטעוועטע" האָט דער „פאָרווערטס" געדרוקט אין גענדזן־פיסלעך, מעשה חוזק. דער פולער בריוו פון די באַווידוואָרער איז נאָכדעם אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער „מאָרגן פרייהייט" — ווי טויזנטער אַנדערע בריוו. איך האָב געהאַט די אויפגאַבע אַכטונג צו געבן אויף די דאָזיקע בריוו, זיי האַלטן אין אָרדענונג און העלפן אָפּזוכן די קרובים. אין אייניקע פאַלן בין איך פּערזענלעך געפאָרן צו די געפונענע קרובים זיי איבערגעבן די בריוו, און האָב געזען זייער פרייד. כ'האָב אויסגעפרעגט מער איינצלהייטן און זיי באַשריבן אין דער „מאָרגן פרייהייט". איך האָב אויך געהאַט אַן אויפגאַבע צו גיין מיט מיין פּאָליציייאישן קאָרעספּאָנדענטן־קאַרטל באַזוכן די שיפן וואָס פלעגן אָנקומען פון אייראָפּע מיט יידישע פליכטלינגען אַנטלאָפענע פון די נאַציס. איך פלעג זיי אינטערוויואירן, געהערט די געשיכטעס פון זייערע שרעקלעכע איבערלעבונגען און באַשריבן אין דער „מאָרגן פרייהייט".

דער טערזאַני פּראָצעס

סוף 1933 איז אין לאָנג איילאַנד סיטי, ניו יאָרק, פאָרגעקומען אַ וויכטיקער פּראָצעס איבער אַ מאָרד־בלבול קעגן אַ טעטיקן איטאַליענישן אַנטי־פאַשיסט אַטאָס טערזאַני. דער פּראָצעס, וועלכער האָט דאַן אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס אין לאַנד, און וואָס אַ סך האָבן עס אָנגערופן אַ צווייטע סאַקאָ־וואַנזעטי געשיכטע, האָט געוויזן די ראָל פון די פאַשיסטישע עלעמענטן אין אַמעריקע, אין דער צייט ווען היטלער און מוסאָליני האָבן געהערשט אין טיילן פון אייראָפּע.

די רעדאַקציע פון דער „מאָרגן פרייהייט" האָט מיר געגעבן די אויפגאַבע צו „דעקן" דעם דאָזיקן פּראָצעס. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך גערופן די „כאַקי העמדלעך". איר ציל איז געווען צו פאַרכאַפּן די אַמעריקאַנישע רעגירונג און איינפירן דאָ אַ פאַשיסטישן רעזשים, ווי עס האָט דאַן עקזיסטירט אין דייטשלאַנד און אין איטאַליע. אָט־די באַנדע האָט אָפּגעהאַלטן אַ פּראָפּאַגאַנדע־מיטינג דעם 14־טן יולי 1933 אין קאָלאָמביאַ האָל, אַסטאָריאַ, לאָנג איילאַנד, ניו יאָרק.

אַ רעדנער פון דער אָרגאַניזאַציע האָט זיך צעלאָזן מיט לויב־געזאַנגען פאַר היטלערן און מוסאָליניִן. האָבן אַנטי־פאַשיסטן, וועלכע זיינען געווען אין זאַל אָנגעהויבן אויספייפן דעם פאַשיסטישן רעדנער. פאַשיסטישע בויאַנעס, געקליידט אין נאַצי־אוניפאָרמען, זיינען באַפאַלן די אַנטיפאַשיסטן, זיי גענומען שלאָגן און אַרויסוואַרפן פון זאַל. אַן אַלגעמיינער געשלעג האָט אויסגעבראָכן.

איינער, אַנטאָני פיעראָ, אַן איבערגעגעבענער אַנטי־פאַשיסט, האָט געזען ווי מען שלאָגט מערדערלעך זיינעם אַ חבר, האָט ער זיך איינגע־שטעלט פאַר אים און אים געפּרובירט אַרויסראַטעווען פון די בויאַנישע הענט. זיינען די כוליגאַנעס אים באַפאַלן, געשלאָגן איבערן קאָפּ, און ער איז געפאַלן טויט אין אַ טייך בלוט, מיט אַ צעבראָכענעם שאַרבן און אַ קויל אין קערפּער.

די מערסטע זיינען זיך צעלאָפן פון זאַל. טערזאַני, פיעראָס אַן אינטימער חבר, איז געבליבן לעבן פיעראָן. פאָליציי איז אָנגעקומען. טערזאַני האָט אָנגעוויזן אויף איינעם פון די פאַשיסטן אַלס דעם יעניקן וועלכער האָט געשאָסן פיעראָן. די פאָליציי, אָנשטאָט צו אַרעסטירן דעם מערדער, האָט אַרעסטירט דעם אַנטי־פאַשיסט טערזאַני און אים אָנגעקלאָגט אין דערמאָרדן פיעראָן.

דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 11טן דעצעמבער 1933, אין קווינס קאָונטי קרימינאַל קאָורט אין לאָנג איילאַנד סיטי. טערזאַני איז פאַרטיידיקט געוואָרן דורך דעם באַרימטן לאָיער אַרטור גאַרפילד העיז, וועלכער האָט זיך דאַן נאָר וואָס געהאַט אומגעקערט פון דייטשלאַנד, וואו ער האָט בייגעוווינט דעם טרויעריק באַרימטן רייכסטאַג־פייער פּראָצעס. אַנדערע לאָיערס זיינען געווען פון דער „אינטערנעשאָנאַל לעיבאָר דע־פענס". איינער פון זיי איז געווען דער שפּעטערדיקער באַרימטער אַרבעטער־לאָיער הערי סאַקער, וועלכער האָט פּשוט ריזיקירט מיט זיין לעבן. ער האָט איינציקע מאָל באַזוכט די הויפּט־קוואַרטירן פון דער פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע און געקראָגן וויכטיקע מאַטעריאַלן פון די פאַשיסטן

זעלבסט, כדי אויפצודעקן די פאַרשווערונג. ער האָט זיי צוגעשטעלט אַרטור גאַרפילד העיז, דעם הויפּט־לאַיער פון דער פאַרטיידיקונג און אויך אַליין זיי באַנוצט אין זיינע אַרגומענטן אין געריכט.

די אַנקלאַגע האָט געבראַכט די פאַשיסטישע קאָמאַנדירן אַלס עדות. זיי האָבן פאַלש עדות געזאָגט אַז זיי האָבן געזען טערזאַנין מיט אַ רע־וואָלווער אין האַנט.

די פאַרטיידיקונג־לאַיערס האָבן אָבער ביים קרייץ־פאַרהער צעקלאַפּט זייער עדות זאָגן און אַרויסגעקראָגן פון זיי אַליין אַז זיי זיינען געקומען באַוואָפנט מיט קלאַבס (דובינקעס) געמאַכט פון האַרטער האָלץ, מיט אַ שטיק בליי ביים שפּיץ, און אַז זיי האָבן עס פריי באַנוצט.

די פאַרטיידיקונג האָט געבראַכט עדות, וועלכע האָבן געשוואָרן אַז זיי האָבן געזען אַז טערזאַני איז ניט געווען דער יעניקער וועלכער האָט געשאָסן אויף פּיעראַן. איינער פון די עדות איז געווען דעם דער־מאָרדעטן פּיעראַס פאָטער, וועלכער איז געווען ביים מיטינג וואו זיין זון איז געהרגעט געוואָרן.

אַן אינטערעסאַנטער עדות איז געווען אַ ייד מיטן נאָמען סעמיועל ז. ווין. ער איז געווען איינער פון די געוועזענע הויפּט־באַאַמטע פון דער פאַשיסטישער „כאַקי העמדלעך”. ווין האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער אָרגאַניזאַציע ווען די גרינדער האָבן זיך פאַרמאַסקירט אַלס קעמפער כלומרשט פאַר די אינטערעסן פון געוועזענע סאָלדאַטן. אַלס פעאיקער געשעפטסמאַן האָט ווין געדינט דער אָרגאַניזאַציע און געהאָלפן גריגדן אָפּטיילונגען איבערן גאַנצן לאַנד. ער איז אַרומגעפאָרן מיט דעם הויפּט־באַאַמטן, קאָמאַנדיר אַרט סמיט, דורכצופירן די אַרבעט.

ווין האָט רעזיגנירט פון דער פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגן איר פאַשיסטישן און אַנטיסעמיטישן כאַראַק־טער און אירע צילן.

דער דיסטריקט אַטורני און דער ריכטער וואָס האָט אָנגעפירט מיטן פּראָצעס האָבן אַרויסגעוויזן זייער פּאַרטייאישקייט און האָס צו דער פאַרטיידיקונג. דער ריכטער האָט אין זיין אינסטרוקציע צו דער דזשורי געגעבן אַן אָנצוהערעניש מען זאָל ניט גלויבן דעם עדות סעמיועל ווין.

די דזשורי האָט אָבער אַרויסגעגעבן דעם אורטייל „ניט שולדיק”, און טערזאַני איז באַפרייט געוואָרן.

דער ריכטער האָט אַרויסגעוויזן זיין צאָרן, געזידלט איינעם פון די פאַרטיידיקונג־עדות און באַפוילן אַז ער מוז פאַרלאָזן קווינס קאַונטי אָן רעכט זיך אומצוקערן אַהין.

איך האָב אַלס קאָרעספּאָנדענט פון דער „מאָרגן פרייהייט" באַזוכט אַלע זיצונגען פון פּראָצעס, געהאַט אינטערוויוס מיט דעם לאָיער הערי סאַקער און אַנדערע און געשריבן באַריכטן און אַרטיקלען אין דער צייטונג. איך האָב אויך געהאַט נאָכדעם ספּעציעלע אינטערוויוס מיט די הויפּט־עדות, די געוועזענע מיטגלידער פון די „כאַקי העמדלעך". זיי האָבן מיר איבערגעגעבן אַ סך איינצלהייטן וועגן דער טעטיקייט פון דער באַנדע און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פון דעם סאָרט.

ווין האָט מיר געוויזן אַן אויסשניט פון אַ צייטונג וואו אַרט סמיט האָט דערקלערט זיינע „פּרינציפּן": „מיר זיינען די אַמעריקאַנער פאַשיסטן און מיר זיינען בלוטיק פאַראינטערעסירט אויסצוראָטן דעם קאָמוניזם, וועלכער ווערט דאָ פאַרשפּרייט פון רוסישע און פּוילישע יידן אין אַמעריקע און איבער דער גאַנצער וועלט. אַלע איטאַליענישע פאַשיסטן אין אַמעריקע און די דייטשע נאַציס אין אַמעריקע זיינען מיטגלידער אין מיין אָרגאַניזאַציע און מיר אַרבעטן אין דער נאָענטער פאַרבינדונג מיט זיי...".

סמיט האָט זיך באַרימט אַז זיין אָרגאַניזאַציע האָט מיליאָנען מיטגלידער. זיינע, סמיטס בויאַנעס האָבן זיך באַטייליקט אין איבערפאַלן אויף ראַדיקאַלע מיטינגען און פלעגן פאַרפירן בלוטיקע געשלעגן.

אויסער די באַריכטן און אַרטיקלען וועגן דעם טערזאַני־פּראָצעס האָב איך אָנגעשריבן אַ ספּעציעלן אַרטיקל, „די ברוינע געפאַר אין די פאַראייניקטע שטאַטן", וואו איך האָב איבערגעגעבן איינצלהייטן וועגן דער טעטיקייט פון פאַרשיידענע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געבושעוועט אין יענער צייט.

האָבן געוואָלט דערמאָרדן רוזוועלטן

ווין איז געווען אַ וויכטיקער עדות. ער האָט דערציילט אַז די „כאַקי העמדלעך" האָבן געפּלאַנעוועט צו דערמאָרדן פּרעזידענט פרענקלין ד. רוזוועלט, כדי איבערצונעמען די רעגירונג און איינפירן אַ דיקטאַטור לויט די „פּרינציפּן" פון היטלער און מוסאָליני. אויף דעם 12טן אָקטאָבער 1933 האָבן זיי געפּלאַנעוועט אַ מאַרש אויף וואַשינגטאָן צו פאַרכאַפּן די סקלאַדן מיט געווער.

ווין און אַנדערע „גענעראַלן" וועלכע האָבן זיך שוין געפונען אין דער אָפּאָזיציע, האָבן געשטערט דעם מאַרש דורך שיקן טעלעגראַמעס צו פירער פון פאַרשיידענע אָפּטיילונגען פון דער אָרגאַניזאַציע, אַז זיי זאָלן ניט מאַרשירן. די פּאָליציי האָט זיך אַריינגעמישט און אַרעסטירט 27 מאַרשירער און פאַרכאַפּט 40 ביקסן און אַנדערע געווער מיט אַמוניציע.

אין איין פאַבריק אין פילאַדעלפיע האָט די פּאָליציי געפונען אַ צאָל באַוואָפנטע מענער, וועלכע האָבן געזאָגט אַז זיי וואַרטן אויף 4 אַזייגער פאַרטאָג צו מאַרשירן קיין וואַשינגטאָן. אַרט סמיט אַליין, דער „קאָמאַנ־דיר" פון דער אָרגאַניזאַציע, איז אַנטלאָפן דורך אַ פענצטער און אַזוי איז פון דער „רעוואָלוציע" גאָרנישט געוואָרן.

ווין האָט דערציילט אויפן עדות־שטול ווי אַזוי ער האָט געזען ווי אַרט סמיט האָט געשלאָגן דעם אַנטי־פאַשיסט פּיעראָ און ווי אַזוי אַ פאַשיסט מיטן נאָמען פרענק מאָפּער איז געווען דער יעניקער וועלכער האָט געשאָסן און געטויט פּיעראָן.

עס איז געווען נאָך אַ וויכטיקער עדות פאַר דער פאַרטיידיקונג, אַ געוועזענער קאָמאַנדיר פון די „כאַקי העמדלעך" אין פענסילוועניע, דזשעימס פיליפּס, וועלכער האָט אויך רעזיגנירט פון דער אָרגאַניזאַציע, ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון זייערע פאַשיסטישע צילן. ער איז געווען אַ וויכטיקער עדות ביים פּראָצעס.

עדות מוזן זיך אויסבאַהאַלטן

פיליפּס און אויך ווין, זיינען פיזיש אַטאַקירט געוואָרן פון די פאַ־שיסטן ווען די פירער האָבן זיך דערוואוסט פון זייער „אומלאָיאַליטעט". ווין האָט זיך אַריינגעגעבן אין אַ שפּיטאָל, און פון דאָרט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דעם פאַרטיידיקונגס קאָמיטעט.

דער אומשולדיקער קרבן טערזאַני איז באַפרייט געוואָרן, אָבער די רעגירונג האָט גאָרניט געטאָן צו באַשטראָפן דעם אמתן מערדער פון פּיעראָן. דער דיסטריקט אַטורני פון קווינס קאַונטי האָט געזאָגט אַז ער האָט ניט גענוג באַווייזן צו אַרעסטירן דעם פאַשיסט פרענק מאָפּער, אויף וועמען עדות האָבן אָנגעוויזן אַז ער איז געווען דער מערדער — און ער, דער מערדער, איז אַרומגעגאַנגען פריי. די רעגירונג האָט אויך ניט פאַרפאָלגט די „כאַקי העמדלעך" און אַנדערע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס.

דער ענין טערזאַני איז אַ וויכטיקער קאַפּיטל אין דער אַמעריקאַ־נער געשיכטע, ביים אַרויסברענגען דעם איינפלוס פון פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד. עס עקזיסטירן נאָך איצט אויך אַזעלכע אָרגאַ־ניזאַציעס אונטער פאַרשיידענע נעמען. עס איז וויכטיק צו זיין אויף דער וואַך. מען מוז אין אַלע צייטן וועקן די אַמעריקאַנער מאַסן צום קאַמף קעגן די אולטראַ־רעאַקציאָנער־פאַשיסטישע עלעמענטן, וואָס באַ־דראָען דאָס לאַנד.

דורך מיינע באַריכטן איז די „מאָרגן פרייהייט" געווען די איינציקע

יידישע צייטונג וואָס האָט אויספירלעך געבראַכט די לייענער דעם דאָזיקן היסטאָרישן פּראָצעס.

אין די יאָרן פון קריזיס

אין דער איצטיקער צייט, ווען אַרבעטסלאָזיקייט־פאַרזיכערונג איז אַ פאַקט און מיליאָנען אַרבעטער געניסן דערפון, כאָטש נאָך ניט אין אַ גענוגנדיקער מאָס, איז וויכטיק צו דערציילן וועגן דעם שווערן קאַמף וואָס די אַרבעטער־מאַסן אין אַמעריקע האָבן געהאַט צו פירן, ביז די דאָזיקע פאַרזיכערונג איז געוואָרן.

מאַסן מענטשן זיינען אַרעסטירט געוואָרן, צעשלאָגן געוואָרן, פאַר־שיקט געוואָרן אין טורמעס. אַרום 15 מענטשן האָבן פאַרלאָרן זייערע לעבנס אין די דעמאָנסטראַציעס און הונגער־מאַרשן, וואָס זיינען דורכ־געפירט געוואָרן.

דער קאַמף פאַר די אַרבעטלאָזע האָט זיך אָנגעהויבן באַלד נאָך דעם גרויסן פינאַנציעלן קראַך סוף יאָר 1929. פון 15 ביז 17 מיליאָן אַרבע־טער זיינען געבליבן אַרבעטלאָז און צענדליקער טויזנטער פון זייערע פאַמיליעס זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון זייערע דירות אין ניו־יאָרק, שיקאַגאָ, דעטראָיט און אַנדערע שטעט, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן דירה־געלט. מענטשן האָבן זיך געוואַלגערט אין חורבות, אויף די מיסט־פעלדער אַרום די שטעט און אין ביידלעך צוזאַ־מענגעשטעלט פון מיסט און ברוכוואַרג. „הואווער־ווילס" האָבן אָט־די „שטעטלעך" אויף די מיסט־פעלדער געהייסן (אַ סאַטירע אויף דעם נאָמען פון דעמאָלטיקן פּרעזידענט הערבערט הואווער). אָבער אויך פון דאָרט האָט די פּאָליציי זיי געטריבן און פאַרברענט די „וואוינונגען".

הונגעריקע מענטשן זיינען געשטאַנען שעהן לאַנג אין „ברויט־לאַינס" אין די פאַרשיידענע שטעט, וואַרטנדיק צו קריגן אַ סענדוויטש און אַ טעפּעלע קאַווע צו שטילן זייער הונגער. זעלבסטמאָרדן פון אַרבעט־לאָזע מענער און פרויען זיינען געוואָרן אַ טעגלעכע פּאַסירונג. שוידער־לעכע סצענעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין די קרייזן פון די אַרבעטלאָזע.

איך בין געווען אַ שטענדיקער באַזוכער אין די לאַגערן וואו די הונגעריקע פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן אין די לאָקאַלן פון די אַרבעטלאָזע קאָונסילס. איך האָב אויך באַזוכט די ערטער אונטער שטאָטישע בריקן, וואו די היימלאָזע האָבן געהאַט זייערע קעניגלעכע פּאַלאַצן, באַזוכט די „הואווערווילס" און עס באַשריבן אין דער „מאָרגן פרייהייט".

די פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס

די ערשטע גרויסע דעמאָנסטראַציע איז פֿאָרגעקומען דעם 6טן מערץ, 1930. גרויסע דעמאָנסטראַציעס פֿון אַרבעטלאָזע זײַנען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פֿאַרשיידענע שטעט איבערן לאַנד, אין וועלכע איבער אַ מיליאָן און 250 טויזנט מענטשן האָבן זיך באַטייליקט. אין ניו יאָרק האָבן זיך אויף יוניאָן סקווער פֿאַרזאַמלט אַרום 100 טויזנט אַרבעטער.

די רייטנדיקע פּאָליציי איז באַפֿאַלן די דעמאָנסטראַנטן, ווען זיי האָבן געמאַכט אַ פּרווו צו מאַרשירן צום „סיטי האָל". די דערווײַלטע דעלעגאַציע פֿון וויליאַם ז. פֿאָסטער, איזראַעל אַמטער, ראָבערט מאַינאָר, הערי רעימאָנד און דזשאָזעף לעסטער האָט מען אַרעסטירט, פֿאַרמשפּט און זיי זײַנען אָפּגעזעסן זייער פֿולן טערמין פֿון 6 חדשים.

דער ערשטער נאַציאָנאַלער הונגער־מאַרש איז פֿאָרגעקומען אין דער וואָך פֿון 1טן דעצעמבער, 1931. העכער 16 הונדערט דעלעגאַטן פֿון פֿאַרשיידענע שטעט פֿון לאַנד האָבן מאַרשירט און אָנגעקומען קיין וואַשינגטאָן דעם 6טן דעצעמבער, ערב דער דערעפֿענונג פֿונעם 72טן קאָנגרעס.

די מאַרשירער זײַנען געקומען אויף לאַסט־אויטאָמאָבילן, פּראַכט־וואַגאָנעס און צופֿוס. זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין אַ סך שוועריקייטן אויפֿן וועג. אין אייניקע שטעט האָבן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זיי אויפֿגענומען און באַזאָרגט מיט עסן. אייניקע שטאַט־רעגירונגען זײַנען אונטערן דרוק פֿון דער באַפֿעלקערונג געווען געצוווּנגען צו געבן נאַכטלעגער און עסן צו די מאַרשירער אויפֿן וועג קיין וואַשינגטאָן.

די רעאַקציאָנערע פּרעסע האָט אָנגעפֿירט ווילדע העצעס קעגן די מאַרשירער. פֿירער פֿון דער „אַמעריקען פֿעדערעישאָן אָוו לעיבאָר" און אויך די רעכטע סאָציאַליסטן זײַנען געווען קעגן דעם מאַרש און אין אַלגעמיין קעגן דעם געדאַנק פֿון פֿאָדערן אַרבעטלאָזיקייט־פֿאַרזיכערונג. אָבער די מאַסן זײַנען געווען אַנטשלאָסן. די נויט האָט זיי געצוווּנגען צו קעמפֿן.

פּרעזידענט הואווער האָט זיך אָפּגעזאָגט אויפֿצונעמען די דעלעגאַציע. דאָס „ווײַסע הויז" איז געווען אַרומגערינגלט מיט פּאָליציי מיט מאַשין־ביקסן. אָבער צענדליקער טויזנטער מענטשן האָבן פֿאַרפֿלייצט די טראָטואַרן פֿון וואַשינגטאָן, צוגעזען דעם מאַרש און געהערט די לאָזונגען פֿון די אַרבעטלאָזע. אַ גרויסער מאַסן־מיטינג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דעם וואַשינגטאָנער אוידיטאָריום, וואו די פֿאַרטרעטער פֿון די אַרבעטלאָזע זײַנען אַרויסגעטראָטן מיט רעדעס, און פּלענער זײַנען אויסגעאַרבעט געוואָרן פֿאַר ווײַטערדיקע קאַמפֿן.

דער צווייטער נאציאנאלער הונגער־מארש איז פארגעקומען אין 1932, ווידער אין דער ערשטער וואך פון דעצעמבער, ערב דער דערע־פענונג פון די קאנגרעס־זיצונגען. דריי טויזנט דעלעגאטן פון אלע טיילן לאנד האבן מארשירט קיין וואשינגטאן און אנגעקומען אהין דעם 6טן דעצעמבער. ווידער האבן די הונגער־מארשירער געהאט אויסצושטיין צרות אויפן וועג. פאליציי איז באפאלן א געביידע, וואו א סך דעלעגאטן זיינען געשלאפן, האבן מערדערלעך צעשלאגן א צאל דעלעגאטן און ארעס־טירט אייניקע פירער. אין וואשינגטאן האט מען פאר די מארשירער אפגעצאמט א שטיקל פעלד הינטער דער שטאט, און ארום זיי געשטעלט א וואך פון באוואפנטער פאליציי, מיט ביקסן און גאז־באמבעס. די דעלע־גאטן זיינען געשלאפן אויף דער נאקעטער ערד אדער אויף די פראכט־אויטאמאבילן.

די רעגירונג האט פריער ניט געוואלט דערלויבן די הונגער־דעלעגאטן צו מארשירן איבער די גאסן פון וואשינגטאן. אבער שפעטער האט זי געביטן איר מיינונג און א מארש איז פארגעקומען און האט געהאט א ווירקונג איבערן לאנד.

לאקאלע דעמאנסטראציעס פון ארבעטלאזע

צווישן דעם 1טן הונגער־מארש און דעם צווייטן זיינען פארגעקו־מען לאקאלע דעמאנסטראציעס אין פארשיידענע שטעט, מיט מארשן צו די סיטי האלס און שטאט־רעגירונגען. א מארש קיין אלבאני ניו יארק, איז באגעגנט געווארן מיט פאליציי־טעראר. א סך דעלעגאטן זיינען צעשלאגן געווארן.

דער 4טער פעברואר, 1932, איז געווען א נאציאנאלער טאג פון דעמאנסטראציעס אין פארשיידענע שטעט איבערן לאנד צו פאדערן אר־בעטלאזע הילף. אין פיטסבורג און אין מעקיספארט, פענסילווייניע, זיינען פארגעקומען אטאקעס אויף די דעמאנסטראנטן. מאסן זיינען צע־שלאגן און ארעסטירט געווארן.

פיר יונגע ארבעטער זיינען דערשאסן געווארן און 22 זיינען פאר־וואונדעט געווארן אין אן אטאקע אויף א דעמאנסטראציע פון ארבעט־לאזע ביי דער פארד פאבריק אין דירבארן, מישיגען, דעם 7טן מערץ, 1931. דריי ארבעטלאזע זיינען יענעם יאר דערשאסן געווארן אין שיקאגא, און עס זיינען געווען נאך קרבנות אין אנדערע שטעט.

א באנוס־מארש פון 25 טויזנט ארמיי־וועטעראנען איז געקומען קיין וואשינגטאן אין יולי, 1932. זייער פאדערונג איז געווען, אז די „באנוס"־געלטער פאר זייער מיליטער־דינסט זאלן באלד אויסגעצאלט ווערן,

און ניט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער. אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל מעקאַרטור, זיינען זייערע קעמפּס אונטערגעצונדן געוואָרן.

אין דעם הונגער־מאַרש פון דעצעמבער, 1932, קיין וואַשינגטאָן, זיינען די מאַרשירער אין אַ סך שטעט בעסער באַהאַנדלט געוואָרן דורך די שטאַטישע רעגירונגען.

מ׳האָט זיי געגעבן שפּייז און אויך נאַכטלעגער. אין ווילמינגטאָן, דעלאַווער, האָט מען אַ סך צעשלאָגן און אויך אַרעסטירט. צווישן די אַרעסטירטע איז געווען דער דעמאָלטיקער פירער פון דער פאַריערס יוניאָן, בען גאָלד.

דעם 17טן פעברואַר, 1931, איז אין ניו יאָרק פאָרגעקומען אַ דע־מאָנסטראַציע פון אַרבעטלאָזע. זייערע אַ דעלעגאַציע פון דריי איז אַריין אין „סיטי האָל" איבערצוגעבן די פאָדערונגען. מעיאָר דזשימי וואָקער האָט די דעלעגאַציע באַליידיקט, און די פּאָליציי האָט זי מערדערלעך צעשלאָגן. איינער פון די צעשלאָגענע איז געווען דער באַקאַנטער פּראָ־גרעסיווער יידישער אַרבעטער־טוער, סעם נעסין.

די אַלע קרבנות און די הונגער־מאַרשן האָבן אָבער געווירקט, אַז ענדלעך זאָלן די שטאַט־רעגירונגען און די פעדעראַלע רעגירונג זיין גע־צוואונגען צו געבן הילף צו די אַרבעטלאָזע. פאַרשיידענע שטאַטן האָבן אָנגעהויבן איינצופירן אַרבעטלאָזע פאַרזיכערונג, כאָטש ווייט ניט גענוג. אָבער ווען ניט די פּראָטעסטן און די הונגער־מאַרשן וואָלט גאָרנישט ניט געטאָן געוואָרן.

אַמעריקאַן פעדערייישאָן אָוו לייבאָר איז געווען קעגן קאַמף פאַר אַרבעטלאָזע־פאַרזיכערונג

פאַר אייניקע וועט אפשר זיין שווער צו פאַרשטיין און אייניקע וועלן גלויבן, אַז די פירער פון דער „אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר" און אַפילו די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, זיינען געווען קעגן דעם קאַמף פאַר אַרבעטלאָזיקייט־פאַרזיכערונג.

די „אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר" האָט אויף איר צוזאַמענ־פאָר אין באָסטאָן אין 1930 צוריקגעוויזן די רעזאָלוציעס פאַר אַרבעט־לאָזיקייט־פאַרזיכערונג. אין 1931, ביי אַ קאָנווענשאָן אין וואַנקואווער, וואַשינגטאָן, האָט די פירערשאַפט פון דער אַ. פ. אָוו ל. צום צווייטן מאָל צוריקגעוויזן אַ רעזאָלוציע פאַר אַרבעטלאָזער פאַרזיכערונג. דער אויס־רייד איז געווען, אַז די אַרבעטער וועלן זיך ניט וועלן אָרגאַניזירן, און די באַלעבאַטים וועלן קריגן מער מאַכט איבער די אַרבעטער.

דאָס ערשטע מאָל האָבן זיי צוריקגעוויזן די רעזאָלוציע, ווייל „די

אַרבעטער וועלן זיך אָפּהאַלטן פון אַנשליסן זיך אין דער באַוועגונג פאַר העכערע שכירות און בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען אויס מורא, אַז זיי וועלן דורך דעם פאַרלירן זייערע אַרבעטלאָזע פאַרזיכערונג״.

וויליאַם גרין, פּרעזידענט פון דער אַ. פ. אָוו ל., האָט געזאָגט, אַז דער אַמעריקאַנער אַרבעטער איז „צו שטאָלץ צו נעמען צדקה״. מעטיו וואָל, אַ וויצע פּרעזידענט פון דער „אַמעריקאַן פעדעריישאַן אָוו לייבאָר״ האָט אַפילו געפאָדערט אַז מען זאָל די מאַרשירער אַרעסטירן.

איך האָב אויך באַשריבן סצענעס פון אַרבעטלאָזע אויף יוניאַן סקווער און אַנדערע ערטער. איך האָב איבערגעגעבן וועגן אַ נאַכט אויף יוניאַן סקווער אַרום דעם דענקמאָל וואו עס איז אויסגעקריצט אין בראָנז דער גאַנצער טעקסט פון דער „דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט״, מיט די באַרימטע ווערטער: „אַלע מענטשן זיינען באַשאַפן גלייך״ און אַלע האָבן פולע רעכט אויף לעבן, פרייהייט און שטרעבונג נאָך גליק״.

איך האָב באַשריבן ווי די היימלאָזע, וועלכע האָבן ניט וואו אַוועקצולייגן זייערע קעפּ אין דער גרויסער רייכער ניו יאָרק, קומען „שטרעבן נאָך גליק״ ביי דער וואַנט פון דענקמאָל, צו קריגן פרייען נאַכטלעגער; וואו זיי לייגן זיך מיטן קאָפּ אויף דער שטיינערנער וואַנט, מיט די העכערע, רונדע טרעפּ, אַלס קישן צוקאָפּנס, און די נידעריקע טרעפּלעך אַרום דעם דענקמאָל פאַר אַ מאַטראַץ זיי ליגן אויסגעצויגן, יעדער ברעקל פּלאַץ פאַרנומען סיי ביים דענקמאָל און סיי אויף די אַרומיקע בענק. אַנדערע דרייען זיך אַרום אומזיסט זוכן אַ פּלאַץ.

אָבער רואיק קאָנען די היימלאָזע ניט שלאָפן. אַ גאַנצע נאַכט שטייען גרופּקעס מענטשן אַרום דעם דענקמאָל און דיסקוטירן פּראָבלעמען — און דער עיקר טאַקע וועגן דעם וואָס ס'איז ניטאָ וואו צו שלאָפן און וואו צו עסן. אָבער דערווייל שטערן זיי דעם שלאָף פון די וואָס האָבן זיך איינגעאָרדנט אַרום דעם דענקמאָל.

איך האָב בייגעוואוינט אַ סצענע ווען איינער פון די, וועלכע זיינען געלעגן ביים דענקמאָל האָט זיך אויפגעהויבן און אויסגעשריען צו די שטייענדיקע: „העי חברה! איר האָט דאָך היימען, וואָס־זשע קומט איר אַהער שטערן אונדזער שלאָף? דאָ איז אונדזער היים — האָט ער אָפּעלירט — לאָזט אונדז שלאָפן״.

דערויף האָט איינער פון דער שטייענדיקער גרופּע געענטפערט: „פון וואַנען ווייסט איר אַז מיר האָבן היימען? — איר האָט דאָ פאַרכאַפּט די בעסטע פּלעצער אויף צו שלאָפן. איז בעסער שווייגט און שטערט אונדז ניט צו פאַרברענגען אונדזער צייט אין שמועסן...

אויף דעם דענקמאָל איז אויך דאָ אַ מאַרמאָר־טאָוול מיט אַן אויסגע־

קריצטער פראַזע פון טאָמאַס דזשעפערסאָן, דעם פאַרפאַסער פון דער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט (דעקלאַרעישאָן אָוו אינדעפּענדענס) וואו עס זאָגט זיך: „ווי ווייניק עס ווייסן די מענטשן פון מיין לאַנד וואָס פאַר אַ טייערע געבענטשטע זאַך זיי באַזיצן. (מיינענדיק די דעקלאַראַציע) וואָס קיין אַנדער פאָלק אויף דער וועלט האָט ניט".

די הימלאָזע וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין פלאַץ וואו צו איבערנעכטיקן און וואָס צו עסן האָבן זיך ניט אומגעקוקט אויף די אויפשריפטן און זיך ניט געפילט גליקלעך מיט דעם וואָס זיי באַזיצן...

דער „פאָרווערטס" האָט געחוזקט פון די הונגער־מאַרשירער

זייער אַ מיאוסע ראָל האָט געשפּילט דער „פאָרווערטס". ווען טויזנטער אַרבעטער האָבן זיך געצויגן קיין וואַשינגטאָן אין אַ הונגער־מאַרש אין 1932, צו פאָדערן ברויט און אַרבעט, האָט דער „פאָרווערטס" געשריבן, אַז „דאָס איז ניט קיין הונגער־מאַרש, נאָר אַ פּיקניק, באַצאָלט פון מאָסקווע". אין אַן עדיטאָריעל דעם 2טן דעצעמבער, 1932, אונטער אַ קעפּל, „אַ קאָמוניסטישער פּיקניק אין וואַשינגטאָן", זאָגט זיך: „די אַמעריקאַנער צייטונגען גיבן אַ סך פּובליסיטי דעם קאָמוניסטישן הונגער־מאַרש". אַלע רעפּאָרטערס אָבער פון די אַמעריקאַנער צייטונגען האָבן אָנגעוויזן אויף דעם, אַז די קאָמוניסטישע „הונגער־מאַרשער" האָבן ניט אויסגעקוקט ווי מענטשן, וואָס ליידן הונגער". „דאָס איז ניט קיין הונגער־מאַרש, נאָר אַ פּיקניק".

דער עדיטאָריעל דרשנט ווייטער אַז „די בילס פאַרן פּיקניק ווערן באַצאָלט פון דעם זעלבן רייכן פעטער, וואָס צאָלט די בילס פון „דעילי וואָרקער", און אַז „דער דאָזיקער שפּיל איז נויטיק פאַר מאָסקווע".

דער „פאָרווערטס" האָט באַקעמפט דעם אַרבעטלאָזן קאָונסיל, די אָרגאַניזאַציע וואָס האָט געקעמפט פאַר די אינטערעסן פון אַרבעטלאָזע און געהאָלפן די וועמען מען האָט אַרויסגעוואָרפן אין גאַס פאַר ניט צאָלן קיין דירה־געלט. אין אַזעלכע פאַלן פלעגן די מיטגלידער פון קאָונסיל אַריינשטעלן די מעבל צוריק אין די וואוינונגען און באַשיצן די אַרבעטלאָזע קעגן אַ צווייטער אַרויסשטעלונג. ווען דער אַרבעטלאָזער קאָונסיל איז געוואָרן שטאַרק און אָנגענומען ביי די גרויסע מאַסן האָט דער „פאָרווערטס" געשטיצט אַן אָפּאָזיציע מיטן נאָמען „וואָרקערס אַלאַיענס". אירע מיטגלידער אָבער האָבן געצוואונגען צו אַ פאַראייניקונג מיטן קאָונסיל. דעמאָלט האָט דער „פאָרווערטס" אויך באַקעמפט די „וואָרקערס אַלאַיענס" אַלס אַ „קאָמוניסטישע מאַכערייקע".

דער קרעדיט פאַר דעם גרויסן קאַמף וואָס איז געפירט געוואָרן

לטובת די אַרבעטלאָזע אין אַמעריקע און די גינסטיקע רעזולטאַטן וואָס דער קאַמף האָט געבראַכט, קאָסטנדיק אַ צאָל קרבנות, קומט די פּראָגרעסיווע לינקע עלעמענטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון אַמעריקע בראש, און די פּראָגרעסיווע צייטונגען ווי דער „דעילי וואָרקער“ און אַנדערע.

אַ גרויסע ראָל אין דעם קאַמף פאַר אַרבעטלאָזער פאַרזיכערונג האָט געשפּילט אַ באַוועגונג פון רענק און פאַיל מיטגלידער פון דער אַ. פּ. אָוו ל., אונטער דער פירערשאַפט פון דעם באַקאַנטן פּראָגרעסיוון, דעמאָלטיקן פירער פון די פּעינטערס, לואיס ווײַנסטאָק. זיי האָבן דורכגעפירט מיטינגען און געקליבן פּעטיציעס, און צום סוף האָט די אַ. פּ. אָוו ל. געמוזט ענדערן איר שטעלונג. דאָס אַלץ האָט געפירט צום אָננעמען אַ געזעץ פאַר סאָציאַלער און אַרבעטלאָזיקייט־פאַרזיכערונג.

די ראָל פון דער „מאָרגן פרײַהייט“

עס איז וויכטיק צו דערציילן וועגן דער גרויסער ראָלע וואָס די „מאָרגן פרײַהייט“ האָט געשפּילט אין העלפן דעם קאַמף פון די אַרבעטלאָזע. די „מאָרגן פרײַהייט“ איז געווען די איינציקע יידישע צייטונג, וועלכע האָט געשטיצט די פאָדערונגען פון די אַרבעטלאָזע פאַר הילף און סאָציאַלער פאַרזיכערונג; די „מאָרגן פרײַהייט“ האָט אָפּגעגעבן אַ סך פּלאַץ אויף צו דרוקן די פּעטיציעס פון די רענק־און־פּייל פון דער „אַמעריקאַן פעדערײשאַן אָוו לעיבאָר“ און אַפּעלירט פאַר אונטערשריפטן פון די דאָזיקע פּעטיציעס. אין ביידע נאַציאָנאַלע הונגער־מאַרשן האָט זיך די „מאָרגן פרײַהייט“ באַטייליקט דורך אירע מיטאַרבעטער, וועלכע האָבן מיטגעמאַרשירט מיט די אַרבעטלאָזע און געשריבן באַריכטן און אַרטיקלען וועגן די דאָזיקע היסטאָרישע דעמאָנסטראַציעס.

דער דעמאָלטיקער רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן פרײַהייט“, דער אומשטערבלעכער משה אָלגין, האָט מיטגעמאַרשירט מיט די הונגער־דעלעגאַטן פון ניו־יאָרק ביז וואַשינגטאָן אין דעם 2טן נאַציאָנאַלן הונגער־מאַרש, אין דעצעמבער 1932.

אָלגין האָט אַדרעסירט פאַרזאַמלונגען אין פילאַדעלפיע אויפן וועג קיין וואַשינגטאָן, געשריבן טעגלעכע באַריכטן פון וועג. זיין אַרטיקל אונטערן קאָפּ „אין קעמפּ פון די הונגער־מאַרשירער“ הויבט אָלגין אָן מיט די ווערטער: „איך שרייב די שורות הינטער וואַשינגטאָן, אונטערן פרייען הימל, ביי דער ליכט פון אַ גרויסן לאַמטערן“. דער איצטיקער רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן פרײַהייט“, פּסח נאָוויק, דאַן מיטרעדאַקטאָר צוזאַמען מיט אָלגינען, האָט זיך באַטייליקט אין די דעמאָנסטראַציעס

אויף יוניאָן סקווער, ניו־יאָרק, געשריבן באַריכטן וועגן די דעמאָנ־סטראַנטן. אַנדערע מיטאַרבעטער פון דער צייטונג — ראובן יוקלסאָן, בער גרין, י. פריד און אַנדערע, האָבן געמאַרשירט מיט דעם נאַציאָנאַלן הונגער־מאַרש אין פאַרשידענע שטעט.

איך אַליין האָב געמאַרשירט מיט דעם נאַציאָנאַלן הונגער־מאַרש פון ניו־יאָרק דורך די שטעט פון ניו דזשוירזי אויפן וועג קיין וואַשינגטאָן. דער מיטאַרבעטער פון דער „מאָרגן פרייהייט", ש. אַלמאַזאָוו, האָט, אויסער זיינע אַרטיקלען און באַריכטן, אויך אָנגעשריבן אַ בראָשור וועגן סאָציאַ־לער פאַרזיכערונג, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן האָט אַרויסגעגעבן און עס ברייט פאַרשפּרייט צווישן די יידישע מאַסן אין לאַנד. אַדאַנק די גרויסע היסטאָרישע הונגער־דעמאָנסטראַציעס, געניסן איצט מיליאָנען מענטשן אין אַמעריקע די בענעפיטן פון סאָציאַל־פאַרזיכערונג. איך בין געווען אַן עדות פון די דאָזיקע היסטאָרישע קאַמפן און בין שטאָלץ מיט מיין באַטייליקן זיך אין זיי.

פאַרלוימדונגען פון אַ שונא

די עקאָנאָמישע לאַגע אין דער „מאָרגן פרייהייט" — פריער אין דער „פרייהייט" — איז שטענדיק געווען זייער אַ שווערע. ניט איינמאָל האָט געהאַלטן, אַז אונדזער צייטונג, וואָס איז געוואָרן אַזוי באַליבט און אַזאַ לעבנס־נויטווענדיקייט ביי אירע לייענער, זאָל זיך אָפּשטעלן. עס פלעגן אַוועקגיין וואָכן ווען די רעדאַקציע־מיטאַרבעטער און אָפיס סטעף האָבן ניט געקראָגן זייערע שכירות.

אַדאַנק דער מסירת־נפשדיקער איבערגעגעבנקייט פון אירע לייענער, איז די צייטונג אַלע מאָל אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. עס איז אָבער אַלע מאָל געשטאַנען די פראַגע פון עקאָנאָמיע — שפּאָרן און ווייטער שפּאָרן, שניידן די הוצאות ביזן ביין. און אין איין צייט, אין 1951, איז אויסגעקו־מען צו רעדוצירן דעם שרייבער־סטעף. דאָס האָט געטראָפן אַ צאָל שריי־בער און איך בין אויך געווען אַ קרבן פון דער דאָזיקער עקאָנאָמיע אין „מאָרגן פרייהייט".

כמעט אַלע אָפּגעזאָגטע שרייבער (מיט דעם אויסנאַם פון דריי) האָבן פאַרשטאַנען די לאַגע פון דער צייטונג און אָנגענומען דעם באַשלוס, בלייבנדיק פריינט פון דער צייטונג. דער באַרימטער קאַרטוניסט וויליאַם גראָפּער, וועלכער איז אויך געווען אַ קרבן פון דער עקאָנאָמיע, האָט ריכטיק אויסגעדריקט די שטימונג פון די אָפּגעזאָגטע מיטאַרבעטער,

ווען ער האָט ביים פּריינטלעכן געזעגענען זיך געזאָגט: „מיר טוט ווי ניט אַזוי דאָס, וואָס איך פאַרליר מיין שטעלע, נאָר דאָס וואָס די „מאָרגן פרייהייט" איז אין אַזאַ עקאָנאָמישער לאַגע, אַז זי קאָן מיך ניט אָנהאַלטן".

עס האָבן זיך אָבער געפונען אַזעלכע, וואָס ווען זיי האָבן געאַרבעט אין דער „מאָרגן פרייהייט" און געהאַט אַלע מעגלעכקייטן אַרויסצוזאָגן זייערע מיינונגען ביי די רעגולערע באַראַטונגען וואָס די רעדאַקציע פירט דורך יעדן פרימאָרגן מיט די מיטאַרבעטער, האָבן זיי קיינמאָל ניט קריטיקירט די ליניע פון דער צייטונג. זיי האָבן געשריבן אַרטיקלען, אין וועלכע זיי האָבן פאַרטיידיקט איר פּאָליטיק. אָבער נאָכדעם, ווי מען האָט זיי אַוועקגעשיקט, זיינען זיי אַוועק צו די שונאים פון אונדזער צייטונג און פאַר גוט באַצאָלט צוגעשטימט צו שפּייען זיך אַליין אין פּנים. זיי האָבן מיטאַמאָל „אויסגעפונען", אַז זיי האָבן נאָכגעפאָלגט אַ „פאַלשן אידעאַל" און זיינען אַרויס מיט פאַנטאַסטישע בלבולים אויף אונדזער צייטונג און אירע פירנדיקע מיטאַרבעטער.

די שונאים פון דער „מאָרגן פרייהייט", וועלכע האָבן אַלעמאָל געזוכט זי צו פאַרניכטן, האָבן זיך געפרייט. זיי זיינען געווען זיכער אַז זייער פינצטערער וואונטש וועט שוין באַלד פאַרווירקלעכט ווערן.

אין „פאָרווערטס" איז דעם 20טן סעפּטעמבער 1951 דערשינען אַן אַרטיקל: „דער חורבן אין דער מאָרגן פרייהייט". דאָרט איז דערציילט געוואָרן, אַז דער „מאָרגן פרייהייט" סטעפט איז פאַרקלענערט געוואָרן. עס ווערן אָנגעגעבן עלף נעמען, וועמען מען האָט אויסגעשלאָסן, מיין נאָמען אַריינגערעכנט. „די אויסגעשלאָסענע", זאָגט זיך דאָרט, „זיינען געווען דער רוקן־ביין פון 'פרייהייט' סטעף שרייבער, ניט בלויז פון שטאַנדפּונקט פון טאַלאַנט און פעאיקייט, נאָר פשוט פון שטאַנדפּונקט פון פּראָדוקציע" — ניט מער און ניט ווייניקער...

דער שרייבער צעלאָזט זיך מיט ליגנס וועגן אינערלעכע רייסערייען און אינטריגעס. „דאָס רופט זיך אָפּ אויף דעם מאַטעריעלן צושטאַנד פון דער צייטונג", זאָגט ער מיט פרייד. די איינקונפטן האַלטן אין איין פאַלן. אויב עס וועט ווייטער אַזוי אָנהאַלטן, וועט די „פרייהייט" ניט קאָנען לאַנג דערשיינען אַלס אַ טעגלעכע צייטונג". און דאָ בראָקט ער אַריין נאָך אַ ליגן. ער זאָגט, אַז „אין די ענגערע קרייזן פון דער פאַר־וואַלטונג רעדט מען שוין וועגן פאַרוואַנדלען די „פרייהייט" אין אַ וואָכנשריפט".

די שונאים האָבן זיך אומזיסט געפרייט. זינט דאַן איז שוין אַוועק 19 יאָר און די „מאָרגן פרייהייט" עקזיסטירט נאָך אַלץ און וועט ווייטער

עקזיסטירן אַלס אַ טעגלעכע צייטונג. די איבערגעגעבענע פריינט פון דער „מאָרגן פרייהייט" זיינען, ווי אַלעמאָל, זיך מקריב צו שטיצן זייער צייטונג און זען אַז זי זאָל עקזיסטירן און זאָגן איר וואָרט וועגן אַלע וויכטיקע פּראָבלעמען.

אַן ענטפער דעם פאַרלוימדער

ווי די לייענער פון דער „מאָרגן פרייהייט" ווייסן, בין איך אַן אָפטער גאַסט אין אונדזער באַלימטער צייטונג. איך בין געווען דער־צאַרנט ווען איך האָב דערזען יענעם שענדלעכן אַרטיקל אין „פאָר־ווערטס" מיט מיין נאָמען אַריינגערעכנט. איך האָב באַלד אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וואָס איז געווען געדרוקט אין דער „מאָרגן פרייהייט" דעם 26טן סעפּטעמבער, 1951, אונטער אַ קאָפּ: „וואָס די פאַרלוימדער זיינען אויסן". איך האָב געשריבן וועגן דער געשיכטע, וואָס איז דערציילט געוואָרן אין „פאָרווערטס", אַז מען האָט מיך, און אַנדערע שרייבער פון דער „מאָרגן פרייהייט", „אַרויסגעוואָרפן", אָדער מיר זיינען אַליין אַוועק צוליב „אינערלעכע רייסערייען", אָדער קעגנערשאַפט צו דער פּאָליטיק פון דער צייטונג. איך האָב אָנגעוויזן, אַז ביי די שונאים זיינען אַזעלכע פּאַסקווילן אַ מיטל צו שעדיקן אונדזער צייטונג און אַרויסגעבראַכט דעם אמת, אַז אַ טייל שרייבער געפינען זיך מער ניט אין דעם אינעווייניקסטן סטעף — צוליב דער עקאָנאָמישער לאַגע און ניט צוליב וועלכער ניט איז ניט־איינשטימיקייט.

איך האָב געשריבן, אַז „איך וויל דערקלערן די אַלע לייענער פון דער „מאָרגן פרייהייט" און אויך צו די לייענער פון „פאָרווערטס", צווישן וועלכע עס זיינען דאָ אַ סך וועלכע קענען מיך צוליב מיין לאַנגיאָריקער טעטיקייט אין דער אַרבעטער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אַז איך בין איצט, ווי אַלעמאָל, הונדערט פּראָצענט אידעאָלאָגיש איינשטימיק מיט דער „מאָרגן פרייהייט". איך רוף אַלע אָרנטלעכע מענטשן צו שטיצן די „מאָרגן פרייהייט".

איך האָב פאַרענדיקט דעם אַרטיקל מיט די ווערטער: „איך פאַרדאַם די רכילות־שרייבער אין „פאָרווערטס", וועלכע ווילן אויסנוצן מיין נאָמען און די נעמען פון אַנדערע לאַנגיאָריקע טוער אין דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג צו שעדיקן אונדזער ליבער צייטונג אויף דער יידישער גאַס".

שרייבערייי — ווי אַ דינסט צום פאָלק און זיין צוקונפט

ווי געזאָגט, זיינען זינט דעמאָלט שוין אַוועק 19 יאָר. איך בין ענג פאַרבונדן מיט דער „מאָרגן פרייהייט", כאָטש איך בין ניט אין דעם אינעווייניקסטן סטעף. איך האָב זינט דאַן געשריבן אַ סך אַרטיקלען. איך

שרייב ווען איך וויל, אָדער ווען איך קריג אַ ספּעציעלע באַשטימונג צו שרייבן וועגן אַ דרינגענדיקן ענין. און איך האָף, ניט געקוקט אויף מיין עלטער, נאָך מיטצואַרבעטן אין אונדזער צייטונג אַ סך יאָרן, אויב מיינע כוחות זאָלן אָנהאַלטן ניט ערגער ווי איצט.

איך בין געוואָרן אַ שרייבער ניט דערפאַר וואָס איך האָב אויס־געקליבן שרייבעריי אַלס אַ פּראָפעסיע, נאָר איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן אַלס אַ מיטל פאַרצוזעצן מיין פּראָפּאַגאַנדע פאַר מיין סאָציאַליסטישן אידעאַל, — געשריבן אַרטיקלען וועגן פּאָליטישע געשעענישן, סטרייקס, באַריכטן פון אַרבעטסלאָזע דעמאָנסטראַציעס, אַרטיקלען וועגן היסטאָרישע קאַמפן און באַרימטע קעמפער, ווי אַ לעקציע פאַר דער איצטיקער צייט.

די „מאָרגן פרייהייט" האָט מיר געדינט אין מיינע שטרעבונגען, ווי זי דינט אַלע קעמפער פאַר גערעכטיקייט און איך האָב געדינט דער „מאָרגן פרייהייט" מיט וויפל איך האָב געקענט.

איך בין צופרידן מיט מיין אַרבעט אין דער „מאָרגן פרייהייט". איך שעפּ באַגייסטערונג סיי פון די מיטאַרבעטער פון אונדזער צייטונג, וועלכע אַרבעטן מיט אַזוי פיל מסירת נפש אַרויסצוגעבן די צייטונג, און סיי פון דער אויסערגעוויינלעכער איבערגעגעבנקייט פון די לייענער, וועלכע שטיצן זי. איך בין זיכער, אַז די צוקונפט איז מיט אונדז.

צום סוף וויל איך פאַרענדיקן מיט אַן אויסצוג פון „אַ בליק אין דער צוקונפט", פון דעם באַרימטן אַמעריקאַנער פריידענקער ראָבערט אינגערסאָל.

אינגערסאָל איז געווען אַ קעמפער קעגן שקלאַפעריי און פאַר אַ בעס־סערער געזעלשאַפט. זיין אַרטיקל: „איך זע אַ זעאונג", איז אַ פּערל, וואָס פאַרדינט מ'זאָל עס געדענקען. פּונקט ווי דער מאַרטירער, מאַרטין לוטער קינג, מיט זיין באַרימטער נבואה: „איך האָב אַ טרוים", אַזוי האָט ראָבערט אינגערסאָל מיט אַ סך יאָרן צוריק אָנגעשריבן אַ נבואה: „איך זע אַ זעאונג" —

„איך זע אַ זעאונג פון דער צוקונפט. עס גייט אויף אַ וועלט אָן שקלאַפן, דער מענטש איז ענדלעך פריי: די כוחות פון דער נאַטור זיינען דורך דער וויסנשאַפט פאַרשקלאַפט צו דינען דער מענטשהייט; בליצן און ליכט, ווינטן און כוואַליעס, פראָסט און פלאַמען, און די געהיימע קרעפטן פון דער ערד, און די לופט, זיינען די אומדערמידלעכע אַרבע־טער פאַר דער מענטשהייט

„איך זע אַ וועלט פון פרידן, באַצירט מיט יעדער פאָרם פון קונסט, וואו ליפּן זיינען רייך מיט ווערטער פון ליבע און אמת; אַ וועלט וואו עס זיינען ניטאָ קיין זיפצן פון אַ פאַרשיקטן, דער טרויער פון אַ געפאַנ־

גענעם; אַ וועלט, וואו עס פאַלן נישט די שאָטנס פון דער תליה; אַ וועלט, וואו דער אַרבעטער קריגט זיין פולע באַלוינונג, וואו דאָס לעבן ווערט פאַרלענגערט, די פרייד ווערט טיפער, ליבשאַפט באַדעקט די ערד און איבעראַל אין דעם גרויסן בנין שיינט דער אייביקער שטערן פון האָפענונג״.

צו אַזאַ וועלט שטרעבט אונדזער „מאָרגן פרייהייט״ און איך בין גליקלעך צו זיין אַ מיטשאַפער אין דער הייליקער אַרבעט, וואָס זי טוט.

אויפדעקונג וועגן רעקעטירס און שווינדלער

אַרבעטנדיק אין דער „מאָרגן פרייהייט״־רעדאַקציע איז מיר אויסגעקומען פיל מאָל, אין די אינטערעסן פון די יידישע פאָלקס מאַסן וועמען די צייטונג דינט, אויפצודעקן שווינדלערייען און רעקעטס וואָס געוויסע שווינדלער האָבן אָנגעפירט אין נאָמען פון צדקה און כלל־טוערײ.

איך האָב אונטערזוכט געוויסע מושב זקנים אינסטיטוציעס און באַשריבן אין אַ סעריע אַרטיקלען ווי אַזוי מען באַשווינדלט אַלטע לייט, אין געוויסע אינסטיטוציעס; ווי אַזוי מען באַהאַנדלט זיי שלעכט. מען פאָדערט גרויסע סומען געלט פאַר איינטריט, אָבער די אינסטיטוציע איז גאָר ניט פאַראַנטוואָרטלעך צו די קליענטן פאַר די איינגעצאָלטע געלטער. אין יענע אינסטיטוציעס איז אָנגעגאַנגען אַ טאָפּלטע בוכהאַלטעריע, זיי האָבן פון איין זייט געפאָדערט גרויסע סומען געלט פאַר אַריינגעמען אַן אַלטן מאַן אין אַ מושב זקנים און פון דער צווייטער זייט האָבן זיי די דאָזיקע סומען אַריינגעשריבן אַלס אַ נדבה, אַ ביישטייערונג צו דער „האָום״. אַזוי האָבן די „האָומס״ געזוכט ביי דער ערשטער געלעגנהייט פּטור צו ווערן פון זייער קליענט און מאַכן ליידיק אַ בעט פאַר אַ נייעם קרבן.

איך האָב גערעדט מיט די קרבנות וועלכע האָבן מיר דערציילט זייערע קריוודעס. אין איין פאַל האָט אַ „האָום״ אַרויסגעוואָרפן אַן אַלטע פרוי אַ פאָר וואָכן פאַר ראש השנה. איך האָב געקראָגן די פאַקטן און זיי ברייט איבערגעגעבן אין דער „מאָרגן פרייהייט״. איז געקומען צולויפן דער פרעזידענט פון דער „האָום״ צוזאַמען מיט זיין סעקרעטאַר אין רעדאַקציע פון דער „מאָרגן־פרייהייט״ און מיר אָנגעבאָטן אַ באַלוינונג איך זאָל רחמנות האָבן און אָפּלייקענען וואָס איך האָב געשריבן וועגן זייער „האָום״, ווייל איך הרגע אָוועק זייערע אויסזיכטן צו זאַמלען ביישטייערונגען בשעת די יום־טובים אין דער „האָום״ און אין די שולן. איך האָב דעם פרעזידענט פון דער „האָום״ געענטפערט, אַז דער איינציקער וועג איז, גוט צו מאַכן דעם שאָדן, וואָס זיי האָבן אָנגעטאָן דער אַלטער פרוי, וועמען

זיי האָבן אַרויסגעוואָרפן, דורך צוריק אַריינגעמען זי און זען אַז זי זאָל דאָרט קאָנען פאַרבלייבן. און אַזוי האָט דער פּרעזידענט געטאָן.

איין מושב זקנים אויף דער איסט סאַיד האָט אַרויסגעגעבן אַ בראָשור וואָס האָט איינגעשלאָסן אַ קאַפּיטל וועגן מיינע אויפדעקונגען פון דעם שווינדל. די אָנפירער פון מושב זקנים האָבן פּרובירט דערציילן, אַז איך האָב זיך פאַראייניקט מיט שונאים פון דער אינסטיטוציע, כדי זי צו שעדיקן. אָבער זיי האָבן געזאָגט אַז ליידער האָב איך עס געשריבן אויף אַזאַ אופן, אַז זיי קאָנען מיך ניט אָנקלאָגן אין געריכט. דער פאַקט איז אַז זיי האָבן ניט געקענט אָפּלייקענען מיינע אויפדעקונגען.

שווינדלערייען אין צדקה אינסטיטוציעס זיינען ניט געווען קיין נייעס. די פירער פון די צדקה־אינסטיטוציעס ווילן ניט אויסזאָגן אַפילו ווען זיי כאַפּן איינעם וואָס האָט זיי אַליין באַשווינדלט — כדי ניט קאַליע צו מאַכן זייערע געשעפטן. די יידישע פּרעסע, אויסער דער „מאָרגן פריי־הייט", פאַרשווייגט אַזעלכע סקאַנדאַלן, און אַזוי גייען אָן די שווינדלע־רייען יאָרן־לאַנג.

די „מאָרגן פרייהייט" האָט אָבער געהאָלפן אויפדעקן אַ צאָל אַזעלכע שווינדלערייען און פאַרברעכנס. און איך האָב אַ סך געשריבן וועגן דעם.

די געשיכטע פון ראַבאַי ביכלער

איינע פון די מערקווירדיקסטע געשיכטעס, ווי אַזוי ממש אַ „געניאַ־לער" שווינדלער האָט 25 יאָר נאָכאַנאַנד אָפּגענאַרט הונדערטער יידן, ביז מ'האָט אים אויפגעדעקט און פאַרשיקט אין טורמע, איז די אַפּערע פון ראַבאַי ביכלער.

ביכלער האָט פּאַראַדירט אויף דער איסט סאַיד פון ניו יאָרק אַלס אַ רב, אַ לאָיער, אַ בעל־דרשן, און עצה געבער, אַ ראַדיאָ־קאָמענטאַטאָר, אַן אָנפירער פון אַ יידישן „אַרביטרעישאָן" (פאַרמיטלונג) געריכט, אַ פאַרטרעטער פון צדקה אונטערנעמונגען, אַ קאַנדידאַט פאַר קאָנגרעס — און וואָס ניט?

מיין אויפמערקזאַמקייט איז געצויגן געוואָרן צו אַ דרשה וואָס דער דאָזיקער ראַבאַי, וועלכער האָט זיך אויך גערופן „דאָקטאָר", שמואל ביכלער, האָט געהאַלטן דעם 13טן מערץ 1935, וואו ער האָט געטאַדלט די יעניקע יידן, וועלכע וואָרענען קעגן אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע. ער האָט שטאַרק פאַרטיידיקט דעם דעמאַלטיקן טרויעריק־באַרימטן קאַטוילישן גלח „פאַטער" קאָגלין, וועלכער האָט געהאַלטן העצערישע „סוירמאָנס" אויף אַ נעץ ראַדיאָ סטאַנציעס, און פאַרסמט די לופט מיט אַנטיסעמי־טישער פּראָפּאַגאַנדע.

ביכלער האָט געזאָגט אַז קאָגלין איז אַ רעפאָרמער, און האָט אַטאַ־קירט דעם באַליבטן ראַבאַי סטיפען וואַיז, למאי ער באַקעמפט קאָגלינען. ביכלער האָט אָנגערופן ראַבאַי וואַיזן „עם הארץ״, אַן אומוויסנדיקער מענטש. ביכלער איז ניט איינמאָל געשלעפט געוואָרן אין געריכט און געשטעמפּלט געוואָרן אַלס שווינדלער, אָבער ער איז אָנגעגאַנגען מיט זיינע שווינדלערישע טעטיקייטן.

איך האָב אָנגעהויבן באַזוכן זיין שול, וואו ער איז געווען דער אייגנ־טימער און בעל־דרשן, זיך צוגעהערט צו זיינע דרשות. באַקענט זיך מיט איניקע פון זיינע קרבנות, וועמען ער האָט באַשווינדלט — און בין אַרויס מיט אַן אַרטיקל אין דער „מאָרגן פרייהייט, אונטערן קאָפּ: „אַ יידישער געריכט וואָס איז אַ רעקעט, און אַ רבֿ, וואָס פאַרטיידיקט קאָגלינען״. איך האָב אויך באַשריבן קלאָגן פון קרבנות, וועמען ער האָט באַשווינדלט.

איך בין אַוועק אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק, אַ זוך געטאָן זיין פריערדיקן רעקאָרד, און דאָ האָב איך געזען אַז מ׳האָט צו טאָן מיט אַ דורכגעטריבענעם שווינדלער.

דעם 5טן אַפּריל 1935, איז דערשינען אין דער „מאָרגן פרייהייט״ מיינער אַן אַרטיקל אונטערן קאָפּ: „ביכלער אַ שווינדלער מיט אַ פאַר־גאַנגענהייט״. דאָרט האָב איך איבערגעגעבן ווי אַזוי ביכלער איז אין 1931 געפונען געוואָרן שולדיק אין גניבה („גרענד לאַרסעני״), אויף קלאָגן פון פינף מענטשן וועמען ער האָט באַשווינדלט.

איינעם האָט ער געוויזן אַ בלעכל און זיך אָנגעגעבן אַלס אַן אימי־גראַציע־באַאַמטער, אים צוגעזאָגט צו געבן אַ שטעלע און געקראָגן ביי דעם קרבן הונדערט מיט צען דאָלאַר. אַ צווייטער פאַל איז געווען ווען ביכלער האָט געגעבן אַ פרוי אַ פּאַפּיר און פאַלש אונטערגעשריבן אַ נאָמען פון אַ ריכטער. ער האָט געזאָגט דער פרוי, אַז זי קאָן מיט דעם פּאַפּיר אַרויסקריגן אירן אַ קרוב, אַ פּאַציענט אין אַ שפּיטאָל פאַר גייסטיק־קראַנקע. ביכלער האָט געקראָגן דערפאַר געלט פון דער פרוי. אין שפּי־טאָל האָט מען דערקענט אַז עס איז ניט געווען דעם אָנגעגעבענעם ריכ־טערס האַנטשריפט און דורך די שרייב־מאַשין צייכנס פעסטגעשטעלט אַז דאָס איז געקומען פון ביכלערס אָפיס. ביכלער האָט אויך אַרויסגע־קראָגן סומען געלט פון מענטשן פאַר וועמען ער האָט זיך באַרימט אַז ער האָט אַ גרויסן איינפלוס אין די הויכע פענצטער אין וואַשינגטאָן און וועט אַריבערברענגען זייערע קרובים פון אייראָפּע.

דעם 4טן מאַי 1931 האָט אַ דזשורי געפונען ביכלערן שולדיק און אַ ריכטער האָט אים פאַרמשפּט צו פינף יאָר טורמע. טעמעני־פּאָליטישנס

האבן זיך איינגעשטעלט פאר אים און אין א העכערן געריכט איז די שטראף אומגעביטן געווארן אויף „פראבעישאן". ביכלער האט דערביי פארלארן דאס רעכט צו פראקטיצירן אלס לאיער.

א „רעקעט" מיט בלייפעדער

אן אינטערעסאנטע געשיכטע איז ווי אזוי ביכלער האט נאך פריער אנגעפירט א רעקעט מיט בלייפעדערס וועלכע ער האט צעשיקט צו יידן איבערן גאנצן לאנד בעטנדיק מען זאל „קויפן" די בלייפעדערס פאר 2 דאלאר א טוצן און דאס געלט וועט גיין פאר דעם בענעפיט פון א שפיטאל אין טראנסילוואניע, רומעניע. די רעגירונג האט אין דער אנקלאגע קעגן ביכלערן באוויזן, אז יענער שפיטאל האט כמעט גאר ניט געקראגן פון די דאזיקע געלטער.

ביכלער האט אריינגעקראגן פאר א שותף איינעם וואס איז געווען ארעסטירט פאר גניבה. ביכלער האט זיך מיט אים באקענט אין טורמע. דער גנב האט אויך געהאט א צדקה־רעקעט, ער פלעגט פאנאנדערשיקן פאטשיילקעס און געבעטן געלט פאר דעם „בענעפיט פון פארקריפלטע קינדער". די צוויי שווינדלער מיט נאך א דריטן זיינען געווארן שותפים און ארגאניזירט א קארפארעישאן אונטער דעם נאמען „אקמי נאוועלטי קאמפאני", מיט אן אדרעס אין בראנקס, פון וואנען זיי האבן אנגעפירט זייערע „צדקה"־געשעפטן. די געשעפטן זיינען געגאנגען גוט, אבער ביכלער האט אויך געוואלט באשווינדלען זיינע שותפים און האט אין פאסט אפיס איבערגעשריבן דעם אדרעס פון דער „קארפארעישאן", וואוהין עס האבן געדארפט אנקומען די צדקה־געלטער — אויף זיין אייגענעם פערזענלעכן אדרעס. די שותפים האבן זיך געכאפט און אויסגעזאגט פון חדר.

ביכלער איז אנגעקלאגט געווארן פון דער רעגירונג אין פאלש שווערן, ווען ער האט עדות געזאגט אז ער קען ניט איינעם פון די שותפים, דעם געוועזענעם גנב. ביכלער, איז געפונען געווארן „ניט שולדיק", אבער ער האט געמוזט אויפגעבן זיין בלייפעדער־רעקעט. ער איז אבער אנגע־גאנגען מיט אנדערע שווינדלערייען.

די „באר אסאסיעישאן" (פארבאנד פון לאיערס) האט אריינגעבראכט 35 קלאגן קעגן זיין אויפפירונג אלס לאיער, — ביז ס'איז אים פארבאטן געווארן צו פראקטיצירן אלס לאיער.

רבנים דרוקן איבער און פארשפרייטן מיינע ארטיקלען

די רבנים פון דער איסט־סאיד האבן אנגעפירט א קאמף קעגן ביכ־לערן; מיינע ארטיקלען אין דער „מארגן פרייהייט", וואו איך האב אי־

בערגעגעבן אַזוי פיל פון זיין מיאוסן רעקאָרד, זיינען זיי צוניץ געקומען. די רבנים האָבן זיי אָפּגעדרוקט אין אַ פּלוג־בלעטל אונטער מיין נאָמען, און עס פאַרשפּרייט אין די שולן און אויף די גאַסן פון דער איסט־סאַיד.

ווי שוין פריער געזאָגט, האָט ביכלער אָנגעפירט זיינע שווינדלערייען גאַנצע 25 יאָר. ניט קוקנדיק אויף אַלע געריכט־אויפדעקונגען, האָט ער אַלץ פאָרגעזעצט אָנצופירן מיט אַ יידישן געריכט, געלאָפן פאַר קאָנ־גרעסמאַן און איז געווען פאַרבונדן מיט אַלערליי מיאוסע פּאָליטישענס. אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען ביז 1942. מען האָט אַריינגעבראַכט אין געריכט קלאַגן פון נייע קרבנות וועמען ער האָט באַשווינדלט. אין דעצעמבער 1942 האָט ריכטער דזשאָנאַ גאָלדשטיין פאַרמשפּט ביכלערן צו אַ יאָר טורמע, אויף די לעצטע קלאַגן פון שווינדלערייען, אין וועלכע אַ דזשורי האָט אים געפונען שולדיק. דער ריכטער האָט דערביי געזאָגט אַז ער האָט ביכלערן געדאַרפט פאַרמשפּטן אויף 25 יאָר טורמע, נאָר אַזוי ווי ביכלער איז שוין דאַן געווען 60 יאָר אַלט, האָט דער ריכטער אים 24 יאָר טורמע סוספּענדירט און באַשטראָפט אים נאָר מיט איין יאָר טורמע. דערביי האָט אים דער ריכטער פאַרבאָטן צו פאַרנעמען זיך מיט צדקה אָדער רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס צוליב פּערזענלעכן פּראָפיט; פאַר־אָרדנט אַז ער טאָר זיך ניט רופן „ראַבאַי" אָדער „לאָיער". אויב ער וועט איבערטרעטן די פאַרבאָטן, וועט ער קריגן די פולע 25 יאָר טורמע.

ביים לעצטן פּראָצעס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ביכלער האָט גאָר איינגאַנצן ניט געהאַט קיין רעכט צו רופן זיך רב. דר. פּנחס כורגין, פון ישיבה רבי יצחק אלחנן האָט אונטערגעזוכט די דאָקומענטן וואָס ביכלער האָט געהאַט פון אונגאַרן, און דערקלערט אַז ביכלער האָט די אַלע יאָרן ניט געטאָרט זיך אָנרופן רב.

אַזוי, אַדאַנק דעם שטילשווייגן פון דער באַלעבאַטישער יידישער פּרעסע און דעם איינפלוס פון קאָרופּטע פּאָליטישענס האָט דער „געניאַ־לער" שווינדלער געקאָנט פינף און צוואַנציק יאָר אָנגיין מיט באַרויבן און באַשווינדלען הונדערטער קרבנות.

די „מאָרגן פרייהייט" איז געווען די איינציקע יידישע צייטונג, וועלכע האָט אַראָפּגעריסן פון אים די מאַסקע.

שולץ און דער „פאָרווערטס"

נאָך אַ מיאוסער נפש, וועלכער האָט אויסגענוצט זיין טיטל „ראַבאַי" פאַר שענדלעכע געשעפטן, איז געווען איינער, בענדזשאַמין שולץ.

די יידישע מאַסן אין אַמעריקע זיינען אין 1947 געוואָרן אויפגע־

צאָרנט פון אַ נפש וואָס האָט זיך געוויזן אין דער ענגלישער פּרעסע, פּאַראַדירט אונטערן נאָמען „ראַבאַי" און געדינט דעם טרויעריק־באַרימטן מכשפה־יעגער סענאַטאָר דזשאָזעף מעקאַרטי.

שולץ איז געווען אַ ראַבאַי אין דעם רעפאָרם טעמפּל עמאַנועל אין יאָנקערס, ניו יאָרק. מען האָט פון אים פריער ווייניק געהערט, אָבער אין 1941 האָט ער געקראָגן אַ סך „פּובליסיטי". ער איז אַרויס מיט אַ סעריע אַרטיקלען אין דער דעמאָלטיקער ניו יאָרקער טעגלעכער צייטונג „דהי וואָרלד טעלעגראַם", וואו ער האָט פאַרמסרט סינאַגאָגן, און אַ רייע אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך יידישע פּערזענלעכקייטן, צווישן זיי דעם באַליבטן יידישן פירער ראַבאַי סטיפען וואַיז. שולץ האָט געהעצט, אַז זיי פירן „קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע".

די אַרטיקלען האָבן אַרויסגערופן פּראָטעסטן פון אַ גרויסער צאָל יידישע אָרגאַניזאַציעס. דער ועד (וואַאַד)הרבנים פון ניו יאָרק האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו פאַרדאַמען דעם מסור. ראַבאַי וואַיז האָט געזאָגט אין אַן אינטערוויו פאַר צייטונגס־לייט, אַז שולץ איז באַגאַנגען דעם נידעריקסטן פאַרברעכן, אַז ער (וואַיז) וואָלט אים ניט דערלויבט ניט נאָר צו זיין אַ ראַבאַי, נאָר אַפילו צו זיין אַ מיטגליד אין קאָנגרעגעישאָן.

די באַאַמטע פון טעמפּל עמאַנועל האָבן באַלד גענומען שריט אַרויסצוואַרפן שולצן פון זיין שטעלע און זיי האָבן עס טאַקע דורכגעפירט. האָט דער מסור זיך באַקלאָגט פאַרן „פאָרווערטס" און דער „פאָרווערטס" האָט אים צוגעדריקט צו זיין בוזעם און געקרוינט פאַר אַ מאַרטירער, אַ גרויסן מענטשן מיט וועמען יידן דאַרפן זיין שטאָלץ.

ווען דער טעמפּל האָט גענומען שריט צו באַזייטיקן שולצן, איז דער „פאָרווערטס" אַרויס (דעם 23טן אָקטאָבער 1947) מיט אַ קאָפּ אויף דער ערשטער זייט: „ווילן אַרויסוואַרפן אַ ראַבאַי פאַר דערציילן אַז קאָמוניסטן נוצן אויס געוויסע רעליגיעס" — און דערציילט ווי דער ראַבאַי האָט זיך פאַרן „פאָרווערטס" באַקלאָגט וועגן זיין לאַגע אין טעמפּל.

ווען שולץ איז טאַקע אַרויסגעוואָרפן געוואָרן האָט דער „פאָרווערטס" געווידמעט דער געשיכטע אַ גרויסן עדיטאָריעל. דער קאָפּ פון עדיטאָריעל האָט זיך געלייענט: „האָט אַ רב אַ רעכט צו זיין קעגן קאָמוניזם?". דער עדיטאָריעל האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „מיר האַלטן אַז די פאַרוואַלטער פון דעם טעמפּל עמאַנועל פון יאָנקערס זיינען באַגאַנגען אַ פאַרברעכן, אַזאַ שווידערלעכן אומגעהערטן פאַרברעכן, אַז אויב זיי וועלן עס באַלד ניט קאָרעגירן וועלן זיי פון זיך קיינמאָל ניט קאָנען אָפּווישן דעם שאַנד פלעק".

„דער פאָרווערטס", צעלאָזט זיך וועגן די מסירות אַרטיקלען פון

דעם דאַזיקן ראַבאַי אַז זיי זיינען „העכסט אינפאָרמאַטיוו, אַנגעפיקעוועט מיט פאַקטן". פון די אַרטיקלען, זאָגט דער „פאָרווערטס", האָט מען געקאָנט זען, „אַז ראַבאַי שולץ איז אַ טיפער פאָרשער און דענקער און אַז ער האָט גרויס צער פון דעם וואָס די קאָמוניסטן שעדיקן די רעליגיעזע גרופּן דורך איינדרינגונג".

דער „פאָרווערטס" האָט געשריבן, אַז מיט דעם מסורס אַרטיקלען אין דער ענגלישער פּרעסע האָט ער ניט געשעדיקט דעם טעמפּל עמאַנועל נאָר פאַרקערט, „זיי (די אַרטיקלען) האָבן באַוויזן אַז אין דער שפּיץ פון טעמפּל עמאַנועל שטייט אַ רב אַ פאָרשער, אַ דענקער און גוטער אַמעריקאַנער".

דער „פאָרווערטס" האָט באַרעכטיקט שולצס מסירה אויף ראַבאַי וואַיזן און אויסגעדריקט כעס אויף וואַיזן. דער עדיטאָריעל אין „פאָרווערטס" זאָגט: „ראַבאַי וואַיז טראָגט נאָך אַ גרעסערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם וואָס מען האָט אָפּגעזאָגט ראַבאַי שולץ, דערפאַר וואָס ער (ראַבאַי וואַיז) האָט געמאַכט זיין דערקלערונג צו ציימונגס־לייט".

וועגן דער מסירה אויף ראַבאַי וואַיזן זאָגט דער עדיטאָריעל: „איז דען פאַראַן איינער אין אַמעריקע, אויסער די קאָמוניסטן, וואָס ווייסט ניט אַז דאָס איז דער ריינער אמת?".

אויף מאָרגן, דעם 25טן אָקטאָבער 1947, דרוקט דער „פאָרווערטס" אַ גרויסן אַרטיקל מיט אַן 8 קאָלומדיקן קאָפּ: „ראַבאַי שולץ און זיין קאַמף קעגן קאָמוניזם און די מלחמה אין זיין טעמפּל" (געשריבן פון דזשעי גרעיסאָן). דער אַרטיקל איז ווידער פול מיט לויב־געזאַנג פאַר דעם מסור און מיט אַטאַקעס אויף די פאַרוואַלטער פון טעמפּל עמאַנועל פאַרוואָס זיי האָבן אָפּגעזאָגט פון זיין שטעלע אַזאַ טייערן מענטשן.

שולץ האָט, באַלד ווי ער האָט פאַרלאָרן זיין שטעלע, געגרינדעט אַן אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „די אַמעריקאַנער יידישע ליגע קעגן קאָמוניזם", וואו ער איז געוואָרן אַ באַצאָלטער עקזעקוטיוו־דירעקטאָר און וואו ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אַלערליי מסירות אויף יידישע אָרגאַניזאַציעס און פּערזענלעכקייטן.

אין נאָוועמבער 1945 האָט ער געפירט אַ מאַרש קיין וואַשינגטאָן צו שטיצן דעם דעמאָלטיקן פאַשיסטישן מכשפה־יעגערישן סענאַטאָר דזשאָזעף מעקאַרטי, ווען דער סענאַט האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו טאַדלען מעקאַרטין פאַר הפקרדיקע מעשים קעגן ליבעראַלע מענטשן און אָרגאַניזאַציעס, וועמען ער האָט פאַרפאָלגט און באַשולדיקט אין קאָמוניזם.

אַ מליץ־יושר פאַר נאַציס

איך האָב באַזוכט דעם אָפיס פון דער דאָזיקער יידישער אַנטי־קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע. געהאַט אַ שמועס מיט דעם דירעקטאָר, געקראָגן ליטעראַטור און אינפאָרמאַציע און אויסגעפונען אַז די אַנטי־קאָמוניסטישע ליגע איז געגרינדעט געוואָרן אין דעם הויז פון דעם פּראָפעסיאָנעלן „רעד בעיטער" יודזשין לאַיאָנס. ווערמענס יידישער נאָמען איז מאָריס כלעבאָוו, האָט זיך קיינמאָל ניט אינטערעסירט מיט יידישע פראַגן. אַלס מיטרעדאַקטאָר פון דעם ענגלישן וואָכנבלאַט פון די „פאָרווערטס"־לייט „ניו לידער", איז לאַיאָנס אַרויסגעטראָטן אַלס מליץ־יושר פאַר די נאַציס און געפאָדערט פאַר זיי רחמנות, אַנשטאָט שטראָף.

אין אַן אַרטיקל אין „ניו לידער", דעם 9טן יוני 1947, שרייבט לאַיאָנס: „וואָס מען דאַרף איז ניט צו רעפאָרמירן דייטשלאַנד, נאָר די גאַנצע מענטשהייט. איצט איז ניט די צייט פאַר נקמה, נאָר פאַר רחמנות, ניט אויף צו פאַרדאַמען אַנדערע, נאָר צו פאָרשן אונדזער אייגענעם געוויסן". לאַיאָנס איז געווען אַ דירעקטאָר פון דער „יידישער ליגע". נאָך דירעקטאָרן זיינען געווען דער מסור בען גיטלאָוו, דער אולטראַ־רעאַקציאָנער דזשאָרדזש סאָקאָלסקי, און אַלפרעד קאָהלבערג, וועלכער איז געווען דער פאָרזיצער. קאָהלבערג האָט געמאַכט געלט פון עקספּלואַטירן מענטשן אין כינע. ער האָט דאָרט קאָנטראָלירט גאַנצע דערפער. ער איז געוואָרן אַ „לאָביאיסט" אין וואַשינגטאָן פאַר טשיאַנג קאַי שעקס אינטערעסן.

קאָהלבערג מיט זיין פרוי זיינען געווען פאָטאָגראַפירט, געאָרעמט מיט טשיאַנג קאַי שעק. דאָס בילד איז געווען געדרוקט אין אַ בלעטל וואָס די „יידישע ליגע" האָט אַרויסגעגעבן אונטער דעם נאָמען: „דזשוז עגעינסט קאָמוניזם". אַן אונטערשריפט צו דער פאָטאָגראַפיע האָט זיך געלייענט: „לינקד אין פרידאָם פאַיט" (פאַראייניקט אין קאַמף פאַר פרייהייט).

איך האָב געשריבן אַן אַרטיקל וואָס האָט פאַרנומען מער ווי אַ גאַנצע זייט אין דער „מאָרגן פרייהייט" פון 5טן דעצעמבער 1954, אונטער אַ קאָפּ: „דער ,פאָרווערטס' און ראַבאַי שולץ" און דערציילט מיט אַלע איינצלהייטן פון דער גאַנצער העסלעכער געשיכטע. איך האָב איבערגעגעבן ווי אַזוי דער „פאָרווערטס" האָט שולצן אויפגעכאַפּט ווי אַ גרויסן מענטשן, אים געמאַכט פאַר אַ מאַרטירער. דער אַרטיקל האָט איינגעשלאָסן פאָטאָסטאַטן פון דעם „פאָרווערטס" עדיטאָריעל, „מעג אַ

רב זיין קעגן קאָמוניזם״, פון דער פאָטאָגראַפיע פון די קאָהלבערגס מיט טשיאַנג קאַי־שעקן.

די געשיכטע מיט די זייפמאַן ברידער

סוף 1947, איז אין ניו יאָרק פאָרגעקומען אַן עפנטלעכער משפט איבער צוויי יידישע פאַררעטער פון אָסטראָווצע. די ברידער אברהם און לייבוש זייפמאַן, וועלכע האָבן געאַרבעט מיט די נאַציס בשעת דער היט־לערישער אָקופּאַציע פון פוילן. די זייפמאַנס האָבן אין אָסטראָווצער לאַגער געפּייניקט און אויסגעפּרעסט געלט פון זייערע קרבנות. זיי האָבן געהאָלפן אומברענגען דעם גרעסטן טייל פון דער אָסטראָווצער יידישער באַ־פעלקערונג.

ווי עדות האָבן דערציילט האָבן די צוויי פאַררעטער אַרויסגעשלעפּט יידן פון די קעלערן וואו זיי זיינען געווען באַהאַלטן, זיי באַרויבט און איבערגעגעבן זיי צו די נאַציס אומגעבראַכט צו ווערן.

די זייפמאַן ברידער זיינען באַלד נאָך דער מלחמה אַנטלאָפן אין אַן עראָפּלאַן קיין בראַזיל, וואו זיי האָבן זיך באַזעצט. דאָרט האָבן זיי אָסט־ראָווצער לאַנדסלייט, קרבנות פון די זייפמאַנס, דערקענט.

די קהילה פון ריאָ דע זשאַנעירא האָט דורכגעפירט אַ משפט איבער זיי, אָסטראָווצער לעבן־געבליבענע יידן האָבן עדות געזאָגט וועגן די שוידערלעכע פאַרברעכנס פון די זייפמאַנס און די קהילה האָט די צוויי פאַרברעכער אַריינגעלייגט אין חרם (כעירעם) — אַז קיין ייד טאָר זיך ניט באַגעגענען מיט זיי און זיי זאָלן אומעטום פאַרדאַמט ווערן פאַר זייערע פאַרברעכנס.

דער „פאָרווערטס" פאַרטיידיקט זיי

די אָסטראָווצער לאַנדסלייט אין ניו יאָרק זיינען געווען אויפגעצאָרנט קעגן דעם „פאָרווערטס" וועלכער האָט, נאָכדעם ווי די פאַרברעכער זיינען אַריינגעלייגט געוואָרן אין חרם, אָפּגעגעבן אַ סעריע פון פינף אַרטיקלען געשריבן פון חיים ליבערמאַן, אין וועלכע עס זיינען איבער־געגעבן געוואָרן בריוו פון די זייפמאַנס, וואו זיי האָבן זיך געפּרווּווט פאַרטיידיקן. ליבערמאַן האָט אויך אַטאַקירט דעם חרם אין בראַזיל זוכנדיק פּגימות. ער האָט געטענהט אַז מ'האָט זיך ניט געפירט לויטן דין.

אַ משפט אין ניו יאָרק איז דורכגעפירט געוואָרן דעם 30טן נאָוועמ־בער 1947, אַראַנזשירט פון אָסטראָווצער רעליף אין ניו יאָרק. עס זיינען אויפגעטראָטן עדות, וועלכע האָבן דערציילט ווי אַזוי די זייפמאַנס האָבן געמאַטערט יידן כדי אַרויסצוקריגן פון זיי וואו פאַרטיזאַנען געפינען

זיך, און וואו יידן זיינען באַהאַלטן; אַז זיי האָבן געשלאָגן יידן ביז די קרבנות זיינען געפאַלן צום טויט.

דער פאָרזיצער פון מיטינג איז געווען אַן אַסטראָווצער לאַנדסמאַן י. שומאַן. הערש שטיינבערג האָט אָנגעפירט מיט דער אָנקלאַגע. נאָכ־דעם ווי די עדות זיינען אויסגעהערט געוואָרן האָט דער פאָרזיצער גע־פרעגט אויב עס איז דאָ ווער, וואָס וויל פאַרטיידיקן די אָנגעקלאָגטע. קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן, נאָר דער „פאָרווערטס" שרייבער חיים ליבערמאַן, מיט אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ, איז אַרויפגעקומען אויף דער פלאַטפאָרמע און געהאַלטן אַ דרשה אַז יידן דאַרפן האַנדלען מיט יושר, אַז אַ חרם איז אַ שרעקלעכע זאַך און מען טאָר זיך ניט איילן מיט דעם; און אַזוי ווי די עדות זיינען אַסטראָווצער יידן וועמעס קרובים זיינען דערמאָרדעט געוואָרן, טאָרן זיי ניט זיין קיין ריכטער, — האָט דער „פאָרווערטס" שרייבער געפּסקנט.

אייניקע פון די לעבנסגעבליבענע קרבנות האָבן זיך געווענדט צום „פאָרווערטס"־שרייבער און געזאָגט: „איר האָט ניט געזען ווי די מער־דער האָבן צעריסן אונדזערע קינדער לעבעדיקערהייט, איר האָט ניט געזען ווי די פאַררעטער האָבן געהאָלפן אין אַלע מערדערייען, ווי וואַגט איר זיי פאַרטיידיקן"?

ליבערמאַן האָט זיך ניט גערעכנט מיט די געפילן פון די פאַרזאַמלטע, ער איז געוואָרן אין כעס און אויסגעשריגן: „איר זייט אַ המון (אַ האַמוין), אַ „מאַב" און איך נעם ניט אָן אייערע באַשלוסן".

די פאַרזאַמלטע האָבן אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וואָס האָט געפונען די זייפמאַן ברידער שולדיק אין באַצווינגען יידישע פרויען, אויספּרעסן געלט פון יידן, צונעמען ביי יידן זייערע לעצטע פאַרמעגנס. די רעזאָלוציע האָט געפאָדערט אַז די זייפמאַנס זאָלן פאַררעכנט ווערן ווי קריגס־פאַר־ברעכער.

איך בין געווען ביים משפּט, געגאַנגען צו מיטינגען, גערעדט מיט די עדות, צוזאַמען מיט נאָך אַ שרייבער פון אונדזער צייטונג, הערשל האַרטמאַן, וועלכער איז דאַן געווען אַ מיטאַרבעטער אין רעדאַקציע, גע־שילדערט איינצלהייטן פון דעם משפּט, וואָס איז געווען פון היסטאָרישער באַדייטונג.

דער „פאָרווערטס" האָט זיך אָנטזאָגט צו באַריכטן וועגן דעם משפּט און זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן די פאַקטן וועגן די מעשים פון די זייפמאַנס, וואָס עדות האָבן דערציילט.

איך בין צופרידן וואָס איך האָב אַ סך מיטגעהאָלפן אַרויסצוברענגען

אין דער „מאָרגן פרייהייט״ די דאָזיקע געשיכטע, וואָס איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין יידישע צייטונגען אין אַנדערע לענדער.

דער אַסטראָווצער רעליף אין ניו יאָרק האָט אַרויסגעגעבן אַ בראָשור פון דעם משפט איבער די זייפמאַן ברידער, און וועגן דעם חרם איבער זיי אין בראַזיל. דאָרט זיינען איינגעשלאָסן געוואָרן דאָקומענטן און בילדער וועגן דעם ענין. איך האָב געהאָלפן צוזאַמענשטעלן די דאָזיקע בראָשור, וועלכע איז ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן.

איך ווער אַרעסטירט אין ראָוד איילאַנד

אין יאָר 1934 זיינען פאָרגעקומען גרויסע טעקסטיל סטרייקס אין פאַרשיידענע שטעט אין ניו ענגלאַנד.

די טעקסטיל אַרבעטער, וועלכע זיינען געווען זייער עקספּלואַטירט, זיינען אַרויס אין סטרייק פאַר בעסערע באַדינגונגען און העכערע שכירות. די סטרייקס האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס אין לאַנד צוליב די ברוטאַלע מיטלען וואָס די טעקסטיל מאַגנאַטן האָבן אָנגענומען צו צעברעכן די סטרייקס, מיט דער הילף פון פּאָליציי און געדונגענע גענגסטערס.

ראַדיקאַלע אַרבעטער פון אַנדערע ערטער זיינען געקומען אין די שטעט וואו די סטרייקס זיינען פאָרגעקומען, געגאַנגען אויף דער פּיקעט ליין און געהאָלפן אויך מיט אַנדערע טעטיקייטן.

די „מאָרגן פרייהייט״ האָט מיך געשיקט אַלס קאָרעספּאָנדענט צו „דעקן״ די סטרייקס. איך בין געווען אין לאָועל און אין ניו בעדפאָרד, מאַסאַטשוסעטס, וואו סטרייקס זיינען אָנגעגאַנגען, און געשיקט פון דאָרט נייעס און אַרטיקלען. פון דאָרט בין איך צוגעפאָרן קיין סעיערסוויל, ראָוד איילאַנד, אַ שטעטל ניט ווייט פון פּראָווידענס.

דער סטרייק דאָרט איז געווען אַ ביטערער. געשלעגן זיינען פאָרגעקומען צווישן סטרייקערס און סטרייקברעכער, וועלכע זיינען געווען באַשיצט פון גענגסטערס און פּאָליציי. די פּאָליציי האָט געשאָסן אויף די סטרייקערס מיט גאַז־באָמבעס און אויך מיט רעגולערע קוילן. איך האָב זיך געפונען אין מיטן פון די אויסברוכן.

די סטרייקערס זיינען אַנטלאָפן צו אַ דערבייאיקן בית עולם און איך בין געלאָפן מיט זיי. די פּאָליציי האָט זיי נאָכגעיאָגט און געשאָסן מיט גאַז־באָמבעס און קוילן. איך האָב זיך געשטעלט אונטער אַ מצבה און זיך דורך דעם געראַטעוועט פון די פליענדיקע קוילן. אַ צאָל סטרייקערס זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. איינער פון די קרבנות איז געווען אַ 15־יאָריקער יינגל, אַ זון פון אַ סטרייקער, וועלכער איז דערשאָסן געוואָרן אויף טויט.

די פאָליציי האָט אַרעסטירט סטרייקערס אויפן פלאַץ, אָבער דאָס איז ניט געווען גענוג. די צייטונגען האָבן געהעצט אַז דער סטרייק איז אויפגערייצט און ווערט געפירט פון קאָמוניסטן פון ניו יאָרק און פון אַנדערע שטעט.

דער דעמאָקראַטישער גאָווערנאָר פון ראָוד איילאַנד, טעאָדאָר גרין, האָט צוזאַמען מיט דער פרעסע אָנגעפירט אַ שרעקלעכע „רויט־היסטערישע" העצע קעגן די סטרייקער. „עס איז אַ קאָמוניסטישער אויפשטאַנד, ניט קיין טעקסטיל סטרייק", — האָט דער גאָווערנאָר דערקלערט, און אַרויס־געגעבן אַ באַפעל צו דער פאָליציי צו מאַכן אַן איבערפאַל אויף די ראַדי־קאַלן, איבערהויפּט אויף די וואָס וואָס זיינען געקומען פון אַנדערע שטעט צו העלפן די סטרייקערס.

דעם 13טן סעפּ. בין איך אַריינגעקומען אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּראָווידענס צו קריגן דעם „דעילי וואָרקער". פּלוצים האָבן זיך אַריינגעלאָזן אַ זעקס הויכע חברה־לייט אין ציווילע קליידער און געזאָגט אַז זיי זיינען פון דעם פּאָליציי־דעפּאַרטמענט און אַז די אַלע וועלכע זיינען דאָ אין צימער זיינען אונטער אַרעסט. די פּאָליציי האָט אונדז אַריינגענומען אין אויטאָמאָביל און אָוועקגעפירט אין פּאָליציי־סטאַנציע. דעטעקטיווס זיינען פאַרבליבן אין די פּאַרטיי־צימערן צונעמען אַלץ וואָס האָט זיך דאָרט געפונען און אַרעסטירן יעדן איינעם וואָס איז דורך דער צייט אַריינגעקומען אין צימער.

אין פּאָליציי־סטאַנציע האָט מען די מערסטע אַרעסטירטע מכבד געווען מיט קלעפּ. איך בין געווען פון די ווייניקע וואָס האָבן ניט גע־קראָגן קיין קלעפּ און אָפּגעקומען בלויז מיט סטראַשונקעס. מען האָט אונדז באַזוכט און צוגענומען אַלץ וואָס מיר האָבן געהאַט מיט זיך, דעם שניפּסל און אַפילו די נאָז־טיכלעך — אַלץ האָבן זיי צוגענומען און אונדז פאַרשפּאַרט אין פינצטערע צעלן הינטער אייזערנע גראַטעס יעדן באַזונ־דער. די קעמערלעך זיינען געווען 8 פוס לאַנג און 4 פוס ברייט. אינעווייניק — אַ האַרטע באַנק אויף צו שלאָפן, אַ שיסל פאַר די באַדערפענישן. קיין וואַסער. אַ ביסל שפּעטער האָט מען אונדז אַרויסגעפירט פון די קע־מערלעך אויפן הויף, צוגעשמידט אין קייטן איינער צו די אַנדערע. מיר האָט מען אָנגעטאָן אַ גרויסע הוט איבערן קאָפּ איך זאָל אויסקוקן ווי אַ גענגסטער, און מען האָט אונדז אַזוי פאָטאָגראַפירט. אויף מאָרגן איז אין אַ לאָקאַלער טאַבלאָיד־צייטונג געווען אויף דער ערשטער זייט אַ בילד פון אונדזער גרופּע אין קייטן, מיט אַן אויפשריפט אויבן: „ניו יאָרקער אונטערוועלט־מענטשן אַרעסטירט אין סטרייק".

נאָכדעם האָט מען אונדז איינציקווייז גענומען פירן אין די דעטעקטיוו־צימערן, וואו פילע דעטעקטיווס האָבן אונדז אויסגעפרעגט וועגן פאַרשיידענע פאַרברעכנס — צי מיר זיינען געווען אין זיי פאַרמישט? וואָס מיר טוען אין סעילסוויל? איך האָב פּראָטעסטירט קעגן מיין אַרעסט און די אויספראַגעס און געוויזן מיין אויטאָריזירטע פּאָליציי־קאַרטל אַלס קאָרעספּאָנדענט פון דער „מאָרגן פרייהייט״.

האָט דער דעטעקטיוו אַ זאָג געטאָן: „אַהאַ! דו ביזט אַהער געקומען שרייבן פּראָקלאַמאַציעס, און געבן די ליניע!״.

דער פּאָליציי־קעפּטיין האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט מיך געזען אין סעילסוויל, וואו איך זאָל האָבן געוואָרפן שטיינער אויף די סאָלדאַטן. ווען איך האָב זיך אויסגעלאַכט פון אים און פּראָטעסטירט קעגן מיין אַרעסט, האָט ער מיך אָפּגעשטופּט אָן אַ זייט און מיך איבערגעגעבן צו אַ פּאָליציי־מאַן אַוועקצופירן מיך צוריק אין טורמע־צימער.

שפּעט ביינאַכט האָט זיך דער שלאָס פון מיין טורמע־קעמערל געעפנט, אַ פּאָר דעטעקטיווס האָבן מיך אַרויפגעפירט אין דער הויך אין אַ צימער, וואו עס האָבן אויף מיר געוואַרט צוויי אַגענטן פון אימיגראַציע־דעפּאַרטמענט. זיי האָבן געוואָלט וויסן, — האָבן זיי געזאָגט, — צי איך האָב אַ רעכט צו פאַרבלייבן אין אַמעריקע און ניט דעפּאָרטירט ווערן. איך האָב פּראָטעסטירט קעגן דעפּאָרטאַציע אויפן גרונט וואָס איך בין שוין אַ סך יאָרן אין אַמעריקע און איך בין אַ בירגער. די דעטעקטיווס האָבן אָבער געפאָדערט איך זאָל אָנגעבן ווען איך בין געקומען, מיט וועלכער שיף, ווען איך בין געוואָרן אַ בירגער און נאָך פראַגן.

די איבעריקע אַרעסטירטע, אַפילו די היגע געבוירענע, האָט מען אויך געפרעגט די זעלבע פראַגן. עסן האָט מען אונדז געגעבן דריי סענד־וויטשעס מיט קאַווע אַ טאָג און דאָס רעכט צו קויפן נאָך סענדוויטשעס פאַר אונדזער אייגן געלט. שלאָפן האָבן מיר געדאַרפט אויף די האַרטע בענק. אויפן צווייטן טאָג האָב איך געפילט, אַז אַלע מיינע ביינער זיינען מיר צעבראָכן, דערצו נאָך — אַ שטעכעניש אין אַ זייט. איך האָב געפרעגט דעם וועכטער אויב ער קאָן אַריינברענגען קאָלדרעס, אָדער עפּעס קליידער אויף אונטערצובעטן, האָט ער מיר דערקלערט, אַז זיי האָבן ניט אַזעלכע זאַכן, ווייל זיי ווילן האַלטן די טורמע־צעלן ריין. די איינציקע זאַך וואָס ער קען מיר געבן איז אַ ביבל. איך האָב אים מוחל געווען די טובה. אויף דער צווייטער נאַכט האָבן מיר געהערט קולות פאַר שעהן נאָכאַנאַנד. די קולות זיינען געווען: „ווי וואָנט בלענקעטס״ (מיר ווילן קאָלדרעס), נאָר עס האָבן ניט געהאָלפן די געשרייען.

פּאָליציי האָט ניט געוואָלט צולאָזן אַ לאָיער צו פאַרטיידיקן

אַ לאָיער פון דער אינטערנעשאָנאַל לעיבאָר דעפענס אָרעל גראָסמאַן, פון פּראָווידענס, וועלכער איז געקומען זען די אַרעסטירטע, איז פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער פּאָליציי, וועלכע האָט, באַזוכנדיק זיינע קעשענעס, געפונען ביי אים אַ בילעט פאַר אַ באַנקעט פון אַן אָרגאַניזאַציע. אויף דעם בילעט איז געווען אַ ראַפּל־נומער, וואָס האָט באַרעכטיקט דעם אייגנ־טימער פון בילעט צו באַטייליקן זיך אין אַ געוועט צו געווינען אַ פרייע רייזע קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס האָט די פּאָליציי באַטראַכט פאַר אַ גרויסן פאַרברעכן. די פּאָליציי האָט דעם לאָיער אָנגעקלאָגט אין געמבלינג צוליב דעם ראַפּל, און אים געהאַלטן פאַרשפּאַרט 36 שעה, ניט לאָזנדיק אים אַפילו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט פריינט אָדער אַ לאָיער. מען האָט אים אויסגעפרעגט צי ער איז אַ קאָמוניסט; צי ער גלויבט אין גוואַלדטאַטן און אַז. וו.

יידישער דעטעקטיוו לויבט היטלערן און דעם „פאָרווערטס״

פרייטאָג פאַרנאַכט האָט מען מיך ווידער גענומען אין אַ צימער פון די דעטעקטיווס. אַ יידישער הויכער מאַן האָט באַלד אָנגעהויבן ריידן צו מיר אין יידיש און דערקלערט, אַז נישט אַנדערש, ער וויל מיר העלפן, איך זאָל אים נאָר דערציילן מיין געשיכטע. ווען איך האָב אים געזאָגט אַז מיר האָבן דאָ אַ לאָיער, גראָסמאַן, האָט ער מיר געענטפערט, אַז גראָסמאַן איז אויך אַרעסטירט און אַז ער וויל זיין מיין לאָיער. ער האָט אָנגעגעבן זיין נאָמען אַלס פיינבערג. איך האָב געזאָגט, אַז איך קען אים נישט, אָבער איך קאָן אים זאָגן, אַז איך בין געקומען אַהער אַלס קאָ־רעספּאָנדענט פון אַ צייטונג, און מ׳האָט מיך אַרעסטירט. ער האָט באַלד געענדערט זיין טאָן און גענומען שרייען: „איר, קאָמוניסטן, איך שעם זיך מיט אייך. איך בין אַ ייד, געבוירן אין אַמעריקע״.

— איך בין ניט שולדיק, וואָס איך בין ניט דאָ געבוירן, — ענטפער איך שפּאַסיק.

— איר זייט דאָך אָבער געקומען קיין אַמעריקע, ווייל דאָרט איז אייך געווען שלעכט, און דאָ איז אַ פרייע לאַנד. מען דאַרף אייך אַלעמען דערהרגענען. איר שרייבט פאַר דער „פרייהייט״, האַ? אַ קאָמוניסטישע צייטונג! פאַרוואָס שרייבט איר ניט פאַרן „פאָרווערטס״ בעסער? היטלער איז גערעכט, וואָס ער פאַרפאָלגט די יידן. דאָס זיינען אַזעלכע יידן ווי איר.

אַ גרויסער איירישער דעטעקטיוו האָט אים אונטערגעהאָלפן: „היט־לער איז ראַיט״.

— און וואָס הערט זיך וואָס היטלער פאַרפאָלגט ניט־יידן? — האָב איך אים געענטפערט.

דער יידל האָט גענומען ווידער שרייען אויף מיר און מאַכן מיט די הענט, ווי ער וואָלט מיך וועלן שלאָגן. נאָר געשלאָגן האָט ער מיך ניט. ער האָט מיך איבערגעגעבן צו אַן אַנדערן דעטעקטיוו מיט אַ באַפעל: „טעיק הים דאַון”, און ווידער האָט מען מיך דורכגעפירט דורך אַ סך דעטעקטיוווס זיי זאָלן מיך באַטראַכטן, און דאַן האָט מען מיך געפירט צוריק אין טורמע.

פאַרן אַרונטערפירן מיך, האָב איך געפרעגט דעם הויפט־דעטעקטיוו: „וואָס איז די קלאַגע קעגן מיר”? האָט ער מיר געענטפערט: „העצן צו ראַיאָטן”.

אויף מאָרגן האָט מען גענומען אונדזערע פינגער־צייכנס און בילדער פון יעדן איינעם פון אונדז אין עטלעכע פּאָזיציעס.

פּראָקוראָר רעדט „איידל”

אַז מיר זיינען אָפּגעווען 25 שעה אין טורמע, האָט מען גענומען יעדן איינעם פון אונדז צום סטעיט־פּראָקוראָר. דער פּראָקוראָר האָט מיר דערקלערט, אַז ער גלויבט נישט אין פאַרפאָלגן קאָמוניסטן, אַז ער האָט געגעבן די קאָמוניסטן אַלע מאָל די פולע פרייהייט, נאָר דאָ האַנדלט זיך וועגן אויסגעפינען דעם אמת וועגן די ראַיאָטן אין סטרייקס. מען גלויבט, הייסט עס, אַז קאָמוניסטן האָבן צו טאָן דערמיט און דערפאַר וויל ער, אַז איך זאָל אים געבן די ריכטיקע אינפאָרמאַציע וועגן זיך: ווען איך בין פּינקטלעך אָנגעקומען קיין פּראָווידענס, ווען איך בין געווען אין סעילסוויל, וויפל געלט איך האָב ביי זיך, און נאָך אַזעלכע פראַגן. איך האָב אים געענטפערט, אַז איך צווייפל אין זיין אויפריכטיקייט; אַז די באַהאַנדלונג וואָס איך האָב דאָ געקראָגן די לעצטע 25 שעה האָט ביי מיר פאַרגרעסערט דעם אומצוטרוי, און אַז איך זאָג זיך אָפּ צו העלפן אים מאַכן אַ פרעים־אַפּ. איינער פון די דעטעקטיוווס האָט זיך אַריינגעמישט און דערציילט, אַז ער האָט שוין געשוואָרענע דערקלערונגען פון אייניקע פון די אַרעסטירטע וואו זיי זיינען זיך מודה, אַז זיי האָבן געוואָרפן שטיינער אויף דער פּאָליציי. ער פאָדערט, הייסט עס, איך זאָל דערפאַר דערציילן דעם אמת.

איך האָב דעם פּראָקוראָר דערקלערט, אַז מען זוכט דאָ אַרויפצוּוואַרפן די שולד אויף די ראַדיקאַלן, פאַר די מערדערייען, וואָס די פּאָליציי און סאָלדאַטן זיינען באַגאַנגען; אַז די אַפידעיוויטס זיינען פאַלשע. איך האָב אים ווייטער דערקלערט, אַז מיר פאַרשטייען זיך איינע די אַנדערע

זייער גוט און אַז ער קאָן ניט דערוואַרטן, אַז איך זאָל אים געבן אינ־פאָרמאַציע, וועלכע קען אים העלפן מאַכן אַ פרעים־אַפּ. „דו ווייסט אַליין, אַז מיר זיינען קיינער גאָרניט ניט שולדיק״, האָב איך אים געזאָגט. ער האָט מיר גאָרניט ניט געענטפערט און געהייסן אָוועקפירן מיך צוריק אין טורמע־קעמערל.

אַלע איבעריקע אַרעסטירטע האָט מען אויסגעפרעגט. אייניקע האָבן מיר דערציילט, אַז ביים אויספרעגן האָבן דעטעקטיווס „גענוצט״ בלעק־דזשעקס. איינער האָט געפּאַכעט מיט אַ בלעקדזשעק הין און צוריק, ווי ער וואָלט געוועזן גרייט אַראָפּצולאָזן אים אויף דעם קאָפּ פון דעם וועמען ער פרעגט די פראַגן. דאָס וואָס איך האָב געהאַט פיר דאָלאַר מיט קליינ־געלט האָט מיך געראַטעוועט פון ווערן אָנגעקלאָגט אין „וועיגרענסי״ (אַרומשלאָיען זיך). אַנדערע האָבן זיי פאַרהאַלטן אויף ווייטער, אויך דעם פרעים־אַפּ פון וועיגרענסי...

אַלע דעטעקטיווס האָבן מיך „געזען״

כמעט ביי יעדן מאָל אויספרעגן, האָבן די דעטעקטיווס געזאָגט, אַז זיי האָבן מיך געזען ווי איך האָב געוואָרפן שטיינער אויף דער פּאָליציי. שבת אינדערפרי האָבן די דעטעקטיווס אַריינגעפירט סטעיט טרופּערס און זיי געפירט צו יעדן איינעם פון די אַרעסטירטע, אויסגעפונען זייערע נע־מען, און זיי געלאָזן גוט אָנקוקן. דאָס איז געווען אַ פּלאַן, אַז די סטעיט־טרופּערס זאָלן אונדז „דערקענען״ און אויסמאַכן וואָראַנטס אויף די קלאַגן, וואָס דער סטעיט האָט געוואָלט קעגן אונדז פאַבריצירן.

3 אַזייגער, שבת בייטאָג, האָט מען אונדז אַלעמען אַריינגעלאָזן אין אַ גרויסן צימער און איינציקווייז געפירן פאַר דעם פּאָליציי־קעפּטן. ווידער האָט דער פּאָליציי־קעפּטן מיך געוואָלט באַשולדיקן אין האַלטן אַ רעדע אויף אַ מאַסן־מיטינג אין סענטראַל־פּאַלס, אַ טאָג פאַר דעם ראַיאָט. וואו איך זאָל האָבן „געהעצט צו ראַיאָט״. איך האָב געזאָגט דעם פּאָליציי־קעפּטען, אַז ער האָט געדאַרפט זיין אַ שרייבער פון אויסגעטראַכטע מעשיות — ניט קיין פּאָליציי־קעפּטען...

די „אינטערנעשאָנאַל לעיבאָר דעפענס״ האָט צוגעשיקט אַ לאָיער פון ניו יאָרק און צוזאַמען מיט אַנדערע געאַרבעט מען זאָל אונדז באַפרייען. די פּאָליציי, ניט האָבנדיק קיין באַווייזן קעגן מיר, האָט מיך מיט די מערסטע אַנדערע אַרויסגעלאָזן. די לעצטע מינוט האָט די פּאָליציי מיך געוואָלט פאַרהאַלטן אַלס וואַגאַבונד, איך האָב אָבער געהאַט ביי זיך פיר דאָלאַר מיט 50 סענט. דאָס האָט מיך געראַטעוועט פון ווערן פאַר־האַלטן. מען האָט מיך צוגעפירט צו אַן אויטאָבוס וועלכער איז געווען

גרייט צו פֿאָרן קיין ניו יאָרק, מיך אַרויפֿגעזעצט און אַרויסגעשיקט פֿון שטאָט. אייניקע פֿון די אַרעסטירטע זיינען פֿאַרהאַלטן געוואָרן אויף נאָך אַ פּאָר טעג און נאָכדעם באַפֿרייט געוואָרן. אַזוי האָב איך געהאַט אַ מעגלעכקייט צו געניסן פֿון „פֿרייהייט" אין דעם שטאַט ראָוד איילאַנד. צו מיינע אַנדערע אַרטיקלען אין דער „מאָרגן פֿרייהייט" וועגן די סטרייקס אין ניו־ענגלאַנד איז צוגעקומען נאָך אַן אַרטיקל: „48 שעה אין אַ טורמע אין פּראָווידענס, ראָוד איילאַנד".

דער טויט פֿון משה אָלגין

די שווידערלעכע נייעס פֿון משה אָלגינס טויט האָט אונדז דערגרייכט ביי אַ זיצונג אין דער „מאָרגן־פֿרייהייט", מיטוואָך אינדערפֿרי, דעם 22טן נאָוועמבער, 1939. מיר האָבן תיכּף אַלצדינג איבערגעלאָזט און אַ יאָג געטאָן זיך צו אָלגינס היים אויף דער 9טער גאַס.

און אָט זיינען מיר שוין אין זיין צימער. יאָ, ס'איז אונדזער ליבער, האַרציקער, גרויסער פֿירער אָלגין, דער מענטש פֿון געפֿליגלטן וואָרט, דער טריבון, דער דינאַמישער פּראָגרעסיווער באַוועגער, אָבער איצט זיי־נען זיינע אויגן געשלאָסן און דער קול פֿאַרשטילט אויף אייביק.

מיר וואַרפֿן אַ בליק אויף זיין פֿאַריתומטער גרויסער ביבליאָטעק און פֿילן ווי טרערן שטיקן אונדז. מיט געבויגענע קעפּ רוקן מיר זיך פּאַמע־לעך הינטערוויילעכס צו דער טיר: מיר מוזן דאָך גיין און זען, אַז די לוויה פֿאַר אונדזער גרויסן פֿירער זאָל זיין אַ בכבודיקע. מיר מוזן זיך שטאַרקן און בייקומען דעם ווייטיק.

אָלגינס קערפּער איז אַריבערגעפֿירט געוואָרן אין דעם גרויסן ווינדזאָר־זאַל אויף בראָדוויי און 66טע גאַס. דער אָרון, אין וועלכן ער איז געלעגן, איז געווען איינגעטונקט אין בלומען. אין משך פֿון צוויי טעג זיינען טויזנ־טער מענטשן געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן כּבוד זייער באַליבטן פֿאַר־שטאָרבענעם פֿירער. לאַנגע רייען מענטשן זיינען דורכגעגאַנגען פֿאַרביי דעם אָרון און געזעגנט זיך מיטן טויטן קערפּער פֿון זייער פֿירער.

מיט דעם צערעמאָניאַל פֿון דער לוויה האָט אָנגעפֿירט אָלגינס נאָ־ענטסטער מיטאַרבעטער און מיטרעדאַקטאָר פּסח נאָוויק. אויסער אים האָבן נאָך פּראָמינענטע רעדנער פֿון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג געהאַלטן רעדעס. דער „פֿרייהייט געזאַנג פֿאַראיין" האָט געזונגען צוויי פּאַסיקע לידער: „די צוואה", פֿון דוד עדעלשטאַט, און „אונדזער פֿירער", פֿון י. א. ראָנטש.

די לוויה־פּראָצעסיע האָט זיך אָנגעהויבן ביי דער 66טער גאַס און בראָדוויי און האָט זיך געצויגן ביז דער 13טער (פאַר אַ קורצן אָפּשטעל ביי דער רעדאַקציע „מאָרגן פרייהייט"), דערנאָך אַריין אין דער צווייטער עווניו און פאַרגעזעצט ביז האַוסטאָן, פון וואַנען איבער 5000 מענטשן זיינען אין צוגעגרייטע אויטאָבוסן און פריוואַטע מאַשינען אַוועקגעפאָרן אין לאָנג איילאַנד אויפן בית עולם, וואו אָלגין איז באַערדיקט געוואָרן אויף דער קרקע פונעם יידישן פראַטערנאַלן פאָלקס אָרדן.

עס ווערט אָפּגעשאַצט, אַז אין דעם לוויה־מאַרש האָבן זיך באַטייליקט איבער 100.0000 מענטשן.

אָלגינס טויט איז געווען אַ גרויסער קלאַפּ פאַר דער גאַנצער יידישער פּראָגרעסיווער און קולטור־געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג. אָפּשאַצונגען וועגן זיין לעבן און שאַפן, ווי אויך הספּד־אַרטיקלען האָבן זיך געדרוקט אין אַלע פּראָגרעסיווע יידישע צייטונגען און צייטשריפטן. וואָס שייך דער „מאָרגן־פרייהייט", די צייטונג פון וועלכער משה אָלגין איז געווען דער לאַנג־יאָריקער רעדאַקטאָר, איז זי טאָג־טעגלעך געווען אָנגעפילט מיט אָלגין־אַרטיקלען. דאָס האָבן געשריבן נאָענטע פערזענלעכע פריינט, מיט־אַרבעטער פון אָלגינען, וועמעס טויט האָט פאַרשאַפט אַ שאַרפן פערזענלעכן פאַרלוסט. אַ ווייטיק וואָס מ'האָט אים געמוזט אויסשרייען. אויך איך האָב ניט געקאָנט האַלטן דעם צער אין זיך און געמוזט עפּעס אָנשרייבן.

גיב איך אייך דאָ טאַקע מיין הספּד־אַרטיקל, אַזוי ווי ער איז דערשינען אין דער „מאָרגן־פרייהייט", דעם 27סטן נאָוועמבער, עטלעכע טעג נאָך אָלגינס טויט.

דער ווייטיק איז אומדערטרעגלעך

פון ס. ד. לעווין

דער טויט האָט קיינעם ניט אָנגעפרעגט און אַוועקגעריסן אונדזער אָלגינען אינמיטן דער אַרבעט — אין אַ צייט ווען מען האָט זיך אַזוי גענויטיקט אין אים, אין אַ צייט ווען די רעאַקציע אין אַמעריקע האָט געגומען מאַכן פאַרזוכן צו פאַרניכטן די קאָמוניסטישע באַוועגונג. גע־שטאָרבן אין אַ צייט ווען אויף דער יידישער גאַס האָבן אַלע שוואַרצע כוחות זיך צוזאַמענגענומען צו אַטאַקירן די איינציקע אַרבעטער־רעפּו־בליק, צו פאַרמיאוסן דעם נאָמען פון די קעמפער פאַר פרייהייט און פּראָ־גרעס. חבר אָלגינס בריליאַנטענע ווערטער, זיין לאָגיק, זיין אַרגומענ־טאַציע, האָט אָפּגעשלאָגן אַלע אַטאַקעס. דערפאַר איז דער פאַרלוסט אַזוי גרויס. דער ווייטיק אומדערטרעגלעך.

איבערהויפּט פאַר אונדז אין דער רעדאַקציע. ס'ווילט זיך גאָר ניט גלויבן אַז ח' אַלגין וועט שוין אַהער מער ניט קומען, אַז זיין ענערגישע אַרבעט, זיין ערנסטער אינטערעס אין יעדן טייל פון אונדזער באַוועגונג און פון אונדזער אַרבעט, זיין עצה און מיטאַרבעט, וועלן מיר מער ניט קריגן.

חבר אַלגין איז געווען אומדערמידלעך. „אייער רעדאַקטאָר מוז גאָר קיינמאָל ניט שלאָפן״, האָט מיר איינמאָל געזאָגט אַ ניט־יידישער חבר, ווען ער האָט באַמערקט, אַז חבר אַלגין בלייבט שפּעט אין דער נאַכט אין זיין אַרבעט־צימער, ווען אַלע זיינען שוין געווען אַוועק.

ער איז געווען אַ וועכטער. ער איז געווען אומדערמידלעך. ער רע־דאַקטירט די „מאָרגן־פרייהייט״. ער שאַפט אין ענגליש, אין יידיש און אין רוסיש. ער שרייבט ביכער און פּאַמפּלעטן, האַלט לעקציעס, רעדט אויף מיטינגען, און יעדעס וואָרט איז אַזוי פּולקאַם, אַזוי בריליאַנט, אַזוי וואָגיק און אַזוי ווירקזאַם.

יאָ, מיר האָבן פאַרלאָרן אַן אוצר, אַ דינאַמישן כוח, וועלכן נאָר דער טויט האָט געקענט אָפּשטעלן. קראַנקערהייט פלעגט ער דיקטירן זיינע קאָלומס אין דער „מאָרגן־פרייהייט״. קראַנקערהייט האָט ער געהאַלטן אין איין לייענען און לערנען. זיך קיין מינוט ניט אָפּגעשטעלט. די אַרבעט פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט״ און דער באַוועגונג איז געווען די גרעסטע פרייד אין זיין לעבן.

דינסטיק, שפּעט ביינאַכט, איז חבר אַלגינס פריינט, לואיס האַרקאַווי, געקומען אין רעדאַקציע און געזאָגט מיר: „חבר אַלגין ליגט ווידער קראַנק״. זאָג איך אים, אַז מען האָט עפּעס געדאַרפט טאָן צו צווינגען אים, אַז ער זאָל זיך אָפּרוען. אַז ער וועט געזונט ווערן דאַרף מען זען, אַז ער זאָל האָבן אַ וואַקאַציע און אַז ער זאָל ניט אַרבעטן אַזוי שווער.

„מיין טייערער חבר״, זאָגט מיר האַרקאַווי, „מען קען דאָס ביי אים ניט אויספירן. ער זאָגט, אַז ער קען ניט לעבן אָן זיין אַרבעט. יעדן מאָל ווען ער ווערט קראַנק, זאָגט ער צו אונדז און צו די דאָקטוירים, פערזענלעכע פריינט, אַז ער וועט זיך אָפּהיטן. ווי נאָר ער ווערט בעסער כאַפּט ער זיך צו צו דער אַרבעט. אָט האָט ער מיר צוגעזאָגט ניט צו ריידן אויף דער אַרטעף־קאָנפערענץ און ער האָט יאָ גערעדט, און מאָנטאָג איז ער געווען אין דער רעדאַקציע. אָט איז אַנאָנסירט אַז ער וועט ריידן אויף אַן איקוף־מיטינג. מיר ווייסן ניט וואָס מען קען טאָן״.

און מיטוואָך פרי איז ער שוין געווען טויט. דער גרויזאַמער טויט האָט ביינעקומען זיין ווילנס־קראַפט.

חבר אַלגין האָט געהאַט עגמת נפש אין זיין אַרבעט. עס אַרבעט זיך

אָפט שווער אין אַן אָרעמער רעדאַקציע, און — שונאים זיינען געווען אַזוי פיל. ער האָט אָבער געהאַט אַ סך נחת. ער האָט דערלעבט צו זען ווי עס הויבט אָן צו וואַקסן דער גאָרטן, וואָס ער האָט פאַרזייט. אויף אַ זעקסטל פון דער וועלט איז שוין דער סאָציאַליזם געקומען. און לעצטנס, ווען די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט אַזוי פיל יידישע שטעט און שטעטלעך, — אָט די געגנטן, וואו ער האָט געקעמפט, וואו זיינע פּראָקלאַמאַציעס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן, וואו ער איז געזעסן אין טורמע, אָט די שטעט זיינען געוואָרן סאָוועטישע. די רויטע פאָן פלאַטערט דאָרט. דאָס איז געווען זיין באַלוינונג. דאָס איז געווען זיין פרייד.

ער איז געווען פול מיט פרייד פון דעם באַגייסטערטן מעדיסאָן סקווער גאָרדן מיטינג, וואו ער האָט גערעדט און וואו מען האָט געפייערט דעם יובּיליי פון 22 יאָר סאָוועטן־מאַכט. ער האָט געזען דעם גרויסן אָפּרוף פון זיינע ווערטער. ער איז אויך געווען באַגייסטערט פאַר דער גרויסער צאָל שרייבער און דיכטער, וועלכע זיינען פאַרבליבן טריי אונדזער אידעאַל, און דערפאַר האָט מען טראַץ זיין קראַנקהייט אים נישט געקענט אָפּהאַלטן פון קומען באַגריסן אַ יונגן דיכטער צו דער דערשיינונג פון אַ נייעם בוך. ער האָט פאַראַכטאָגן שבת באַגריסט חבר בערגרין אויף זיין באַנקעט.

חבר אָלגין האָט ניט איבערגעלאָזן קיין משפּחה. ער האָט אָבער איבערגעלאָזן אַ גרויסע ירושה. זיין לערע, זיין אויפריכטיקע אַרבעט, זיינע פּראָקלאַמאַציעס, זיינע שריפטן פאַרבלייבן. די יידישע מאַסן — זיינע יורשים, ווע‏מען ער האָט געווידמעט זיין גאַנצן לעבן — וועלן פאַרזעצן זיין אַרבעט; מיט מער אימפּעט באַקעמפן די שונאים פון פרייהייט און פּראָגרעס, מיט מער אימפּעט אַרבעטן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון פון סאָציאַליזם אויף דער גאַנצער וועלט.

חבר אָלגין איז ניט געשטאָרבן. ער וועט אייביק לעבן, אַזוי לאַנג ווי מענטשן, וועלכע גלויבן אין פרייהייט און גערעכטיקייט וועלן עקזיסטירן.

מיין מוטער

אין יאָר 1940 האָב איך פאַרלוירן מיין מוטער. זי איז געשטאָרבן אין באָסטאָן, אין עלטער פון 88 יאָר. עס איז געווען אַ גרויסער קלאַפּ פאַר מיר אין מיין פערזענלעך לעבן. איך בין געווען שטאַרק צוגעבונדן צו מיין מוטער און זי האָט מיך זייער ליב געהאַט און געזאָרגט פאַר מיין וואוילזיין.

איך האָב געקראָגן די נייעס אַ פרימאָרגן ווען איך בין אַריינגעקומען אין דער רעדאַקציע צו מיין אַרבעט. עס האָט געוואַרט אויף מיר אַ טעלעגראַמע פון באָסטאָן מיט דער טרויעריקער נייעס, אַז מיין מאַמע איז שוין ניטאָ. עס האָט מיך געטראָפן ווי אַ דונער. כאָטש זי איז שוין געווען גאַנץ אַלט, איז אָבער איר טויט געווען פאַר מיר אומדערוואַרט. איך האָב גענומען באַלד טעלעפאָנירן צו מיינע שוועסטער אויסגעפינען מער איינצלהייטן און זיי זאָגן אַז איך קום באַלד צופאָרן. איך בין געווען אַזוי צעטומלט אַז איך האָב געהאַלטן אין איין רופן ניט די ריכטיקע טעלעפאָן־נומערן ביז איך האָב ענדלעך געקראָגן אַ פאַרבינדונג דורכן טעלעפאָן מיט מיינער אַ שוועסטער. איך האָב זיך געפילט שטאַרק צע־בראָכן.

מיין מוטער האָט ניט געפילט איר עלטער. ווען זי איז שוין געווען איבער די 80ער, און די קינדער פלעגן איר צו אַ געבורטסטאָג געבן אַ מתנה אַ נייע קלייד, האָט זי עס אַליין איבערגעמאַכט און איבערגעניית לויט איר געשמאַק. זי פלעגט זיך פאַרנעמען אין הויז מיט שטריקן. זי פלעגט אויפקלייבן איבערגעבליבענע קראַוואַטן פון די מענער אין דער משפחה און צוזאַמען מיט אַנדערע שטיקלעך טוך אויסאַרבעטן אַ טעפּיך צו לייגן אויפן דיל. ווען אונדזערע בחורים פלעגן אַמאָל זוכן אַ קראַוואַט, פלעגן זיי פריער קוקן אויפן דיל, צי די מאַמע און באָבע האָט עס שוין ניט אַריינגעפלאָכטן אין טעפּיך.

ווען איך האָב איר איינמאָל געראָטן זי זאָל זיך באַנוצן מיט אַ שטעקן, עס זאָל איר זיין גרינגער צו גיין, האָט זי מיר געענטפערט מיט אַ פאָרוואורף: „וואָס ווילסטו, איך זאָל אויסזען ווי אַ באָבעצי?"

ביי אירע קינדער און אייניקלעך

מיין מוטער פלעגט אָפט גיין באַזוכן די קינדער און די אייניקלעך וועלכע האָבן ניט געוואוינט נאָענט צו איר היים. זי האָט אַלעמאָל זיך אָנגעבאַטן צו טאָן עפּעס פאַר זיי, אַכטונג געבן אויף די קליינע קינדער אָדער קאָכן.

איך געדענק איינמאָל אַ תשעה באב ווען פרומע יידן פאַסטן. זי האָט געוואוסט אַז אירע קינדער און אייניקלעך וועלן ניט פאַסטן דעם טאָג. זי האָט אָבער באַשטימט אַז קיין פליישיקס יענעם טאָג זאָלן זיי ניט עסן. האָט זי צוגעגרייט אַ גוטן מילכיקן מאָלצייט פון בלינצעס, מילכיקע לאַטקעס און אַנדערע געשמאַקע מילכיקע שפּייזן. די יוגנט האָט זיך פאַסמאַקעוועט פון דער „גרעגנדמאַס" מאָלצייט. אייניקע פון זיי, וועלכע האָבן ווייניק געוואוסט פון יידישע מנהגים, האָבן געדענקט אַז תשעה

מיין מוטער דאָבע מייטע

באב איז אַזאַ יום טוב וואָס מען דאַרף עסן געשמאַקע מילכיקע מאכלים.

זי אַליין פלעגט פאַסטן תעניתים. כאָטש עס איז איר אָנגעקומען זייער שווער און ס'האָט שוין געטראָפן אַז זי האָט איינמאָל געחלשט אין שול יום כיפּור. איך האָב אויף דעם צווייטן יאָר איר פאַרגעשלאָגן אַן אָפּמאַך אַז איך וועל פאַסטן אַ גאַנצן טאָג יום כיפּור און זי זאָל עסן. זי האָט מיר געגלויבט אַז איך וועל האַלטן וואָרט, אָבער זי האָט מורא געהאַט אַז גאָט וועט איר ניט פאַרגעבן וואָס זי וועט ניט פאַסטן, און ער וועט ניט אָנערקענען דעם אָפּמאַך. האָט זי ווידער געפאַסט און מיר בלויז אָנגע־זאָגט אַז איך אַליין זאָל זיך היטן מיטן עסן, ניט קאַליע מאַכן דעם מאָגן, חלילה.

צוליב איר גרויסער ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט צו די קינדער איז זי געווען זייער טאָלעראַנט און ניט געשטערט מיר און די אַנדערע קינדער אין אונדזערע פירונגען. די ערשטע יאָרן אין אַמעריקע פלעגט זי יעדן שבת פרי מיך אַרויסשיקן אויפזוכן אַ קריסטלעכן ייִנגל ער

זאָל אָנצינדן דעם פייער אין אויוון וואָס איז געווען באַהייצט מיט שטיינ־קוילן. איך פלעג ברענגען אַ ייִנגל צו „מאַכן" דעם אויוון און מיין מאַמע פלעגט אים געבן צען סענט מיט אַ שטיק חלה. איך האָב פאָרגעשלאָגן מיין מאַמען, אַז איך וועל אָנצינדן דעם פייער אין אויוון: „דו ווייסט דאָך אַז איך האַלט ניט פון שבת". זי האָט איינגעשטימט, אָבער ניט דערפאַר וואָס זי וועט איינשפּאָרן די 10 סענט, נאָר צוליב דעם וואָס זי וועט מיר איינשפּאָרן צו גיין אין דער קעלט זוכן אַ קריסטלעך ייִנגל. אַזוי בין איך געוואָרן דער „שבת גוי" פאַר מיין פאַמיליע אַ פּאָר יאָר.

אין דער שטאָט ליובאַוויטש

מיין מוטער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין דער שטאָט ליו־באַוויטש, וואו עס האָבן זיך געפונען די באַרימטע ליובאַוויטשער רביים. אירע עלטערן האָבן געוואוינט אין שכנות מיט דעם הויף פון די רביים. זי האָט געהייראַט מיין פאָטער, וועלכער איז געקומען פון ליטע קיין ליובאַוויטש זיך לערנען חסידות. מיין פאָטער האָט מיין מוטער מיטגענו־מען נאָכדעם קיין ליטע. זיי האָבן געוואוינט די מערסטע צייט אין דעם שטעטל מיכאַלישאָק, ווילנער גובערניע, וואו איך בין געבוירן געוואָרן. מ'האָט מיר אַ נאָמען געגעבן נאָך אַ ליובאַוויטשער רבין, ר' שמואלקע.

מיין מוטער האָט געטראָגן אַ פּאַרוק אויף איר קאָפּ צו פאַרדעקן די אייגענע האָר. דאָס איז שוין געווען פאַרשריט פון איר זייט, וואוי־נענדיק אין ליטע, ווייל אין ליובאַוויטש האָבן ייִדישע פרויען — אַזוי אויך מיין מוטערס שוועסטער — זיך אָפּגעגאָלט די קעפּ נאָך דער חתונה און פאַרדעקט מיט אַ הויבל. ווען מיין מוטער איז געקומען צו גאַסט אין אָרשע, לעבן ליובאַוויטש, צו אירע שוועסטער וועלכע האָבן דאָרט גע־וואוינט, האָבן זיי איר פאַרגעוואָרפן וואָס זי באַנוגנט זיך מיט אַ פּאַרוק, און האָט ניט אָפּגעגאָלט איר קאָפּ. זיי האָבן געזאָגט אַז זי איז אין דער ליטע געוואָרן אַנדערש און גענומען נאָכטאָן די „הייִנטוועלטיקע"...

מיין פאָטער איז געשטאָרבן זייער יונג און איבערגעלאָזן מיין מאַמען אַן אַלמנה מיט זיבן קינדער — דריי ייִנגלעך און פיר מיידלעך. זי האָט געהאָט אַ שווערן לעבן זיי צו דערציען. די עלטערע קינדער האָבן גע־האָלפן דערנערן די פאַמיליע. איך בין געווען דער מוזיניק פון די ייִנגלעך און מיין מוטער האָט מיך געצערטלט ווי אַ מוזיניקל, אפילו ווען איך בין שוין געווען אַ דערוואַקסענער מענטש. זי האָט טאָלערירט מיינע אַפּיקורסישע אידייען און מיין טעטיקייט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. זי פלעגט נאָר אַמאָל אַרויסזאָגן, „אַך, ווען דער טאַטע וואָלט איצט געלעבט און געזען וואָס איז געוואָרן פון זיין ליבלינג שמואל,

פון וועמען ער האָט דערוואַרט אַז עס וועט אויסוואַקסן אַ רב... אָך, ווי שלעכט ער וואָלט זיך איצט געפילט!" — און ביי דעם פלעגט עס בלייבן. זי האָט ניט געזוכט מיך צו מוסרן. איך האָב מיט איר קיינמאָל ניט דיסקוטירט ערנסטע פּאָליטישע אָדער רעליגיעזע פראַגן. זי איז ניט געווען געלערנט. איך האָב געוואוסט, אַז איך קאָן אירע מיינונגען ניט ענדערן און זי האָט געוואוסט אַז זי קאָן מיך ניט ענדערן. מיר האָבן געהאַט אַ ליבלעכע „קאָ־עקזיסטענץ".

עס האָט פּאַסירט אַז ביי מיינעם אַ שוואָגער, מיינער אַן עלטערער שוועסטערס מאַן, וועלכער איז געווען אַ הויזן־פאַבריקאַנט, איז געווען אַ סטרייק. האָב איך געהאָלפן די סטרייקערס פּיקעטן מיין שוואָגערס פאַבריק. איך פלעג נאָך יעדן טאָג אַרויפגיין אין פאַבריק אַכטונג צו געבן אויב עס אַרבעטן ניט קיין סטרייקברעכער, און דאָס באַריכטן צו די סטרייקערס.

מיין שוואָגער האָט מיך ניט אַרויסגעטריבן פון פאַבריק, נאָר געזוכט אַרגומענטירן מיט מיר און מיר געזאָגט אַז מיך אַרט ניט דער וואוילזיין פון מיין שוועסטער. דאָס זעלביקע האָט מיין מוטער צו מיר אַפּעלירט און געזאָגט: „דיין סאָציאַליזם איז ביי דיר טייערער ווי דיין משפחה". אָבער מיין מוטער און די משפחה האָבן מיך געשעצט און ליב געהאַט און מיין האַנדלונג האָט ניט געענדערט זייער באַציאונג צו מיר.

ווען איך האָב געוואוינט אין נוארק און נאָכדעם אין ניו יאָרק פלעג איך אָפט טעלעפאָנירן מיין מוטער, קומען זי באַזוכן און פאַרברענגען מיינע פאַר וואָכן וואַקאַציע ביי מיינע שוועסטער אין אַ זומער קאָלאָניע ניט ווייט פון באָסטאָן, וואו אויך מיין מוטער איז געווען, און בין געווען אַן אַנגעלייגטער גאַסט.

איך וויל איבערגעבן אַ פּאַסירונג בשעת אַ געשפּרעך מיט מיין מוטער, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם אופן ווי אַזוי איך פלעג מיט איר דיסקוטירן.

עס איז געווען איינמאָל אין מיין וואַקאַציע־צייט, ווען אין אַ פרימאָרגן איז די זון אַרויס, נאָך איבער צוויי וואָכן וואָלקנדיקע און רעגנדיקע טעג. „מאַמע! — זאָג איך, — מען דאַרף היינט מחדש (מעכאַדעש) זיין די זון". „אוי, מיין קינד" — האָט מיין מוטער געזאָגט — דו האָסט שוין פאַרגעסן אַלץ פון יידישקייט. מען איז ניט מחדש די זון, מען איז מחדש די לבנה און היינט וועט מען עס ניט קאָנען טאָן, ווייל עס איז סוף חודש און ס'איז ניטאָ קיין לבנה". „ביין — זאָג איך — איך מיין טאַקע די זון. ס'איז געווען אַזוי פיל טעג פאַרוואָלקנט און רעגנדיק, איז איצט

אַז די זון איז אַרויס דאַרף מען זי בענטשן, מחדש זיין ווי מען טוט עס מיט דער לבנה".

בולקעס אויף בוימער...

עס איז איר געפעלן געוועזן דעם זונס חכמה און זי האָט מיך פאַר־וואַרפן מיט פראַגן, צי איך בין גוט געשלאָפן, צי די סוויסטשעריי פון די פייגל האָט מיר ניט געשטערט, און צי איך בין גרייט צו עסן פרישטיק.

מיט אַמאָל כאַפּט זי זיך אַז עס איז ניטאָ קיין בולקעס, דער בעקער האָט מסתמא פאַרגעסן צו לאָזן היינט בולקעס: „דו וועסט מוזן עסן ברויט". „ביסט געפערלעך, מאַמע — זאָג איך — אַבי עס איז דאָ ברויט".

איך דערלאַנג אַ קוק אין דער הויף לעבן הויז און באַמערק בולקעס אויף די בוימער. איין בולקע אויף אַ צווייג פון אַ בוים, נאָך אַ בולקע אויף אַן אַנדער בוים.

— מאַמע! רוף איך אויס — עס איז משיחס צייטן. דו געדענקסט ווען איך בין געווען אַ קליין ייִנגל פלעגסטו מיר דערציילן, אַז ווען משיח וועט קומען וועלן וואַקסן בולקעס אויף בוימער? נו, גיב אַ קוק, אָט וואַקסן דאָ בולקעס אויף די בוימער"...

מיין מוטער האָט זיך גוט פאַנאַנדערגעלאַכט און מיר דערקלערט אַז דאָס איז די אַרבעט פון די וועוועריקעס וועלכע לויפן דאָ אַרום. יעדן פרימאָרגן וואַרטן זיי אָפּ דעם בעקער ווען ער לאָזט די געבעקס און אָפּט שלעפּן זיי אַוועק וואָס זיי קאָנען. „אַבי איך האָב באַשולדיקט דעם בעקער — האָט זי געזאָגט — און דו האָסט געמיינט אַז עס איז משיחס צייטן. ניין! מיין זון. צו משיחס צייטן איז נאָך ווייט און אונדזערע ייִדן ליידן נאָך אַלץ צרות".

„מאַמע — האָב איך געזאָגט — משיח איז טאַקע נאָך ניטאָ, אָבער די זון גייט אויף. עס איז שוין דאָ אַ פּלאַץ אויף דער ערד וואָס הייסט סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָרט איז אויפגעגאַנגען די זון פאַר די ייִדן און אַלע פעלקער, ניטאָ מער די צאַרישע פּאָגראָמען און פאַרפאָלגונגען. ייִדן פאַר־נעמען וויכטיקע אַמטן אין דער רעגירונג און ייִדן האָבן גלייכע רעכט מיט אַלעמען און מיט דער צייט וועט די זון אויך שיינען אין אַלע אַנדערע לענדער און עס וועט זיין אַ סוף צו אומגערעכטיקייט, מלחמות און ייִדן־פאַרפאָלגונגען".

„אָמן", האָט זי געזאָגט, „הלוואַי זאָל עס טאַקע אַזוי זיין".

אַזוי פלעג איך זיך דורכריידן מיט מיין מאַמען, מיט מיין משפחה.

איינמאָל, צו אַ באַנקעט וואָס איז אַראַנזשירט געוואָרן פון דער באָס־טאָנער „פרייהייט"־קאָמיטעט לכבוד מיינעם אַ געבורטסטאָג, האָט די

משפחה געשיקט פאַרטרעטער, וועלכע האָבן פאַרנומען אַ גאַנצן טיש. מיינער אַ פּלימעניק, אַ דערפאָלגרייכער אַרכיטעקט, האָט אין נאָמען פון דער משפּחה מיך באַגריסט און באַדאַנקט דעם „פרייהייט״־קאָמיטעט פאַר דעם כּבוד וואָס מען האָט מיר צוגעטיילט. מיין פּלימעניק האָט דערציילט, אַז ווען ער איז געווען אַ קליינער יינגל פלעג איך אים געבן סאָציאַליס־טישע מעשה־ביכלעך אַלס מתנות, און אַ ביסל האָט עס אויף אים גע־ווירקט, — ער באַלאַנגט ניט צו דעם רעאַקציאָנערן לאַגער פון דער געזעלשאַפט.

איך האַלט אָן מיינע באַציאונגען מיט מיין משפּחה אין באָסטאָן, אָבער מיין מאַמע פעלט מיר אויס. יעדן מאָל ווען איך טראַכט וועגן מיין אַלטער היים באָסטאָן שטייט מיין מאַמע פאַר מיינע אויגן מיט איר גוטסקייט און מיט איר גרייטקייט צו טאָן פאַר מיר אַלץ וואָס זי האָט נאָר געקאָנט.

מיין הייראַט

עס איז געווען אַ גליקלעכער טאָג אין מיין לעבן ווען איך האָב זיך געטראָפן צום ערשטן מאָל מיט דער, וועלכע איז געוואָרן מיין לעבנס באַגלייטערין, מיין טייערע פרוי מאָלי.

עס איז געווען אַ זומער טאָג אין יאָר 1941. איך בין דאַן אַלט געווען 57 יאָר און אַלץ געווען נאָך אומפאַרהייראַט. איך האָב ניט געטראַכט וועגן חתונה האָבן, ערשטנס, בין איך געווען אַ קבצן מיין גאַנץ לעבן און איך האָב נישט געוואָלט נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון זיין פאַרהייראַט. צווייטנס, האָב איך מורא געהאַט אַז אַ ווייב קאָן מיר שטערן אין מיין סאָציאַליסטישער טעטיקייט. און איך האָב געוואָלט זיין אַ פרייער מענטש.

איך האָב געטראָפן מאָלין אויפן באָרדוואָק (שפּאַציר גאַנג) אין בראַי־טאָן ביטש, ניו יאָרק, וואו איך פלעג אָפט קומען פאַרברענגען זומער־אָוונטן. מאָלי האָט שפּאַצירט מיט אירער אַ חברטע וועלכע איז געווען מיינע אַ באַקאַנטע, און די חברטע האָט אונדז פאַרגעשטעלט. מיין נאָמען איז געווען באַקאַנט צו מאָליק, וועלכע איז געווען אַ לייענערין פון דער „מאָרגן פרייהייט״. זי האָט מיר דערציילט אַז זי לייענט מיינע אַרטיקלען, אַז זי האָט אַפילו אַ צאָל פון מיינע אַרטיקלען אויסגעשניטן און האַלט זיי צוזאַמען מיט אַנדערע וויכטיקע אַרטיקלען פון דער „מאָרגן פרייהייט״, וועלכע געפעלן איר.

מיר האָבן שפּאַצירט צוזאַמען אַ קורצע צייט און זיך צעשיידט. אַ ביסל שפּעטער בין איך צוגעגאַנגען צו אַ קאַפעטעריע אין בראַיטאָן, דאָרט

עפּעס עסן. איך האָב צופעליק געטראָפן מיין נייע באַקאַנטע ביים טיר אויף גרייט אַריינצוגיין אין זעלבן פּלאַץ. האָבן מיר זיך באַגריסט און שוין אַריין צוזאַמען ווי אַלטע באַקאַנטע. מיר האָבן זיך געזעצט צוזאַמען ביי אַ טישל ביי אַ טעפּל קאַווע און נעענטער באַקאַנט זיך.

איך האָב אויסגעפונען אַז מאַלי איז אַן אינטעליגענטע פרוי, אַן איבערגעגעבענע דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל. זי האָט מיר דערציילט אַז זי איז געקומען קיין אַמעריקע אַלס אַ קליין קינד, צוזאַמען מיט איר פאָטער און אַ ברודער. איר מוטער איז געשטאָרבן אין אייראָפּע. מאַלי איז דאָ געגאַנגען אין פּאַבליק סקול, נאָכדעם אין האַי סקול. זי האָט געאַרבעט ביי פאַרשיידענע מלאכות צו העלפן דערנערן די פאַמיליע.

איר פאָטער באַרני לעווין, איז געווען אַ פּראָגרעסיווער מענטש, געווען אַ טעטיקער מיטגליד פריער אין אַרבעטער רינג, נאָכדעם אַ בויער פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן און פון דער „פרייהייט". ער האָט מאַלין געלערנט יידיש און דערצויגן זי אין סאָציאַליסטישן גייסט.

זי פלעגט גיין צוזאַמען מיט אים צו סאָציאַליסטישע לעקציעס און אונטערנעמונגען פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג.

זי האָט מיר דערציילט אַז איר פאָטער איז געשטאָרבן אין יאָר 1939, אַ וואָך נאָך אַלגינען. איר פאָטער האָט אַלעמאָל פאַרגעטערט אַלגינען און די נייעס פון זיין טויט האָט אויף איר פאָטער, וועלכער איז געווען זייער קראַנק, געהאַט אַ דערשיטערנדיקע ווירקונג. ער האָט פון קראַנקן בעט געהאַלטן אין איין אויסרופן מיט ווייטאָג „פאַרוואָס האָט מען געלאָזן אַז אַלגין זאָל שטאַרבן ?"

אַרבעטנדיק אין פאַרשיידענע פאַבריקן, האָט מאַלי אין דער זעלבער צייט זיך געלערנט שפּילן פּיאַנאָ, ביז זי איז געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלע פּיאַנאָ־לערערין.

איך האָב זיך אינטערעסירט מיט איר לעבן. מיר האָבן אָנגעהויבן טרעפן זיך אָפטער.

איך האָב זי אָפט איינגעלאַדן צו גיין מיט מיר צו קאָנצערטן און אונטערנעמונגען. זי האָט גערן אָנגענומען מיינע איינלאַדונגען. און אַזוי האָבן מיר אָנגעהויבן אַרומגיין אינאיינעם.

איך האָב זי איינגעלאַדן צו עסן מיט מיר אַ מאָלצייט אין „קאַווקאַז". דאָס איז געווען אַ רעסטאָראַן אויף 14טער גאַס לעבן ערשטער עוועניו. די אייגנטימער זיינען געווען רוסן. און דער נאָמען „קאַווקאַז" האָט גע־צילט צוצוציען רוסישע עלעמענטן.

עס פלעגן טאַקע אַהין קומען, אויסער רוסישער אינטעליגענץ, אויך ראַדיקאַלן פון פאַרשיידענע ריכטונגען. די אייגנטימער האָבן פּרעטענ־

דירט צו זיין אומפּאַרטייאיש אין פּאָליטישע פראַגן, און די ראַדיקאַלן האָבן זיך געפילט דאָרט היימיש. גאַנץ אָפט פלעגן דאָרט פאַרקומען באַגעגענישן פון גאַנצע גרופּעס, וועלכע פלעגן נאָך אַ קאָנצערט אָדער לעקציע זיך אַריבערכאַפּן צוזאַמען מיט דעם לעקטאָר, אָדער מיט איינעם פון די טאַלאַנטן וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין קאָנצערט. מען פלעגט צוזאַמענשטעלן די טישלעך און ביי די טעלער מיט שפּייז פאַרזעצן די אונטערנעמונג מיט דיסקוסיעס.

עס איז געווען נאָך אַ היימישער פּלאַץ אויף 14טער גאַס, דאָס איז געווען „סאַלינס רעסטאָראַן", סאַלינס איז געווען אַליין אַ טעטיקער מיטגליד פון פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס. אַהין פלעגן קומען מערסטנס מענטשן פון אונדזערע קרייזן פאַר רעגולערע מאָלצייטן און נאָך אונטערנעמונגען פאַר אַ צובייס און אַ שמועס, ווי ס'איז דעמאָלט געווען די מאָדע. אָבער אין „קאַווקאַז" פלעגט מען קומען צוליב די ספּעציעלע מאכלים אין דער אייגנטימלעכער אַטמאָספערע.

האָב איך איינגעלאַדן מיין צוקונפטיקע פרוי צו אַ מאָלצייט פון „שאַשליק", אַ מאכל, וואָס איך פלעג אָפט עסן. כ'האָב געמיינט אַז דאָס וועט מאַלין אויך געפעלן. זי האָט עס געגעסן, אָבער באַגייסטערט פאַר דעם איז זי ניט געווען. נאָכמער, זי האָט מיר געזאָגט אַז פאַר מיין געזונט איז גאָרניט גוט צו עסן אַזוי אָפט דעם דאָזיקן פּאָפּולערן מאכל, ווייל ער פאַרמאָגט צופיל פעטס. זי האָט זיך געאַמפּערט מיט מיר וועגן באַצאָלן. זי האָט ניט געוואָלט אַז איך זאָל באַצאָלן פאַר איר מאָלצייט. איך בין באַשטאַנען אַז אַזוי ווי איך האָב זי איינגעלאַדן דאַרף איך באַצאָלן. מיר פלעגן זיך נאָכדעם טרעפן אין סאַלינס רעסטאָראַן וואו זי פלעגט אַליין באַצאָלן פאַר איר מאָלצייט. אָבער מיר פלעגן עסן צוזאַמען און דערביי רעדן וועגן פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פראַגן. איך האָב איינגעזען אַז זי פאַרמאָגט אַ גראַדן שכל, אַז זי אינטערעסירט זיך מיט די אַלע פּראָבלעמען וואָס באַשעפטיקן מענטשן וועלכע שטרעבן פאַר אַ בעסערער וועלט. כ'האָב זיך איבערצייגט אַז זי וועט ניט זיין קיין שטער צו מיינע סאָציאַליסטישע טעטיקייטן; פאַרקערט, זי קאָן נאָך זיין אַ הילף.

וואָס וויטער האָבן מיר אַלץ קלאָרער געפילט, אַז מיר געהערן איינער צום צווייטן, און ווען מיר טרעפן זיך ניט אַ קורצע צייט בענקען מיר איינער נאָך דעם אַנדערן.

עס זיינען אַוועק עטלעכע חדשים און מיר האָבן באַשלאָסן צו הייראַטן. מיר זיינען אַוועק אין געריכט אין ברוקלין צוזאַמען מיט צוויי עדות, מאַליס פריינט, און אַ ריכטער האָט אונדז אַרויסגעגעבן אַ הייראַט־סערטיפיקאַט און אונדז דערקלערט אַלס פאַרהייראַטע מאַן און פרוי.

באַלד ווי מיר זיינען אַרויס פון געריכט מיט דעם הייראַט־סערטיפי־קאַט, זיינען מיר אַריין צוזאַמען מיט די עדות אין קאַפעטעריע, גענומען אַ לייכטן צובייס און אַוועק צו דער אַרבעט, איך צו דער רעדאַקציע און זי צו אירע פּיאַנאָ־לעקציעס.

מאָלי און ס. ד. לעווין

מיין חתונה איז געווען אַ סורפּריז פאַר אַלעמען. איך האָב טעלעפאָנירט צו מיינער אַ שוועסטער אין באָסטאָן און געמאָלדן אַז איך האָב געהייראַט. מיין מוטער איז שוין געווען געשטאָרבן מיט אַ פּאָר יאָר פריער. זי האָט ניט דערלעבט דעם נחת וואָס זי האָט זיך אַלעמאָל געוואונטשן, אָבער מיינע צוויי ברידער און פיר שוועסטער און זייערע קינדער און אייניקלעך האָבן זיך שטאַרק דערפרייט. טעלעפאָנען האָבן געהאַלטן אין איין קלינגען ביי די מיטגלידער פון מיין משפחה אין באָסטאָן פון איינעם צום צווייטן, אַ גאַנצן טאָג, אָנצוזאָגן די גרויסע נייעס פון מיין חתונה האָבן.

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך מיט מאָלין איינגעלאַדן געוואָרן צו קומען אויף אַ באַזוך צו דער משפחה אין באָסטאָן. מיר זיינען געקומען

צו אַ שוועסטער. די שוועסטער האָט מיך מיט מאַלין מיטגענומען צו באַזוכן אַ ברודער. זי האָט אונדז ניט אויסגעזאָגט אַז מ'האָט פאַר אונדז צוגעגרייט אַ „סורפּריז פּאַרטי". די גאַנצע משפּחה ברידער, שוועסטער, פּלימעניקעס און פּלימעניצעס, אַרום 50 פּערזאָן, זיינען געווען פאַרזאַמלט אַרום געדעקטע טישן. מיינער אַן עלטערער ברודער גרשון, אַ רעליגיעזער ייד, האָט זיך צוליב מיר אָנגעטאָן אַ רויטן שניפּסל און אין נאָמען פון דער משפּחה מיר און מאַלין באַגריסט און אויסגעדריקט די צופרידנ־קייט וואָס איך האָב געהייראַט אַ פרוי וועלכע האָט די זעלבע אידעאַלן וואָס איך, ווייל וואָס עס אינטערעסירט די משפּחה, האָט מיין ברודער געזאָגט, איז אַז איך און מיין פרוי זאָלן האָבן אַ גליקלעכן לעבן און ער איז זיכער אַז האָבנדיק די זעלבע שטרעבונגען און אידעאַלן זיינען דאָ בעסערע מעגלעכקייטן פאַר אַ שלום־בית.

די משפּחה האָט אונדז באַשאָנקען מיט חתונה־מתנות.

עס זיינען שוין אַוועק 29 יאָר ווי מיר זיינען פאַרהייראַט און איך מוז נאָכאַמאָל דערמאָנען: עס איז געווען אַ גליקלעכער טאָג ווען איך האָב געטראָפן מיין מאַלין וועלכע איז געוואָרן מיין פרוי.

עס איז געוואָרן אַן ענדערונג אין מיין לעבן. מאַלי איז אויסערגעוויינלעך איבערגעגעבן און זאָרגט פאַר מיין וואוילזיין, פאַר מיין געזונט און נעמט אָנטייל אין מיינע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן.

מאַלי איז מיין ערשטער קריטיקער ווען איך שרייב אַן אַן אַרטיקל פאַר דער „מאָרגן פרייהייט". אָפט העלפט זי מיר אַרויס מיט אַ לאָגישן געדאַנק, אָדער אַ פּאַסיקן אויסדרוק. איך האָב איר צו פאַרדאַנקען פאַר אַרויסגעבן מיין ערשטע בראָשור, „50 יאָר „פּאָרווערטס"", און שפּעטער מיין בוך „העלדן פון פאָלק", ביאָגראַפיעס פון באַרימטע אַמעריקאַנער פרייהייטס־קעמפער. זי האָט מיך פּשוט געשטויסן און דערמוטיקט צו שרייבן און אַרויסגעבן די ביכער. זי האָט זאָרגפעליק געזאַמלט און אַכ־טונג געגעבן אויף די געדרוקטע אַרטיקלען פון דער „מאָרגן פרייהייט" און אויף די ספּעציעלע מאַנוסקריפּטן וואָס איך האָב געשריבן פאַרן בוך, געמאַכט אַלע אַראַנזשירונגען מיט דעם דרוקער און דעם איינבינדער, און געהאָלפן פאַרשפּרייטן די ביכער.

דאָס שרייבן פון מיינע זכרונות פאַר דער „מאָרגן פרייהייט" האָב איך אויך צו פאַרדאַנקען מאַלין. איך האָב ניט געהאַלטן פאַר וויכטיק עס צו שרייבן, אָבער ווען איך האָב איר דערציילט איינצלהייטן וועגן מיינע פאַרגאַנגענע טעטיקייטן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און מיינע איבערלעבונגען, איז זי צוגעשטאַנען, אַז איך מוז עס אָנשרייבן און דערציילן דער וועלט. „דו האָסט אַן אינטערעסאַנטע פאַרגאַנגענהייט

און לעבנסגעשיכטע מיט וועלכער דו מעגסט שטאָלצירן — האָט זי געזאָגט. דו מוזט עס אָנשרייבן און איך בין זיכער, אַז די לייענער פון דער „מאָרגן פרייהייט" וועלן עס אויפנעמען מיט אינטערעס, ווי זיי האָבן אויפגענומען דיין בוך „העלדן פון פאָלק". דיין לעבנס געשיכטע האָט צו טאָן מיט אַ טייל פון דער געשיכטע פון דער אַרבעטער באַוועגונג און מען קען פון דעם אַ סך לערנען".

יעדן מאָל ווען מיר פלעגן פאָרן אויף אונדזער זומער־וואַקאַציע, פלעגט זי אָנגרייטן און מיטנעמען פּאַפּיר כדי איך זאָל דאָרט שרייבן מיינע זכרונות. זי פלעגט אָבער ברענגען צוריק דאָס פּאַפּיר ליידיק, ווייל איך האָב אַלץ געהאַלטן אַז ס'איז ניט וויכטיק, און אַז איך האָב נאָך צייט עס אָפּצולייגן. אָבער זי האָט מיך ניט אָפּגעלאָזן און איך האָב ענדלעך אָנגעהויבן שרייבן.

איך האָב שוין געלייענט אַ היבש ביסל פון מיינע זכרונות. איך גלויב אַז יעדער איינער אין אונדזער באַוועגונג האָט געדאַרפט באַשרייבן זיינע איבערלעבונגען. אונדזער באַוועגונג איז רייך אין וויכטיקע געשעע־נישן און מען טאָר ניט לאָזן אַז זיי זאָלן פאַרגעסן ווערן.

איז אַ דאַנק מיין מאַלין פאַר דער דערמוטיקונג וואָס זי האָט מיר געגעבן צו שרייבן.

דורך די יאָרן וואָס איך בין פאַרהייראַט צו מאַלין האָט פּאַסירט צוויי מאָל אַז איך בין קראַנק געוואָרן. איינמאָל איז עס געווען אַ גאַנץ ערנסטע קראַנקהייט. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָב איך פּלוצלונג געקראָגן אַ „סטראָוק", אַ פּאַראַליז־אַטאַקע אויף אַ טייל פון מיין קערפּער. איך בין געלעגן עטלעכע וואָכן אין בעט, געקראָגן מעדיצינישע באַהאַנדלונג. אָבער דאָ האָב איך נאָך מער דערפילט ווי גליקלעך איך בין וואָס איך האָב אַזאַ געטרייע איבערגעגעבענע לעבנס־באַגלייטערין ווי מיין מאַלי. זי האָט זיך פּשוט מקריב געווען אויפצופּאַסן אויף מיר. און אַדאַנק איר בין איך אַרויס אַ געזונטער. זי היט מיך זייער אָפּ און גיט אַכטונג אויף מיין געזונט. איך האָב איר צו פאַרדאַנקען וואָס איך האָב דערגרייכט מיין הויכן עלטער וואָס איך געניס איצט און האָף נאָך מיט איר צוזאַמען און מיט אַלע אונדזערע פריינט און חברים לעבן נאָך אַ סך יאָרן, און דערלעבן נחת אין די רעזולטאַטן פון אונדזער טעטיקייט פאַר דער פּראָ־גרעסיווער באַוועגונג. מיר האָפן צו זען נאָך אַ סך דערגרייכונגען פון די כוחות וועלכע אַרבעטן פאַר שלום און אין אַ גערעכטער סאָציאַ־לער סיסטעם, — די סיסטעם פון וועלכער איך האָב אָנגעהויבן צו טרוי־מען מיט אַרום 70 יאָר צוריק, און וועלכע ווערט איצט פאַרווירקלעכט אין גרויסע טיילן פון דער וועלט.

די געשיכטע פון עטל און דזשוליוס ראָזענבערג

אַ טרויעריקער טאָג אין מיין לעבן וואָס איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן — און דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער פאָלק טאָר עס ניט פאַרגעסן — איז געווען דער טאָג פון דעם 19טן יוני 1953, ווען די אַמעריקאַנער רעגי־רונג האָט הינגעריכטעט די צוויי יונגע יידישע אידעאַליסטן עטל און דזשוליוס ראָזענבערג, אין דער סינג סינג טורמע, ניו־יאָרק.

די ראָזענבערגס זיינען געווען קרבנות פון אַ פאַרשווערונג פון מכשפה־יעגער קעגן שלום־קעמפער. זייער פּראָצעס, פּונקט ווי דער פּראָצעס פון סאַקאָ און וואַנזעטי, האָט אויפגעשטורעמט די גאַנצע וועלט. ווילדע מכשפה־יעגער און פאַלשע עדות, וועלכע די רעגירונג האָט צוגעשטעלט, האָבן אַרויסגעבראַכט דעם אורטייל „שולדיק" אין דער קלאַגע פון איבערגעבן דעם סוד וועגן דער אַטאָמישער באָמבע צו דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אין דעם טאָג ווען די ראָזענבערגס זיינען הינגעריכטעט געוואָרן, האָבן צענדליקער טויזנטער מענטשן אָנגעפילט דעם יוניאָן סקווער און די אַרומיקע ניו־יאָרקער גאַסן. אין די לעצטע שעהן פאַר דער דורכפי־רונג פון דעם יוסטיץ־מאָרד איז דער פּראָטעסט פון די מאַסן, וואָס איך בין געווען אויך צווישן זיי, געווען זייער שטורעמדיק, אָבער קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן.

ווען די שרעקלעכע ידיעה איז געמאָלדן געוואָרן, אַז די הינריכטונג איז שוין דורכגעפירט געוואָרן, האָט אויסגעבראָכן אַ יאָמער צווישן די פאַרזאַמלטע. דער טרויער מיטן צאָרן זיינען געווען גרויס, אָבער מען האָט שוין מער גאָרניט געקענט טאָן.

די הינריכטונג פון עטל און דזשוליוס ראָזענבערג וועט פאַרבלייבן אין דער געשיכטע, ווי אַ שרעקלעכע אָנקלאַגע אויף דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג: עס וועט ווייזן אויף וואָס די רעאַקציאָנערע רעגירער זיינען פעאיק, כדי צו דערשטיקן דעם פּראָטעסט פון די וואָס קעמפן פאַר שלום און גערעכטיקייט.

איך האָב נאָכגעפאָלגט די געשיכטע פון די ראָזענבערג־מאַרטירער פון אָנהויב פון זייער אַרעסט, בין געווען ביי די פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס; געווען אויך אויף דער לויה, געשריבן אַרטיקלען וועגן זיי אין דער „מאָרגן פרייהייט".

וועגן די ראָזענבערגס זיינען אָנגעשריבן געוואָרן אַ סך ביכער, וואָס האָבן באַוויזן זייער אומשולד. זייערע נעמען וועלן פאַרבלייבן אין דער געשיכטע און וועלן געערט ווערן צוזאַמען מיט אַלע גרויסע שלום־ און פרייהייט־קעמפער, וועלכע זיינען געווען מאַרטירער פאַר זייערע נאָבעלע אידייען.

ווער זיינען זיי געווען?

עטל און דזשוליוס ראָזענבערג זיינען געווען אַן אינטעליגענט פּאָר־פאָלק פון דער ניו יאָרקער איסט־סאַיד, קינדער פון אָרעמע יידישע אימי־גראַנטן. בשעת זייער אַרעסט איז דזשוליוס אַלט געווען 32 יאָר און זיין פרוי עטל, 34. זיי זיינען געווען עלטערן פון צוויי קינדער, מאַיקל, דע־מאָלט 7 יאָר אַלט, און ראָבערט, 3.

דזשוליוס ראָזענבערג, איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אויף דער איסט־סאַיד, געגאַנגען אין סקול און אין אַ תלמוד־תורה און נאָכדעם גראַדואירט פון ניו יאָרקער סיטי קאָלעדזש מיט אַ בעטשעלאָר־דיפּלאָם אַלס אינזשעניער.

אַ קורצע צייט האָט ער אָנגעהאַלטן אַ רעגירונגס־ שטעלע, און זי פאַרלוירן איבער די מכשפה־געיעגן וואָס האָבן דעמאָלט געבושעוועט אין לאַנד. ער איז געוואָרן אַן אייגנטימער פון אַ קליינער מאַשין־פאַבריק, וואו ער האָט אַריינגענומען אַלס שותפים זיינע שוואָגערס דעיוויד און בערנאַרד גרינגלאַס. די געשעפטן זיינען אָוועקגעגאַנגען שלעכט און צווישן די גרינגלאַסעס מיט ראָזענבערגן האָבן זיך אָנגעהויבן קריגערייען, ביז די גרינגלאַסעס האָבן פאַרלאָזט די פאַבריק.

עטל, (איר מיידלשער נאָמען איז געווען גרינגלאַס) איז אויך געבוירן און דערצויגן געוואָרן אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סאַיד. זי האָט גראַ־דואירט פון סוארד פּארק האַי סקול, און מיט דער צייט געקראָגן אַ שטעלע אַלס סטענאָגראַפּיסטקע. זי איז געווען אַקטיוו אין אַ סטרייק פון שיפּינג־קלויקס (קראָם־אָנגעשטעלטע), געהערט צו אַ דראַמאַטישן קלוב און אויפגעטראָטן צייטנווייז אַלס זינגערין אויף פאַרשידענע אונטערנע־מונגען.

זי האָט זיך באַקאַנט מיט דזשוליוס ראָזענבערגן, געהייראַט, געבוירן צוויי קינדער. זיי האָבן געפירט צוזאַמען אַן אָרעמען אָבער גליקלעכן לעבן.

דזשוליוס ראָזענבערג איז אַרעסטירט געוואָרן דעם 17טן יוני 1950, זיין פרוי, עטל, איז אַרעסטירט געוואָרן אַ פּאָר חדשים שפּעטער, דעם 11טן אויגוסט 1950. די אָפיציעלע קלאָגע איז געווען אַז אין יאָר 1944, בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן די ראָזענבערגס געמאַכט אַ פאַרשווערונג איבערצושיקן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אינפאָרמאַציע וועגן דער נאַציאָנאַלער שוץ פון די פאַראייניקטע שטאַטן, און אים אויך איבער־געבן דעם „סוד“ פון דער אַטאָמישער באָמבע.

דער הויפּט־עדות פאַר דער באַשולדיקונג איז געווען עטלס ברודער, דעיוויד גרינגלאַס, וועלכער האָט אַלס סאָלדאַט געאַרבעט אויף אַ געהיי־מען אַטאָמישן פּראָיעקט. גרינגלאַס איז אַרעסטירט געוואָרן מיט אַ קורצער

צייט פריער. ער האָט זיך מודה געווען און איז געוואָרן אַן עדות קעגן זיין שוועסטער און שוואָגער, די ראָזענבערגס.

גרינגלאַס האָט באַהויפּטעט אַז דזשוליוס ראָזענבערג האָט אים איינגערעדט צו גנבענען און איבערגעבן אים אַטאָמישע סודות. גרינגלאַס האָט דערציילט אַ פאַנטאַסטישע געשיכטע ווי אַזוי ער האָט אין זיין זכרון פאַרצייכנט קאָמפּליצירטע פאָרמולעס וועגן דער אַטאָמישער באָמבע און זיי איבערגעגעבן ראָזענבערגן.

אַ צווייטער עדות איז געווען מאַקס עליטשער, וועלכער האָט אַליין צוגעגעבן אַז ער האָט אויף זיך אַ קלאַגע פון פאַלש שווערן. ער האָט דערציילט מעשיות אַז ראָזענבערג האָט אים אָנגעבאָטן צו באַטייליקן זיך אין שפּיאָנאַזש, נאָר ער האָט עס צוריקגעוויזן. ער האָט אָבער „צוגעזען" זאַכן פון שפּיאָנאַזש מצד די ראָזענבערגס און זייערן אַ חבר מאָרטאָן סאָבעל. די רעגירונג האָט אויך געבראַכט אַלס עדות פּראָפעסיאָנעלע מוסרים, אַזעלכע וועלכע האָבן קיינמאָל ניט געזען און ניט געקענט די ראָזענבערגס — נאָר האָבן אָבער אַלס „עקספּערטן" געגאָסן פּעך און שוועבל אויף אַלעמען וועמען זיי האָבן באַצייכנט אַלס „קאָמוניסטן".

די רעגירונג האָט געבראַכט קעגן די ראָזענבערגס „געפערלעכע באַוויזן". צום ביישפּיל: מען האָט געפונען ביי זיי אין הויז אַ זאַמלפּושקע צו זאַמלען געלט פאַר פליכטלינג־קרבנות פון פראַנקאָ־שפּאַניע; זיי האָבן, צוזאַמען מיט מיליאָנען אַנדערע, געגלויבט, אַז אַ צווייטער פראָנט וועט העלפן פאַרשנעלערן דעם זיג איבערן שונא פון אַמעריקע און פון דער גאַנצער מענטשהייט; און באַך: מ'האָט ראָזענבערגן אַמאָל באַשולדיקט אַז ער איז אַ קאָמוניסט, און ער האָט צוליב דעם פאַרלאָרן אַ רעגירונג־שטעלע — כאָטש ער האָט געלייקנט, אַז ער איז געווען אַ קאָמוניסט.

דאָס אַלץ האָט מען געבראַכט אַלס „באַווייזן" וואָס פאַר אַ „געפערלעכע" מענטשן די ראָזענבערגס זיינען.

די אָנקלאַגע האָט ניט צוגעשטעלט קיין איינציקן אַטאָמישן וויסנשאַפטסמאַן צו שטיצן דעיוויד גרינגלאַסעס עדות זאָגן אין שייכות מיט דער אַטאָמישער באָמבע, אָדער צו באַשטעטיקן די אויטענטישקייט פון דער „צייכענונג" פון דער באָמבע וואָס ער האָט געמאַכט פאַרן פּראָצעס.

דער גרויזאַמער אורטייל

דער ריכטער אירווינג קאָופמאַן האָט דעם 5טן אַפּריל 1951 אַרויסגעגעבן זיין אורטייל: טויט־שטראָף פאַר עטל און דזשוליוס ראָזענבערג, 30 יאָר טורמע פאַר מאָרטאָן סאָבעל און 15 יאָר טורמע פאַר דעם מסור דעיוויד גרינגלאַס.

דער אורטייל קעגן די ראָזענבערגס, וואָס איז אין ברייטע קרייזן געשטעמפּלט געוואָרן אַלס באַרבאַריש, האָט אַרויסגערופן אַ גוואַלדיקן שטורעם אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט. ריזיקע מאַסן דעמאָנ־סטראַציעס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אַ סך שטעט פון לאַנד. גרויסע פּיקעט־דעמאָנסטראַציעס זיינען דורכגעפירט געוואָרן ביים „ווייסן הויז" אין וואַשינגטאָן. עס זיינען געקומען פּעטיציעס און אַפּילו פון פּראָמי־נענטע פּערזענלעכקייטן פון דער וועלט. דעלעגאַציעס פון רבנים און גלחים האָבן זיך געווענדט צום פּרעזידענט אייזענהאַוער אַז ער זאָל פאַרבייטן דעם טויט־אורטייל. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן.

די אָפּרופן פון איינשטיין, יורי און אַנדערע

גרויסע געלערנטע, ווי פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין, פּראָפעסאָר העראָלד יורי, דער נאָבעל־פּריז געווינער און איינער פון די שאַפער פון דער אַטאָמישער באָמבע, האָבן דערקלערט אַז עס איז פּאַקטיש אוממעגלעך געווען, פאַר אַזאַ אומגעבילדעטן מענטשן ווי גרינגלאַס איבערצוגעבן אַטאָ־מישע סודות. זיי זיינען באַשטאַנען אַז די ראָזענבערגס זיינען אַבסאָלוט אומשולדיק. פּראָפעסאָר יורי, האָט געשיקט אַ טעלעגראַמע צו אייזענ־האַוערן אַז ער וויל זיך מיט אים דורכרעדן וועגן דעם ראָזענבערג־אורטייל, אָבער אייזענהאַוער האָט אַפילו ניט געענטפערט. דאָס זעלבע האָט געטאָן דער דעמאָלסטדיקער אַטאָרני דזשענעראַל בראַונעל, צו וועמען יורי האָט אויך געשיקט אַ ווענדונג.

עס איז אַנגעוויזן געוואָרן, אַז עס זיינען געווען פריערדיקע פאַלן פון שפּיאָנאַזש־פּראָצעסן און די באַשולדיקטע זיינען ניט פאַרמשפּט גע־וואָרן צום טויט. זיי זיינען אָפּגעקומען מיט קליינע טורמע טערמינען.

דעם 19טן יוני 1953, פרייטאָג פאַרנאַכט, איז דער אורטייל דורכגע־פירט געוואָרן. דער ריכטער האָט געהייסן זיך צואיילן מען זאָל חלילה ניט מחלל שבת זיין...

די רעגירונג קען ניט ברעכן זייער מוט

אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט אָנגעווענדט פאַרשיידענע מיטלען אויף צעברעכן דעם מוט פון די ראָזענבערגס, איז געווען גוט באַקאַנט. נאָך קלאָרער און בולטער איז עס אַרויסגעקומען פון אַ בוך וועגן די לעצטע טעג און מינוטן פון די ראָזענבערגס, וואָס עס האָט אָנגעשריבן מיט יאָרן שפּעטער איינער אַ דזשיימס וו. בענעט. דער דאָזיקער בענעט איז געווען דער דירעקטאָר פון דער ביוראָ פון טורמעס אין די יאָרן ווען די ראָזענבערגס זיינען געווען פאַרשפּאַרט, ביז דער סאַמע היגריכטונג.

בענעט דערציילט, אַז ער האָט דאַן פאַרגעשלאָגן דעם אַטוירני דזשע־

נעראַל בראַונעל, אַז מען זאָל עפענען אַ וועג ווי אַזוי די ראָזענבערגס זאָלן קענען ריידן דירעקט צו אים, צו בראַונעלן, און אויך צום פּרעזי־דענט אייזענהאַוער. אָבער כדי דורכצופירן עס, מוז מען קודם כל צונויפ־ריידן זיך מיט די ראָזענבערגס און קריגן זייער צושטימונג.

און בענעט האָט אויף זיך גענומען צו ריידן מיט די ראָזענבערגס. ער האָט באַזוכט דזשוליוסן, גערעדט וועגן די געציילטע שעהן וואָס ס'איז אים פאַרבליבן און אין וועלכע ער וואָלט געקאָנט זיך ראַטעווען פון דער שרעקלעכער שטראָף. בענעט האָט אויך געזאָגט, אַז ביי אייניקע מיטגלידער פון דער רעגירונג איז דאָ אַ געפיל, אַז ראָזענבערג באַזיצט געוויסע אינפאָרמאַציעס, וועלכע וואָלטן געקאָנט לייזן געוויסע פראַגן וואָס זיינען נאָך ניט פאַרענטפערט געוואָרן. איז פאַרוואָס זאָל ראָזענבערג ניט געבן די אינפאָרמאַציע, העלפן דער רעגירונג און — דער עיקר — ראַטעווען זיך דאָס לעבן? בענעט האָט גערעדט אי אָפענע רייד, אי מיט אָנצוהערענישן, און ראָזענבערג האָט זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז בענעט פאַרלאַנגט פון אים ער זאָל ווערן אַ שפּיאָן, פאַרראַטן זיינע פריינד, אַריינ־שלעפּן די פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און געבן דער רעגי־רונג אַ מעגלעכקייט מיט איין קלאַפּ פאַרניכטן די גאַנצע לינקע באַוועגונג.

דזשוליוס ראָזענבערג האָט פעסט און מוטיק צוריקגעוויזן בענעטס עצה; אויך עטל ראָזענבערג, צו וועמען בענעט האָט זיך געווענדט באַזונ־דער מיטן אָנבאָט צו ראַטעווען איר לעבן, האָט מיט פאַראַכטונג צוריק־געוויזן דעם אָנבאָט.

אין גאַנצן מייאש געווען זיך האָט בענעט ניט, ער האָט געהאָפט, אַז אפשר וועט זייער מוט ניט אויסהאַלטן אין די לעצטע שעהן און מי־נוטן און זיי וועלן איינווילקן צו ריידן.

צוויי שעה האָט בענעט געוואַרט אין עדגאַר הואווערס אָפיס צו הערן אַ וואָרט פון די ראָזענבערגס דורך אַ ספּעציעלער טעלעפאָן־ליניע, וואָס איז געבליבן אָפן פאַר דעם צוועק. די ראָזענבערגס האָט מען צום לעצטן מאָל געזאָגט, אַז מען גייט דורכפירן די הינריכטונג און אַז זיי האָבן נאָך אַ מעגלעכקייט צו ראַטעווען זיך, אויב זיי וועלן טאָן וואָס מען הייסט זיי...

אַ געהילף פון דעם טורמע־דירעקטאָר איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין וואָרדענס אָפיס צו היטן, אויב אַן ענדערונג וועט פאָרקומען, און דאָס גלייך איבערגעבן דעם דירעקטאָר און הואווערן. אויך פּרעזידענט אייזענהאַוער האָט געוואַרט, גרייט צו האַנדלען אַזוי גיך ווי ער וועט הערן פון בענעטן און פון הואווערן.

זייער וואַרטן איז אָבער געווען אומזיסט. די צוויי העלדישע מאַרטי־

רער זיינען געגאַנגען מוטיק צום עלעקטרישן שטול און ניט געוואָלט פּאַרראַטן אומשולדיקע מענטשן, כדי זיך צו ראַטעווען. די צוויי אײדעלע מענטשן, דזשוליוס און עטל ראָזענבערג, האָבן ביזן סאַמע לעצטן אָטעם־צוג ווירדיק און העלדיש זיך געהאַלטן ביי זייער ערשטער דערקלערונג, אַז זיי זיינען אומשולדיקע קרבנות פון דעם מכשפה־געיעג און פון דער מלחמה־היסטעריע.

דער קרבן אין טורמע

און איצט עטלעכע ווערטער וועגן דריטן אומשולדיקן קרבן — מאָרטאָן סאָבעל.

סאָבעל איז אַ יונגער וויסנשאַפטלער, אַן אוניווערזיטעט חבר פון דזשוליוס ראָזענבערג. ער איז געווען מיט אים געזעלשאַפטלעך טעטיק צווישן די סטודענטן.

סאָבעלס „פאַרברעכן" איז געווען וואָס ער האָט זיך אַנטזאָגט צו „קאָאָפּערירן" אין דער פאַבריקאַציע פון ליגנערישע „באַווייזן" קעגן די ראָזענבערגס. מען האָט אים געקידנעפּט אומגעזעצלעך פון מעקסיקאָ, וואו ער איז געווען מיט זיין פרוי אויף וואַקאַציע, און געבראַכט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו מען האָט אים געהאַלטן אין איין אויס־פרעגן. נאָך 53 טעג אין טורמע וואו מען האָט ניט געקאָנט אַרויסקריגן קיין „קאָאָפּעראַציע" פון אים, האָט מען אים אויך אָנגעטשעפּעט די קלאָגע פון שפּיאָנאַזש.

דער הויפּט עדות קעגן סאָבעלן איז געווען מאַקס עליטשער, וועלכער האָט אַליין אויף זיך געהאַט אַ קלאַגע פון פאַלש שווערן, פאַר וועלכער עס האָט אים געדראָעט 5 יאָר טורמע. ווערנדיק אַ רעגירונגס־עדות, האָט מען אים שוין מער ניט געמשפּט אויף דער קלאַגע קעגן אים. מ'האָט אים נאָך געהאָלפן קריגן אַ גוט באַצאָלטע שטעלע.

אין דער זעלבער אַטמאָספערע פון מעקאַרטיזם און מלחמה־היס־טעריע איז סאָבעל דערקלערט געוואָרן „שולדיק" און פאַרמשפּט געוואָרן צו 30 יאָר טורמע.

מאָרטאָן סאָבעל האָט אָפּגעשמאַכט אין די פעדעראַלע טורמעס קנאַפּע 18 יאָר פון זיין יונגן לעבן.

די גאַנצע צייט פון זיין זיצן אין טורמע האָבן די טויזנטער מענטשן, וועלכע זיינען געווען איבערצייגט אין סאָבעלס אומשולד, געאַרבעט ענער־גיש פאַר זיין באַפרייאונג. אַ „סאָבעל פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט" איז געגרינדעט געוואָרן, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט מאַסן־דעמאָנסטראַציעס און מיטינגען צו פאָדערן זיין באַפרייאונג. זיין איבערגעגעבענע פרוי העלען און זיין געטרייע מוטער ראָוז האָבן ניט גערוט קיין מינוט, און

אַנגעשפּאַרט אומעטום, אַריינגעצויגן פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן, וועלכע זיינען אַרויסגעטראָטן אויף מיטינגען און געפאָדערט די באַפרייאונג פון דעם אומשולדיקן מאָרטאָן סאָבעל. מען האָט זיך אויך אַ סך מאָל גע־ווענדט אין געריכט מיט אַפּילס.

איך בין אָנוועזנד געווען אויף אַ גרויסער צאָל פון די פּראָטעסט־מיטינגען און געשריבן וועגן זיי אין דער „מאָרגן פרייהייט". איך גע־דענק אַ מיטינג, אין קאַרנעגי האָל, ניו יאָרק, וואו דער רעדנער איז געווען וואָרען בילינגס פון דער היסטאָרישער מוני און בילינגס געשיכטע.

בילינגס, וועלכער האָט צוזאַמען מיט מוני אָפּגעשמאַכט 23 יאָר אין טורמע, האָט געוויזן דורך זיין אייגענער דערפאַרונג, ווי אַזוי דער קאַפּי־טאַליסטישער קלאַס מאַכט פאַרשווערונגען קעגן קעמפער פאַר אמת און גערעכטיקייט און דורך פאַלשע עדות און „באַווייזן" ווערן די בעסטע מענטשן פאַרמשפּט. מאָרטאָן סאָבעל איז איינער פון די קרבנות פון אַזעלכע פאַרשווערונגען, — האָט בילינגס געזאָגט.

דעם 12טן יאַנואַר 1969 איז מאָרטאָן סאָבעל באַפרייט געוואָרן דורך אַ פעדעראַלן געריכט. צוליב זיין גוטער אויפפירונג האָט מען אים גע־שענקט די איבעריקע יאָרן וואָס ער האָט נאָך געדאַרפט זיצן אין טורמע. ענדלעך איז מאָרטאָן צוריק פאַראייניקט געוואָרן מיט זיין פאַמיליע און מיט זיין גרויסער צאָל פריינט. זיין באַפרייאונג האָט אַרויסגערופן אַ פרייד ביי אַלע רעכט־דענקענדע מענטשן אין אַמעריקע, אָבער האָט נישט אָפּגעווישט די אומגערעכטיקייט וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן אַן אומשולדיקן מענטשן.

די ראָזענבערג־ און סאָבעל־געשיכטע וועט מען אַלעמאָל געדענקען צוזאַמען מיט דער סאַקאָ און וואַנזעטי־געשיכטע. זיי דאַרפן זיין אַן אָנזאָג, אַז מען דאַרף שטענדיק זיין אויף דער וואַך און נישט דערלאָזן, אַז אַזעלכע זאַכן זאָלן ווידער פּאַסירן אין דער צוקונפט.

אין די יאָרן פון מכפשה־געיעגן

אין מיין לעבן אין אַמעריקע זינט דעם יאָר 1900 איז געשען נישט איינמאָל ווען דער הערשנדיקער קלאַס אין לאַנד האָט געזוכט צו דער־שטיקן די שטימען פון די וואָס האָבן געמאָנט גערעכטיקייט.

סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן, קעמפער פאַר טרעיד יוניאָניזם, פאַר פרויען שטים־רעכט און אַנדערע זיינען פאַרפאָלגט געוואָרן נאָך אין ערשטן צענדליק יאָר פון היינטיקן יאָרהונדערט. עס געדענקט זיך נאָך די גרויסע

צאָל אַרעסטן פון די קעגנער פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. עס זיינען געווען די פינצטערע טעג פון די „פּאַלמער רעידס", די איבערפאַלן אויף פרעמד־געבוירענע ראַדיקאַלן אין די יאָרן פון 1919 און 1920, וואו טויזנטער זיינען אַרעסטירט געוואָרן און הונדערטער האָט מען דעפּאָרטירט פון לאַנד.

די שחיטות אויף סטרייקנדע אַרבעטער, די פאַרפאָלגונגען פון אַרבעט־לאַזע וועלכע האָבן געפאָדערט פאַרזיכערונג און דורכגעפירט הונגער־מאַרשן קיין וואַשינגטאָן — דאָס זיינען אַלץ בלוטיקע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון אַמעריקע.

איינע פון די סאַמע פינצטערע פעריאָדן אין אַמעריקע האָט געבראַכט מיט זיך דער מעקאַרטיזם. דאָס איז געווען די צייט ווען דער טרויעריק באַרימטער סענאַטאָר פון וויסקאָנסין, דזשאָזעף מעקאַרטי, איז געווען הויפּט פון אַ „סענאַט אונטערזוכונגס־קאָמיטע". מעקאַרטי און אַנדערע פון זיין מין האָבן דורכגעפירט מכשפה־געיעגן אויף ראַדיקאַלן, פון 1947 ביז די ערשטע 50ער יאָרן. דער גראַנד־אינקוויזיטאָר האָט געשטעמפּלט יעדן מענטשן מיט אַ פרייען אָדער ליבעראַלן געדאַנק ווי אַ „געפערלעכן קאָמוניסט", אַ „שונא פון לאַנד". ער האָט אַפילו באַשולדיקט דעם סטעיט דעפּאַרטמענט אין וואַשינגטאָן אין האָבן קאָמוניסטן אויף וויכטיקע אַמטן. הונדערט מיט פופציק קאָמוניסטן, האָט ער געזאָגט, פאַרנעמען וויכטיקע פּאָסטנס אין דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

עס זיינען געשלעפּט געוואָרן צו „פאַרהערן" מענטשן מיט ליבעראַלע אידייען. עס זיינען געשאַפן געוואָרן ספּעציעלע מכשפה־יעגערישע געזעצן, ווי דער „סמיט און מעקאַרען געזעצן" און אַנדערע.

עס איז געווען אין יענע יאָרן, ווען דער שטאַט ניו יאָרק האָט פאַרניכטעט אַזאַ פּראַכטפולע אינסטיטוציע ווי דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן, וועלכער האָט פאַרמאָגט 165 טויזנט מיטגלידער, אַרום 30 טויזנט פון זיי אין דעם יידישן פאָלקס אָרדן, וואָס האָט אָנגעפירט ברייט־פאַרצווייגטע טעטיקייטן אין די אינטערעסן פון די פאָלקס־מאַסן.

עס איז געווען אין יענער צייט ווען איבער 20 פון די הויפּט־באַאַמטע פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זיינען אַרעסטירט געוואָרן אונטער די געשאַפענע סמיט און מעקאַרן געזעצן. עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן פּראָגרעסיווע טוער אין פאַרשיידענע שטעט איבערן לאַנד. עס זיינען פאַרפאָלגט געוואָרן אינטעלעקטואַלן, פילם־שרייבער, אַקטיאָרן.

אַזוי איז עס געווען אין יענע משוגענע צייטן, פון וועלכע מיר זיינען נאָך איצט אויך ניט אינגאַנצן פּטור.

דער פּראָצעס אין ניו יאָרק

איך האָב נאָכגעפאָלגט די אַלע געשעענישן און כאָטש איך בין אין די 50ער יאָרן שוין ניט געווען קיין אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פון דער „מאָרגן פרייהייט״, בין איך געשיקט געוואָרן פון דער צייטונג אַלס קאָרעספּאָנדענט צו באַריכטן פון די פּראָצעסן קעגן די קרבנות פון די מכשפה־יעגער. די קאָמוניסטישע פירער האָבן אַלע געהאַט לאַנגיאָריקע רעקאָרדס אַלס קעמפער פאַר די בעסטע אינטערעסן פון לאַנד. די קאַפּי־טאַליסטישע הערשאַפט האָט זיי אויסגעקליבן פאַר די ערשטע צו פאַרפאָלגן כדי אָנצואוואַרפן אַ שרעק אויף יעדן איינעם וועלכער קריטיקירט די האַנד־לונגען פון די געלט־מאַגנאַטן.

איך בין געגאַנגען יעדן טאָג אין דער פעדעראַלער געריכט־הויז אויף פאָלי סקוועער, ניו יאָרק, ווען 13 פון די קאָמוניסטישע פירער זיינען געמשפט געוואָרן אין 1952 און 1953. עלף האָט מען געמשפט אין 1949.

איך האָב זיך צוגעהערט און געזען ווי די רעגירונג האָט צוגעשטעלט באַצאָלטע שפּיאָנען און פאַררעטער וועלכע האָבן עדות געזאָגט קעגן די אָנגעקלאָגטע פרייהייט־קעמפער.

איך האָב געהערט די פּראַכטפולע פאַרטיידיקונג־רעדעס פון עליזאַבעט גורלי פלין, אַלעקסאַנדער טראַכטענבערג, דר. דזשעיקאָב מינדעל און אַנדערע. מען וואָלט געדאַרפט אָנשרייבן גאַנצע ביכער איבערצוגעבן אַלע איינצלהייטן. עס האָבן זיך מיר איינגעקריצט די מוטיקע ווערטער פון דער העלדישער עליזאַבעט גורלי פלין, אַ וועטעראַן אין קאַמף פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג. איר רעדע פאַר דעם ריכטער איידער ער האָט אַרויס־געגעבן שווערע שטראָפן פאַר די אָנגעקלאָגטע. פלין, ווי די אַנדערע, האָבן צוריקגעשליידערט די באַשולדיקונג אַז זיי פּרעדיקן גוואַלד־טאַט מיטן צוועק אומצוואַרפן די רעגירונג. עס איז דער הערשנדיקער קלאַס, האָט זי געזאָגט, וועלכער באַגייט גוואַלדטאַטן קעגן די קוילן־גרעבער, קעגן נעגער און אַנדערע. וועגן דער שטראָף וואָס האָט איר דערוואַרט האָט זי געזאָגט:

„איך קאָן פאַרשפּאַרט ווערן אין טורמע, איך קאָן ניט ווערן ׳קאָרע־גירט׳, ׳רעפאָרמירט׳, אָדער ווערן אַנדערש ווי איך בין. איר קענט פאַר־שפּאַרן מיין קערפּער. מיינע געדאַנקען וועלן פאַרבלייבן פריי און אומ־באַרירט״.

אַלע אַנדערע אָנגעקלאָגטע האָבן אין זייערע רעדעס באַטאָנט, אַז זיי האַלטן זיך פעסט ביי זייער קאָמוניסטישן גלויבן, און וואָס די שטראָף זאָל ניט זיין, וועט קיין מאַכט ניט אָפּהאַלטן זיי פון פאָרזעצן זייער קאַמף פאַר זייערע פּרינציפּן.

דער ריכטער האָט אַרויסגעגעבן טורמע־טערמינען און געלט־שטראָפן. אַלע אַפילס האָבן ניט געהאָלפן, און די באַשולדיקטע זיינען פאַרשיקט געוואָרן אין טורמעס. זיי זיינען אָפּגעזעסן זייערע טערמינען און אַרויס אָפּגעשוואַכט אין קערפּער אָבער שטאַרק אין גייסט, כמעט אַלע האָבן פאַרגעזעצט זייערע טעטיקייטן.

טאָמפּסאָן און ווינסטאָן

צוויי פון די קרבנות זיינען אַרויסגעקומען ערנסט באַשעדיקט אין זייער געזונט. איינער איז געווען ראָבערט טאָמפּסאָן, אַ וועטעראַן פון דער מלחמה קעגן היטלערן. ער האָט געדינט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי און האָט געוואונען אַ מעדאַל פאַר איינשטעלן זיין לעבן ביים ראַטעווען אַ באַטאַליאָן פון פאַרניכטעט ווערן דורכן שונא. אָבער נאָך דער מלחמה האָט די רעגירונג זיך ניט גערעכנט מיט זיין העלדישקייט און אים פאַר־שפּאַרט אין טורמע פאַר זיינע קאָמוניסטישע אידייען. ער איז אין טורמע באַפאַלן געוואָרן פון אַן אַרעסטאַנט — מעגלעך אַן אונטערגעשטעלטן בויאַן — וועלכער האָט טאָמפּסאָנען צעשפּאַלטן דעם קאָפּ. ער איז דער־פון קראַנק געוואָרן און דאָס האָט פאַרקירצט זיינע יאָרן. ער איז געשטאָרבן אַ קורצע צייט ערב אַ גרויסער אַנטי־מלחמה דעמאָנסטראַציע, ביי וועלכער ער האָט געדאַרפט אויפטרעטן אַלס רעדנער.

דער צווייטער איז דער איצטיקער פאַרזיצער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי הענרי ווינסטאָן, וועלכער איז אַרויס פון טורמע איינגאַנצן בלינד אויף ביידע אויגן. ער האָט באַשולדיקט די טורמע־באַאַמטע אין פאַר־נאַכלעסיקן אים און ניט געבן אים קיין מעדיצינישע הילף, ווען זיינע אויגן זיינען באַשעדיקט געוואָרן, אָדער אים אַרויסלאָזן אויף דער פריי ער זאָל קאָנען זיך אויסהיילן.

כאָטש דאָס איז באַקאַנטע געשיכטע וואָס האָט ניט זייער לאַנג פּאַ־סירט, איז וויכטיק צו דערמאָנען ווי אַזוי די רעגירונג האָט זיך איזדיע־קעוועט איבער צוויי פון די בעסטע קעמפער פאַר שלום, גערעכטיקייט.

איך פיל אַז איך האָב דורכגעפירט אַ וויכטיקע מיסיע דערמיט וואָס איך בין אין דער צייט פון די פּראָצעסן קעגן די העלדישע מענטשן, געווען אין געריכט און אויספירלעך באַשריבן דעם משפט אין אונדזער צייטונג. אָט די מאָמענטן בלייבן אַ טייל פון מיינע זכרונות, פון מיין לעבנס־געשיכטע.

דער „פאָרווערטס" לייגט צו אַ קנייטל

שרייבנדיק וועגן יענע מכשפה־יעגערשע יאָרן קאָן איך זיך ניט צוריקהאַלטן פון אויסדריקן מיין אַנטריסטונג איבער דער מיאוסער ראָלע,

וואָס דער ׳פאָרווערטס׳ האָט געשפּילט אין יענע זיינע טרויעריקע צייטן, שטיצנ־דיק די פאַלשע עדות פון די שפּיאָנען און צוגעבנדיק אייגענע העצערייען מיט מסירות קעגן די העלדישע קרבנות, וועלכע האָבן געקעמפּט פאַר זייער פרייהייט.

דער „פאָרווערטס" האָט גוטגעהייסן דעם מעקאַרטיזם, שרייבנדיק אין אַן עדיטאָריעל אַז דאָס זיינען די קאָמוניסטן וועלכע פאַרשפּרייטן די געשיכטע אַז עס איז דאָ אַ געפאַר פון מעקאַרטיזם!

דאָס איז געווען דער ענטפער פון „פאָרווערטס" צו נאָרמאַן טאָמאַס און אַדלעי סטיווענסאָן, וועלכע זיינען געקומען פון אַ באַזוך אין איראָפּע און האָבן באַריכטעט אַז דער מעקאַרטיזם פאַרשוואַרצט דעם נאָמען פון אַמעריקע אין די אויגן פון די איראָפּייאישע אינטעלעקטואַלן און סאָ־ציאַליסטן.

דער „פאָרווערטס" האָט געווידמעט אַ גאַנצן עדיטאָריעל דעם ענין (דעם 6טן סעפּטעמבער, 1953) און געזאָגט, אַז די קאָמוניסטן טראַכטן עס אויס וועגן דער געפאַר פון מעקאַרטיזם און זוכן דערמיט צו פאַר־שוואַרצן דעם נאָמען פון אַמעריקע.

ווען די סיוויל ליבערטיס יוניאָן האָט אין 1947 אַרויסגעגעבן אַ ביכל וואו עס איז אָנגעוויזן געוואָרן אַז מיט די ציווילע פרייהייטן אין אַמעריקע האַלט עס זייער שלעכט, אַז עס ווערן געמאַכט געזעצן, וואָס רויבן אַוועק די פרייהייט פון בירגער, אַז לינטשערייען און ראַסן־האַס, אַנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאַציעס פאַרשטאַרקן זיך — איז דער „פאָרווערטס" אַרויס מיט אַ קריטיק אויף דער סיוויל ליבערטיס יוניאָן פאַר דער דאָזיקער דערקלערונג.

אין „פאָרווערטס" פון 9טן סעפּטעמבער 1947 שרייבט זיין דעמאָל־טיקער קאָרעספּאָנדענט אין וואַשינגטאָן, ב. מיימאָן: „עס וואָלט געווען צו נאַיוו צו דערוואַרטן אַז אין אַ צייט פון אינערלעכע רייסערייען זאָל דאָס פאָלק זיין גרייט צו מאַכן פּראָגרעסיווע עקספּערימענטן און זיך לאָזן גיין אויף נייע וועגן".

דער פינצטערער „לאַיאַלטי" געזעץ וואָס פאָדערט אַז אָנגעשטעלטע ביי אַרבעטן וואָס ווערן געטאָן פאַר דער רעגירונג, און אין רעגירונג־אינסטיטוציעס דאַרפן שווערן אַז זיי זיינען געטריי צום לאַנד און באַלאַנגען ניט צו אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס וועלכע ווערן באַטראַכט פון אַטוירני דזשע־נעראַל אַלס ניט „לאָיאַל" און צוליב וועלכע הונדערטער זיינען אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זייערע שטעלעס — אַפילו פאַר דעם דאָזיקן פינצטערן געזעץ האָט דער „פאָרווערטס" געפונען אַ הכשר. ב. מיימאָן שרייבט וועגן דעם „לאָיאַלטי" געזעץ אַז „אַפילו אין דעם פאַל קאָן מען ניט רעדן קעגן דעם

מיט באַקציינער... ווען מען צייגט אָן אַז קאָמוניסטן האָבן זיך אַריינ־געשמוגלט אין רעגירונגס אַמטן".

אַזוי האָט דער „פאָרווערטס" איבערגענומען מעקאַרטיס ווילדע רייד וועגן „קאָמוניסטן" אין דער רעגירונג. ווען דער אורטייל צו פאַרמשפּטן די אָנגעקלאָגטע קאָמוניסטן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, האָט די „ניו יאָרק פּאָוסט" געשריבן „אַז עס איז אַ פינצטערער טאָג פאַר אַמעריקאַנער פרייהייט". דער „פאָרווערטס" האָט מיט פרייד געשריבן (דעם 6טן יוני 1951) אַז עס איז „אַ שלעכטער טאָג פאַר די פאַרשווערער".

ווען די טאָמאַס־רענקין אומאַמעריקאַנער קאָמיטע האָט סוף 1947 אָנגעהויבן אַ מכשפה־געיעג אויף די פּראָגרעסיווע פילם־שרייבער און אַקטיאָרן פון האָליוואוד, און אַלס רעזולטאַט דערפון איז אַ צאָל פון זיי אָפּגעזאָגט געוואָרן פון די שטעלעס און אַרויפגעשטעלט געוואָרן אויף דעם שוואַרצן צעטל, האָט דער „פאָרווערטס" אין אַן עדיטאָריעל, דעם 29טן נאָוועמבער 1947, געגעבן אַ הסכמה אויף די אַנטיסעמיטישע און פּראָ־פאַשיסטישע מעשים פון דער קאָמיטע. דער „פאָרווערטס" האָט געשריבן אַז „די עטלעכע קאָמוניסטן וואָס וועלן איצט געשלאָגן ווערן האָבן פאַר־דינט דעם שטעקן".

די מסירות קעגן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, די העצערייען קעגן די פּראָגרעסיווע קינדער־שולן, דעם מוזיק פאַרבאַנד און אַנדערע אינסטיטוציעס זיינען גוט באַקאַנט אונדזערע לייענער.

ימים נוראים אַמאָל און היינט

די ימים נוראים טעג זיינען אַמאָל געווען וויכטיקע טעג ביי יידישע ראַדיקאַלן אין אַמעריקע. סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן זיינען געווען טעטיק אין אָנפירן אַ קאַמף קעגן רעליגיע.

ראש השנה און יום כיפור, דער סעזאָן פון טעטיקייט ביי רעליגיעזע יידן, איז אויך געווען די צייט ווען די ראַדיקאַלן פלעגן פאַרשטאַרקן זייער אַנטי־רעליגיעזע טעטיקייט.

די סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן האָבן געגלויבט, אַז כדי צו מאַכן דעם יידישן אַרבעטער פאַר אַ גוטן קעמפער קעגן קאַפּיטאַליסטישער עקס־פּלואַטאַציע, איז נויטיק אים צו באַפרייען פון דעם גלויבן, אַז אַלץ איז באַשערט פון גאָט; אַז ראש השנה ווערט פאַרשריבן און יום כיפור ווערט פאַרחתמעט דער גורל פון מענטשן און אַז מען קאָן זיך ראַטעווען פון אַ שלעכטן גורל דורך תפילות צו גאָט. די ראַדיקאַלן האָבן געהאַלטן, אַז

מען דאַרף די יידישע אַרבעטער דערקלערן אַז זייער הילף קעגן עקס־פּלואַטאַציע און אונטערדריקונג קאָן נאָר קומען דורך קאַמף קעגן די אונטערדריקער.

די יום כּיפּור בעלער

די ראַדיקאַלן פלעגן ראש השנה און יום כּיפּור איינאָרדענען מיטינגען און לעקציעס קעגן רעליגיע. פּאָפּולער זיינען געווען די אַנאַרכיסטישע יום כּיפּור בעלער. דאָרטן פלעגט מען איינאָרדענען סצענעס, וואָס זיינען געווען סאַטירעס אויף רעליגיע און אויף דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם.

עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ בראָשור — אַ פּאַראָדיע אויף דער „תפילה זכה״ (טפילע זאַקע) אין דעם מחזור. עס האָט געהייסן: „די אַנאַרכיסטישע תפילה זכה״. דאָרט זיינען געווען ווידוים פון יידישע שרייבער, אונטער פאַרשטעלטע נעמען, וועלכע האָבן ווידוי געזאָגט, אַז זיי פּרעדיקן פרומקייט און רעליגיע אין די צייטונגען און זאָגן מוסר, אָבער אַליין גלויבן זיי ניט אין דעם וואָס זיי פּרעדיקן; נאָר וואָס דען? ווי עס זאָגט זיך אין דער „תפילה זכה״: „צרכי עמך מרובים״, מען דאַרף מאַכן אַ לעבן. אָנשטאָט „על חטא שחטאתי״, אויף די זינד וואָס איך האָב געזינדיקט, וואָס אין מחזור רעכנט מען אויס אַלערליי זינד און דערויף בעט מען פאַרגעבונג, איז אָנשטאָט דעם געווען: „על חטא שחטאו לפנינו״, אויף די זינד, וואָס די באַלעבאַטים האָבן קעגן אונדז געזינדיקט: שפיכות דם, גניבה, גזילה און אונטערדריקונג. נבוא במשפט אמהם אל נכפּר — וועגן דעם אַלעם וועלן מיר זיך מיט זיי אָפּרעכענען... מיר וועלן זיי הרגנען און פאַרניכטן, מיר וועלן זיי ניט מוחל זיין...

דוד עדעלשטאַדטס אַ ליד

אַזעלכע און ענלעכע בראָשורן פלעגן די ראַדיקאַלן פאַרשפּרייטן צווישן די יידישע מאַסן אין די פאַרכטיקע טעג. אין באָסטאָן האָט אַ גרופּע אַנאַר־כיסטן אָפּגעדרוקט אַ ליד פון דעם גרויסן דיכטער דוד עדעלשטאַדט: „צו די גאָטספאַרכטיקע בירגער״, וואו עס זיינען געווען אַזעלכע שורות:

„איצט, זאָגן מיר, איז גענוג צו גלויבן! ווער פון אייך ווייס ניט דעם סוד, אַז ווי אונטן אַזוי אויך אויבן גיבט ניט קיין שפור פון קיין גאָט״. ...„און ווען עס זאָל יאָ עקזיסטירן אַ גאָט, וואָס טוט אונדז נאָר און פּלאָגט, דאַן דאַרף מען אים עקספּלאָדירן ווי דער זיידע באַקונין האָט געזאָגט״.

מען האָט דאָס בלעטל צעטיילט אַרום די סינאַגאָגן, צו די יידן וואָס זיינען געגאַנגען תפילה טאָן, און עס זיינען פאָרגעקומען געשלעגן צווישן די ראַדיקאַלן און יונגע פרומאַקעס.

אַ ראַדיקאַלער בוך־געשעפט אויף טשעמבערס סטריט, באָסטאָן, וואָס האָט געהאַלטן אָפן דאָס געשעפט אום ראש השנה, איז איין יאָר באַפאַלן געוואָרן, מען האָט צעבראָכן די פענצטער און געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף די ביכער.

אין טשעלסי, לעבן באָסטאָן, איז מיר געלונגען איינמאָל אָפּראַטעווען אַ יידישן קרעמער פון ווערן פּאָגראָמירט, אַ ראש השנה ביינאַכט, ווען אַן עולם וואָס איז געגאַנגען פון שול, האָט דערזען אַז אַ שפּייז־קראָם מיט אַ יידישן קרעמער איז אָפן אום ראש השנה. עס איז געוואָרן אַ גרויסע אויפרעגונג און אַן עולם האָט זיך געלאָזט אים שלאָגן און פּאָגראָמירן די קראָם. איך האָב גענומען אַ קעסטל און זיך אויף דעם אַוועקגעשטעלט לעבן קראָם און אָנגעהויבן הויך אויפן קול ריידן וועגן יידישע מאַרטירער אין דער געשיכטע, וויפל זיי האָבן זיך אָנגעליטן און ניט אויפגעגעבן זייער גלויבן. איך האָב גערעדט וועגן דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, די עשרה הרוגי מלכות, און דער עולם האָט זיך צוגעהערט מיט אינטערעס, דענקענדיק, אַז איך שטיץ זייער געפּלאַנטע אַקציעס קעגן דעם קרעמער. איך האָב אָבער אויסגעפירט אַז טאָקע דערפאַר וואָס יידן זיינען אַליין געווען קרבנות פון אומטאָלעראַנץ, דאַרפן יידן זיין טאָלעראַנט צו די, וועלכע גלויבן ניט אַזוי ווי זיי גלויבן. דער עולם האָט זיך באַרואיקט.

גלויביקע אין אַרב. רינג

אין די ערשטע יאָרן פון דער גרינדונג פון אַרבעטער רינג איז די שטימונג געווען קעגן אַריינבעמען מענטשן וועלכע גלויבן אין רעליגיע. אין דער געשיכטע פון אַרבעטער רינג ווערט דערציילט, אַז אַן אַפּליקאַנט אין דעם ערשטן אַרבעטער רינג פאַראיין איז צוריקגעוויזן געוואָרן דערפאַר וואָס מען האָט אויף זיין טיש אין זיין היים געפונען אַ „טאָגע־בלאַט״, די צייטונג פון רעליגיעזע יידן אין יענע צייטן.

אין די ערשטע יאָרן פון אַרבעטער רינג זיינען אָנגעגאַנגען הייסע דעבאַטן אין די ברענטשעס צי אַ רעליגיעזער מענטש קאָן זיין אַ מיטגליד אין סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, אָדער ניט. די דעבאַטע איז פאַר־אורזאַכט געוואָרן צוליב דעם וואָס אַ געוויסער ברענטש פון אַרבעטער רינג אויף דער איסט סאַיד האָט געדונגען אַ זאַל, אָנגעשטעלט אַ חזן און אַראַנזשירט צו דאַווענען דאָרט ראש השנה און יום כיפור. דאָס האָט אויפגעקאָכט דעם גענעראַל סעקרעטאַר פון אַרבעטער רינג, ל. ראָזענ־צווייג און ער האָט אָנגעשריבן אַ שאַרפן אַטעאיסטישן אַרטיקל אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע״ און אַטאַקירט די אַרבעטער רינג מיטגלידער, וועלכע זיינען געגאַנגען דאַווענען אין שול און נאָך אַליין אַראַנזשירט עס.

ראָזענצווייגס אַרטיקל האָט אַרויסגערופן אַ פּראָטעסט פון אַנדערע מיטגלידער. דער „פאָרווערטס" האָט געעפנט אַ דעבאַטע וועגן דעם און איבערן לאַנד זיינען געווען הייסע דיסקוסיעס, צי אַ רעליגיעזער מענטש קאָן באַלאַנגען אין סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אָדער ניט.

ווי ל. ראָזענצוויג שרייבט אין אַ זכרונות־אַרטיקל אין אַרבעטער ריגג זאַמל־בוך אין 1910, זיינען די מערסטע בריוו־שרייבער געווען איינשטימיק מיט אים, און ער פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „צו אייביגער עהרע (כבוד) פון אַרבעטער רינג איז דער ברענטש באַלד פאַרשוואונדן געוואָרן".

ראש השנה און פּאָליטיק

אַזוי ווי די ימים נוראים טעג פאַלן אויס אָפּט אין דעם סעזאָן ווען עס קומען פאַר די פּאָליטישע וואַל־קאַמפּאַניעס, פלעגן אונדזערע סאָציאַליסטישע רעדנער אויף די גאַסן־מיטינגען זיך באַנוצן מיט ציטאַטן פון די יידישע נביאים אין זייער אַפּיל צו רעליגיעזע אַרבעטער צו שטימען פאַר די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן. ווי אַנדערע סאָציאַליסטישע רעדנער, פלעג איך אָפט ציטירן די ווערטער פון ישעיה, וואָס ער זאָגט אין נאָמען פון גאָט: „אייערע חדשים און יום טובים האָב איך פיינט געקראָגן, איך קאָן זיי ניט פאַרטראָגן, און ווען איר צעשפּרייט אייערע הענט, פאַרמאַך איך מיינע אויגן און אַז איר פאַרמערט אייער תפילה טאָן, הער איך ניט, ווייל אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט."

די דאָזיקע ווערטער, האָב איך געזאָגט, פּאַסן זיך צו די באַלעבאַטים, די פאַבריקאַנטן און לענדלאָרדס, וועלכע עקספּלואַטירן די פאָלקס־מאַסן און קומען ימים נוראים אין די שולן תפילה טאָן צו גאָט.

גאָט הערט זיך ניט צו צו זיי, האָבן מיר געזאָגט, אָבער ווי קומט עס — האָבן מיר געפרעגט די אַרבעטער, רעליגיעזע יידן — ווי קומט עס וואָס כאָטש איר גייט אין שול יעדן יאָר און בעט גאָט פאַר פרנסה און גליק און צום סוף, פון לעצטן יאָר ביז היינטיקן יאָר, זיינען אייערע באַלעבאַטים געוואָרן רייכער און איר זייט געוואָרן אָרעמער? הערט זיך דאָך גאָט טאַקע צו מער צו די תפילות פון די רייכע, ווי צו די תפילות פון די אָרעמע. היתכן? ווי קאָן עס זיין?

און מיר פלעגן פאַרענטפערן, אַז די רייכע פאַרלאָזן זיך ניט אויף די תפילות. עס איז דאָ אַ „מאמר חז"ל", אַ שפּרוך פון די חכמים, אַז מען טאָר זיך ניט פאַרלאָזן אויף ניסים. און די באַלעבאַטים פאַרלאָזן זיך ניט אויף ניסים, נאָר זיי אָרגאַניזירן זיך און קריגן מאַכט, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע און אַזוי ווערן זיי געהאָלפן, און איר אַרבעטער — האָבן מיר געזאָגט, — מעגט גיין אין שול, — אָבער פאַרלאָזט זיך ניט אויף

ניסים, אָרגאַניזירט זיך פּאָליטיש אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און עקאָנאָמיש שליסט זיך אָן אין די יוניאָנס פון אייער פאַך און איר וועט אַליין אָנשרייבן אייער צעטל פאַר אַ גוט יאָר. אַזוי האָבן מיר געדרשנט.

אַ באַליבטע טעמע, ביי דעם באַרימטן סאָציאַליסטישן לעקטאָר און שרייבער פון יענע צייטן, בנימין פייגענבוים, איז געווען: „משה רבינו, יעזוס קריסטוס און קאַרל מאַרקס״. וואו דער לעקטאָר האָט אָנגעוויזן מיט פאַקטן ווי אַזוי די הומאַניטאַרישע לערעס פון משה רבינו און קריסטוס, ווי גוט זיי זאָלן ניט זיין, האָבן ניט קיין ווירקונג, ווייל די הערשנדיקע מאַכט הערט זיך ניט צו צו מאָראַלישע פּרעדיקונגען. עס איז די לערע פון קאַרל מאַרקס וועלכע ווייזט אָן אויף דעם קלאַסן־קאַמף אין דער געשיכטע פון דער געזעלשאַפט און אַז די אַרבעטער קאָנען זיך נאָר באַפרייען דורך זייער פאַראייניקטן קאַמף קעגן זייערע אונטערדריקער.

דאָס זיינען געווען די געדאַנקען וואָס סאָציאַליסטישע טוער פלעגן אַרויסברענגען צו די יידישע מאַסן אין די ימים נוראים טעג.

די רעכטע סאָציאַליסטן האָבן שוין לאַנג אויפגעגעבן זייער קאַמף קעגן רעליגיע און געוואָרן שטיצער פון קלעריקאַליזם. די צוויי איסט בראָדוויער צייטונגען, איינע וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אַלס אַ סאָציאַליסטישע צייטונג און די אַנדערע, וועלכע פּרעטענדירט צו זיין ליבעראַל — ביידע צייכענען זיך אויס מיט דינען דער רעאַקציע, שטיצן הונדערט פּראָצענט די פאַרברעכערישע מלחמה אין וויעטנאַם, וועלכע ווערט פאַרדאַמט פון די בעסטע עלעמענטן פון אַמעריקאַנער פאָלק.

די שלום־טראַדיציעס פון די יידישע נביאים, די טראַדיציעס פון סאָציאַליזם און שלום, ווערן אויפגעהאַלטן אויף דער יידישער גאַס פון די פּראָגרעסיווע עלעמענטן, פון וועלכע אונדזער צייטונג, די „מאָרגן פרייהייט״, איז דער וואָרט־זאָגער.

די פּראָגרעסיווע עלעמענטן האָבן איצט, ווען איך שרייב מיינע זכרונות, אויך אַן אַנדער שטעלונג צו רעליגיע. די סיבה פון דעם איז, וואָס רעליגיע שפּילט איצט ניט די רעאַקציאָנערע ראָל וואָס זי האָט געשפּילט אין די ערשטע אימיגראַנטישע יאָרן פון די יידישע מאַסן אין אַמעריקע. יידישע רבנים, יידישע נאַציאָנאַלע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס, אַזוי גוט ווי אַ סך קריסטלעכע גלחים און קירכן, באַטייליקן זיך אין די קאַמפן פון די אַמעריקאַנער מאַסן קעגן מלחמה, פאַר נעגער־רעכט, און ווערן אַפילו אַרעסטירט.

אויף דער דעמאָקראַטישער קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ, אין 1968, איז צווישן די אַרעסטירטע שלום־קעמפער געווען דער ראַבאַי קלאַין, פון

ניו יאָרק. די רעליגיעזע עלעמענטן מאַרשירן צוזאַמען מיט די פּראָגרע־סיווע עלעמענטן אין קאַמף קעגן מלחמה און פאַר ציווילע רעכט. עס איז דערפאַר וויכטיק אין די ימים נוראים טעג, אין דער צייט פון דער וויעטנאַם מלחמה, ווען ביי פיל יידישע עלטערן וועלן ציטערן די הערצער, ווען זיי וועלן זאָגן די תפילה פון „ונתנה תוקף", וואו עס ווערט געזאָגט, אַז אין דעם טאָג ווערט באַשטימט ווער עס זאָל לעבן, ווער עס זאָל געהרגעט ווערן דורך אַ שווערד, און אַזוי ווייטער. אַ טייל פון זיי וועלן טראַכטן און זאָרגן וועגן זייערע זין, וועלכע געפינען זיך אויף די שלאַכט־פעלדער אין וויעטנאַם, אָדער זיי זיינען אויף דעם צעטל צוגענומען צו ווערן צו דער מלחמה. דאָס זיינען גזירות ניט פון הימל, נאָר גזירות וואָס ווערן געמאַכט פון די הערשער אין וואַשינגטאָן.

זאָלן די ימים נוראים טעג דערמאָנען די טראַדיציעס פון שלום, די טראַדיציעס פון די נביאים, די טראַדיציעס פון יודזשין דעבס און אַנ־דערע, וואָס האָבן גערופן צו אחדות מיט אַלע פרייהייטס און שלום ליבנדיקע עלעמענטן אין אַמעריקע.

באַרימטע פּערזענלעכקייטן וועמען איך האָב געקענט און באַגעגנט אין מיין לעבן

צו די באַרימטע מענטשן וואָס איך האָב באַשריבן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען, וויל איך צוגעבן נאָך אַ צאָל באַרימטע מענטשן מיט וועלכע איך האָב זיך באַגעגנט אין מיין לעבן.

איינער פון זיי איז דער באַרימטער אַמעריקאַנער שרייבער טעאָדאָר דרייזער, דער נאָוועליסט וועלכער האָט אין זיינע פילצאָליקע ווערק אויפ־געדעקט די איבלען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. אין די לעצ־טע יאָרן פון זיין לעבן איז ער געווען אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין די קאַמפן פון די מאַיינערס קוילן גרעבער.

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו הערן זיינע אַ לעקציע וואָס ער האָט געגעבן אין באָסטאָן, וואו ער האָט איבערגעגעבן זיינע דערפאַרונגען אין אַ סטרייק, וואו ער איז צעשלאָגן געוואָרן פון דער פּאָליציי. די צייטונגען האָבן באַריכטעט אַז דרייזער איז צעשלאָגן געוואָרן אין אַ געשלעג מיט זיינע אייגענע חברים... איך האָב נאָך זיין לעקציע געהאַט אַ שמועס מיט אים און געקראָגן נאָך איינצלהייטן וועגן זיינע דערפאַרונגען.

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו הערן ריידן די באַרימטע היס־

טאַרישע פיגור, די דיכטערן, שרייבערן און קעמפערן פאַר פרויען־רעכט דזשוליאַ וואַרד האַו, פאַרפאַסערן פון אַמעריקאַנער פאַטריאָטיש ליד בשעת דעם בירגער־קריג „דהי באַטל אָוו דהי רעוואָלושאַן". איך האָב זי געהערט אַרום אַ יאָר פאַר איר טויט אין 1910, נאָך אַ גרויסער פרויען־רעכט דעמאָנסטראַציע אין באָסטאָן.

איך האָב אויך געהערט די באַרימטע פרויען־רעכט קעמפערן אַנאַ שאַו און זיך געטראָפן פערזענלעך אייניקע מאָל מיט דער אָנפירערן פון דער פרויען־רעכט באַוועגונג און שרייבערן עליס סטאָן בלעקוועל.

לינקאָלן סטעפענס

איך האָב אויך געהאַט דעם פאַרגעניגן צו הערן ריידן דעם באַרימטן אַמעריקאַנער שרייבער לינקאָלן סטעפענס, וועלכער האָט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען אַלס „מאָקרייקער" (איינער וואָס זוכט און דעקט אויף שמוץ, מיאוסע פאָליטישע מעשים). סטעפענס האָט אויפגעדעקט די שמוץ און קאָרופּציע אין די רעגירונגען פון די אַמעריקאַנער גרויסע שטעט.

זיינע אַ סעריע אַרטיקלען, וואָס איז געווען געדרוקט אין אַן אַמערי־קאַנער זשורנאַל אין 1906, אונטער דעם טיטל „די שאַנדע פון די שטעט", האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם איבערן גאַנצן לאַנד, ער האָט אויפגעוויזן די קאָרופּציע און אַנדערע איבלען פון דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם.

אין 1923 איז סטעפענס געווען אויף אַ באַזוך אין סאָוועטן פאַרבאַנד. איך האָב אים געהערט אָפּגעבן אַ באַריכט אין טרימאָנט טעמפּל, באָסטאָן, וואו ער האָט געזאָגט זיינע באַרימט־געוואָרענע ווערטער וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד: „איך האָב געזען די צוקונפט און זי אַרבעט גוט".

דזשאָן ריד

מיט דעם באַרימטן אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָנערן שרייבער דזשאָן ריד, וועלכער האָט בייגעוואוינט די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע אין רוס־לאַנד און האָט געמאַכט אַ רושם מיט זיין בוך „צען טעג וואָס האָבן אויפ־געטרייסלט די וועלט", — מיט דעם דאָזיקן גרויסן זשורנאַליסט און רעוואָ־לוציאָנער האָב איך זיך ניט איינמאָל געטראָפן.

איך בין געווען אויף אַ גרויסן מיטינג אין קאַרנעגי האָל, ניו יאָרק, אין 1918, ווען דזשאָן ריד, ערשט אָנגעקומען פון סאָוועט־רוסלאַנד, האָט איבערגעגעבן אין אַ באַגייסטערטער שפּראַך ווי אַזוי די רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען, ווי אַזוי מ'האָט אָנגעהויבן בויען סאָציאַליזם אויף אַ זעקסטל פון דער ערד, ווי עס אַרבעטן די פאַבריק־קאָמיטעטן און אַזוי ווייטער.

דזשאָן ריד איז געווען באַוואוסט מיט זיין בייסנדיקן הומאָר, מיט

וועלכן ער פלעגט ענטפערן קעגנער. עס געדענקט זיך אַן ענטפער, וואָס ער האָט געגעבן אַ רעפּאָרטער פון אַ קאַפּיטאַליסטישער צייטונג ווען יענער האָט אים געפרעגט: „ווי איז דאָס געווען מעגלעך, אַז די פּויערים אין רוסלאַנד, וועלכע קענען ניט לייענען און שרייבן זאָלן קאָנען מאַכן אַזאַ קאָלאָסאַלע רעוואָלוציע?“.

— טאָקע דערפאַר — האָט ריד באַלד געענטפערט — זיי האָבן ניט געקענט זיך אָנלייענען מיט אַזעלכע ליגנס, ווי אייערע בלאָפערישע צייטונגען דרוקן, איז זייער מוח קלאָר אויפצונעמען דעם אמת.

איך האָב געטראָפן דזשאָן רידן ביי קלענערע מיטינגען פון סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, געווען מיט אים צוזאַמען אויף אַ סטעיט קאָנווענשאָן פון דער „מאַסאַטשוסעטס סאָשעליסט פּאַרטי“, אין 1919, וואו מען האָט פאַרהאַנדלט די פראַגע צי מען זאָל זיך באַטייליקן אין דער ספּעציעלער קאָנווענשאָן וואָס די ס. פּ. האָט גערופן נאָכדעם ווי זי האָט אוועקגענומען די טשאַרטערס פון די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין מאַסאַטשוסעטס, אָהאַיאָ און מישיגען און אויסגעשלאָסן זיבן שפּראַך־פעדעראַציעס פאַר אינדאָרסירן דעם מאַניפעסט פונעם לינקן פליגל פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אין די רייד און פּאָליטישע אָפּשאַצונגען פון דזשאָן רידן האָט זיך געפילט זיין שאַרפזיניקייט. ער האָט אויך געהאַט ספּעציעלע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן.

איך שרייב דאָ ניט דזשאָן רידס ביאָגראַפיע. איך האָב וועגן אים געשריבן אין מיין בוך „העלדן פון פאָלק“ (ביאָגראַפיעס פון באַרימטע אַמעריקאַנער פרייהייטס־קעמפער), וואָס איז דערשינען אין 1956. דזשאָן רידס ביאָגראַפיע פאַרנעמט דאָרט אַ היפּש קאַפּיטל. דאָ זע איך אים אין דער פּאַנאָראַמע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן זיך מיר איינגעקריצט **אין זכרון.**

מוטער דזשאָונס

מוטער דזשאָונס האָט געלעבט איבער הונדערט יאָר, איז געשטאָרבן אין נאָוועמבער 1930. דעם גרעסטן טייל פון איר לעבן האָט זי אָפּגעגעבן די קאַמפּן פון די קוילן גרעבער. זי איז יאָרן־לאַנג געווען אַן אָרגאַנאַיזערן פון דער קוילן־אַרבעטער יוניאָן, — „יונאַיטעד מאַין וואָרקערס אָוו אַמעריקאַ“. זי איז געווען פון די פּיאָנערן אין קאַמף פאַר דעם 8־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג און האָט געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל אין אַלע וויכטיקע אַרבעטער־קאַמפן פון אַמעריקע. איר נאָמען איז געווען באַרימט ניט נאָר דאָ אין לאַנד, נאָר אויך אין פאַרשיידענע לענדער אין דער וועלט.

זי איז אַרומגעפאָרן פון איין שטאָט אין דער צווייטער, אָרגאַניזירט די מענער אין יוניאָנס, אָרגאַניזירט זייערע פרויען אין פרויען־אָקזיליעריס,

אָרגאַניזירט מאַסן־דעמאָנסטראַציעס און פּיקעט־ליניעס אין קאַמף פאַר בעסערע לעבנס־באַדינגונגען פאַר אַרבעטער.

פירט־אָן מיט אַ קינדער־מאַרש

זי האָט געפירט אַ קאַמף קעגן קינדער־אַרבעט. אין איין סטרייק פון טעקסטיל אַרבעטער אין קעניגסטאָן, פּענסילווייניע, אין 1903, האָט זי דורכגעפירט אַ פּראָטעסט־מאַרש פון קינדער — פון קעניגסטאָן ביז אָיסטער בעי, לאָנג איילאַנד, וואו דער דעמאָלטיקער פּרעזידענט טעאָדאָר רוזוועלט איז געווען אויף וואַקאַציע.

אויפן וועג, אין די פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך, האָט זי דורכגעפירט מיטינגען, דערציילט וועגן דער לאַגע פון די סטרייקערס, געזאַמלט פאַר זיי הילף. זי האָט געווירקט אויפן געוועזענעם פּרעזידענט גראָווער קליוולאַנד, וועלכער האָט געוואוינט אין פּרינסטאָן, ניו־דזשוירזי, אַז ער זאָל לאָזן די קינדער איבערנעכטיקן אין הויף פון זיין וואוינונג. ער האָט זיי נאָך געהאָלפן מיט אַ מאָלצייט. אָבער פּרעזידענט טעאָדאָר רוזוועלט האָט די קינדער ניט אויפגענומען; זיי זיינען אַוועק מיט ליידיקן. די דעמאָנסטראַציע האָט אָבער געמאַכט אַ רושם איבערן לאַנד.

אין פילאַדעלפיע האָט „מוטער" דזשאָונס געפירט אַ דעלעגאַציע פון קינדער צום סיטי האָל, צו פאָדערן די אָפּשאַפונג פון קינדער־אַרבעט. „די פילאַדעלפיער פּאַלאַצן" — האָט זי געזאָגט — „זיינען געבויט אויף די צעבראָכענע ביינער, ציטערדיקע הערצער און וועלקנדיקע קעפּ פון די דאָזיקע קינדער". עס האָט ניט גענומען לאַנג און דער שטאַט פּענסילווייניע האָט דורכגעפירט אַ געזעץ צו פאַרבאָטן אַרבעט פון קינדער, יינגער פון פערצן יאָר.

זי האָט זיך באַטייליקט אין אַ סך סטרייקס, געפירט דעמאָנסטראַציעס פון פרויען, אָרגאַניזירט פרויען פון סטרייקנדיקע אַרבעטער. די פרויען האָבן מיט בעזעמער, שטעקנס, פענדלעך פאַרטריבן די סטרייק־ברעכער פון די פאַבריקן. „אָט גייט שוין די מוטער דזשאָונס מיט איר אַרמיי פון ווילדע פרויען" — פלעגן די באַלעבאַטים באַקלאָגן זיך.

אַרעסטירט צו 83 יאָר

מוטער דזשאָונס איז צוואַנציק מאָל אַרעסטירט געוואָרן און געזעסן אין טורמעס. די פּאָליציי האָט זי ניט געשאָנעוועט אַפילו אין אירע עלטערע יאָרן. אין יאָר 1913, ווען זי איז אַלט געווען 83 יאָר, איז זי אַרעסטירט געוואָרן אין וועסט ווירדזשיניע און איז פאַרשפּאַרט געוואָרן אין טורמע אויף אַ מאָרד־בלבול, אַז זי האָט געגנבעט אַ ביקס און איז באַגאַנגען מאָרד־טאַטן קעגן סטרייקברעכער.

יודזשין וו. דעבס און אַנדערע אַרבעטער־פירער האָבן אָנגעפירט אַ קאַמפּאַניע פאַר איר באַפרייאונג.

אויסער איר אַרבעט צווישן סטרייקערס, פלעגט זי אַרומפאָרן איבערן לאַנד, שרייבן, האַלטן רעדעס, דערציילן וועגן די שרעקלעכע באַדינגונגען פון די קוילן־גרעבער. אין 1923, ווען זי איז אַלט געווען 93 יאָר, איז זי נאָך אַרומגעפאָרן אין וועסט ווירדזשיניע און געהאָלפן די סטרייקערס. זי האָט זיך דאַן אויסגעדריקט: „איך וועל דערציילן דער וועלט וועגן דער עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער אין וועסט ווירדזשיניע. און ווען איך וועל קומען אויף „יענער וועלט", וועל איך דערציילן גאָט וועגן וועסט ווירדזשיניע".

זי האָט ניט געהאַט קיין שטענדיקע היים. אויף אַ קאָנגרעס־פאַרהער אין וואַשינגטאָן האָט מען זי געפרעגט איר אַדרעס. זי האָט געענטפערט: דאָרטן, וואו די אַרבעטער קעמפן קעגן די רויבער, דאָרט וואו ס'איז דאָ קאַמף קעגן אומגערעכטיקייט, דאָרט איז מיין אַדרעס".

פאַרשיידענע אַנעקדאָטן ווערן דערציילט וועגן איר העלדישקייט, ווי אַזוי זי פלעגט גיין פאַרויס מיט די סטרייקערס און זיך שטעלן קעגן די מאַשין־ביקסן פון דער פּאָליציי. אין איין פאַל האָט זי צוגעלייגט איר האַנט צום „מויל" פון אַ מאַשין־ביקס און דער סאָלדאַט האָט ניט געוואָגט צו שיסן אויף איר אָדער אויף די אַנדערע. די אַגענטן פון די באָסעס פלעגן זי אַרויסטרייבן פון די קאָמפּאַני־שטעטלעך, וואוהין זי פלעגט קומען אָרגאַניזירן די אַרבעטער; אָבער זי פלעגט קומען צוריק. אין איין פאַל איז זי אַריין אין אַ טייכל — דאָס איינציקע פּלאַץ, וואָס איז ניט געווען דאָס אייגנטום פון די קוילן־מאַגנאַטן, און שטייענדיק אין וואַסער האָט זי גערעדט צו די איינוואוינער פון שטעטל, וואָס זיינען גע־שטאַנען ביים ברעג טייכל.

דער שרייבער פון אָט־די שורות האָט זי געהערט ריידן אויף אַ מיטינג אין באָסטאָן וועגן דער לאַגע פון די קוילן־אַרבעטער. זי איז שוין דאַן געווען אין די הויכע אַכציקער יאָרן — קליין־געוואוקסיק, מיט גרייז־גרויע האָר, אָבער מיט פייערדיקע בלויע אויגן. זי האָט געהאַלטן דעם באָסטאָנער עולם געשפּאַנט מיט איר פייערדיקער רעדע, וואָס איז געווען פול מיט סאַטירע אויפן חשבון פון די קאַפּיטאַליסטן.

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט ניט נאָר צו הערן אירע פלאַמענדיקע ווערטער, וועלכע פלעגן באַגייסטערן די אַרבעטער פון די קוילן־גרובן, ווי אויך די אַרבעטער אין די גרויסע שטעט, נאָר געהאַט אַ שמועס מיט איר, נאָך איר רעדע אין באָסטאָן.

זי איז ניט געווען קיין קאָמוניסטקע, אָבער זי האָט זייער הויך

געשעצט וויליאַם ז. פאָסטערן, ווען זי האָט געהאָלפן אין דעם גרויסן שטאָל־סטרייק אין 1919.

אין אַן אינטערוויו נאָענט צו איר 100סטן געבורטסטאָג האָט זי געזאָגט: „איך בין מער ראַדיקאַל איצט ווי כ׳בין פריער געווען. אין אַ געוויסן זין בין איך אַ סאָציאַליסטקע. איך ווייס נישט קיין סך וועגן קאָמוניזם, אָבער די קאַפּיטאַליסטן זיינען אַלע אַ כאַפּטע ערשט־קלאַסיקע גנבים און רויבער; און איך שטיי מיט יעדן, וועלכער קעמפט קעגן זיי״.

מוטער דזשאָונס איז געשטאָרבן דעם 30טן נאָוועמבער, 1930. צוואַנציק טויזנט מענטשן, פאַרטרעטער פון פאַרשיידענע יוניאָן־לאָקאַלן, האָבן מאַרשירט צו דער לוויה. פּראָמינענטע יוניאָן־פירער האָבן גערעדט ביי דער לוויה און דערציילט וועגן דער וואונדערלעכער אַלטער פרוי, וועלכע האָט אַזוי פיל געטאָן פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס.

לויט איר צוואה האָט מען זי באַערדיקט אויף אַ בית־עולם פון דער מאַינערס יוניאָן אין מאַונט אָליוו, איללינאָי, לעבן די קברים פון 5 אַרבעטער סטרייקערס, וועלכע זיינען דערמאָרדעט געוואָרן אין קאַמף פאַר זייער יוניאָן.

עס איז פאַר מיר אוממעגלעך אויסצורעכענען די אַלע גרויסע פּערזענלעכקייטן, וועלכע איך האָב געטראָפן אין מיין לעבן. איך וויל אָבער נישט דורכלאָזן צוויי וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, וועלכע זיינען איצט ווייניק באַקאַנט דעם יידישן לייענער, אָבער וועלכע האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין די קאַמפן פאַר פרייהייט.

דאָס זיינען געווען: דזשעימס לאַרקין און דזשעימס קאָנאָלי.

לאַרקין איז געווען באַרימט פאַר זיין פירערשאַפט אין אָרגאַניזירן די האַפן־אַרבעטער און טראַנספּאָרט־אַרבעטער פון ענגלאַנד, אירלאַנד און סקאָטלאַנד, האָט אָנגעפירט סטרייקס, וועלכע האָבן געמאַכט אַ רושם. ער איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1914, זיך אָנגעשלאָסן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער „לינקן פליגל״ באַוועגונג, געווען איינער פון די גרינדער פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. פאַר זיין קאָמוניסטישער טעטיקייט דאָ אין לאַנד איז ער — אין 1920 — פאַרמשפּט געוואָרן צו 5 ביז 10 יאָר טורמע. ער איז דעפּאָרטירט געוואָרן קיין ענגלאַנד אין 1932.

איך האָב געהאָט די געלעגנהייטן זיך צו טרעפן מיט דזשעימס לאַרקין אין די יאָרן וואָס ער איז געווען אַ טוער אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פלעג אים טרעפן אין די העד־קוואָדערס פון דער ס. פּ. אין באָסטאָן.

לאַרקין איז געווען אַ גרויסער אָראַטאָר.

דזשעימס קאַנאָלי, אַ צווייטער סאָציאַליסטישער פירער אין אירלאַנד, האָט צוזאַמען מיט לאַרקינען אָנגעפירט די סטרייקס פון די אַרבעטער אין אירלאַנד און ענגלאַנד.

קאַנאָלי איז געווען איינער פון אַ גרופּע קעמפער, בראש פון אַ פּאָר טויזנט אירלענדער, וועלכע האָבן פּרובירט מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן ענגלאַנד, פאַרכאַפּט אייניקע רעגירונגס־געביידעס און פּראָקלאַמירט אַן אירישע רעפּובליק. די ענגלישע רעגירונג האָט פיל פון די אָנפירער אַרעסטירט, צוזאַמען מיט קאַנאָלין, אייניקע פאַרמשפּט צום טויט און היג־געריכטעט, זייערע נאָכפאָלגער אַרעסטירט, מאַסן דעפּאָרטירט.

קאַנאָלי האָט אַ פּאָר יאָר פאַר זיין טויט באַזוכט אַמעריקע אין די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע אין אירלאַנד. איך האָב אים אַ סך מאָל געטראָפן אין די סאָציאַליסטישע העד־קוואָדערס אין באָסטאָן. ער איז געווען אַנדערש פון לאַרקינען. ער האָט געהאַט אַ רואיקן אויסזען, מיט אַ שמייכל אויף זיין ברייטן פּנים, בשעת לאַרקין איז אַלע מאָל געווען דער קעמפער אויך אין זיין אויסזען.

דאָס זיינען געווען צוויי גרויסע גייסטער, וועלכע פאַרדינען דערמאָנט צו ווערן צווישן די גרויסע פרייהייט־קעמפער אין דער וועלט.

ביסטו גערעכט צו זיך אַליין?

אַ בריוו צו אַ געוועזענעם פריינט

טייערער פריינט:

איך רוף דיך „פריינט", כאָטש אין דער אמתן ביזטו אַ געוועזענער פריינט. פאַר די לעצטע יאָרן איז אונדזער אינטימע פריינטשאַפט, אין וועלכער מיר זיינען געווען פאַרבונדן צענדליקער יאָרן, ווען מיר האָבן צוזאַמען געשטרעבט צום זעלבן אידעאַל, געווען אַקטיוו אין דער זעלבער באַוועגונג, — איבערגעריסן געוואָרן.

צוליב געוויסע סיבות און צעטומלעניש אין דער פּאָליטישער וועלט האָסטו, ווי אייניקע אַנדערע, געביטן דיין פּאָליטישע מיינונג און אויפגע־הערט שטיצן און אַרבעטן פאַר דעם אידעאַל און באַוועגונג וואָס איז דיר, און מיר נאָך איצט, געווען הייליק דעם גאַנצן לעבן.

איך גלויב אין דיין אָרנטלעכקייט, איך גלויב אַז טיף אין האַרצן בענקסטו נאָך די אַמאָליקע צייטן, ווען דו ביזט געווען אַ לעבעדיקער טעטיקער מענטש. דו גלויבסט אין די גרונט־פּרינציפּן פון סאָציאַליזם

און אין קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט. און דערפאַר ווענד איך זיך צו דיר מיט מיין איצטיקן בריוו.

עס זיינען דאָ אַזעלכע צווישן די „געוועזענע" וואָס זיינען געווען מיינע פריינט, אָבער איך וועל זיי ניט וואָגן אָנרופן מיטן נאָמען „פריינט", אָדער אַפילו זיי באַגעגענען. דאָס זיינען מענטשן, וועלכע האָבן צוליב פערזענלעכע אינטערעסן פאַרראַטן זייערע פרינציפּן, אַריבערגעלאָפן אַהין, וואו זיי קריגן באַצאָלט פאַר שפּייען אויף דער אייגענער פאַרגאַנגענהייט און אַטאַקירן די געוועזענע חברים און באַוועגונג. אויף אַזעלכע וועלן רייד און אַרגומענטן ניט ווירקן. פון זיי דאַרף מען זיך אָפּקערן.

עס זיינען אויך דאָ אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך צוריקגעצויגן פון טעטיקייט צוליב מורא פאַר פאַרפאָלגונגען אין דעם פינצטערן מעקאַרטי־פעריאָד. זיי געהערן צו אַן אַנדער קאַטעגאָריע, כאָטש קיין פאַרענטפער־רונג איז פאַר זיי ניטאָ. אַן אידעאַליסט דאַרף זיין גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר זיין אידעאַל. ווען עס וואָלטן ניט געווען אין אַלע דורות אַזעלכע מענטשן, וועמען חבר משה כץ האָט באַצייכנט ווי „אַ דור וואָס האָט פאַרלאָרן די מורא", און האָבן פאַרגעזעצט זייער קאַמף פאַר זייערע אידעאַלן אונטער די שווערסטע אומשטענדן, וואָלט קיין פּראָגרעס אויף דער וועלט ניט געווען.

איך ווייס, אַז דו באַלאַנגסט ניט צו דער ערשטער אָדער צווייטער קאַטעגאָריע. דו ביזט אויפריכטיק און אָפּערווילי́ק, און דו גלויבסט נאָך אין דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל. נאָר געוויסע פּאַסירונגען אין לאַנד פון סאָציאַליזם און געוויסע האַנדלונגען פון די פירער פון דער אַמעריקאַנער לינקער באַוועגונג זיינען דיר ניט געווען צום האַרצן. דו האָסט מעגלעך ניט געגנוג איבערגעטראַכט די לאַגע, און מעגלעך אַז דו האָסט געהאַט געוויסע באַרעכטיקונגען פאַר דיין אומצופרידנקייט. אָבער צוליב איינ־צלנע אַקציעס גייט מען ניט אַוועק פון אַן אידעאַל וואָס נעמט אַרום די גאַנצע וועלט, פון אַ באַוועגונג וואָס איז געווען אַ טייל פון דיין לעבן צענדליקער יאָרן.

איך גלויב אַז דו האַנדלסט ניט ריכטיק ווען דו שטייסט אין אַ זייט פון דער באַוועגונג. דו ביסט ניט גערעכט סיי צו דער באַוועגונג, סיי צו דיינע צאָלרייכע חברים, צו זיך אַליין, צו דיין גוטער פאַרגאַנגענהייט.

איך ווענד זיך צו דיר, אַלס דיין לאַנגיאָריקער חבר און מיטקעמפער, און דורך דיר ווענד איך זיך צו אַלע אַנדערע חברים, וועלכע האָבן צוליב איין סיבה אָדער אַן אַנדערער פאַרלאָזן די באַוועגונג, — ניט געוואָרן קיין שונאים נאָר געבליבן גלייכגילטיק. איך זאָג, אַז איצט איז ניט די צייט צו שטיין פון ווייטנס. ס'איז אַ קריזיס־צייט. אונדזער לאַנד, די פאַר־

אייניקטע שטאַטן, איז פאַרמישט אין אַ „שמוציקער מלחמה“ אין וויעטנאַם, וואו אונדזערע קינדער ווערן געשיקט צו מאָרדן און פאַרניכטן די לעבנס פון אומשולדיקע מענטשן און אַוועקגעבן זייערע אייגענע יונגע לעבנס פאַר אַ צוועק וואָס דינט ניט די אינטערעסן פון דער מענטשהייט. און עס איז דאָ אַ געפאַר אַז די מלחמה אין וויעטנאַם זאָל אַריינשלעפּן די גאַנצע וועלט אין אַ מלחמה, וואָס מיינט פאַרניכטונג פון דער גאַנצער מענטשהייט.

וואַשינגטאָן האָט אויף זיך גענומען די ראָל פון אַ פּאָליציי־מאַן איי־בער דער וועלט, אונטער דעם אויסרייד פון „אָפּשטעלן דעם קאָמוניזם“. אונטער דעם אויסרייד קאָנען זיך געפינען נאָך אַזעלכע וויעטנאַמס, וואו וואַשינגטאָן וועט זיך געפינען „פאַרפליכטעט“ צו קומען צוהילף קאָרופּטע און רעאַקציאָנערע רעגירונגען, צו באַקעמפן די גערעכטע פאָדערונגען פון זייערע בירגער.

קאָנסטו זיין רואיק אין אַזאַ צייט? וועקן זיך ביי דיר ניט אויף דיינע אַמאָליקע געפילן, ווען דו פלעגסט רעאַגירן אויף אומגערעכטיקייט און צוזאַמען מיט אונדז אַליין טאָן וואָס מען קאָן צו רופן דעם עולם צו פּראָטעסטן קעגן אַזעלכע האַנדלונגען?

עס איז דאָ נאָך אַ געפאַר, און זייער אַן ערנסטע, אין אונדזער לאַנד. דאָס איז דער וואוקס פון רעאַקציאָנערע און אַפילו פאַשיסטישע אָרגאַניזאַ־ציעס, וואָס פאַרשפּרייטן האַס, אַנטיסעמיטיזם און פירן אַן אַ קאַמף קעגן אַלץ וואָס איז פּראָגרעסיוו, צו פאַרניכטן די אַלע רעפאָרמען, וואָס זיינען איינגעפירט געוואָרן דורך יאָרן קאַמף און קרבנות.

די „דזשאָן בוירטש“ סאָסאַיעטי, דער קו קלוקס קלען, די „מינוטמען“ און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס בושעווען אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד. זייערע פּראָפּאַגאַנדע־שריפטן ווערן פריי פאַנאַנדערגעשיקט דורך דער רעגירונגס־פּאָסט און פאַרסמען די מוחות פון טויזנטער אַמעריקאַנער. עס עקזיסטירט אַן אָפיציעלע „אַמעריקאַן נאַצי פּאַרטיי“, וועמענס פירער עס באַטייליקן זיך אין פּאָליטיק, שטעלן אַרויס קאַנדידאַטן פאַר פּאָליטישע אַמטן. זיי פּרעדיקן אָפן אַנטיסעמיטיזם, גאַז־קאַמערן פאַר יידן און נעגער.

אין אויגוסט 1961 האָבן די דריי יידישע טעגלעכע צייטונגען דערהאַלטן פון דער „אַמעריקאַנער נאַצי פּאַרטיי“ פּאָסט־קאַרטלעך אויף וועלכע עס זיינען געווען אָפּגעדרוקט סוואַסטיקאַס, מיט אויפשריפטן: „יודן ראַוס“ (יידן אַרויס), „ברינג בעק אַושוויץ“ (ברענג צוריק אָשוויענטשים) — און אַנדערע אַזעלכע אויפשריפטן.

אַמעריקע איז געוואָרן אַ מקום מקלט פאַר נאַצישע מערדער, וועמענס הענט זיינען איינגעטונקט אין יידיש בלוט. זיי ווערן אַהער אַריינ־

געלאָזט, ווערן אפילו בירגער און באַטייליקן זיך דאָ אין פּאָליטישע טע־טיקייטן.

אונדזער צייטונג, וואָס דאַרף אויך זיין דיין צייטונג, די „מאָרגן פריי־הייט", האָט געדרוקט אַ גרויסע סעריע אַרטיקלען וועגן דעם, פון חיים סולער. זיי זיינען אַרויס אין אַ בראָשור אונטערן נאָמען „די געפאַר פון שווייגן". עס ווערט דאָרט איבערגעגעבן אַ סך איינצלהייטן וועגן דער טעטיקייט פון די אַנטיסעמיטן אין אַמעריקע.

די אַלע פאַשיסטישע און אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס גייען־אַן פריי מיט זייער טעטיקייט. אין דער זעלבער צייט ווערן פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס און יחידים פאַרפאָלגט. קעמפער פאַר שלום און פרייהייט ווערן געשלעפּט צו פאַרהערן פון דער „אומאַמעריקאַנער קאָמיטע" און ווערן געדראָעט מיט טורמע.

אונטער די סמיט־ און מעקאַרען־געזעצן, ווערן שלום־קעמפער אַרעס־טירט און פאַרשיקט אין טורמע. דער ציל איז צו דערשטיקן די שטימען פון פּראָטעסט, וואָס שטייגן איצט אין לאַנד, קעגן דער מלחמה־פּאָליטיק און אַנדערע רעאַקציאָנערע פירונגען פון וואַשינגטאָן.

קאָן אַ מענטש מיט אַ פּראָגרעסיווער פאַרגאַנגענהייט שטיין פון דער ווייטנס און גאָרניט טאָן צו העלפן באַקעמפן די רעאַקציע אין לאַנד?

עס שטורעמט דאָס לאַנד מיט דעם קאַמף פאַר ציווילע רעכט פאַר די נעגער. עס קומען פאָר דעמאָנסטראַציעס, אומרוען און פאַרפאָלגונגען. קאָן אַזאַ מענטש ווי דו שטיין פון דערווייטנס און ניט צולייגן אַ האַנט אין די גערעכטע קאַמפן?

ווי האָט געזאָגט אונדזער אומפאַרגעסלעכער אָלגין: „ס'איז דאָ אַ וועלט מיט אַרבעט". עס זיינען דאָ טעטיקייטן אויף דעם קולטורעלן פראָנט. מ'דאַרף זען אַז די פּראָגרעסיווע קולטור־אינסטיטוציעס וואָס מיר האָבן געהאָלפן גרינדן, זאָלן עקזיסטירן און גרופּירן אַרום זיך ברייטערע מאַסן.

באַטראַכט זיך, טייערער חבר און פריינט, גענוג אַנצוהאַלטן אַ ברוגז. דו האָסט אַ פּראַכטפולע פאַרגאַנגענהייט. לאָז דאָס ניט אָפּמעקן! קום צוריק אַהין, וואו דו געהערסט, צו דער באַוועגונג וואָס האָט דיר געגעבן אַ ציל און פרייד אין לעבן.

לייען דיין צייטונג, וואָס דו האָסט געהאָלפן גרינדן, די „מאָרגן פרייהייט". דו וועסט זיך דערוויסן אַ סך פאַקטן און קריגן אויפקלערונגען, וואָס אַנדערע צייטונגען גיבן דיר ניט. ווער אַ בויער און אַ שטיצער פון דער צייטונג! העלף די פּראָגרעסיווע צייטונגען אין ענגליש!

דו וועסט געפינען אַן אינטערעס אין דיין לעבן. דו וועסט ווערן ווי ניי געבוירן. דו וועסט אָפּפרישן דיינע אַמאָליקע יונגע יאָרן ווען דו האָסט

מיט באַגייסטערונג געקעמפט קעגן אַלץ וואָס איז אומגערעכט אין דער איצטיקער געזעלשאַפט. זאָל דער היינט ווערן אַ המשך פון דיין שיינער פאַרגאַנגענהייט — וועלכע טאָר ניט אָפּגעמעקט ווערן.

מיר לעבן אין אַ קריזיס־צייט. שוויגן איצט איז אומפאַרגעבלעך. באַטראַכט זיך, מיין גוטער פריינט! ביזטו גערעכט צו זיך אַליין?

„מאָרגן פרייהייט״, 18טן אָקטאָבער, 1965.

באַגעגענישן מיט אַמאָליקע פריינט

מיט עטלעכע וואָכן צוריק איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן אַ שטעטל אין ניו ענגלאַנד, וואו איך האָב געוואוינט מיט אַ סך יאָרן צוריק.

עס איז געווען אינטערעסאַנט צו שפּאַצירן איבער די גאַסן, באַטראַכטן די געביידעס, אָפּפרישן אַלטע זכרונות, זוכן באַקאַנטע פּנימער. אַ סך זאַכן האָבן זיך שטאַרק געענדערט. אַלטע געביידעס זיינען אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן און נייע מאָדערנע הייזער האָבן פאַרנומען זייער פּלאַץ. גאַסן זיינען אי־בערגעמאַכט געוואָרן און נייע וועגן זיינען אויסגעמאָסטעוועט געוואָרן צו פאַרשנעלערן דעם פאַרקער מיט די אַרומיקע גרויסע שטעט. אייניקע אַלטע געביידעס זיינען געבליבן ווי אַ זכר לחורבן פון די אַמאָליקע צייטן און האָבן מיר דערמאָנט אַז איך געפין זיך אין דעם זעלביקן שטעטל, וואו איך האָב פאַרבראַכט מיינע ערשטע יאָרן אין אַמעריקע.

איך האָב געקוקט אין די פּנימער פון פאַרבייגייער, זוכנדיק אַלטע פריינט. איך האָב געטראָפן אַ יונגנמאַן, אין וועמען איך האָב דערקענט אַן אַלטן חבר מיינעם, אין וועמענס הויז איך פלעג זיך געפינען כמעט יעדן טאָג. איך לויף צו צו אים, שטרעק אויס מיין האַנט מיט פרייד: — העלאָו סעם: וואָס מאַכסטו? זע, אַ האָר זיך ניט געענדערט.

דער יונגערמאַן קוקט מיך אָן זייער פרעמד און זאָגט:

— איך בין ניט סעם. סעם איז אַן אַלטער מאַן מיט גרויע האָר און גייט שוין מיט אַ שטעקן. איך בין אייער פריינט סעמ׳ס קליינער ברודערל טשאַרלי, אויף וועמען איר פלעגט זיך באַקלאָגן, אַז איך מאַך אַן צופיל טומל אין הויז און לאָז אייך ניט דיסקוטירן פּאָליטיק מיט מיין ברודער.

— איך זעט אויס פונקט ווי אייער ברודער האָט אויסגעזען, ווען ער איז געווען אין אייערע יאָרן, — זאָג איך אים.

טשאַרלי האָט מיר איבערגעגעבן וועגן זיין ברודערס טעטיקייטן און דערביי מיר געזאָגט, אַז ער האָט מיר און זיין ברודער צו פאַרדאַנקען, וואָס ער איז איצט אַ פּראָגרעסיווער מענטש. די דיסקוסיעס צווישן מיר

און זיין ברודער מיט יאָרן צוריק האָבן אויף אים אויך געהאַט אַ וויר־קונג. כאָטש ער איז געווען זייער יונג, געדענקט ער וועגן וואָס מיר האָבן גערעדט.

דער יונגערמאַן האָט מיר געענטפערט אויף אַ סך פראַגן וואָס איך האָב אים געשטעלט וועגן מיינע אַמאָליקע חברים און באַקאַנטע אין שטעטל, וועגן אינסטיטוציעס און אַזוי ווייטער.

— אויב איר ווילט זיך טרעפן מיט אַלטע באַקאַנטע און זיך באַגעג־גענען מיט נייע מענטשן — זאָגט מיר מיין חברס ברודער — גייט אַריין אין דער גרויסער קאַפעטעריע אויף מעין סטריט. דאָס איז געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, וואו אַלערליי פּאָליטיק ווערט דיסקוטירט. די קאַפעטעריע פאַרנעמט דעם צווייטן פּלאַץ אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, נאָך דעם ערשטן פּלאַץ, וואָס עס פאַרנעמט קאָרטן־שפּיל.

איך בין אַוועק אין דער קאַפעטעריע. מענער און פרויען זיינען געזעסן אַרום קליינע טישלעך, געשמועסט וועגן פאַרשיידענע זאַכן. אַנדערע האָבן אויך אין דער זעלבער צייט געגעסן. אָבער אַ גרויסע צאָל איז געזעסן ביי ליידיקע טישלעך.

אַ מיטל־יאָריקער מאַן, אַן אַלטער חבר מיינער, מיט וועמען איך האָב באַלאַנגט צוזאַמען אין דער באָאַרד אָוו דירעקטאָרן פון דער „יאַנג מענס היברו אַסאָסיעישאָן", איז געזעסן ביי אַ טיש און געגעסן. ער האָט מיך מיט פרייד באַגריסט און געבעטן זיך זעצן לעבן אים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ דערפאָלגרייכער געשעפטסמאַן, האָט אַ גרויסע קראָם, טאַקע דאָ דערביי, אויף מעין סטריט. ער האָט דערציילט וועגן אַנדערע חברים, וועלכע זיינען רייך געוואָרן. ער האָט מיך גענומען מוסרן, פאַרוואָס איך וואַרף אַרויס מיין צייט אויף סאָציאַליזם און ווער בעסער ניט אַ רייכער מאַן ווי ער איז. —

ער האָט מיר אויך דערציילט וועגן אַ גרויסער צאָל פון אונדזערע אַמאָליקע פריינט, וואָס זיינען קבצנים, אַנדערע, וואָס האָבן געמאַכט אַ פּאָר דאָלאַר, האָבן עס צוריק פאַרלאָרן.

— אָט דאָ האָסטו דיין ענטפער אויף דיין מוסר זאָגן, — זאָג איך מיין אַלטן פריינט. — אָט די אַלע אונדזערע פריינט האָבן קיינמאָל ניט געהאַט צו טאָן מיט סאָציאַליזם. זיי האָבן געפּרואווט, ווי דו דערציילסט מיר אַליין, אַלע וועגן זיך אַרויפצואַרבעטן. עס איז זיי ניט געלונגען.

— דער אונטערשייד צווישן זיי און מיר איז דאָס, וואָס זיי ווייסן ניט פאַרוואָס זיי איז אַזוי שווער צו מאַכן אַ לעבן; פאַרוואָס זיי זיינען אָרעם. זיי דענקען, אַז דאָס איז דערפאַר וואָס זיי האָבן קיין מזל ניט, אָדער האָבן זיך נאָך ניט אויסגעלערנט די קונסט ווי צו ווערן רייך. איך ווייס פאַר־

וואָס איך בין אָרעם. ווייל מיר לעבן אין אַ סיסטעם פון עקספּלואַטאַציע, וואו א טייל געלינגט צו לעבן אין רייכטום און דאָס קענען זיי נאָר טאָן אויפן חשבון פון צווייטן, און איך קעמף קעגן אַזאַ סיסטעם.

איך האָב אים דערציילט דאָס מעשהלע וואָס דער אַמעריקאַנער שרייבער עדוואַרד בעלאַמי האָט געמאָלן מיט איבער 60 יאָר צוריק. ער האָט געשריבן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם איז געגליכן צו אַ גרויסער קאַרעטע, וואו איניקע מענטשן זיצן אינעווייניק און האָבן הנאה פון פאָרן. און אַ מאַסע מענטשן, ווי פערד, שלעפּן די קאַרעטע, ווערן געשמיסן מיט בייטשן, שלעפּן זיי אויף הויכע בערג וואו עס איז אַ פּאַרגעניגן צו זיין. די וואָס שלעפּן די קאַרעטע זיינען מקנא די וואָס זיצן אינעווייק און זייער הויפּט־שטרעבונג איז קריכן איבערן צווייטן און אַריינקריכן אין דער קאַרעטע. אָבער דאָס איז שווער, די אינעווייניקסטע לאָזן ניט צו צו זיך. גיכער טרעפט אַמאָל, אַז איינער קייקלט זיך אַראָפּ פון וואָגן און ער ווערט געצוואונגען איינשפּאַנען זיך און העלפן שלעפּן דעם וואָגן.

— דאָס מיינט, מיין פריינט, — זאָג איך אים, — אַז אַפילו ווען מען האָט אַ גרויס געשעפט, איז מען אויך ניט זיכער קעגן קריזיס און דורכפאַלן.ביישפּילן האָסטו מיר דאָך אַליין דערציילט פון אונדזערע אייגענע באַקאַנטע.

איך האָב אים אויך דערציילט וועגן אַן אַמאָליקן סאָציאַליסט, בען הענפּאַרד, וועלכער איז געלאָפן פאַר וויס־פּרעזידענט אויף דעם סאָציאַליסטישן טיקעט צוזאַמען מיט דעבסן. מיין פריינט האָט אים געדענקט, מיר זיינען אַמאָל ביידע געגאַנגען אים הערן.

בען הענפּאַרד האָט אין אַ בריוו צו זיינער אַ שוועסטער, וועלכע האָט אים געראָטן אויפצוגעבן זיין סאָציאַליזם און זען צו טאָן עפּעס פאַר זיך צו ווערן דערפאָלגרייך אַלס געשעפטסמאַן, געענטפערט: „עס איז אַ וועלט פון קעשענע־גנבים, וועלכע האָבן מאָנאָפּאָליזירט זייערע גנבה־געשעפטן, אַז עס איז שווער פאַר אַ נייעם עפּעס צו טאָן, אַפילו ווען ער זאָל ביי זיך באַשליסן צו ווערן אַ גנב מיט זיי צוגלייך. דאָס איינציקע וואָס אים בלייבט צו טאָן און וואָס דו ווילסט איך זאָל טאָן איז, צוצוזען ווי מען עקספּלואַטירט און באַרויבט מיינע ברידער און פריינט און האַלטן מויל, שוויגן, ניט פּראָטעסטירן — מיט דער האָפענונג, אַז איך וועל זיין „אַ גוד באָי”, וועלן זיי מיר צוואוואַרפן אַ ביינדל פון זייערע פעטע גניבות. זיי וועלן עס ניט טאָן און אַפילו אויב יאָ, וויל איך נישט פאַרקויפן מיין רעכט פון אויסשרייען מיט פּראָטעסט קעגן די רויבער און וויל בעסער זיך אָנשליסן אָן די באַרויבטע צו באַקעמפן אַזאַ רויבערישן סיסטעם”.

מיין פריינט האָט מיך אויסגעהערט און מיט באַדויערן געזאָגט:

— דער זעלבער ווי געוועןְ.

ער האָט מיר דערמאָנט דעם „חטא" אַז אין דער „וואַי" האָב איך געקעמפט פאַר דעמאָקראַטיע און קעגן דעם, אַז די רייכע זאָלן זיין די פירער.

— איך וואָלט מיט דיר נאָך פאַרבראַכט — האָט ער געזאָגט — נאָר איך האָב קיין צייט ניט. איך דאַרף לויפן אין קראָם.

ער האָט זיך אויף גיך געזעגנט מיט מיר און איז אַרויסגעלאָפן.

עס איז צוגעקומען נאָך אַן אַלטער באַקאַנטער. איך געדענקט אים אַלס אַ בלאָנדן יינגל וואָס האָט באַלאַנגט צוזאַמען מיט מיר אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ער איז שוין גרוי, מיט קנייטשן אויפן פּנים. אויך ער האָט זיך דערפרייט מיך צו זען. געהערט פון מיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז אַ רעכטער סאָציאַליסט, אָבער חלילה ניט פון „פאָרווערטס", אָדער כאַנינס אַ חבר. ער איז טעטיק אין דעם סאָציאַליסטישן קלוב פון שטעטל, אָבער ער, ווי פיל אַנדערע פון זיין מין, זיינען איצט אַנטוישט, גלויבנדיק אַז עס לוינט זיך ניט אָפּצוגעבן ענערגיע צו מאַכן אַ בעסערע וועלט; די אַרבעטער הערן זיך ניט צו.

ער איז קעגן רעאַקציע און קעגן די כאַנינס און די „פאָרווערטס"-מענטשן וואָס פּרובירן צו שטילן זייער אַנטוישונג דורך באַקעמפן דעם קאָמוניזם. „איך גלויב ניט אין דעם", האָט ער געזאָגט.

איך האָב אים געזאָגט, אַז אַנטוישונג קומט דערפון, וואָס ער זעט ניט ווי אונדזערע אַמאָליקע סאָציאַליסטישע חלומות ווערן פאַרווירקלעכט אין אַלע טיילן פון דער וועלט; און דערפאַר איז די רעאַקציע אַזוי פאַרצווייפלט, אַז זי זוכט אין פאַשיזם אַ רעטונג.

— מיט דיין שטילשווייגן אין איצטיקן מאָמענט, — זאָג איך אים, — מיט דיין שטיצן דעם לאַגער פון די כאַנינס און די ראַגאָפס שטיצט דו די רעאַקציע און די פאַרפאָלגונגען קעגן דיינע אַמאָליקע חברים און קעגן זיך אַליין.

איך האָב אים אָנגעוויזן אויף דער מיליטאַנטער קעמפערן עליזאַבעט גורלי פלין, וועמען ער האָט אַלע מאָל פאַרערט פאַר איר איבערגעגעבנקייט צו די אינטערעסן פון די אַרבעטער.

— איך באַרעכטיק ניט די רעאַקציע, — האָט ער זיך פאַרענטפערט, — אָבער איך בין צו אַלט צו קעמפן און עס לוינט זיך ניט.

איך האָב זיך געזעגנט מיט אים און בין צוגעגאַנגען צו אַ טישל, וואו איך האָב דערקאָנט אַן אַמאָליקע סאָציאַליסטקע, וועלכע איז געווען טעטיק אין דעם ס. פּ. קלוב פון שטעטל.

זי האָט די סאָציאַליסטן פאַרלאָזן ווען זי האָט געזען זייער פאַררעטע־רישע אַרבעט. זי האָט מיר אָפּגעגעבן אַ גרוס פון אַ צאָל אַלטע באַקאַנטע, וואָס האָבן געפונען דעם ריכטיקן וועג און האַלטן אָן די טראַדיציעס פון אמתן סאָציאַליזם. זי האָט מיר דערציילט וועגן קלוב־צימערן פון פּראָ־גרעסיווע, וואו עס ווערט געטאָן גוטע אויפקלערונג־אַרבעט; אַז עס איז דאָ אַ גוטער עלעמענט, ביי וועמען קאַרטן און קאָפּעטעריע־בטלנות איז ניט דער עיקר. זי האָט מיר געוויזן פאָטאָגראַפיעס פון אירע קינדער און אייניקלעך, מיט וועלכע זי שטאָלצירט. זיי זיינען געגאַנגען אין אונדזערע אַמאָליקע סאָציאַליסטישע זונטאָג־שולן און זיי זעצן־פאָר אונדזער סאָציאַ־ליסטישע אַרבעט.

— דאָס שטעטל איז פאַרענדערט געוואָרן — האָט זי מיר געזאָגט — אָבער אַ נייער דור וואַקסט. אונדזער אַמאָליקע אַרבעט פאַר סאָציאַליזם איז ניט אַוועק אין ניוועץ.

„מאָרגן־פרייהייט", יולי 21, 1951.

איך בין פעסט אין מיין גלויבן אין סאָציאַליזם

טאָם פעינס ווערטער

„איצט איז די צייט ווען די מענטשלעכע נשמה ווערט געשטעלט אויף דער פּראָבע". דאָס זיינען די היסטאָרישע ווערטער, וואָס דער גרויסער אַמעריקאַנער פּאַטריאָט און רעוואָלוציאָנער, טאָמאַס פעין, האָט געשריבן צו די אַמעריקאַנער, וועלכע האָבן געקעמפט אין דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה פאַר אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט. אין זיין רוף צום קאַמף האָט ער אַטאַקירט די „זומער סאָלדאַטן", די וואָס וואַרטן אויף אַ שיינעם וועטער און זוכן זיך דערוויל אַרויסצודרייען פון דינסט. „אָבער דער וואָס בלייבט איצט מיט אונדז" — האָט פעין געזאָגט — „וועט זיך פאַרדינען די ליבע און דאַנקבאַרקייט פון יעדן מאַן און פרוי".

דער וועג פאַר סאָציאַליזם און דער וועג פון אַ סאָציאַליסטישן קעמפער זיינען ניט אויסגעבעט מיט בלומען. און אין דעם לאַנגן וועג פון קאַמף פאַר סאָציאַליזם איז ניט איינמאָל אויסגעקומען צו ציטירן די אויבן־געבראַכטע היסטאָריש־באַרימטע ווערטער פון טאָמאַס פעין.

עס זיינען פאָרגעקומען שטרויכלונגען פון דרויסן און פון אינעווייניק. עס זיינען געווען פאַררעטער מצד אַזעלכע, אויף וועמען מען האָט זיך ניט געריכט און עס זיינען געווען שוואַכלינגען און פּחדנים, וועלכע זיינען ביי יעדן קריזיס אַרויסגעפאַלן פון די רייען. עס זיינען לײדער געווען אַי־

נערלעכע טעותן און פאַרלעצונגען. אָבער דער קאַמף אויפן וועג צום סאָציאַליזם גייט אָן און די אידייע פון סאָציאַליזם גייט אָן און שפרייט זיך אויס.

די אַנטי־סאָוועטישע היסטעריע

אין דער איצטיקער צייט האָבן די שונאים פון סאָציאַליזם אויפגעהויבן אַ היסטערישע קאַמפּאַניע פון אַנטי־סאָוועטיזם, צוליב דעם אינצידענט וואָס דער סאָוועטן פאַרבאַנד האָט אַרויסגעגעבן אַ זייער שווערע שטראָף אויף עלף פּערזאָן, צווישן וועלכע עס זיינען געווען 9 יידן, אויף דער באַשולדיקונג, אַז זיי האָבן געפּלאַנעוועט צו פאַרכאַפּן מיט געוואַלט אַ סאָוועטישן עראָפּלאַן און געוואָלט אַנטלויפן קיין אויסלאַנד, מיטן ציל צו גרייכן קיין ישראל. פריינט פון סאָוועטן פאַרבאַנד זיינען געווען צווישן די, וועלכע האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם גרויזאַמען טויט־אורטייל איבער צוויי פון די באַשולדיקטע, כאָטש דער פאַרברעכן פון „האַידזשעקינג" ווערט איצט באַטראַכט אין אַלע לענדער פאַר אַ גרויס פאַרברעכן און מען פאָדערט אַ גרויסע שטראָף פאַר אַזעלכע פאַרברעכער. די שטראָפן זיינען פאַרמילדערט געוואָרן פון אַ העכערן סאָוועטישן געריכט. דער טויט־אורטייל איז פאַרביטן געוואָרן אויף טורמע־אורטיילן און די טערמינען פון עטלעכע אַנדערע זיינען פאַרקלענערט געוואָרן. אָבער די שונאים פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, צווישן זיי אויך פשוטע אַוואַנטוריסטן, האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דער געלעגנהייט אויסצונוצן דעם אינצידענט פון דער שטראָף אויף די באַשולדיקטע, צו שאַפן אַ האַס קעגן דעם לאַנד פון סאָציאַליזם, דורך מאַלן ווילדע געשיכטעס פון אַנטיסעמיטיזם אין סאָוועטן פאַרבאַנד. זיי גייען אַזוי ווייט, אַז אַ יידישע צייטונג אין ניו יאָרק, דער „טאָג", האָט זיך דערלויבט צו שרייבן, אַז די לאַגע פון די יידן אין סאָוועטן פאַרבאַנד איז איצט ערגער ווי עס איז וועגן געווען די יידן, אין אַלע צייטן.

אַז דאָס איז אַן אומגעלומפּערטער ליגן ווייסן אַלע פון די טויזנטער טוריסטן, וועלכע באַזוכן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, איינגעשלאָסן די באַזוכער פון פּראָמינענטע אַמעריקאַנער פּערזענלעכקייטן. כאָטש עס זיינען נאָך דאָ זאַכן וואָס אַפילו פריינט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן צו קריטיקירן און עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז עס זיינען נאָך דאָ אַנטיסעמיטישע עלעמענטן, וועלכע קומען אַמאָל מיט אַנטיסעמיטישע באַהויפּטונגען. אָבער צו זאָגן, אַז די סאָוועטן־רעגירונג פירט אָן מיט אַנטיסעמיטיזם, קאָנען נאָר זאָגן שונאים פון סאָציאַליזם.

ערשט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק האָט די סאָוועטן־רעגירונג, צו דער פייערונג פון 53 יאָר סאָוועטן־פאַרבאַנד, אויסגעטיילט אויסצייכענונגען צו אַ היפּשער צאָל יידן. יידן פאַרנעמען אָנגעזעענע פּאָסטנס אין דער רעגירונג,

אין אינדוסטריע, אין דערציאונג אינסטיטוציעס, אין דער וויסנשאַפט, ליטעראַטור און אין אַלע טעטיקייטן פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דער ציל פון דער העצע

דער ציל פון דער איצטיקער העצע־קאַמפּאַניע איז ניט אין די אינ־טערעסן פון די יידן, נאָר אין די אינטערעסן פון דער קאַלטער מלחמה, צו פאַרשטאַרקן די רעאַקציע אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, ביי וועמען דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז ווי אַ דאָרן אין די אויגן.

זינט דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע איז, ווי עס איז אַזוי גוט אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דעם בוך פון אַלבערט קאהן און מאַיקל סעיערס, „די גרויסע פאַרשווערונג", האָבן די קאַפּיטאַליסטישע לענדער מיט די פאַראייניקטע שטאַטן בראש געשטיצט אַלערליי פּאָגראָמשטשיקעס און באַנדיטישע אַרמייען, וועלכע האָבן זיך נאָר אונטערגענומען אָנצוטאָן צרות דעם סאָציאַליסטישן לאַנד. זיי האָבן געהאַט אַ דורכפאַל, אָבער זיי האָבן עס ניט אויפגעגעבן. די אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע, די „סי־איי־עי", און אַנדערע פאַרשווערער־אָרגאַניזאַציעס, זוכן געוויס צו טאָן געמיינע אַרבעט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, צו שאַפן שטערונגען. די איצטיקע אַנטי־סאָוועטישע היסטעריע איז אַ טייל פון דער פאַרשווערונג, כאָטש זי גייט אונטער דעם אויסרייד פון העלפן יידן אַרויספאָרן קיין ישראל.

העצע־וואַקכאַנאַליעס קעגן דער לינקער באַוועגונג און קעגן דעם סאָ־וועטן־פאַרבאַנד ברעכן אויס ביי יעדער נייער ענדערונג, אָדער אַמאָל אַלס רעזולטאַט פון פעלערן, וואָס די סאָציאַליסטישע לענדער האָבן געמאַכט. אָבער אַלע מאָל איז דאָס אַ קאַמף קעגן דער אידייע פון סאָציאַליזם.

איינע פון די גרויסע אַנטי־סאָוועטישע וואַקכאַנאַליעס איז געווען אין יאָר 1939, בעת דעם ניט־אָנגריף אָפּמאַך צווישן סאָוועטן־פאַרבאַנד און דייטשלאַנד. ס'איז געווען אַ געפאַר, אַז אין געהיים זאָל ענגלאַנד און פראַנק־רייך אַרבעטן פאַר אַ פאַרשווערונג מיט נאַצי־דייטשלאַנד צו פאַראייניקן זיך קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אַז דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אמת, ווערט נאָך איצט אויפגעדעקט מיט נייע דאָקומענטן. יעדנפאַלס, דער ניט־אָנגריף אָפּמאַך צווישן סאָוועטן־פאַרבאַנד און נאַצי־דייטשלאַנד האָט אַרויס־גערופן אַ מוראדיקע וואַקכאַנאַליע קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס האָט געבראַכט אַ צעטיילונג אויך צווישן אַ טייל פריינד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, איבערהויפּט אויף דער יידישער גאַס. דאַן זיינען געווען פּאַסיק די ווערטער פון טאָמאַס פּעין.

היסטאָרישע דערקלערונג פון ראובן ברײנין

די אמתע אידעאַליסטן זײַנען געבליבן געטרײַ די פּרינציפּן פון סאָ־ציאַליזם, געבליבן מיט דער לינקער באַוועגונג.

כאַראַקטעריסטיש איז די היסטאָרישע דערקלערונג וואָס דער באַרימ־טער שרײַבער, דער הומאַניסט און ציוניסט, ראובן ברײנין, וועלכער איז געווען טעטיק אין „איקאָר", האָט געמאַכט, פאַרדאַמענדיק די דעמאָלטדיקע וואַקכאַנאַליע:

„איך וויל, אַז איר זאָלט וויסן — האָט ער געשריבן — אַז דער „איקאָר" האָט מײַן פיל־יאָריקסטע קאָאָפּעראַציע אויך ווײַטער. איך אַנטזאָג זיך אונטערצוגעבן זיך צו אַ קינסטלעך־געשאַפענער היסטעריע, מיט וועלכער מען וויל באַהערשן דאָס ייִדיש לעבן אין דעם איצטיקן מאָמענט. אונטער קיינע באַדינגונגען טאָר מען ניט דערלויבן, אַז וויכטיקע אַרבעט אין די אינטערעסן פון דעם ייִדישן פאָלק זאָל לײַדן צוליב די שנעלע ענדערונגען אין דער דיפּלאָמאַטישער שאָך־שפּיל, וואָס גייט אָן אין אײראָפּע. אין אָט־דער שפּיל איז דאָך בלויז דער ענדגילטיקער אויסגאַנג וויכטיק, נאָר ניט די צײַטווײַליקע סטראַטעגישע מאַנעוורעס.

„איך זאָג וויס איך אויף זיכער, און דאָס איז, אַז מײַנע חברים אין „איקאָר" און אין דעם ייִדישן פאָלקס־קאָמיטעט זײַנען טרויענס־ווערט גענוג און מען קאָן זיך אויף זיי פאַרלאָזן אין דער אומדערמידלעכער אַרבעט קעגן די פײַנטלעכע פאַשיסטישע כוחות. אין אָט דער הייליקער אַרבעט, בלײַב איך שולטער צו שולטער מיט אײַך, און איך שלײַדער צוריק מיט פאַראַכטונג יעדע אַטאַקע, וואָס ווערט אויף אײַך געמאַכט.

„מײַנע טעג זײַנען געציילטע, נאָר עס איז מײַן הייסטער וואונטש, אַז איר, מײַנע ייִנגערע חברים אין קאַמף, זאָלט לעבן און דערלעבן דעם ליכטיקן אויפגאַנג פון דעם טאָג, ווען דער גלויבן פון די, וועלכע האָבן מיט אַן אמת געשטרעבט צו אַ בעסערער וועלט, וועט פאַרווירקלעכט ווערן. אין יענעם טאָג, וויל איך, אַז איר זאָלט געדענקען אַז מײַן אייגע־נער גלויבן איז געבליבן פעסט און ניט צעטרייסלט אין די איצטיקע פינצטערע טעג."

אַלגינס רוף „צו די וואַקלדיקע"

און אַ צווייטער רוף, וואָס איז פּאַסיק אין דער איצטיקער צײַט, איז אַן אַרטיקל פון אונדזער גרויסן פּירער משה אָלגין, אין דער „מאָרגן פרײַ־הייט" דעם 27סטן אויגוסט 1939 — „צו די וואַקלדיקע פרײַנט":

„מיר ריידן ניט צו פײַנט. יענע זוכן יעדע געלעגנהייט צו באַפאַלן דעם לינקן לאַגער. לאָמיר זאָגן אַ וואָרט צו די פרײַנט, וואָס זײַנען בײַ זיך

אומזיכער, וואָס וואַקלען זיך, וואָס זיינען צערודערט, וואָס דאַכט זיך זיי, אַז דער באָדן פאַרשווינדט אונטער זייערע פיס. אָבער איינס קענט איר זיך זאָגן מיט פולער זיכערקייט, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַ בויער אין אַ שטיצער פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג, אַ פריינט און באַקעמפּער פון אונטערדריקונג — סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע און אַנדערע.

„אָט דאָס דאַרף זיין זייער קאָמפּאַס אין דער איצטיקער צייט. אָט דאָס דאַרף זיין אייער וויכטיקסטער אינהאַלט. נאָר ניט אַריינפאַלן אין פּאַניק".

דאָס זיינען די גאָלדענע ווערטער פון צוויי גרויסע יידישע פּערזענ־לעכקייטן אין צייט פון דער וואַקכאַנאַליע אין 1939. און דאָס דאַרף אויך זיין דער קאָמפּאַס אין דער איצטיקער צייט.

צוטרוי צום סאָוועטן־פאַרבאַנד

איך גלויב ניט אַז די איצטיקע וואַקכאַנאַליע האָט טיף אַנגערירט אונדזערע איבערגעגעבענע יידישע פּראָגרעסיווע עלעמענטן, אָבער עס קאָנען זיין אַזעלכע, וועלכע ווערן מיטגעטראָגן מיטן שטראָם.

איך, דער שרייבער פון די שורות, שרייב דעם אַרטיקל צו מיין 86סטן געבורטסטאָג, דעם 10טן יאַנואַר 1971. איך האָב באַגעגנט געוויזענע חברים פון דעם טיפּ פון „אַי טאָלד יו סאָ", (איך האָב דיר געזאָגט, אַז אַזוי וועט זיין), און זיי האָבן געוואָלט וויסן פון מיר, אַ לאַנג־יאָריקן סאָציאַליסט, איינער וועלכער האָט זיך אַנגעשלאָסן אין דער סאָציאַליסטי־שער באַוועגונג דאָ אין אַמעריקע אין 1903, צוויי יאָר נאָך דער גרינדונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי דורך דעבס און אַנדערע, און איז די גאַנצע צייט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. זיי האָבן געוואָלט וויסן צי איך גלויב נאָך אַלץ אין סאָציאַליזם, און צי בין איך נאָך אַלץ אַ פריינט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד? און מיין ענטפער צו זיי איז אַ פּאָזיטיווער: „יע"! דעם זעלבן ענטפער, וואָס ראובן ברייני און משה אָלגין האָבן געגעבן אין די פריערדיקע יאָרן, גיב איך איצט.

געוויס, די וועלט שטייט ניט אויף אַן אָרט. עס קומען פאַר נייע אַנט־וויקלונגען און נייע קריזיסן. דער 20סטער קאָנגרעס האָט אויפגעדעקט פאַרברעכנס, וואָס מען האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט. אָבער האָט עס דען געהייסן, אַז די אידייע פון סאָציאַליזם דאַרף אויפגעגעבן ווערן, מען טאָר ניט האַלטן פאַרמאַכט די אויגן, מען דאַרף קריטיקירן טעותן, ווי פריינט, מ'דאַרף זען זיי זאָלן אויסגעמידן ווערן, פאַרריכט ווערן, אָבער דער קאַמף פאַר סאָציאַליזם מוז אָנגיין.

איך וויל ניט זאָגן, ווי ראובן ברייני, אַז „מיינע טעג זיינען געציילטע".

איך האָף נאָך און ווינטש צו לעבן אַ צאָל יאָרן, פאַרזעצן מיין טעטיקייט אין דער מאַרקסיסטישער באַוועגונג. נאָכדעם, ווי איך האָב דורכגעלעבט די אַלע יאָרן, בין איך פעסט אין מיין גלויבן אין סאָציאַליזם, די לערע פון קאַרל מאַרקס און לענין; דער אידעאַל וועלכער שטרעבט צו מאַכן אַ סוף צו די מלחמות, אומגליקן און אַלע צרות, וואָס די פּראָפיט־סיסטעם האָט אונדז געבראַכט.

איך בין פעסט אין מיין צוטרוי צום סאָוועטן פאַרבאַנד, דאָס לאַנד וואו עס בויט זיך סאָציאַליזם, טראָץ די אַלע טעותן וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געמאַכט און וואָס מיר קריטיקירן.

איך גלויב אַז אונדזער הויפּט־שונא איז פון רעכטס; די רעאַקציע אין אַמעריקע און אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, די באַוועגונג אין אַמעריקע זיך אומצוקערן צו די פינצטערע יאָרן פון דזשאָו מעקאַרטי, צו פאַרפאָלגן מענטשן, וועלכע קעמפן פאַר שלום און גערעכטיקייט. דאָ דאַרפן מיר קעמפן צו פאַרשטאַרקן און פאַראייניקן אונדזערע כוחות.

איך בין אַן אָפּטימיסט און גלויב אין דער צוקונפט פון אונדזערע אידעאַלן.

באַגעגעניש מיטן לעצטן יידישן וועטעראַן פון דעם בירגער־קריג

דער נאָמען דעניעל העריס, דער יידישער וועטעראַן פון לינקאָלנס אַרמיי, וועלכער איז געשטאָרבן די טעג אין עלטער פון 99 יאָר, וועט פאַרבלייבן אין דער אַמעריקאַנער יידישער געשיכטע ווי אַ ליכטיקער אָנדענק פון דעם בייטראָג פון יידישן פאָלק צו דעם קאַמף פאַר פרייהייט אין אַמעריקע.

דאָס יידישע פאָלק האָט אַרויסגעגעבן אַ גרויסע צאָל פּאַטריאָטן פאַר אַמעריקע, פון די צייטן פון חיים סאָלאָמאָן ביז מייער לעווין. דעניעל העריס וועט געדענקט ווערן אַלס דער לעצטער יידישער וועטעראַן פון בירגער־קריג — אַ רינג אין דער קייט פון יידישן אַמעריקאַנער פּאַטריאָטיזם, וואָס האָט צוזאַמענגעבונדן דעם בירגער־קריג מיט דער 2טער וועלט־מלחמה.

העריס איז אַלס לעבעדיקער עדות פון דעם בירגער־קריג געווען אַן אינספּיראַציע צו די טויזנטער יונגע אַמעריקאַנער, וועלכע שלאָגן זיך איצט אויף די שלאַכטפעלדער אויפצוהאַלטן די אַמעריקע, פאַר וועלכער ער האָט געקעמפט מיט 80 יאָר צוריק.

ניט קוקנדיק אויף זיין טיפער עלטער פלעגט העריס אויפטרעטן אויף פּאַטריאָטישע מיטינגען אין די לעצטע פּאָר יאָר, און מיט זיין אָנוועזנהייט באַגייסטערן די פאַרזאַמלטע צו העלפן אין דער מלחמה־אַרבעט.

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו באַזוכן דעם אַלטן וועטעראַן עטלעכע מאָל אין זיין לעצטער וואוינונג, אויף 231 וואודביין סטריט, ברוקלין. איך האָב געהאַט אַ ספּעציעלן אינטערוויו מיט אים פאַר דער „מאָרגן פרייהייט" אין מאַי 1943 און אים באַזוכט אַ פּאָר מאָל שפּעטער. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם טיפן איינדרוק, וואָס ער האָט אויף מיר יעדן מאָל געמאַכט מיט זיין שטאַרקן גלויבן אין דעם זיג פון אַמעריקע, מיט זיין שטאָלץ, וואָס ער האָט געדינט אין לינקאָלנס אַרמיי און מיט דעם, וואָס ער האָט געקאָנט דינען אַלס ביישפּיל פון דעם אָנטייל פון יידן אין דעם היסטאָרישן בירגער־קריג אויף דער זייט פון די פרייהייט־קעמפער.

האָט שטאָלצירט מיטן יידישן אָנטייל אין דער מלחמה

העריס איז געווען אַ גוטמוטיקער פריינטלעכער מענטש, ליב געהאַט צו וויצלען זיך, אָבער ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן זיך ערנסט אינטערעסירט אין דעם גאַנג פון מלחמה און מיט דער פולער האָפענונג, אַז די פאַראייניקטע פעלקער וועלן געווינען די מלחמה.

„אַמעריקע האָט נאָך קיינמאָל ניט פאַרלאָרן קיין מלחמה", האָט ער מיר געזאָגט אין דעם ספּעציעלן אינטערוויו, וואָס ער האָט מיר געגעבן „און אַמעריקע וועט איצט אויך אַרויס דער זיגער" — האָט ער מיט זיכערקייט באַטאָנט.

ער איז געווען זייער צופרידן, וואָס אַזוי פיל יידן באַטייליקן זיך איצט צו העלפן אַמעריקע געווינען די מלחמה. ער האָט גערעדט מיט באַגייסטערונג וועגן דעם ברוקלינער יידישן העלד מאיר לעווין און מיר דערציילט, אַז ער האָט געזאָלט אויפטרעטן אויף אַ פּאַטריאָטישן מיטינג צוזאַמען מיט מאיר לעווינס עלטערן, נאָר ער איז יענעם טאָג געווען פאַרקילט און די פאַמיליע האָט אים נישט געלאָזט גיין.

די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט גערעדט מיט מיר איז ער באַשטאַנען אויף דעם, אַז ער אַליין זאָל דערציילן זיינע זכרונות. ווען זיין שנור, ביי וועמען ער האָט געוואוינט, מרס. מאַרגאַרעט העריס, האָט אים געוואָלט אַרויסהעלפן דורך דערמאָנען איניקע זאַכן, האָט ער מיט אַ שמייכל איר אָפּגעשטעלט: „לאָז עס איבער צו מיר, איך געדענק נאָך אַלץ און ווייס עס אַ ביסל בעסער פון דיר"...

ער האָט מיר דערציילט וועגן זיינע יונגע יאָרן, ביי זיינע אָרעמע עלטערן, וועלכע האָבן אים אַריבערגעבראַכט קיין ניו יאָרק פון ענגלאַנד;

ווי אַזוי ער האָט זיך אַנגעשלאָסן אין דער „ביוּוי‟, ווען ער איז קוים אַלט געווען 17 יאָר און ווי ער האָט נאָכדעם וואָלונטירט אין לינקאָלנס אַרמיי און ווי אַזוי ער איז צוזאַמען מיט אַ גרופּע אַנדערע סאָלדאַטן אויפגענומען געוואָרן פון דעם מאַרטירער־פּרעזידענט, וועלכער האָט אים געדריקט די האַנט.

דער יידישער וועטעראַן איז געווען אַ טעטיקער מיטגליד אין דער ציגאַר מאַכער יוניאָן. ער האָט געגלויבט אין פּראָגרעס און איז געווען אַ גרויסער אַנהענגער פון דעם אַמעריקאַנער פּאַטריאָט טאָמאַס פּעין. ער איז געווען אַן אָפטער באַזוכער פון די לעקציעס פון דעם באַרימטן אַפּיקורס און אָראַטאָר ראָבערט אינגערסאָל און זייער געשעצט די אַבאָליציאָניסטן ווענדעל פיליפּס און וויליאַם לאָיד גערריסאָן פון וועמען ער האָט געקראָגן באַגייסטערונג פאַר זיינע פּראָגרעסיווע אידייען, כאָטש ער האָט גערריסאָנען און פיליפּסן קיינמאָל ניט באַגעגנט.

איז געווען באַליבט און געשעצט צווישן די וועטעראַנען

הערריס איז געווען אַן אַמעריקאַנער אין פולן זין פון וואָרט. אָבער ער האָט אַלעמאָל שטאָלצירט מיט זיין יידישקייט און זיך אינטערעסירט אין יידישע ענינים. ער איז געווען דער גרינדער פון דער „מאַונט סייני היברו מיוטשועל בענעפיט סאָסייעטי‟ וואו ער איז געווען דער ערשטער פּרעזידענט און לאַנג געווען אין איר טעטיק. ער האָט אויך אַריינגעצויגן זיינע קינדער און זיין גאַנצע משפחה אין דער סאָסייעטי.

די יידישע מלחמה־וועטעראַנען אין ניו יאָרק האָבן שטאָלצירט מיט דעם יידישן וועטעראַן פון בירגער־קריג און ער פלעגט אָפט באַשיינען זייערע שמחות. זיי האָבן זיך געגרייט צו פייערן אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב זיין הונדערט־יאָריקן יובילייי. צווישן די אַלגעמיינע אַמעריקאַנער וועטעראַנען איז ער אויך געווען זייער געערט און באַליבט.

ער האָט זיך באַטייליקט אין די מעמאָריעל־טאָג פייערונגען און פלעגט זיין דער פירער פון די פּאַראַדן.

אין דער איצטיקער מלחמה האָט דער וועטעראַן געהאָלפן די מלחמה־אַרבעט דורך אויפטרעטן פיל מאָל ביי גרויסע פּאַטריאָטישע מיטינגען אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן און אויף דער ראַדיאָ.

איך האָב אים באַזוכט עטלעכע מאָל נאָך מיין אָפיציעלן אינטערוויו און ער איז געווען זייער צופרידן, וואָס די „מאָרגן פרייהייט‟ האָט געדרוקט דעם אינטערוויו. „מיין יידישע דערציאונג איז אַ ביסל פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן, נאָר עס איז שוין צו שפּעט צו לערנען זיך‟, האָט ער באַמערקט.

הערים איז געווען אַ גרויסער פֿאַרערער פון פּרעזידענט רוזוועלט. ער האָט אים פֿאַרגליכן צו פּרעזידענט לינקאָלן און געוואונטשן רוזוועלטן דערפֿאָלג.

ער איז געווען באַגייסטערט פֿאַר די זיגן פון דער רויטער אַרמיי. ער האָט מיר געזאָגט, אַז כאָטש ער איז נישט קיין קאָמוניסט, ווייסט ער אָבער, אַז די קאָמוניסטן טוען גוטע אַרבעט צו געווינען די מלחמה און „זאָלן זיי געשטאַרקט ווערן"...

הערים האָט מיר אויך פֿאַרטרויט, אַז אים פֿאַרדריסט, וואָס ער האָט זיך ניט געקאָנט באַטייליקן אין דער איצטיקער מלחמה קעגן די נאַציס. ער האָט מיר געוויזן אַ בילד וואו ער איז פֿאָטאָגראַפֿירט מיט אַ ביקס, וואָס איז איבערגעבליבן פֿון בירגער־קריג און געזאָגט, אַז ער וואָלט נאָך איצט אויך וועלן געבן אַ שאָס מיט אַ ביקס אויף די שונאים פֿון אַמעריקע.

ער האָט דערציילט מיט פֿרייד, ווי אַזוי ער האָט געהאַט אַן אינטער־וויו איבער דער ראַדיאָ מיט אַ „וועק" — אַ שיינע מיידל, האָט ער זיך געוויצלט, ווי אַזוי זי האָט אים געשטעלט פֿראַגן און ער האָט איר געענט־פֿערט, און דאָס האָבן געהערט טויזנטער מענטשן. ער איז געווען גליקלעך, וואָס ער האָט געקענט דורך זיין ריידן מיטהעלפֿן די מלחמה קעגן די נאַציס.

ער פֿלעגט רויכערן און טרינקען אַ שנעפּסל

די לעצטע יאָרן פֿלעגט דעניעל הערים צו זיין געבורטסטאָג קריגן באַגריסונגען פֿון באַרימטע פּערזענלעכקייטן.

שנור האָט מיר געוויזן אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון הערים צוזאַמען מיט דעם געוועזענעם גאָווערנאָר הערבערט לעהמאַן מיט אַ באַגריסונג פֿון גאָווערנאָר צו הערים'ס 94טן געבורטסטאָג.

הערים פֿלעגט רויכערן זיין ליולקע און אויך ציגאַרן און ער פֿלעגט אויך נעמען אַ שנעפּסל. ווי עס ווערט איצט איבערגעגעבן האָט ער נאָך אַ טאָג פֿאַר זיין טויט גערויכערט אַ פּאָר ציגאַרן און גענומען זיין טעגלעך שנעפּסל.

ווען איך האָב דעם לעצטן מאָל געזען הערים איז עס געווען צו זיין 98טן געבורטסטאָג, דעם 28טן פֿעברואַר, לעצטן יאָר. ער האָט זיך געפֿילט מוטיק און האָט געהאַט גרויס האָפֿענונג, אַז ער וועט דערלעבן איבער הונדערט יאָר און לאָזן די יידישע וועטעראַנען פֿייערן זיין הונדערטסטן געבורטסטאָג. ווען איך האָב ביים געזעגענען זיך אים געוואונטשן צו לעבן 120 יאָר, האָט ער זיך אַ ווייצל געטאָן: „איר זייט מיר ניט קיין

פריינד... צו 120 יאָר איז ביי מיר שוין גאָר ניט אַזוי ווייט, איך דענק נאָך צו לעבן אַ סך לענגער"...

ער איז געשטאָרבן מיט 20 טעג פריער ווי עס וואָלט אויסגעפאַלן זיין 100־יאָריקער געבורטסטאָג.

די יידישע פּאַטריאָטישע אָרגאַניזאַציעס, די יידישע מלחמה־וועטע־ראַנען, וועלכע האָבן אים מיט איניקע יאָר צוריק דערוויילט אַלס נאַציאָנאַלן ערן־קאָמאַנדיר און ברוקלינער וועטעראַן־אָרגאַניזאַציעס האָבן דורכגעפירט אַ גרויסע לויה און אים אָפּגעגעבן זיין לעצטן כבוד.

די לויה איז פאָרגעקומען מאָנטיק, דעם 12טן פעברואַר, אין דעם טאָג וועז מען האָט געפייערט לינקאָלנס 136טן געבורטסטאָג. דעם אָרון האָט מען דורכגעפירט מיט פּאַראַד דורך דעם טויער פון דעם סאָלדאַטן און מאַטראָזן מאָנומענט אין ברוקלין.

פאָרטרעטער פון דער שטאָט־רעגירונג און פון פּאַטריאָטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאַלטן רעדעס און געלויבט דעם פאַרשטאָרבענעמס פּאַטריאָטיזם און פּראָגרעסיווע אידייען.

העריס פלעגט אַלעמאָל פריידיקן די אידייען פון טאָלעראַנץ און דעמאָקראַטיע, האָט געזאָגט רבי סידני טעדעש אין זיין הספד אויף העריסן.

אַרטשי גרינבערג, נאַציאָנאַלער קאָמאַנדיר פון יידישע מלחמה וועטעראַנען, האָט באַצייכנט דעניעל העריסן אַלס אַ סימבאָל פאַר אַלע זיינע יידישע חברים, לעבעדיקע ווי פאַרשטאָרבענע, וועלכע האָבן געדינט אונדזער לאַנד זינט די צייטן פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע.

דער לעצטער יידישער וועטעראַן פון בירגער־קריג איז באַערדיקט געוואָרן אויף וואַשינגטאָן סעמעטערי, אין ברוקלין.

דער נאָמען פון דעניעל העריס וועט זיכער פאַרנעמען אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון יידישן אָנטייל אין די מלחמות פאַר אַמעריקע.

„מאָרגן פרייהייט", 14טן פעבר׳ 1945.

דר. מאַגנעס, קעמפער פאַר פּראָגרעס

עס איז ניט לאַנג צוריק געוואָרן 20 יאָר זינט עס איז געשטאָרבן דער געזעלשאַפטלעכער טוער, ציוניסטישער פירער, געלערנטער און שלום־קעמפער, דר. יהודה לייב מאַגנעס.

די „מאָרגן פרייהייט" האָט שוין געדרוקט אַן אויספירלעכן אַרטיקל וועגן מאַגנעסעס לעבן און טעטיקייט אין ישראל, וואו ער האָט געוואוינט די לעצטע יאָרן זיינע. דער אַרטיקל איז געווען געשריבן פון דעם

חשובן מיטאַרבעטער פון דער „מאָרגן פרייהייט" אין ישראל, פּראָפ׳ שמואל אייזענשטאַדט, אין וועלכן עס איז געשילדערט געוואָרן מאַגנעסעס ראָל אַלס פּרעזידענט פון דעם העברעאישן אוניווערזיטעט און זיין טעטיקייט פאַר פריינטשאַפט צווישן יידן און אַראַבער.

אָבער ראַבאַי מאַגנעס איז געווען אַן אַמעריקאַנער, געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין אַמעריקע, געלעבט זיינע מערסטע יאָרן דאָ אין לאַנד, וואו ער האָט זיך געשאַפן אַ גרויסן נאָמען מיט זיינע אויסערגעוויינלעכע פאַרדינסטן אַלס געזעלשאַפטלעכער טוער. עס איז וויכטיק פאַר דער פּראָגרעסיווער וועלט צו וויסן מאַגנעסעס פאַרדינסטן אין דעם קאַמף פאַר שלום, פאַר דער אָנערקענונג פון באָלשעוויסטישן רוסלאַנד און זיינע אַנדערע וויכטיקע טעטיקייטן.

קעמפט פאַר אַמעריקאַנער טראַדיציעס

עס איז וויכטיק אין דער איצטיקער צייט צו ווייזן די פּערזענלעכקייט פון ראַבאַי יהודה לייב מאַגנעס ווי אַ מוסטער פון אַן אָנפירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע, וועלכער איז געווען אַנדערש ווי די מייסטע ציוניסטישע פירער פון זיין צייט. מאַגנעסעס נאָמען דאַרף פאַרצייכנט ווערן צווישן די העלדישע קעמפער פאַר פרייהייט און פאַר די אמתע פרייהייט־טראַדיציעס פון אַמעריקע.

יהודה לייב מאַגנעס איז געבוירן געוואָרן דעם 5טן יולי 1877 אין סאַן פראַנציסקאָ, קאַליפאָרניע, האָט גראַדואירט פון דעם סינסינאַטי אוניווערזיטעט, אין 1898, מיטן טיטל „בעטשלאָר אָוו אַרטס" און פון ראַביניקל קאַלעדזש אַלס ראַבאַי, אין 1900. נאָכדעם איז ער אַוועק שטודירן אין די אוניווערזיטעטן פון בערלין און היידעלבערג, דייטשלאַנד, וואו ער האָט זיך דערוואָרבן דעם טיטל דאָקטאָר פילאָזאָף.

אין 1904 איז מאַגנעס אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס ראַבאַי פון טעמפּל איזראַעל אין ברוקלין און שפּעטער אין ניו יאָרק אין טעמפּל עמאַנועל און נאָכדעם אין טעמפּל בני ישורון.

ראַבאַי מאַגנעס האָט זיך אינטערעסירט מיט די פּראָבלעמען פון די יידישע מאַסן און ווערט געזעלשאַפטלעך טעטיק אויף פיל געביטן. בשעת דעם קעשענעווער פּאָגראָם אויף יידן, אָרדנט מאַגנעס איין אַ ריי פּראָטעסט־מיטינגען אין ניו יאָרק און גייט בראש, אַלס אָנפירער פון אַ פּראָטעסט־פּאַראַד איבער די גאַסן פון ניו יאָרק. ער אַפּעלירט אויך פאַר הילפס־אַרבעט פאַר די פּאָגראָם געליטענע יידן פון קעשענעוו.

פירער פון אַמעריקאַנער ציוניסטן

פון יאָר 1905 ביז 1908 איז ראַבאַי מאַגנעס געווען דער סעקרעטאַר פון דער „פעדעראַציע פון אַמעריקאַנער ציוניסטן". אין 1909 גרינדעט

ער די יידישע קהילה אין ניו יארק — אַ קערפּערשאַפט, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט יידישע אינטערעסן. די קהילה האָט עקזיסטירט פון 1909 ביז 1922. מאַגנעס איז געווען דער פּאַרזיצער פון דער קהילה די גאַנצע צייט פון איר עקזיסטענץ. מאַגנעס איז אויך געווען איינער פון די גרינ־דער פון דעם דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטעט, וועלכער גיט זיך אָפּ מיט הילפס־אַרבעט פאַר יידן אין פאַרשיידענע לענדער. ער איז אויך אַליין געפאָרן אין אייראָפּע צו פאַנאַנדערטיילן הילף.

אָבער דאָס וואָס איז באַזונדער וויכטיק צו דערמאָנען איז געווען זיין טעטיקייט בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, קעגן אַמעריקעס אַריינ־טריט אין דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה.

קעגן אימפּעריאַליסטישער מלחמה

ראַבאַי מאַגנעס איז געווען איינער פון די גרינדער און פּאַרזיצער אויף דער ערשטער זיצונג פון דער „אַמעריקאַנער קאָנפערענץ פאַר דע־מאָקראַטיע און פרידן", וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 30טן מאַי 1917, איין חודש נאָכדעם ווי אַמעריקע איז אַריין אין דער מלחמה. די קאָנפערענץ איז אַרויסגעטראָטן קעגן געצוואונגענער מיליטער־דינסט פאַר דער מלחמה און מיט אַ פאָדערונג אַז מען זאָל וואָס פריער מאַכן אַ סוף צו דעם בלוטיקן קריג.

מאַגנעס האָט געהאָלפן יודזשין וו. דעבסן, סקאָט נירינגן און אַנדערע גרינדן די אָרגאַניזאַציע די „פּיפּלס קאָונסיל אָוו אַמעריקאַ" — אַ נאָכ־פאָלגערין פון דער פריערדיקער אַמעריקאַנער קאָנפערענץ. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע „פריענדס אָוו ראַשיען פרידאָם" (פריינט פון רוסישער פרייהייט), צו העלפן די רעוואָלוציאָנערע קעמפער קעגן צאַריזם. ווען די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען, איז מאַג־נעס געוואָרן איינער פון די שטאַרקסטע פריינט פון דער נייער סאָוועטן־מאַכט און אירע פאַרטיידיקער.

דר. י. ל. מאַגנעס איז געווען פון ניט צו הויכן פיזישן וואוקס, אָבער ער איז געווען אַ ריז אין גייסט, אַ וואונדערלעכער רעדנער. זיין מעכטיקע שטימע אויף די פאַרשיידענע גרויסע פאַרזאַמלונגען, וואו ער פלעגט אַרויסטרעטן, פלעגט באַגייסטערן דעם עולם.

שטעלט זיך איין פאַר די סאָוועטן

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו הערן ראַבאַי מאַגנעס אויף אַ גרויסן פּראָטעסט־מיטינג אין אַלטן מעדיסאָן סקווער גאַרדן, דעם 25טן מאַי 1919, צו פּראָטעסטירן קעגן דער בלאָקאַדע וואָס אַמעריקע און אַנ־דערע לענדער האָבן דערקלערט קעגן דער יונגער סאָוועט־רעפּובליק און

געשיקט אַרמייען אין סיביר, צו העלפן די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן קעגן די באָלשעוויקעס. מאַגנעס האָט אויפגעשטורעמט דעם עולם מיט זיין רעדע, פאָדערנדיק אַז אַמעריקע זאָל אַראָפּנעמען די בלאָקאַדע, צוריקציען אירע אַרמייען פון סיביר און אָנשטאָט דעם בעסער שיקן שיפן מיט שפּייז פאַר די הונגעריקע, צוליב דער טריקעניש פון וועלכער סאָוועט־רוסלאַנד האָט יענע יאָרן געליטן.

דר. מאַגנעס האָט אין זיין רעדע באַטאָנט, אַז דאָס וואָס אַמעריקע און אירע פאַרבינדעטע האָבן מורא, איז ניט פאַר דעם טעראָר און באַיאָ־נעטן פון די באָלשעוויקעס, נאָר פאַר דעם סאָוועטישן אידעאַל, „פאַרן זיגרייכן מאַרש פון אַ נייער און בעסערער סאָציאַלער סיסטעם".

גרינדער פון סיוויל ליבערטיס יוניאָן

דר. מאַגנעס איז אויך געווען איינער פון די גרינדער פון דער „סיוויל ליבערטיס יוניאָן" צוזאַמען מיט אַזעלכע רעוואָלוציאָנערע ראַדיקאַלן ווי וויליאַם ז. פאָסטער, סקאָט נירינג, נאָרמאַן טאָמאַס און אַ צאָל ליבעראַלן. די אָרגאַניזאַציע צו קעמפן פאַר פרייער רעדע אַפילו אין מלחמה־צייט, פאַרטיידיקן „קאָנשיענשאָס אָבדזשעקטאָרס", קעגנער פון מלחמה צוליב זייער געוויסן, און פאַר אַנדערע צוועקן, אין די אינטערעסן פון פרייהייט.

מאַגנעסעס אידייען וועגן אַמעריקע, וואָס זי דאַרף זיין און זי איז עס ניט, האָט ער אויסגעדריקט אין אַן אַרטיקל, וואָס איז דערשינען אין חודש־זשורנאַל פון די פּאָריער־אַרבעטער, „פאָר וואָרקער", פון חודש מערץ, 1920. מען זעט דאָ וואָס פאַר אַ גרויסער אידעאַליסט מאַגנעס איז געווען, און זיין שטרעבונג פאַר אַ בעסערער וועלט, און זיין מיינונג וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דער קאָפּ פונעם אַרטיקל איז געווען: „אַמעריקאַניזם, אמתער און פאַלשער". מאַגנעס שרייבט דאָרטן, צווישן אַנדערע זאַכן:

סאָוועטן־פאַרבאַנד — אַ לייכט־טורעם

„סאָוועט רוסלאַנד שטייט ווי אַ לייכט־טורעם אויף שפּיץ־בערג, וועל־כער דערמוטיקט די ליידנדע פעלקער מיט אַ ליכט אין דער פינצטערניש".

מאַגנעס שרייבט, אַז אַמעריקאַנער מענטשן זיינען פריער געוואָרן אויפ־גענומען געוואָרן אין פאַרשיידענע לענדער, ווייל די פשוטע מענטשן אין איירופּע האָבן געזען אינזינען אַן אַמעריקע פון פרייהייט און אומ־אָפּהענגיקייט, אַן אַמעריקע וואָס גיט שוץ צו פּאָליטישע פאַרפאָלגטע אין די צענדליקער טויזנטער פאַמיליעס וועלכע זיינען געקומען זוכן אַרבעט, בילדונג און גליק. אָבער איצט — שרייבט מאַגנעס — ווען די פעלקער פון איירופּע באַפרייען זיך פון זייערע טיראַנישע הערשער און די אַלטע

סיסטעמען ווערן אָראָפּגעריסן, קומט ווי אַן אַנטווישונג דער ענטפער פון אַמעריקע: דעפּאָרטאַציע פון פּאָליטישע אַרעסטירטע, מלחמה־קעגנער ווערן געמאַטערט אין פינצטערע טורמעס, אונטערדריקונג פון פּאָליטישע פּאַרטייען.

דר. מאַגנעס רעכנט אויס אַ גאַנצן צעטל פון איבלען אין אַמעריקע און פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

„לאָמיר נוצן אינטעליגענץ און העלפן צו אָרגאַניזירן די גרויסע כוחות פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און לאָמיר פאַרבינדן אונדזער גורל מיט דעם גורל פון די פרייע און פרייהייט־ליבנדיקע מענטשן אומעטום. לאָמיר אויפֿ־האַלטן דעם אידעאַל פון אינטערנאַציאָנאַליזם, אין נאָמען פון דער אַלטער אַמעריקע, וואָס איז געווען פריי און איז איצט טויט, און אין דעם נאָמען פון דער נייער אַמעריקע, וועלכע איז איצט אין פּראָצעס פון געבוירן ווערן".

דאָס זיינען געווען גאָלדענע געוואַגטע רעוואָלוציאָנערע ווערטער אין אַ צייט ווען די רעאַקציע האָט אָנגעהויבן בושעווען, ווערטער וואָס ווייזן קלאָר דעם געדאַנקען־גאַנג פון דעם דאָזיקן גרויסן אידעאַליסט, יהודה לייב מאַגנעס.

ווי געזאָגט פריער, איז וועגן זיין לעבן אין ארץ ישראל, זיין אַקטי־וויטעט פאַר פרייַנטשאַפט צווישן יידן און אַראַבער, שוין געווען געשריבן אין דער „מאָרגן פרייהייט" פון שמואל אייזענשטאַדט. איך האָב געהאַלטן פאַר נויטיק צו אָנווייזן אויף זיין ראָל אַלס פרייהייט־קעמפער און פּראָ־גרעסיווער מענטש, און קעמפער פאַר שלום, — אַ ראָל וואָס איז ווייניקער באַקאַנט צווישן די יידישע מאַסן, אָבער וואָס איז זייער וויכטיק צו פאַר־צייכענען.

יהודה לייב מאַגנעס איז געשטאָרבן דעם 27טן אָקטאָבער 1948, אין עלטער פון 71 יאָר. מאַגנעסעס נאָמען דאַרף אַריינגעשריבן ווערן אין דער געשיכטע פון אַמעריקע ניט נאָר אַלס דער גרויסער יידישער געזעל־שאַפטלעכער טוער און ציוניסט, נאָר אַלס דער אומדערמידלעכער קעמ־פער פאַר שלום, פאַר פּראָגרעס, פאַר דעם ריכטיקן זין פון אַמעריקאַ־ניזם, פאַר פרייַנטשאַפט מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד און פאַר אַ בעסערער סאָציאַלער אָרדענונג. די פּראָגרעסיווע וועלט, מער ווי אַלע, דאַרף ערן זיין אָנדענק.

„מ. פ." — מערץ 4, 1968.

ראָבערט אינגערסאָל

דעם 21טן יולי 1950 איז געוואָרן 60 יאָר, זינט ס'איז געשטאָרבן דער באַרימטער אַמעריקאַנער אָראַטאָר, פריידענקער און אַדוואָקאַט ראָבערט ג. אינגערסאָל.

אינגערסאָל, אַ גרויסע אַמעריקאַנער פּערזענלעכקייט, האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד.

זיין נאָמען איז פאַרבליבן אין דער געשיכטע פון אַמעריקע אַלס „דער גרויסער אַפּיקורוס". זיינע שאַרפע רעדעס קעגן רעליגיע האָבן געמאַכט אַ רושם אין זיין צייט. די גרעסטע פאַרזאַמלונג־פּלעצער אין לאַנד פלעגן ווערן איבערגעפּאַקט, ווען אינגערסאָל פלעגט אַהין קומען האַלטן זיינע לעקציעס. אַ גאַנצע ליטעראַטור איז געשאַפן געוואָרן דורך רעליגיעזע פּרעדיקער און גייסטלעכע, וועלכע האָבן געזוכט אָפּצושוואַכן דעם איינדרוק, וואָס אינגערסאָלס לעקציעס האָבן געמאַכט. ווען ער איז געשטאָרבן, האָבן זיינע קעגנער פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז ער האָט פאַר זיין טויט תשובה געטאָן און חרטה געהאַט אויף זיינע אַפּיקורסישע געדאַנקען. דאָס איז אָבער אָפּגעלייקנט געוואָרן דורך זיין פאַמיליע און זיינע נאָענטע פריינט, וועלכע זיינען געווען מיט אים ביז זיין טויט.

אינגערסאָלס נאָמען איז פאַרבליבן אין דער געשיכטע אַלס „דער גרויסער אַפּיקורוס". ס'איז אָבער ניט גענוג באַקאַנט און די מערסטע ביאָגראַפיעס האָבן פאַרשוויגן זיין ראָל אַלס קעמפער פאַר פּראָגרעסיווע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע רעפאָרמען.

זיין יוגנט

אינגערסאָל איז געבוירן געוואָרן דעם 11טן אויגוסט, 1833, אין דעם שטעטל דרעזדען, ניו יאָרק. זיין פאָטער, דזשאָן, איז געווען אַ גלח און האָט געזוכט איינצופלאַנצן דעם רעליגיעזן גלויבן אין זיין זון. אָבער ראָבערט האָט נאָך אַלס אַ יינגל פון 10 יאָר אַרגומענטירט מיט זיין פאָטער און גענומען צווייפלען אין די מעשיות פון ביבל. די ווערק פון טשאַרלז דאַרווין און טאָמאַס האַקסלי האָבן געווירקט אויף אים צו פאַרשטאַרקן זיין איבערצייגונג, אַז וויסנשאַפט איז דער הויפּט־כוח פאַר פּראָגרעס און אַז רעליגיע איז קעגן פּראָגרעס. ער איז געוואָרן אַ באַקעמפער פון רעליגיע.

ווען ער איז אַלט געוואָרן 20 יאָר, איז ער געוואָרן אַן אַדוואָקאַט. ער האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס אַ קרעפטיקער רעדנער. ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס אַן אַטוירני־דזשענעראַל פון אילינאָי (ער האָט דאַן געוווינט

אין דעם שטעטל פעאריע, אילינאי). מען האט אים געוואלט נאמינירן פאר גאווערנאר, אבער ער האט ניט אנגענומען. עס איז געווען די מיינונג פון פיל פאליטיקער פון יענער צייט, אז אינגערסאל מיט זיינע פעאיקייטן וואלט געקענט דערוויילט ווערן פאר פרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאטן, ווען נישט זיינע אפיקורסישע אידייען.

ער איז 20 יאר צייט געווען דער הויפט־רעדנער פון דער רעפובליקאנער פארטיי. זיינע רעדעס אויף פאליטישע קאנווענשאנס זיינען בארימט צוליב דער קרעפטיקייט, מיט וועלכער ער פלעגט ארויסברענגען זיינע ארגומענטן.

אינגערסאל האט אנגעהויבן זיין פאליטישע קאריערע אלס אדוואקאט. אין 1860 איז ער געווען א קאנדידאט פון דער דעמאקראטישער פארטיי פאר קאנגרעס פון א דיסטריקט אין אילינאי. ער איז אבער געווען א קעגנער פון שקלאפעריי, און האט קריטיקירט די שטעלונג פון דער דעמאקראטישער פארטיי צו אט־דער פראגע. זיינע קעגנער האבן דאס אויסגענוצט, און ער איז דורכגעפאלן ביי די וואלן.

בעת דעם בירגער־קריג איז אינגערסאל אריין אין דער ארמיי און איז געווארן א קוירנעל. ער און זיינע טרופן זיינען געפאנגען געווארן דורך דער ארמיי פון דער סאוט. שפעטער איז ער באפרייט געווארן דורך אן אויסבייט און איז ארויס פון דער ארמיי. ער איז דאן אריבער צו דער רעפובליקאנער פארטיי און האט באקעמפט די דעמאקראטישע פארטיי אלס די פארטיי פון שקלאפן־האלטער.

זיין קאמף פאר די רעכט פון ארבעטער

אינגערסאל איז אבער ניט געווען אין אלץ איינשטימיק מיט דער רעפובליקאנער פארטיי. ער האט געוואלט, אז די רעפובליקאנער פארטיי זאל שטיין פאר די אינטערעסן פון די ארבעטער־מאסן. „די פארטיי, וואס האט באפרייט די שקלאפן, מוז איצט באפרייען די הארעפאשנע מאסן", — האט ער געזאגט. — „איצט איז די צייט פאר די רעפובליקאנער צו ווייזן, אז זייער סימפאטיע איז ניט מיט די באנקירן, קארפאראציאנס און מיליאנערן. זיי (די רעפובליקאנער) זיינען געווען אויף דער זייט פון די שקלאפן; זיי האבן באפרייט מיליאנען. זאלן זיי נעמען א טריט ווייטער און אויסשטרעקן זייערע הענט צו די זין פון ארבעט".

ווען דער בארימטער רעפארמער און „סינגעל טעקסער" הענרי דזשארדזש איז געווען קאנדידאט פאר מעיאר אין ניו יארק אין יאר 1886, איז אינגערסאל (וועלכער האט מיט א יאר פריער זיך אריבערגעקליבן קיין ניו יארק) אוועק פון די רעפובליקאנער און געשטיצט הענרי

דזשאָרדזשן. ער האָט געשריבן: „איך גלויב אין אַ פּאָלק פון אייגנטימער פון זייערע אייגענע היימען, ניט אין אַ פּאָלק פון טענאַנטס, וואו די הייזער באַלאַנגען צו לענדלאָרדס".

אינגערסאָל האָט געגלויבט אין פולע און גלייכע רעכט פאַר פרויען.

אין אַ רעדע וועגן מענטשלעכע רעכט האָט ער דערקלערט: „מיר פאָדערן, אַז פרויען זאָל געגעבן ווערן די זעלבע גלייכהייט ווי מענער. עס איז אַ פאַרברעכן, אַז איינער וואָס וואוינט אין לאַנד 60 אָדער 70 יאָר און מוז אויספאָלגן די געזעצן, זאָל ניט האָבן קיין דעה אין מאַכן די דאָזיקע געזעצן".

אין 1883 איז אינגערסאָל אויפגעטראָטן צוזאַמען מיט פרעדריק דאָגלאַס אויף אַ מאַסן־מיטינג צו פאָדערן ציווילע רעכט פאַר די נעגער־מאַסן.

ווען ס'איז פאָרגעקומען די גרויסע העימאַרקעט־טראַגעדיע אין שיקאַגאָ, ווען די רעגירונג פון אילינאָי האָט פאַרמשפט צום טויט אַ צאָל אַרבעטער־פירער אויף אַ בלבול פון וואַרפן אַ באָמבע, איז אינגערסאָל געווען איינער פון די, וועלכע האָבן אויפגעהויבן זייער שטימע צו פאָדערן די באַפרייאונג פון די פאַרמשפטע. אין אַ בריוו אין דער שיקאַגער „טריביון" אין סעפּטעמבער 1887, האָט אינגערסאָל געשריבן, אַז די אַרבעטער־פירער זיינען געמשפט געוואָרן אין אַ שטימונג פון היסטעריע און אַז זיי זיינען אומשולדיק. ער איז געווען איינער פון אַ דעלעגאַציע צו גאָווערנאָר אָגלעסבי פון אילינאָי צו פאָדערן זייער באַפרייאונג.

אינגערסאָל איז ניט געווען בלויז אַ רעפאָרמער און ליבעראַל. ער איז געווען קעגן עקספּלואַטאַציע פון אַרבעטער. ער האָט געגלויבט, אַז דער אַרבעטער איז בארעכטיקט צו דער פולער באַלוינונג פאַר זיין אַרבעט.

ער האָט דאָס קלאָר אַרויסגעבראַכט אין אַ רעדע אין באָסטאָן אין 1878. אין לאַנד האָט זיך דאַן געקאָכט וועגן די גרויסע ליידן פון די סטרייקנדיקע אייזנבאַן־אַרבעטער. די רעגירונג האָט גאָרניט געטאָן צו לינדערן די נויטן פון די מאַסן. אינגערסאָל האָט אין פאַרבינדונג מיטן סטרייק און מיט דער אַלגעמיינער לאַגע פון די אַרבעטער־מאַסן דער־קלערט: „וואָס איז דער יושרדיקער פּרייז פאַר אַרבעט? מיין ענטפער איז: אַזאַ פּרייז, אַז עס זאָל מעגלעך מאַכן פאַר דעם מענטשן צו לעבן, צו האָבן די באַקוועמלעכקייט פון לעבן; אַוועקצולייגן עפּעס פאַר די עלטערע יאָרן, אַז ער זאָל קאָנען אויפהיטן זיין געפיל פון אַ מענטשן.

„...עס איז אַ שלעכט־רעגירט לאַנד, אין וועלכן עס עקסיסטירט אַ סיסטעם, וואו די וואָס טוען די מערסטע אַרבעט, קריגן דעם קלענסטן לוין. עס איז שלעכט, ווען מענטשן זיינען געצוואונגען צו בעטן אַ דער־

לויבעניש צו קאָנען אַרבעטן. מיר זיינען גאָר ניט קיין ציוויליזירט פאָלק. ווען מיר וועלן עס זיין, וועלן בעטלעריי און פאַרברעכן פאַרשווינדן פון אונדזער לאַנד.

„מיר טוען אַ ביסל דערפון, וואָס מיר קאָנען, צו דערנענטערן דעם טאָג, ווען די געזעלשאַפט וועט אויפהערן צו פּראָדוצירן מיליאָנערן און בעטלער.

„מיר לייגן דעם פונדאַמענט פון אַ טעמפל פון דער צוקונפט. ניט די טעמפלען פון די געטער, נאָר פאַר אַלע מענטשן, וואו די געהעריקע צערעמאָניע וועט געפייערט ווערן — די רעליגיע פון דער מענטשהייט".

זיין פאַראַכטונג צו דער רויבערישער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם האָט ער אויסגעדריקט אין אַ פאַנטאַזיע אונטערן נאָמען: „דער טויט־אורטייל קעגן די קעניגרייכן". ער שרייבט:

„דער רייזנדער, שטייענדיק אינמיטן פון חורבות פון אַלטע שטעט און קעניגרייכן, זעענדיק אויף יעדער זייט די איינגעפאַלענע זיילן און די אומגעוואָרפענע ווענט, פרעגט: „פאַרוואָס זיינען די שטעט געפאַלן? פאַרוואָס האָבן די קעניגרייכן צוזאַמענגעבראָכן? און דער גייסט פון דער פאַרגאַנגענהייט, די וויזהייט פון די אַלטע צייטן, ענטפערט: „די דאָזיקע פּאַלאַצן, די שטעט, די חורבות, אויף וועלכע דו שטייסט, זיינען געבויט געוואָרן דורך טיראַניע און אומגערעכטיקייט. די הענט, וואָס האָבן זיי געבויט, האָט מען ניט באַצאָלט. די רוקנס, וועלכע האָבן געטראָגן די משאות, האָבן אויף זיך געטראָגן די סימנים פון דער בייטש. די בנינים זיינען געבויט געוואָרן דורך שקלאַפן צו צופרידנשטעלן די אַמביציעס פון גנבים און רויבער. אָט דערפאַר זיינען זיי איצט שטויב.

„זייער ציוויליזאַציע איז געווען אַ ליגן. זייערע געזעצן האָבן נאָר רעגולירט רויבעריי און איינגעפירט גניבה. זיי האָבן געקויפט און פאַר־קויפט די קערפּערס און נשמות פון מענטשן. דער ווינט פון פאַרוויסטונג, זיפצנדיק פון די צעפאַלענע חורבות, איז אַ שטים פון וואָרענונג צו די, וועלכע ווילן ווידערהאָלן די טרויעריק־באַרימטע דערפאַרונג".

קיין פאָלק, וואָס שטיצט זיך אויף שקלאַפעריי, פון קערפּער צי פון געדאַנק, קאָן זיך ניט האַלטן, האָט אינגערסאָל אונטערגעשטראָכן.

אינגערסאָל האָט געגלויבט, אַז ס'וועט קומען אַ ליכטיקערע, בעסערע צייט. ער האָט געשריבן: „איך זע אַ זעאונג":

„אַ זעאונג פון דער צוקונפט גייט־אויף. איך זע אַ וועלט אָן שקלאַפן. דער מענטש איז ענדלעך פריי; די כוחות פון דער נאַטור זיינען דורך דער וויסנשאַפט פאַרשקלאַפט צו דינען דער מענטשהייט, בליצן און ליכט, ווינטן און כוואַליעס, פראָסט און פלאַמען און די געהיימע

פּיינע קרעפטן פון דער ערד און די לופט זיינען אומדערמידלעכע אַרבעי־טער פאַר דער מענטשהייט.

„איך זע אַ וועלט פון פרידן, באַצירט מיט יעדער פאָרם פון קונסט, וואו ליפּן זיינען רייך מיט ווערטער פון ליבע און אמת. אַ וועלט, וואו עס זיינען ניטאָ די זיפצן פון אַ פאַרשיקטן, דער טרויער פון אַ געפאַנ־גענעם; אַ וועלט, וואו עס פאַלן נישט די שאָטנס פון דער תליה; אַ וועלט, וואו דער אַרבעטער קריגט זיין פולע באַלוינונג, וואו דאָס לעבן ווערט פאַרלענגערט, די פרייד ווערט טיפער, ליבשאַפט באַדעקט די ערד, און איבער אַלץ אין דעם גרויסן בנין שיינט דער אייביקער שטערן פון מענטשלעכער האָפענונג".

דער גרויסער דיכטער וואָלט וויטמאַן, וואָס האָט געלעבט אין דער זעלבער צייט, האָט געשריבן וועגן אינגערסאָלן: „אַמעריקע ווייסט ניט, ווי שטאָלץ זי דאַרף זיין, וואָס זי פאַרמאָגט אַזאַ פערזענלעכקייט ווי אינגערסאָל". קלאַרענס דאַראו האָט געזאָגט, אַז קיינער אין אַמעריקע קאָן זיך ניט צוגלייכן צו אינגערסאָלן אַלס אָראַטאָר. דער באַרימטער סאָציאַליסטישער פירער, יודזשין וו. דעבס, איז געווען אַ סך יאָרן אַן אינטימער פריינט פון אינגערסאָלן.

אינגערסאָל איז געשטאָרבן דעם 21טן יולי, 1899, אין דעם שטעטל דאבס פערי, ניו יאָרק. דענקמאָלן מיט זיין סטאַטוע געפינען זיך אין דרעזדען, ניו יאָרק, און אין פּעאָריאַ,אילינאָי. עס איז אויך דאָ אַ בראָנ־זענער טאַוול אויף אַ הויז אין גרעמערסי פּאַרק, ניו יאָרק, וואו ער האָט געוואוינט.

אינגערסאָלס באַרימטע לעקציעס: „די טעותן פון משה רבינו", „וואָס איז רעליגיע?", „די גייסטער", זיינען דאָ אין יידישער איבערזעצונג. זיי האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף די יידישע מאַסן מיט יאָרן צוריק. אין אַ סך שטעט האָבן זיך דאַן געגרינדעט „אינגערסאָל פאָרומס".

„מ. פּ." — דעצ. 13, 1959.

די פערזענלעכקייט — דזשעין עדעמס

איר ראָל אין די קאַמפן פאַר פרויען־רעכט און סאָציאַלן יושר. — צו איר 110טן געבורטסטאָג

ווען מיר פייערן איצט 50 יאָר פון דער דעראָבערונג פון שטימרעכט פאַר פרויען, איז וויכטיק צו דערמאָנען און ערן דעם אָנדענק פון איינער פון די באַרימטסטע פרויען־פערזענלעכקייטן אין אַמעריקע, אַ קעמפערן

פאַר פרויען־רעכט און נאַציאָנאַלער גערעכטיקייט — דזשעין עדעמס, וועמעס 110טער געבוירנטאָג איז אויסגעפאַלן דעם 6טן סעפּטעמבער.

דזשעין עדעמס איז געווען באַרימט אַלס די הויפּט־אָנפירערן פון „האַל האַוז" אין שיקאַגאָ — אַ סעטלמענט־הויז אין דער גערדיכטער אָרעמ־קייט פון שיקאַגאָ, וואו עס זיינען געפירט געוואָרן געזעלשאַפטלעכע טע־טיקייטן פאַר די אינטערעסן פון די פאָלקס־מאַסן.

דזשעין עדעמס איז געווען אַ באַרימטע רעדנערן און שרייבערן און איז אַרויסגעטראָטן אויף הונדערטער פאַרזאַמלונגען אין די אינטערעסן פון פרידן, פרויען־רעכט און סאָציאַלע רעפאָרמען.

איר לעבנס געשיכטע

דזשעין עדעמס איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1860 אין דעם קליי־נעם שטעטל סידאַרוויל, אילינאָי. איר פאָטער, דזשאָן עדעמס, האָט באַ־לאַנגט צו דער רעליגיעזער סעקטע „קוועיקערס" און איז געווען אַ קעמ־פער קעגן שקלאַפעריי. ער איז געווען אַ מיטגליד פונעם סטעיט סענאַט אין אילינאָי, וואו ער האָט געקעמפט פאַר סאָציאַלע רעפאָרמען. דזשעין האָט פון אים געירשנט די ליבשאַפט צו שלום און גערעכטיקייט.

נאָך אַלס קינד פון 7 יאָר האָט זי, דערזעענדיק די אָרעמקייט אין איר שטעטל, שוין געפרעגט פראַגן פאַרוואָס עס דאַרף אַזוי זיין, אַז איין טייל פון דער באַפעלקערונג זאָל לעבן אין אָרעמקייט און אַן אַנדער טייל — אַ קלענערער — זאָל לעבן אין לוקסוס!

זי האָט גראַדואירט פון ראָקפאָרד קאָלעדזש אין אילינאָי, וואו זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע אָראַטאָרישע פעאיקייטן.

פון 1883 ביז 1885 האָט מיס עדעמס געמאַכט רייזעס איבער פאַר־שיידענע לענדער פון אייראָפּע, וואו זי האָט זיך באַקאַנט מיטן לעבן פון די אָרעמע מאַסן אין די גרויסע שטעט.

קומענדיק צוריק קיין אַמעריקע און זעענדיק אויך דאָ די גרויסע נויט פון מאַסן מענטשן, האָט זי באַשלאָסן צו ווידמען איר לעבן צו העלפן די אָרעמע און אונטערדריקטע מיט ראָט און טאָט. צוזאַמען מיט איר פריינדין העלען גייל סטאַר האָט זי געגרינדעט אַ פאָרום אין שיקאַגאָ צו דיסקו־טירן סאָציאַלע פּראָבלעמען.

זי דערציילט אין איר בוך „40 יאָר האַל האַוז", ווי זי איז איינמאָל געווען באַשטימט אַלס אַ מיטגליד פון אַן אַרביטרעישאָן קאָמיטע, צו שליכטן אַ גרויסן סטרייק קעגן דער פירמע „האַרט, שאַפנער און מאַרקס". די אַנדערע מיטגלידער פון דער קאָמיטע, צוזאַמען מיטן יוניאָן פירער, האָבן צוגעשטימט צו אַ סעטלמענט וואו עס איז אויסגעלאָזט געוואָרן דאָס

רעכט אויף „קאָלעקטיוו באַרגעינינג". דזשעין עדעמס איז באַשטאַנען אַז מען קאָן ניט סעטלען אָן דעם דאָזיגן וויכטיקן פּרינציפּ. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן דעם סעטלמענט. די סטרייקערס זיינען געווען מיט איר. זיי האָבן אויסגעפּייפט זייערע פירער און פאָרגעזעצט דעם סטרייק, ביז זיי האָבן געוואונען דעם וויכטיקן פּונקט.

די רעאַקציאָנערן האָבן אַטאַקירט דאָס „האַל האַוז" אַלס אַ „נעסט פון ראַדיקאַלן". דזשעין עדעמס האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַר די פאַר־שיידענע אַטאַקעס און דראָונגען און זי האָט זיך איינגעשטעלט פאַר די ראַ־דיקאַלן. אין 1901, נאָכדעם ווי פּרעזידענט מעקינלי איז דערשאָסן געוואָרן דורך אַן אַנאַרכיסט, האָט די פּאָליציי פון שיקאַגאָ טעראָריזירט דעם אימי־גראַנטן־קוואַרטאַל, געמאַכט איבערפאַלן און אַרעסטן. איינער פון די אַרעס־טירטע איז געווען אַ יידישער אַנאַרכיסט מיטן נאָמען אייבערהעם אייזיקס. מען האָט ניט צוגעלאָזט צו אים קיין אַדוואָקאַט און די צייטונגען האָבן געפירט ווילדע העצעס קעגן אים. דזשעין עדעמס האָט אים געקענט פון זיינעם אַ באַזוך אין „האַל האַוז" און זי האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אים, באַזוכט אים אין טורמע, געקראָגן אַ לאָיער און אויסגעקעמפט זיין באַפרייאונג.

נאָך אַ פאַל איז געווען אין 1903 ווען אַ נייער אַרבעטלאָזער יידישער אימיגראַנט מיטן נאָמען אויערבאַך איז דערשאָסן געוואָרן דורך דעם מעיאָר פון שיקאַגאָ אין זיין אָפיס, ווען דער יונגערמאַן איז געקומען מיט אַ פאַרלאַנג וועגן אַרבעט. די פּאָליציי האָט דאַן אויך דורכגעפירט איבער־פאַלן, טעראָריזירט די אימיגראַנטן־באַפעלקערונג און אַרעסטירט אָלגאַ אויערבאַך, די אַלמנה פון דעם דערמאָרדעטן. דזשעין עדעמס האָט אָנגע־שטעלט העראַלד איקעס, דער שפּעטערדיקער סעקרעטערי אָוו אינטיריאָר אונטער רוזוועלטן, דאַן נאָך אַ יונגער לאָיער. ער האָט אויסגעקעמפט אָלגאַ אויערבאַכס באַפרייאונג.

גרינדעט דעם „האַל האַוז"

אין 1887 האָט מיס עדעמס געהאָלפן גרינדן דאָס „האַל האַוז" — דאָס ערשטע סעטלמענט־הויז אין אַמעריקע (דער נאָמען „האַל האַוז" קומט פון דעם, וואָס דאָס הויז איז פריער געווען דאָס אייגנטום פון איינעם טשאַרלס האַל). דאָס איז געווען אַ קליינע געביידע, וואָס איז שפּע־טער אויסגעברייטערט געוואָרן אין אַ צאָל געביידעס.

דזשעין עדעמס און אירע מיטאַרבעטער האָבן דאָרט געגרינדעט אַ לייען־קרייז, אַ מוזיק־גרופּע, אַ „נוירסערי". די צימערן פון „האַל האַוז" זיינען געגעבן געוואָרן צו פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען דער־

מוטיקט געוואָרן דורכצופירן געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן. צווישן די ערשטע קלובן, וואָס זיינען דאָרט געווען טעטיק איז געווען „דהי וואָר־קינג פּיפּל׳ס סאָשיעל סייענס קלוב“, וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דיסקוטירן סאָציאַלע פּראָבלעמען. סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן, אַטעאיסטן און אַנדערע זיינען געווען צווישן די באַזוכער און פלעגן זיך באַטייליקן אין די דיסקוסיעס.

דאָס „האָל האַוז“, אונטער דער פירערשאַפט פון דזשעין עדעמס, איז געוואָרן דער צענטער פאַר די אימיגראַנטן אין שיקאַגאָ. יידן, פּאָליאַקן, איטאַליענער און אַנדערע פלעגן קומען מיט זייערע פּראָבלעמען, קריגן דאָרט פריינטלעכע עצות און אויך הילף אין פּרט פון בילדונג און ביר־גערשאַפט.

איר ראָל אין צייט פון סטרייקס

דזשעין עדעמס איז ניט געווען קיין סאָציאַליסטקע. זי האָט אָבער מיטגעאַרבעט מיט די סאָציאַליסטן און אַנדערע ראַדיקאַלן און רעפאָרמערס פאַר אַ סך פון די סאָציאַליסטישע אידייען, צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אָרעמע און אונטערדריקטע. טוער פון דעם „האָל האַוז“ האָבן אונטער־זוכט די לעבנס־באַדינגונגען, געפאָרשט די פּראָבלעמען פון קינדער־אַרבעט, שוויץ־שעפּער, שלעכטע וואוינונגען. דזשעין עדעמס האָט אָנגע־פירט אַ קאַמף און געווירקט, אַז עס זאָלן אָנגענומען ווערן געזעצן אין אילינאָי וועגן קינדער־אַרבעט און שוויץ־שעפּער. זי האָט זיך באַטייליקט אין יעדער רעפאָרם־באַוועגונג און געהאָלפן אַרבעטער אין צייט פון סטרייקס.

מיס עדעמס איז געווען איינע פון די ערשטע אַמעריקאַנער צו אינ־טערעסירן זיך מיט די העימאַרקעט מאַרטירער און געפאָדערט פאַר זיי גערעכטיקייט. זי האָט געשטיצט גאָווערנאָר אלטגעלד, וועלכער האָט באַ־פרייט די לעבנגעבליבענע מאַרטירער און דערקלערט אַז זיי און זייערע חברים, וועלכע זיינען „געזעצלעך“ היגגעריכטעט געוואָרן, זיינען געווען אַלע אומשולדיק.

אין 1895, אין צייט פון דעם באַרימטן פּולמאַן באַן־אַרבעטער סטרייק, געפירט דורך יודזשין דעבס, האָט מיס עדעמס געשטיצט דעם סטרייק און פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס די פעדעראַלע רעגירונג האָט געשיקט מיליטער דעם סטרייק צו צעברעכן.

זי האָט געשטיצט סטרייקערס, געגאַנגען אויף דער פּיקעט־ליין און זיך געלאָזט אַרעסטירן.

אויף יידישע פאַרזאַמלונגען

דזשעין עדעמס פלעגט אָפט קומען אויף יידישע פאַרזאַמלונגען. אין צייט פון דעם קעשענעווער פּאָגראָם, ווען עס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אַמעריקע גרויסע פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען קעגן דער צאַרישער רעגירונג, איז דזשעין עדעמס געווען איינע פון די הויפּט־רעדנער צוזאַמען מיטן באַרימטן לאָיער קלאַרענס דעראָו אויף אַ פּראָטעסט־מיטינג דעם 18טן מאַי 1903, אין סטאַר טעאַטער, שיקאַגאָ, וואו זי האָט מיט די שאַרפסטע ווערטער פאַרדאַמט די צאַרישע רעגירונג פאַר אירע אַנטיסעמיטישע האַנדלונגען.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז דזשעין עדעמס אויפגעטראָטן אין שיקאַגאָ אויף אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג פון אונדזער „פרייהייט" (איצטיקע „מאָרגן פרייהייט"), וואו מען האָט אויפגעפירט גאָרקיס אַ דראַמע. זי האָט דאָרט גערעדט וועגן מאַקסים גאָרקי. דעם זעלבן יאָר איז זי אויך אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעדע ביי אַן „איקאָר" אונטערנעמונג.

ווען ביראָבידזשאַן דעלעגאַטן זיינען געקומען קיין שיקאַגאָ, האָט דזשעין עדעמס זיי איינגעלאַדן צו זיך און אַנדערע פּערזענלעכקייטן צו אַ באַנקעט מיט די פאָרשטייער פון „איקאָר".

איר טעטיקייט פאַר פרויען שטים־רעכט און פאַר פרידן איז געווען באַקאַנט איבער דער גאַנצער וועלט.

דזשעין עדעמס איז געווען איינע פון די גרינדער און פּרעזידענט פון דער אָרגאַניזאַציע „ווימענס אינטערנעשאַנאַל ליג פאַר פּיעס ענד פרידאָם" — אַ וועלט־אָרגאַניזאַציע פון פרויען אין די אינטערעסן פון שלום.

זי איז געווען פאַרזיצערן אויף אַ צאָל וועלט־צוזאַמענפאָרן פאַר שלום און האָט געקראָגן די נאָבעל־פּרעמיע פאַר פרידן אין יאָר 1930.

דזשעין עדעמס איז געווען איינע פון די שענסטע אַמעריקאַנער פּערזענלעכקייטן, באַליבט און געשעצט דורך גרויסע מאַסן מענטשן.

זי איז געשטאָרבן דם 21עטן מאַי 1935 אין שיקאַגאָ. איר נאָמען וועט אַלעמאָל געדענקט ווערן.

„מאָרגן פרייהייט", סעפּט. 23, 1970.

רשימה פון ספּאָנסאָרס

װעלכע האָבן דורך בײשטײערונגען און דורך שאַפן אַבאָנענטן געהאָלפן אַרױסגעבן דעם בוך:

אָרגאַניזאַציעס

בראַיטאָן פּראַטערנאַל קולטור סאָסאַיעטי
באָראָ פּאַרק עיד סאָסאַיעטי
בראַיטאָן פּרעס קלוב
עמאַ לאַזאַרוס שאָר קלוב
מאָנטיסעלאָ קולטור-קלוב — דאָרע קלײן, פּרעז׳, ס. סאַװיטש, סעק׳
בערגעלסאָן לײענ-קרײז, מיאַמי ביטש
משה כץ לײענ-קרײז, מיאַמי ביטש
גרענד סטריט קולטור-קלוב, ניו-יאָרק
לינקין לײענ-קרײז, מיאַמי ביטש
זישע װײנפּער און משה לעװשיץ לײענ-קרײז, מיאַמי ביטש
עמאַ לאַזאַרוס קלוב, פּעטערסאָן
האַלטמאַן-עדעלשטאַדט לײענ-קרײז, מיאַמי ביטש
ײדישער פּראַטערנאַל קלוב, פּעטערסאָן
ײדישער קולטור-קלוב, סאַן פראַנציסקאָ
ראַטשדעיל װילעדזש ײדישער קולטור-קלוב
בענסאָנהורסט פּראַטערנאַלע סאָסאַיעטי
װאַרשעװער קינגס האַיװעי קולטור-קלוב
סאָניע עפּשטײן לײענ-קרײז
פּאַרקסאַיד פּראַטערנאַלע סאָסאַיעטי
שנײדער קולטור-קלוב, ניו-יאָרק
זשיטלאָװסקי לײענ-קרײז, טשעלסי, מאַס׳
קאָאָרדיניר קאָמיטעט ײדישע קלובן, פילאַדעלפיע
לעאָן טיסין, סעקרעטאַר
װאַרבאַס קולטור-קלוב, ברוקלין
פּרץ גראַדזשענסקער סאָסאַיעטי
שרה באַרקאָן לײענ-קרײז, נוואַרק
פּרעמיער עיד סאָסאַיעטי
װיליאַמסבורג בילער קולטור-קלוב

יחידים

אַלגאַ און אַגוסטאַ
אדלער־בענעמאַווסקי, לאה
אַשר
איזראַעליט, באָריס און ריווע
איצקאָוויטש, בען און סאָניע
אַקערמאַן, גוירטרוד, אין אָנדענק פון
הײמאַן קאַסטרעל
אַרטשעס, סעם
אַש, בען און לינאַ
באַומעל, מרים
בורלאַנט, עמאַ
בארנפעלד, פרענק
באַלטאָן, ה. אוירווינגטאָן, ניו דזש.
באַריסלאַוו, מאָריס און זינאַ
בערמאַן, יעטאַ און דוד, פּעטערסאָן
ביירעק, דאָרע, לאָס אַנדזשעלעס
בראָנשטיין, מאַקס
בעקער, יעקב ליב און רחל, מאָנטרעאָל
ברענער, גויטרוד און איזידאָר, מאָנטיסעלאָ
בענעוויץ, בען און חיה, מיאַמי ביטש
גאָלוב, פּאָולין, מאָנטיסעלאָ
גאַרפין, משה
גארפילד, נייטען און מערי, לאָס אַנדזשעלעס
גיטעלמאַן, טשאַרלס און פעני, מיאַמי ביטש
גאָלדבערג, אסתר און שלמה
גורשטיין, בענדזשאַמין, פּעטאַלומע
גאָלדשטיין, נינאַ און אַרטור ווייראָב,
מיאַמי ביטש
גאלווין, סאָניע און ראָוז
גאמפּעל, אברהם, ניאַגראַ פאָלס
גאָלדשטיין, בעקי
גרין, בער
געווירץ, בען און ראָוז, סאַן פראַנציסקאָ
געטצל, דער בעקער
געלער, הײמאַן און זאַניע
גרין יעקב און רומי, פּעטערסאָן
דען, לואיס און פּאולין
דראַשקין, יעקב און צייטל
דאָברין, הײמאַן און אַנאַ
דוכאָן, דאָרע
דעניעלס, הענעך און עמאַ
דזשייקאָבס, פסח און סאָניע, ווינטראָפּ,
אין אָנדענק פון זייערע עלטערן
שימע און אברהם
דזשענקינס, מאַקס און לינע
דריבינסקי, רחל און מאיר

האָפמאַן, לייבל און בעלי
האָפמאַן, יעטאַ, לאָס אַנדזשעלעס
הערמאַן, בעניע
חיסקין, יעקב, אין אָנדענק פון זיין זון
לעאָנאַרד
וויטאוור, הערי
וויס, אברהם און איוואַ
וויס, מאַקס און אַנאַ
וואָלאָוויטש, סעם און שרה־לאה
וואָלטער אייזיק און ראָז, מיאַמי ביטש
ווײנטרויב, מענדל און דאָרע
ווינטרויב, פּיליפּ
וואָלף, שרה, פּעטערסאָן
ווינער, שלמה, מיאַמי ביטש
ווײנשטיין, חנה
ווײנגאַרט, אברהם און אײדע
ווײנצימער, אסתר און דזשוליוס, סאַן
פראַנציסקאָ
זיידמאַן, פרענק, ווינטראָפּ, מאַס.
זאָל, מאַרטאַ, מיאַמי ביטש
זעלדין, סאָניע
זוראָוו, זעליג און מאַניאַ
זעלצמאַן, מאַרקוס און אידיט, נואַרק
טייטעלבוים, וויליאַם און אַנאַ, מיאַמי ביטש
טשאַרנאָווער, יוסף און בעלאַ
טענענבוים, דזשעק און בעלאַ
טשערנין, בעסי, רעטענדאַ, קאָלים.
טראָובער, דזשערי און סילוויע
כאַראָווער, דאָרע
לערמאַן, טשאַרלס און סאָניע
לעווויט, בען און מאָלי, פיניקס, אַריזאָנאַ
לאַנדאַ, איוואַ
לעף, מאָריס און פעני
ליטווינאָוו, ראָוז
לעכאָוויצקי, אברהם און לוסי
לאַנגמאַן, הערי און מינע
מילער, סאָול און ראָוז, מיאַמי ביטש
מעק, נייטען, נואַרק (אין אָנדענק פון זיין
פרוי באַשע)
מאַיער, מאָריס און מערי
מילער, שפרה און גדליה, פּעטערסאָן
מיטשעל, אײדע
מאוריס, אַי דזש.
מאַנטעל, אָסקאַר און עטל
מענדלאָוויטש, גרשון און פעני
מעלצער, טשאַרלעס און מינע, לעיקוואוד

משה בער
מונדשיין, בערנאַרד און ראָוז
מינץ, עלסי
נון, מאַקס
נעמעראָוו, טשאַרל און בעסי
נודעלמאַן, יוסף און סאָניע
נעלסאָן, לאה און סעם
נעמצאָוו, אַלעקס און ראָוז, לעיקוואוד
סנייפער, ברכה, אין אָנדענק פון
איר מאַן יצחק
סאַימאָן, סעמיועל, ברוקלין
סליפּצין, משה און לאה
סאַוויטש, סעם און פרידאַ, מאָנטיסעלאָ
סטעלער, ד"ר ה. און איידע, טשעלסי, מאַס.
סטרים, רוט
סורענקא, ווילי און סאָניע, מיאַמי ביטש
סטילמאַן, לואיס
סיגעל, אידיט
סיטרין, מאָריס און ראָוז, דעטראָיט
סילווער, היימאַן
עקשטיין, מערי
עיכלער, ליליאַן
עדעמס, מרים
פּאַרנעס, מאַקס און אַנאַ
פלאַטאָק, סעם און שרה
פּערלמאַן, דזשאָרדזש און בעלאַ
פינקעלשטיין, י.
פישער, שלמה, רעווער, מאַס.
פישער, מינע
פריד, ישראל און חנה
קאָלב, אברהם און בעסי
קאַץ, מענקע
קעלי, יוסף מזרחי
קאָהן, דזשאַנעט און יודל

קארסאָן, סאָפיע
קאָהען, סיליע און סאַימאָן
קאַפּלאַן, אידיט
קליצמאַן, ליבי, מיאַמי ביטש
קאָס, מאָריס און דאָרע
קאַץ, בען און כאַשע
קאַץ, מאַוריס
קאָלטער, אהרן און באַשע
קליין, לואיס
קלאָרפילד, מאיר און מישקאַ, באָסטאָן
קאַץ, דזשאָ און ליליען קאָזיניץ
קאַופמאַן, ה.
קעלטאָן, אַלבערט און מילדרעד
קעלערמאַן, אסתר און סעמיועל
ראַפּאַפּאָרט, יוסף, פּעטאַלומע
ראָזענבערג, פיליפּ און פּוירל
ראָבינסאָן, עלסי
ראָזענבלאַט פרידע
ראָזען, אַברהם און מערי, ניו בראַנזוויק
ראָזמאַן, לואיס, סאַן פראַנציסקאָ
ראָזמאַן, לואיס און איווע, מיאַמי ביטש
ריטשלין, אייזיק און אַנאַ
ראָס, יוסף
שטוירן, מאַקס און ראָוז
שיינהאָוז, בעסי
שייניק, דזשייקאָב און ליליע
שוכמאַן, דזש., בערקלי האַיטס, ניו דזש.
שילער, דזשעני
שוואַרץ, חיים און שרה
שליפער, אידיט, אין אָנדענק פון איר
מאַן לעאָן
שפּיץ, דזשעני, דארטשעסטער, מאַס.
שאַפּירא, סעם

אינהאַלט:

אַ וואָרט פון די אַרויסגעבערס — — — — — — — — — — 3
מיין דאַנק — — — — — — — — — — — — — — 5
מיין געבורטשטאָט מיכאַלישאָק — — — — — — — — — 7
מיכאַלישקער באַרימטע זין — — — — — — — — — — 12
מיינע ישיבות — — — — — — — — — — — — — 18
איך קום קיין אַמעריקע — — — — — — — — — — — 21
ווען פּרעזידענט מעקינלי איז דערמאָרדעט געוואָרן — — 26
מיין טעטיקייט אין טשעלסי — — — — — — — — — 30
די גרינדונג פון יידישע ברענטשעס אין דער סאָציאַליסטישער
פּאַרטיי — — — — — — — — — — — — — — — 31
אַפּטאָן סינקלעיר און „דהי דזשאַנגל" — — — — — — — 34
מיין באַגעגעניש מיט דזשעק לאָנדאָן — — — — — — — 37
שטורמישע געשיכטע פון איי־דאַבליו־דאַבליו — — — — — 39
די גרויסע שריפה אין טשעלסי — — — — — — — — — 47
מיינע ערשטע שרייבערישע שריט — — — — — — — — 49
אויף אַ מיטינג מיט דעבסן — — — — — — — — — — 51
די קאָנווענשאָן פון דער יידישער אַגיטאַציאָנס־ביוראָ — — 54
ווען מיליאָנערן זיינען געווען מיטגלידער פון דער סאָציאַ־
ליסטישער פּאַרטיי — — — — — — — — — — — 57
דער לאָרענס סטרייק — — — — — — — — — — — 61
די מעקנאַמאַראַ ברידער — — — — — — — — — — 62
אַ פילם וועלכער האָט אַרויסגערופן ראַיאָטן אין באָסטאָן — 66
אַרבעטער בילדונגס־צענטער אין באָסטאָן — — — — — — 68
נאָך אַ קאָנווענשאָן פון דער יידישער אַגיטאַציאָנס ביוראָ
אין באָסטאָן — — — — — — — — — — — — — 71
ווען מאיר לאָנדאָן איז דערוויילט געוואָרן — — — — — 74
מיינע מלאכות — — — — — — — — — — — — — 76
אין אַ ברעטער־פאַבריק — — — — — — — — — — — 84
מיין אַרבעט אין אַ פאַבריק פון לעדערנע רענצלעך — — 87
דער גענעראַל־סטרייק פון דער פּאָליציי אין באָסטאָן — — 97
אין שפּיטאָל — — — — — — — — — — — — — — 100
די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד — — — — — — — — — 103
די שטעלונג פון סאָציאַליסטן צו דער ערשטער וועלט־מלחמה 108
מען רופט מיך ווערן אַ סאָלדאַט — — — — — — — — 110
דער פּאַראַד פון די ס. פּ. פירער — — — — — — — — 112

דער סוף פֿון דער מלחמה — 118
די גרינדונג פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — 120
די פּאַלמער־איבערפֿאַלן — 124
דער בילבול אויף יודישין דעבס — 130
דער ערשטער מאַי 1919 — 132
איך ווער פֿאַרוואַלטער פֿון באָסטאָנער „פֿרייהייט”־אָפֿיס — 135
סאַקאָ און וואַנזעטי — 140
דער בימבאָ־פּראָצעס אין בראָקטאָן, מאַסאַטשוסעטס — 146
אין ניוואַרק, ניו־דזשוירזי — 151
איך ווער אַרעסטירט און צעשלאָגן — 154
אַ רעדע פֿאַרן ריכטער — 159
אַ ווילדע שטראָף פֿון אַ ריכטער — 163
איך ווער אַ קאַנדידאַט פֿאַר אַ קאָמישיאָנער — 166
די געשיכטע מאָרים לאַנגער — 171
מיט וועבער־סטרייקערס אין פּעטערסאָן — 174
איך ווער אַן אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פֿון דער „מאָרגן־פֿרייהייט” — 176
שטורעמדיקע צייטן — 181
דער טערזאַני־פּראָצעס — 184
אין די יאָרן פֿון קריזיס — 189
פֿאַרלוימדונגען פֿון אַ שונא — 196
אויפֿדעקונגען וועגן רעקעטירס און שווינדלערס — 200
איך ווער אַרעסטירט אין ראָוד אײלאַנד — 210
דער טויט פֿון משה אָלגין — 216
דער ווייטיק איז אומדערטרעגלעך — 217
מיין מוטער — 219
מיין הייראַט — 225
די געשיכטע פֿון עטל און דזשוליוס ראָזענבערג — 231
אין די יאָרן פֿון מכשפֿה־געיעגן — 237
ימים נוראים אַמאָל און היינט — 242
באַרימטע פּערזענלעכקייטן וועמען איך האָב געקענט און באַגעגנט אין מיין לעבן — 247
ביסטו גערעכט צו זיך אַליין? — 253
באַגעגענישן מיט אַמאָליקע פֿריינט — 257
איך בין פּעסט אין מיין גלויבן אין סאָציאַליזם — 261
באַגעגענישן מיטן לעצטן יידישן וועטעראַן פֿון בירגער־קריג — 266
ד״ר יהודה לייב מאַגנעס — קעמפֿער פֿאַר פּראָגרעס — 270
ראָבערט אינגערסאָל — 275
די פּערזענלעכקייט — דזשעין עדעמס — 279
רשימה פֿון ספּאָנסאָרס — 284